STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06293

VU DER EMES SHTEYT AYN

Herz Bergner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווו דער אמת שטייט איין

WO DER EMES SHTAIT AIN

WHERE THE TRUTH LIES

by Herz Bergner

הילע: פיטער גובערעק.

דרוקעריי „יידישע נייעס", מעלבורן, אויסטראַליע.

געזעצט פון ג. וואַרשאַווסקי און דוד קאַרש.

Printed by York Press Ltd. 198-204 Faraday St., Carlton, N.3.
Melbourne, Australia.

הערץ בערגנער

ווו דער אמת שטייט איין

דערציילונגען

מעלבורן 1966

פון דעם זעלבן מחבר:

„שטובן און גאַסן" — נאָוועלן. ביבליאָטעק מארק ראַקאָווסקי, וואַרשע 1935.

„דאָס נייע הויז" — נאָוועלן. ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינד און „קדימה", מעלבורן 1941.

„צווישן הימל און וואַסער" — ראָמאַן. פאַרלאַג „אויפבוי", מעלבורן 1947.

„אַ שטאָט אין פוילן" — ראָמאַן. פאַרלאַג „אויפבוי", מעלבורן 1950.

„דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" — נאָוועלן. פאַרלאַג „יידישע נייעס", מעלבורן 1955.

„ליכט און שאָטן" — ראָמאַן. ארויסגעגעבן פון הערץ בערגנער יובל־קאָמיטעט און פאַרלאַג „יידישע נייעס", מעלבורן 1960.

"Between Sky and Sea"—a Novel. Dolphin Publications, Melbourne, 1947.

„עיר בפולין" — רומן. הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב 1954.

"Light and Shadow" — Thomas Joseloff, New York; Angus & Robertson, London; Georgian House, Melbourne, 1963.

פון דעם מחברס מאמען זכרונה לברכה: הינדע בערגנער — „אין די לאַנגע ווינטער־נעכט". ארויסגעגעבן פון די זין, מאָנטרעאַל 1946.

א דאנק די מיטגלידער פון בוך־קאָמיטעט און אלע מיינע פריינד, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אויסגאַבע און מיטן פאַרשפּרייטן פון בוך.

לזכרון פון פייגע בורשטין ע"ה

דאָס בוך איז דערשינען אַדאַנק דער פינאַנסיעלער שטיצע פון מיין פריינד, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, סענדער בורשטין, און זיינע זין — ביינישׁ, משה, דוד — לזכרון פון פייגע בורשטין ע"ה — די פרוי פון סענדער בורשטין און די מוטער פון די זין.

פייגע בורשטין איז געווען באַקאַנט אין די היגע יידישע קרייזן צוליב איר שטילער און איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת הכלל, צוליב איר הכנסת אורחים און צוליב איר האַרציקער באַציאונג צו אירע פריינד, וואָס זי האָט געהאַט אין אַ גרויסער צאָל.

כאָטש פייגע בורשטין האָט ליב געהאַט אויסטראַליע — די אויסטראַלישע לאַנדשאַפט, דעם אויסטראַלישן פאָלקס־מענטש — איז זי מיט אומצערייסבאַרע פעדים געווען פאַר־בונדן מיט די שיינע יידישע טראַדיציעס פון איר אַמאָליקער היים אין פוילן. זי האָט ליב געהאַט די יידישע קולטור, דאָס יידישע וואָרט און זי האָט הי ממשך געווען די פאָלקסטימלעך־דעמאָקראַטישע אידייען, וואָס זי האָט געברענגט מיט זיך פון דער אַלטער היים.

נאָךביים לעבן האָט פייגע בורשטין אָפט גערעדט מיט איר מאַן וועגן דעם, זיי זאָלן אונטערשטיצן אַ יידיש בוך, געשריבן אין אויסטראַליע, כדי עס זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

ביים לעבן איז ליידער איר ווונטש נישט מקוים געוואָרן.

מיט דעם אַרויסגעבן דאָס בוך דערציילונגען, צו באַערן דעם אַנדענק פון פייגע בורשטין, ווערט דערפילט איר ווונטש.

מיין פריינד סענדער בורשטין און זיינע זין — אַ יישר כוח.

דער מחבר

שיין זעט אויס א פייער אין דער נאכט

נאָך דעם ווי פישל באָדזשיק איז אָפּגעשטאַנען אין זיין גראָסערי־שאָפּ גאַנצע פערציק יאָר פון זיין לעבן און מען האָט אים געשאַצט, אַז ער איז „ווערט אַ האַלבע מאה" — קיילעכדיקע פופציק טויזנט פונט — האָט ער זיך אין איין שיינעם טאָג אָנגערופן צום ווייב:

— גענוג גוטשע... מ'האָמער שוין גענוג געהאָרעוועט! ס'איז שוין די העכסטע צייט, מיר זאָלן ביידע „ריטייערן" און אוועקגעבן נאָך ביים לעבן אַביסל געלט... כ'זע, אַז דו האָסט נישט מער קיין כוח צו שטיין אויף דיינע פיס און באַדינען די קונים! די קינדער האָבן מיר שוין, ברוך השם, אויסגעגעבן. פאַר וועמען דאַרפן מיר אַזוי פּראַצעווען? מ'דאַרף זען צו מאַכן אַ תכלית פונעם געלט... געבן ביים לעבן... וואָס דאַרפן מיר וואַרטן אויפן טויט און ערשט דעמאָלט זאָלן מענטשן הנאה האָבן פון אונדזער פאַרמעגן?

פישל האָט דאָס געזאָגט צום ווייב כלאַחר־יד, מיט אַ שפּיץ מויל און ער איז ווייטער געשטאַנען אויף דעם לייטער און איינגעסדרט אין טורעמלעך די פּושקעלעך פיש, פלייש, פּרוכט. דאָס ווייב איז געשטאַנען לעבן אים און אים אַרויפדערלאַנגט די סחורה. תחילת האָט זי נישט פאַרשטאַנען וואָס דער מאַן איז אויסן און אים גאָרנישט געענטפערט. נאָר אַז ס'זענען ביסלעכוויז זיינע רייד איר אַריין אין קאָפּ און זי האָט זיי צעקייט, האָט זי אַרומגענומען אַ שרעק, וואָרן זי איז געווען זיכער, אַז דער מאַן איז חסר־דעה. פונדעסטוועגן האָט זי זיך געמאַכט כלאַ־ידע און פאַמעלעך אַרויסגעקוועטשט פון די ליפּן:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, פישל? דאַכט זיך, אַז כ'האָב שלעכט פאַרשטאַנען, אָדער כ'האָב נישט דערהערט וואָס דו האָסט געזאָגט... ווער זאָל אוועקגעבן דאָס געלט ביים לעבן? כ'ווייס נישט וואָס דו מיינסט...

— האָסט מיך גוט פאַרשטאַנען, גוטשע... וואָס־זשע פרעגסטו זיך איבער? כ'מיין טאַקע, אַז מיר זאָלן אוועקגעבן דאָס געלט ביים לעבן... מיר זאָלן הנאה האָבן פונעם געבן און די מענטשן זאָלן

נישט דארפן ווארטן אויף אונדזער טויט... — האָט פישל געענטפערט מיט אַזאַ זיכערקייט און ישוב־הדעת, ווי זיינע רייד וואָלטן אינגאַנצן נישט געווען אויסטערליש.

אָבער פאר גוטשען זענען פישלס מיושבדיקע רייד דווקא געווען נישט פאַרשטענדלעך און זי האָט זיך שוין אָנגערופן, פול מיט פחד:

— און וואָס וועלן מיר האָבן איבערצולאָזן די קינדער איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר? וועלכער מענטש מיט אַ קלאָרן שכל טוט אַזעלכע זאַכן?! ווער הערט דאָס אויף צו אַרבעטן אין מיטן דערינען און וואַרפט אַוועק אַ ברויט מיט אַ מעסער?! אַכיבע אַ משוגענער!

— די קינדער זענען שוין פאַרזאָרגט! זי שטענדיק מיט די קינדער... ס׳וואָלט געפּאַסט זיי זאָלן דאַרפן אונדזערס! סיי בעזיל, סיי בערט זענען שוין, גאָט צו דאַנקען, פאַרזאָרגט אויף זייער גאַנץ לעבן! מ׳דאַרף געבן צדקה, גוטשע... און אַ שיינע מטבע, ס׳זאָל זיך אָנזען. מיר זענען שוין אין די יאָרן... צו וואָס קלערסטו איז אַ מענטש געבוירן געוואָרן, אויב נישט צו טאָן עפּעס גוטס?

— כ׳ווייס נישט וואָס דו רעדסט, פישל... אסור, צי כ׳ווייס? מיט מיין קורצן ווייבערישן שכל קען איך נישט באַנעמען אַזעלכע זאַכן! ס׳איז צו פיל פאַר מיר! — האָט גוטשע צוליב גרויס מורא פאַרן מאַנס משונהדיקן איינפאַל אַרויסגעלאָזט עטלעכע פּושקעלעך פון די הענט.

דעם אָוונט, בעת פישל האָט פאַרשלאָסן די גראָסערי־שאָפּ און איז געגאַנגען מיטן ווייב אַהיים, האָט ער צו איר נישט גערעדט. אויך זי האָט נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל. ביידע קליינע, קיילעכדיקע און אויסגעפּוילטע, ווי די זעקלעך גרויפּן, וואָס זענען געשטאַנען ביי זיי אין געשעפט, זענען זיי געגאַנגען אָפּגערוקט פון זיך, ווי ברוגז. אויף צו־מאָרגנס האָבן זיי אויפגעמאַכט דאָס געוועלב פּונקט אין דער זעלבער צייט ווי שטענדיק און ס׳האָט זיך דאָ גאָרנישט געביטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי פישל וואָלט נישט געדענקט מער וואָס ער האָט ערשט נעכטן דעם ווייב געזאָגט און ווי אַלץ וואָלט אים אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. ווי קיינמאָל גאָרנישט האָט ער באַדינט די קונים און גערעדט צו זיי מיט זיין געוויינטלעכן צוקערדיק־זיסן שמייכעלע, וואָס האָט זיך באַזעצט אינעם גלאַנציק־פעטן פּנים:

— וואָס נאָך, מיסיס? וואָס זאָל איך אייך נאָך געבן, מאַדאַם? כ׳האָב אַריינבאַקומען אויסלענדישן קעז... פרישע וווּרשט...

סאָסעדזשעס... קאַווע... דזשעם... — האָט ער, ווי אַ מזמור, אויסגעזונגען און אויסגערעכנט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו פאַרקויפן.

ער האָט אַפילו געהאַט אַ סך געדולד צו מיסיס רייכמאַן און מיסיס שטאָקהאַמער, וואָס פלעגן אים אַלעמאָל זייער דערקוטשען און האָבן אים נישט געגלייבט. זיי האָבן אים כסדר געקוקט אויף די הענט און נישט איינמאָל האָבן זיי אים קאָנטראָלירט, צי ער האָט זיי נישט אָפּגענאַרט אויף דער וואָג. פישלען האָט דאָס אויפגעקאָכט און ווען נישט דאָס ווייב, וואָלט ער דיביידע ווייבער שוין פון לאַנג געהאַט געוויזן די טיר. היינט האָט ער צו זיי געהאַט אַזויפיל געדולד, אַז גוטשע האָט נישט געוווּסט וואָס איז אויף אים געקומען.

אַז ס'איז געקומען פרייטיק און די קינדער זענען פאַרפאָרן צו פישלען פאָרן געוועלב און אָנגעפולט דעם אויטאָ מיט שפּייז אויפן „וויקענד", איז ער געווען צו זיי גוט און העפלעך. געוויינטלעך איז ער געווען אָנגעדרודלט, ווען די צוויי זין זיינע, בעזיל און בערט און זייערע ווייבער זענען פרייטיק געקומען צו אים נאָך פּראָדוקטן. דאָס האָט גוטשע איינגעפירט שוין פון יאָרן און זי האָט נישט געוווּסט וואָס אין די קינדער אַריינצושטופּן.

— וואָס דאַרפסטו נאָך, סאַלי? דאַכט זיך אַז דו האָסט אין עפּעס פאַרגעסן, מאָלי? דערמאָן דיך... אפשר נאָך אַביסל דזשעם? אַ שאַכטל סערדינען? עגס? לאָקשן? פאַרפל?...

ביי זייער אָנקומען האָבן ביידע שנורן — סאַלי און מאָלי — געקושט די שוויגער אין איין באַק, דערנאָך אין דער אַנדערער און אונטערגעשטעלט זייערע באַקן צום קושן. בעת־מעשה האָבן זיי געמינטערט זייערע מענער און דעם שווער זיי זאָלן אַרויסטראָגן צום אויטאָ די אָנגעקליבענע פּראָדוקטן.

אַליין האָבן זיך די שנורן צו גאָרנישט צוגערירט, געהאַלטן אין דער לופט די איידעלע מאַניקירטע פינגערלעך, צו וועלכע עס זענען געווען צוגעטשעפּעט די שליסעלעך פון אויטאָ. זיי זענען שטענדיק געקומען אין דער זעלבער צייט, ווי זיי וואָלטן זיך געווען אָפּגערעדט. זיי האָבן זיך באַשיט מיט קאָמפּלימענטן, באַוווּנדערט איינע ביי דער אַנדערער די קליידער, די שיך, די „העיר־סטיילס" און די פאַרב צו די האָר, וואָס דער פריזיער האָט זיי צוגעקליבן.

— ביוטיפול העיר! אַך ווי פיין! אַך ווי שיין! די לעצטע מאָדע! — האָט סאַלי געזאָגט צו מאָלין און זי האָט זיך געמוזט אויסדרייען, כדי צו ווייזן ווי אירע האָר זעען אויס פון הינטן.

— א ביוטיפול פראק! אך, ווי פיין! אך ווי שיין! די לעצטע מאָדע! — האָט מאָלי געזאָגט צו סאָלין און זי האָט זיך געמוזט אויס־דרייען, כדי צו ווייזן ווי איר קלייד זעט אויס פון הינטן.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען אין די אויגן — הינטער די אויגן פלעגן זיך די שנורן זייער באָרעדן און איינע האָט געזאָגט אויף דער אַנדערער, אַז זי איז אַן אויסגעצערין, זי קומט באַראַבעווען דעם שווער...

כאָטש פישל האָט די קינדער גאָרנישט געזשאַלעוועט, האָט ער נישט געליטן וואָס זיי קומען אים אויסנוצן. סיי בעזיל דער אַדוואָקאַט און סיי בערט דער דאָקטאָר האָבן גוט פאַרדינט און האָבן געפירט שיינע הייזער.

דעם פּרייטיק איז פישל געווען אַזוי גוט צו די קינדער, אַז גוטשע האָט נישט געוווסט וואָס איז מיט אים געשען.

ס'זענען שוין אַוועק אַ שיינע פּאָר טעג און פישל האָט מער נישט דערמאָנט דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט, בעת ער איז געשטאַנען אויף דעם לייטער און איינגעשטעלט די סחורה. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס משוגעת איז אים אַרויס פון קאָפּ. אָבער זי האָט געהאַט אַ טעות. פישל האָט זיך צוריק דערמאָנט אין דעם משוגעת און ער האָט פון דעם נישט געוואָלט מער אָפּטרעטן. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז זיי דאַרפן ליקווידירן די ביזנעס און נאָך ביים לעבן צעטיילן אַביסל פאַרמעגן — זיי זאָלן הנאה האָבן פונעם געבן. וואָס זאָלן מענטשן וואַרטן אויף זייער טויט?...

כאָטש פישל האָט נישט אַרויסגעלאָזט די פּאַרע פון מויל, בלויז דעם ווייב דערציילט פון זיינע פּלענער, האָבן די פאַרשידענע געזעל־שאַפטן און חברות עפּעס אין דער לופטן דערשמעקט און געשיקט צו אים אַלערליי שתדלנים. תחילת האָבן די שתדלנים זיך געדרייט פאַר זיין געשעפט, אַריינגעשמעקט אינעווייניק, מכלומרשט אַריינגעגאַנגען עפּעס קויפן — נאָר שפּעטער זענען זיי שוין אַריין צו אים מיט תקיפות און אָנגעהויבן ביי אים צו מאָנען, ווי עס וואָלט זיי ביי אים עפּעס געקומען.

— מיר מאָנען עפּעס פאַר זיך?... — האָבן די קהלישע קאָך־לעפל גערעדט אים צום שכל־הישר — ווען מיר רעדן פאַר זיך, וואָלט איר געהאַט אַ ברירה נישט צו געבן...

ס'זענען געקומען צו אים פאָרשטייער פון הילפס־פאָנד, פון דער ישיבה, פון מושב־זקנים, פון דער אברהם רייזען שול. ער האָט כסדר

געהאַט געסט ביי זיך אין געוועלב, אין שטוב. ס'האָבן זיך געמיניעט אין זיינע אויגן מענטשן גרויסע און קליינע, פּליכן, בערד, געגאָלטע פּנימער. ער האָט די אַלע מענטשן קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען. אַז ס'זענען אַריין צו אים די רבנים פון דער ישיבה, האָבן זיי געשיט מיט תורה־ווערטלעך, וואָס ער האָט גאָרנישט באַנומען. אַז ס'זענען געקומען צו אים די לערער פון דער אברהם־רייזען־שול האָבן זיי גערעדט צו אים אַזאַ ליטוויש־קלינגענדיקן יידיש, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

דער פאַרשטייער פונעם מושב־זקנים האָט געהאַט אַ גרוי געדיכט בערדל, וואָס איז אים פאַרקראָכן אַזש אין די אויערן און אויף דער נאָז. ווען ער האָט גערעדט צו פישלען האָבן זיך ביי אים די צוויי שורות פאַלשע ציין, וואָס האָבן געשטעקט אינעם בערדל, זייער געשאָקלט. פישל האָט זיך איינגאַנצן צו אים נישט צוגעהערט, בלויז מיט מורא געקוקט אויף אים. ס'האָט זיך אים כסדר געדאַכט, אַז ער פאַרלירט די ציין. דער מענטש פונעם הילפס־פאָנד ווידער האָט גערייכערט איין פּאַפּיראָסל נאָכן אַנדערן, וואָס ער האָט קונציק־שנעל געוויקלט אין זיינע פינגער. ער האָט די פּאַפּיראָסלעך אַריינגעשטעקט אין אַ לאַנג ציגאַרן־שפּיצל. בשעת ער האָט מיט אייפער אַריינגערעדט אין פישלען, האָט זיך דאָס ציגאַרן־שפּיצל געטרייסלט אין זיין מויל, נאָר דער אַש איז נישט אַראָפּגעפאַלן און כסדר געוואַקסן. פישל האָט נישט געהערט וואָס ער רעדט און איז פאַרנומען געווען בלויז מיטן געדאַנק: ווען וועט דאָס לאַנגע זיילעכל אַש אַראָפּפאַלן פונעם פּאַפּיראָס...

אָבער צו־וואָס האָט געטויגט דאָס גאַנצע רעדן, אַז פישל האָט סיי־ווי אינזינען געהאַט צו געבן. ער האָט אַלעמאָל געוואָלט אויף עפּעס אַנדערש אויסשטעלן אַ טשעק. ער האָט זיך טאַקע נישט צוגעהערט צו די אַלע שתדלנים — נאָר פונדעסטוועגן האָט אים יעדעס מאָל ווער אַנדערש משפּיע געווען. דאַרף מען דען נישט געבן געלט אויף דער ישיבה, וווּ קינדער לערנען זיך אוים דאַוונען און זאָגן אַ פּרשה חומש מיט רש"י? און וואָס איז מכוח דער אברהם־רייזען־שול? די קינדער רעדן דאָרט אַזאַ מחיהדיקן יידיש און לייענען יידישע ביכער, אַז דאָס האַרץ וואַקסט פאַר פרייד. און דער מושב־זקנים מוז צושטעלן אַ נייעם פליגל, וואָרן ס'איז נישטאָ מער קיין אָרט פאַר די אַלע אַלטיטשקע, וואָס ווילן דאָרט אַריין. דער „הילפס־פאָנד" איז אוודאי נייטיק פאַרן ישוב, ווייל ער ברענגט

אריבער אהער די פּליטים. וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן און ער פאַרזאָרגט זיי מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט אַ שטיקל פּרנסה...

בקרוב האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פאָטאָגראַפיעס אין דער יידישער צייטונג, ווו ס'איז געשטאַנען פישל צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס. אויף איין בילד איז פישל געשטאַנען מיטן מענטש פונעם הילפס־פאָנד, וואָס האָט געהאַלטן דאָס לאַנגע ציגאַרן־שפּיצל אין מויל; פישל האָט אים דערלאַנגט אַ טשעק. אויף אַ צווייט בילד האָט מען געזען פישלען מיטן שתדלן פונעם מושב־זקנים, וואָס האָט פאַרמאָגט דאָס געדיכט־צעוואָקסענע בערדל. אויף דער פאָטאָגראַפיע האָבן זיך דער עיקר געוואָרפן אין די אויגן צוויי הענט — איין האַנט, וואָס האָט דערלאַנגט דעם טשעק און די צווייטע האַנט, וואָס האָט דעם טשעק גענומען. ס'האָט אויסגעקוקט ווי די צוויי הענט וואָלטן זיך געגעבן „שלום". לעבן „פּיקטשער" אין דער צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט אַ קליין אַרטיקעלע, וואָס האָט שטאַרק געלויבט מיסטער באַדזשיקס נאָבעלע מעשים. איבערן אַרטיקעלע איז געווען אַ קעפּל מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות: „אויסטראַלישע יידן נעמט זיך אַראָפּ אַ מוסטער"!

ס'וואָלטן זיך אוודאי באַוויזן נאָך פאָטאָגראַפיעס מיט פישל באַדזשיק אינעם יידישן בלעטל, ווען נישט די צוויי זין זיינע — בעזיל און בערט — וואָס האָבן צום גאַנצן עסק געמאַכט אַ סוף. מיסטער באַדזשיק האָט זיך דעמאָלט געגרייט צו פאָרן אויף אַ באַזוך קיין ישראל. אַזוי־ווי דאָס ווייב זיינס גוטשע האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט אים — האָט פישל זיך געקליבן צו פאָרן אַן איר. צו פאָרן קיין ישראל האָט אים צוגערעדט זיין חבר פּייוול, וואָס האָט געוווינט מיט אים אין שכנות אין קאַרלטאָן און פלעגט אָפט אַריינקומען צו אים אין גראָסערי־שאָפּ. פּייוול איז געווען אַן אַלמן, וואָס האָט אויפגעגעבן די ביזנעס און אַזוי־ווי ער האָט נישט קיין סך געדאַרפט, האָט ער געלעבט פון גרייטן. ער איז געווען זייער אַ פאַרשלאָפענער און אַן אָפּגעלאָזטער. ער האָט אַפילו טיילמאָל געכאַפּט אַ דרימל גייענדיק אין גאַס. ווען ער האָט געשפּילט מיט פישלען אין דאַמקע, צי אין שאַך, איז ער אינמיטן דערינען אַנטשלאָפן געוואָרן און פישל האָט אים געמוזט טאָרען ער זאָל מאַכן אַ צוג. אָבער אַזוי פאַרשלאָפן ווי פּייוול איז געווען, אַזוי לעבעדיק איז ער געוואָרן ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיין רייזע קיין ישראל. ווו ער האָט געהאַט

א סך קרובים. ער האָט אַריינגערעדט אין פישלען, ער זאָל זיך מיטכאַפּן מיט אים.

מען האָט אָנגעהויבן צו זען די צוויי חברים — פישל און פייוול — אַרומשפּאַנען אין דער שטאָט און זיך צוגרייטן אַלץ צו דער נסיעה. זיי האָבן דערלעדיקט אַלע פאָרמאַליטעטן אין די רעגירונגס־אַמטן, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין די רייזע־ביוראָען. זיי האָבן זיך געקויפט אָנצוגן אין א טאַנדייט־געשעפט, זיך געקויפט שיך, העמדער און קראַוואַטן. אויסגעפּוצט צו דער נסיעה אין די שפּאָגל־נייע זאַכן, האָבן זיי זיך געפילט זייער שלעכט. זיי האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן אַריין אין א פרעמדער הויט. ביידע האָבן זיי געטראָגן דיזעלבע אָנצוגן, דיזעלבע שיך און דיזעלבע שוואַרצע „בעכערס" אויפן קאָפּ און זיי האָבן אויסגעזען ווי צווילינגס־ברידער...

אָבער ווען די צוויי חברים זענען שוין געווען פיקס־און־פאַרטיק אַרויפצוגיין אויף דער שיף, האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז זיי קענען צוזאַמען נישט פאָרן, וואָרן פישלס זין האָבן זיי צעשיידט. פונקט ווי בעזיל און בערט האָבן געשטערט דערצו, אַז עס זאָלן זיך נאָך באַווייזן דעם טאַטנס „פיקטשערס" אין דעם „דזשואיש פּייפּער" — אַזוי האָבן זיי אים אויך געשטערט צו מאַכן די רייזע. זיי האָבן אַריינגערעדט אין דער מוטער זי זאָל נישט לאָזן דעם טאַטן מער אויסשטעלן די טשעקן, נישט לאָזן אים פאָרן און איבערלאָזן די ביזנעס אויף הפקר. דער טאַטע מוז זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ. ער איז אויף דער עלטער פאַרנאַרט געוואָרן...

ווען בעזיל און בערט זענען געוויער געוואָרן, אַז דער פאָטער האָט צוגעזאָגט צו געבן אויף א נייעם בנין פונעם מושב־זקנים גאַנצע פינף טויזנט פונט, זענען זיי צוזאַמען מיט די ווייבער און קינדער געקומען אַלע נאַכט צו די עלטערן צו גאַסט. זיי האָבן מיטגענומען די קינדער מיט זיך צו וויזן דעם טאַטן, אַז ער האָט נאָך א גרויסע משפּחה צו פאַרזאָרגן. פון די קינדער, וואָס זענען אים געקראָכן אויף דעם קאָפּ, פון די ווייבער, וואָס האָבן געהאַט ניין מאָס רייד, האָט זיך פישל נישט געקאָנט אָפּטרייבן. לכתחילה האָבן די זין אָנגעהויבן מיט גוטן, געווען מיטן טאַטן זייער פאַרזיכטיק. אַזוי האָט געעצהט בעזיל דער אַדוואָקאַט, וואָס די יידן אין שטאָט האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער איז א קאַלטער גזלן, נאָר ער האָט א פייערדיקן קאָפּ. הגם בעזיל איז שוין געווען זייער רייך און האָט פאַרמאָגט אן אייגענע

זומער-ווילע און אן איינענע שפּאַציר־שיף און נישט געוואָלט זיך לאָזן מער פּאַרדרייען דעם קאָפּ פון די יידישע קליענטן מיט זייער שלעכטן ענגליש, האָבן די יידן דווקא געקלעפּט צו אים.

— ליסן, דעד... — האָט דער ערשטער אָנגעהויבן בערט דער דאָקטאָר און ער האָט גערעדט ווי געוויינטלעך אין ענגליש, געמישט מיט יידישע ווערטער, ווי עס רעדן גויים, וואָס לערנען זיך אויס אביסל יידיש — אזעלכע זאכן טוט מען נישט... יו נאָו... דו האָסט קינדער... א פעמילי... האָסט וועמען צו פאַרזאָרגן... די קינדער האָבן אויך וואָס צו זאָגן... דהעטס רייט, דעד! ליסן, דעד... דו ווייסט אליין, אז אזעלכע זאכן טוט נישט קיין נאָרמאַלער מענטש... א מענטש מיט שכל... מיט „בריינס"... ווער גיט דאָס אוועק אזויפיל געלט? יו נאָו...

בערט האָט גערעדט פּאַרזיכטיק, מיט אָנצוהערעניש, נישט גע־וואָלט אויפרעגן דעם טאַטן. ער האָט געגלויבט, אז מיט גוטן וועט ער אַלץ ביי אים פּועלן, הגם ער האָט געוווסט, אז דער טאַטע איז אַן עקשן און אז ער נעמט זיך אריין א מאַנקאָליע אין קאָפּ, איז נישט לייכט זי פון אים ארויסצושלאָגן. בערט האָט זיך געוואָלט פירן מיטן טאַטן ווי מיט זיינע יידישע פּאַציענטן, וואָס ער האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין פּראַקטיק אריינגעצויגן צו זיך מיט גוטע ריידעלעך און מיט קלאַפּן זיי גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע. די יידישע פּאַציענטן זענען דעמאָלט געקומען צו אים, ווייל זיי האָבן געוואָלט צוליב טאָן דעם טאַטן, וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן, אז דער זון זאָל ווערן א דאָקטאָר. היינט, ווען בערט האָט שוין זיין דאָקטאָרישן קאַבינעט אויף דער רייכער קאָלינס־סטריט, האָט ער פיינט, אז די יידן באַקלאָגן זיך פאַר אים אויף זייערע חולאתן אין יידיש און אז ער שפּילט בייטאָכט אין קאָרטן אין זיין שיין פּאַלאַצל, נעמט ער אראָפּ דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, מען זאָל אים נישט שטערן.

אויך בעזיל דער אדוואָקאַט האָט גערעדט זייער פאָרזיכטיק און מיט גוטן צום פּאָטער און ער איז געווען צעפרידן, וואָס דער ברודער האָט געהערט זיין עצה. כאָטש ער איז געווען א קאַלטער גזלן, ווי מען האָט געזאָגט אויף אים, איז ער איצט געווען זייער צוגעלאָזן און ווייך, וואָס האָט זיך נישט געפּאַסט צו זיין כעסדיק־פּאַרפּרעסט מויל און צו דער פאַרביסן-דינער נאָז.

— דו מוזט ווייטער פירן די ביזנעס, פּאָפּ... — האָט בעזיל געציילט די ווערטער אזוי פּאַוואָליע, ווי ער וואָלט געציילט געלט — וואָס איז א מענטש אָן ארבעט? א גאָרנישט... אז מען ווערט עלטער,

איז ארבעט אוודאי נויטיק. טו קיפּ יו גאָינג! פרעג בערטן דעם דאָקטאָר וועט ער דיר זאָגן... און ווער גיט דאָס אוועק אזעלכע סומעס געלט?! דאָס טוט נישט קיין מענטש מיט קלאָרע געדאַנקען...

— דהעטס רייט! — באַמבלט סאָלי צו מיטן קאָפּ.

— דהעטס רייט! — שטימט צו מאָלי.

— איך האָב דאָס געזאָגט צום טאַטן באַלד פון אָנהייב, ווען ער איז געקומען מיט זיינע משוגענע פּלענער... ווער נעמט דאָס צו געלט ביי אייגענע קינדער? ווער שמועסט נאָך, אז מען האָט אזעלכע געלונגענע זין. אדוואָקאַטן, דאָקטוירים... — רופט זיך אָן גוטשע, וואָס זאָרגט זיך אַלעמאָל וועגן די קינדער און פון אירע אויגן רינען טרערן.

פישל איז שטיל געזעסן אויף זיין אָרט און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז פארפלאָכטן די פינגער פון איין האַנט אין די פינגער פון דער צווייטער און מיט די דוימען גיך געדרייט אין א רעדל.

— וואָס ענטפערסטו נישט, דעד? — האָט זיך א שטעל אויף געטאָן בערט דער דאָקטאָר, וואָס איז אַלעמאָל געווען א פלינקער און א באַוועגלעכער.

— וואָס שווייגסטו, פּאָפּ? — האָט זיך ביי בעזיל דעם אדוואָקאַט א טראָפּעלע בייזלעך אָנגעשפּיצט די פאַרביסן־דינע נאָז — פאַרוואָס מאַכסטו אָן צרות דער מאַמען? זע, ווי זי וויינט...

פישל האָט געשוויגן, גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז שנעלער און אימפּעטיקער געדרייט מיט די צוויי גראָבע פינגער. ס'האָט אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן געווען צוויי חיהלעך, וואָס לויפן אין א געיעג — יאָגן זיך נאָך איינס דאָס אַנדערע.

די זין האָבן שוין געזען, אז מיט גוטן וועלן זיי ביים פאָטער ווייניק פּועלן, האָבן זיי אויפגעהויבן אביסל העכער דאָס קול און געפּרוּווט זיך א בייזער טאָן.

— מען האָט ביי דיר אויסגענאַרט די טשעקס... דהעטס אָל! זיי האָבן געוווּסט צו שפּילן אויף דיין שוואַכער זייט! מען קען זיי גוט, די געזעלשאַפטלעכע קאָך־לעפל! פאַר וועמען קלערסטו זאַמלען זיי דאָס געלט? זיי מאַכן דערביי אָל־רייט...

דאָס האָט געזאָגט בעזיל דער אדוואָקאַט שוין מיט א געבייזער, כאָטש ער האָט זיך באַמיט צו האָבן א קאָנטראָל איבער זיך. בערט דער דאָקטאָר האָט פאַטאַקעוועט בעזילן און פאַרענדיקט זיינע רייד:

— זאָרג זיך נישט, דעד, בעזיל וועט שוין אַלץ מאַכן! ער וועט זאָגן, אז דו האָסט נישט געוווּסט וואָס דו טוסט... בעזיל איז א גוטער

לאיער און ער וועט וויסן וואס צו טענהן... פארלאז דיך אויף אים! דו האסט נישט קיין רעכט אליין צו געבן... מיר האבן אויך וואס צו זאגן!

— ליוו איט טו בעזיל! ער וועט וויסן וואס צו טאן! — האט זיך אריינגעריסן דאס קוויטשיק־בייזע קולעכל פון סאלין.

— יהעטס רייט, בעזיל וועט שוין אלץ מאכן! ער וועט אויפווייזן, אז דו ביסט נישט געווען ביים קלארן שכל! — האט זיך אויך מאלי צעבייזערט.

פישל האט געשוויגן, נישט אויפגעמאכט דאס מויל, ווי ער וואלט געווען שטום. בלויז די צוויי דוימען האבן זיך כסדר געדרייט אין א רעדל, ווי צוויי וועוריקלעך, וואס שפילן זיך אין יאגעלעך.

— אוי, געוואלד, ער שווייגט! — האט גוטשע פארבראכן מיט די הענט און זי האט געקוקט מיט רחמנות אויפן מאן, ווי מען קוקט אויף איינעם, וואס איז אראפ פון זינען — אוי ווי רבונו של עולם, וואס ענטפערסטו נישט, פישל? די קינדער רייסן זיך, נעבעך, אויס דאס הארץ! וואס האסטו נישט אויף זיי קיין רחמנות?

פישל האט אלץ נישט געענטפערט, געקוקט אויפן סופיט און פלוצים אנגעהויבן אונטערצוברומען א לידל. דערנאך האט ער א צענעם געטאן די הענט און מיט א פינגער געפויקט אין טיש. די אויגן האט ער ווייטער נישט אפגעריסן פון סופיט, געקוקט אין איין פינטל און בעת־מעשה זיך צוגעפיפן א באקאנטן שלאגער. מיטן פייפן האט ער אפנים געוואלט ווייזן, אז די אלע רייד, וואס מען האקט אים אין קאפ אריין, ליגן אים אין דער לינקער פיאטע.

די קינדער האט אבער דאס פירעכץ פונעם טאטן אריינגעפירט אין א חשד, אז עפעס איז ידער אלטער נישט מיט אלעמען. ס׳איז גאנץ מעגלעך, אז ער איז טאקע געווארן עובר־בטל. וואס פייפט ער עפעס א באקאנטן שלאגער, קוקט אין איין פינטל אויפן סופיט און ענטפערט נישט קיין ווארט?! דער פאטער איז אלעמאל געווען א שטילער מענטש. אמת איז, אז ער האט געהאט זיינע איינפאלן — נאר מען האט קיינמאל נישט באמערקט ער זאל זיך משונהדיק אויפפירן. פערציק יאר איז ער געשטאנען אין די ביזנעס און מען האט נישט געהערט פון אים קיין הויך ווארט. ער איז אייביק געווען פארקאפעט אין דער ארבעט — מען האט אים נישט געקאנט ארויסשלעפן פון געוועלב... עפעס איז נישט אין ארדענונג מיטן אלטן!...

ווען בערט האט געזען, אז דער פאטער איז אלץ פארטאן מיט זיך און הערט נישט קיין ווארט, האט ער מיט א פינגער א וווייז געטאן

צום אייגענעם קאָפּ און שפּעטער צום פּאַטערס, א סימן, אַז עס איז נישט גלאַטיק מיט אים. דאָס האָט באַמערקט פישל און הגם עס האָט אים טיף א ברי געטאָן, האָט ער נישט געגעבן צו דערקענען אין זיך, אַז ער האָט עפּעס געזען. ער האָט כסדר געשוויגן, נישט געעפנט דאָס מויל.

פישל האָט אַזוי געשוויגן עטלעכע חדשים, בעת ער איז שוין געשטאַנען צוריק אין זיין גראָסערי־שאָפּ און באַדינט די קונים. די קונים האָבן נישט געוווּסט וואָס איז געשען מיט אים. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען זיין „פּיקטשער" אין בלעטל און האָבן געלויבט זיינע שיינע מעשים... פישל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. פון היינט אָן וועט ער זיך מוזן באַהאַלטן פאַר מענטשן. מען וועט דאָך טייטלען אויף אים מיט די פינגער! ער האָט מורא באַקומען פאַר די אייגענע זין. דער עיקר פאַר בעזילן. ער איז א האַרטער פאַרשוין — קאַלט און אויסגערעכנט. ער און בערט האָבן אים געוואָלט פירן צו א פּסיכיאַטאָר. א מערכה וואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט. שיין האָבן די אייגענע זין אים אויסגעשטעלט! מ'האָט פון אים געמאַכט עפּעס א נאַריש יינגל... נאָך פערציק יאָר שווערער פּראַצע, האָט ער נישט קיין דעה איבערן אייגענעם געלט! די זין האָבן אים פאַרשוואַרצט דאָס פּנים פאַר דער גאַנצער שטאָט! וואָס וועט איצט זיין? מ'וועט אָנווייזן אויף אים, ווי אויף א משוגענעם...

פישל האָט באַמערקט, אַז גוטשע קוקט אויף אים מיט אַנדערע אויגן ווי ביז איצט. ס'קען זיין, אַז זי האַלט אים טאַקע פאַר חסר־דעה. ער האָט איר געוואָלט ווייזן, אַז זי האָט א טעות, נאָר ער האָט אָנגעהויבן זיך אַרומצוטראָגן מיט א פאַרדאַכט אויף זיך אַליין. וואָס ער האָט געטאָן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַזוי טוט נישט קיין מענטש מיט א גלייכן שכל... ער האָט זיך שוין פון דעם נישט געקאָנט מער באַפרייען און ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיך אַליין. אפשר זענען טאַקע די זין גערעכט און ער האָט געדאַרפט גיין צו א פּסיכיאַטאָר... קינדער קאָנען נישט זיין קיין שונאים פון אַן אייגענעם טאַטן... דאָס האָבן זיינע קראַנקע, אָנגעשטרענגטע נערוון אויסגעטראַכט.

— פילסט זיך נישט גוט, פישל?... כ'זע אַז דו ביסט נישט מיט אַלעמען... אפשר וועסטו אַהיים גיין זיך צושפּאַרן אביסל? דאָס וועט דיר בעסער מאַכן...

דעם ווייבס גוט און איבערגעגעבן קול, וואָס האָט גערעדט צו אים פול מיט רחמנות, ווי מען רעדט צו א קראַנקן, האָט אים אַרויס־געבראָכן פון די כלים. גוטשע האָט מיט די זין און זיי אַלע האָבן אויף אים געמאַכט א בילבול!

— וואָס קוקסטו מיך אָן מיט אַזעלכע רחמנותדיקע אויגן? — איז פישל אַרויסגעפּאָרן אויפן ווייב — כ'בין נאָך נישט משוגע...

טאָמער איז פישל אַרוים אויף עטלעכע מינוט פון געוועלב, האָט ער באַלד געפרעגט צי ס'האָט אים ווער געזוכט, צי ס'האָט אים ווער געקלונגען. ס'האָט זיך אים רק געדאַכט, אַז מען זוכט אים, אַז מען קלינגט צו אים. בקרוב לייגט מען דעם גרונט־שטיין פאַרן נייעם בנין פון מושב־זקנים און ווו איז ער מיט זיין צוזאָג? ער האָט אויסגעקוקט מען זאָל אים איינלאַדן צו קומען צום אַפּיל. געלאָפן יעדע רגע אַרוים פאַר דער טיר, געלאָפן יעדע פאַר מינוט קוקן צום פּאָסט־קעסטל, אָבער מן־הסתם האָט מען די איינלאַדונגען צעריסן. זיכער האָט שוין בעזיל געזאָגט, אַז דער פּאָטער איז קראַנק און ער וועט נישט קאָנען קומען עפענען דעם אַפּיל מיט זיין צוגעזאָגטער סומע...

פישל איז געוועזן שטיל, אַלץ געדריקט אין זיך. ער האָט זיך אַפילו מער נישט געבייזערט אויף גוטשען — ס'האָט אים נישט געאַרט וואָס זי קוקט אים אָן מיט אַזויפיל רחמנות. צו די צוויי ווייבער — מיסיס רייכמאַן און מיסיס שטאָקהאַמער — וואָס זענען געקומען צו אים אין געוועלב, האָט ער אַרויסגעוויזן א סך געדולד, זיך געלאָזט קריכן פון זיי אויפן קאָפּ. א פאַרבאָרגענער געדאַנק האָט אים מיטאמאָל טיף א ברי געטאָן אין מוח, אַז די שטילקייט זיינע איז פון איינעם, וואָס איז חסר־דעה — און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר דער אייגענער שטילקייט. ער האָט זיך געוואָלט צוטוליען צו מענטשן, נאָר ער האָט מורא באַקומען פאַר זיי און בעסער געבליבן אַליין.

פרייטיק גאַנץ פרי איז, ווי געוויינטלעך, די מיסיס שטאָקהאַמער געקומען צו פישלען אין געשעפט אַריין איינצוקויפן אויף שבת. ווי איר טבע איז געווען האָט זי לאַנג באַלעמוטשעט, אַריינגעשמעקט אין יעדן ווינקל. זי האָט אויסגעטאַפּט אַלץ מיט אירע פעטע ווייסע פינגערלעך, זיך שטאַרק געדונגען ביי יעדער קלייניקייט און מיט איר ברייט געשטעל אים אינגאַנצן פאַרשטעלט. פישל איז איר אומעטום נאָכגעגאַנגען און זי באַדינט. אין קאָפּ האָט אים שוין אָנגעהויבן צו שווינדלען און ווי דורך א נעפּל האָט ער געזען די ווייסע, פעטע פינגערלעך פון דער מיסיס שטאָקהאַמער, וואָס לויפן שנעל־שנעל פון

איין זאַך צו דער אַנדערער; דאָ גיבן זיי דאָס אַ באַטאַפּ, לאָזן עס שטיין און באַלד שטעלן זיי זיך אויף עפּעס אַנדערש. ס'האָט זיך אים גענומען אויסדאַכטן, אַז די פינגערלעך זענען ווייסע, פעטע מייזלעך, וואָס באַשמעקן אַלץ מיט זייערע באַוועגלעכע פּיסקלעך... ער מוז פון זיי וואָס שנעלער פּטור ווערן... שטילערהייט, קיינער זאָל נישט הערן און נישט באַמערקן, האָט ער זיך גאָר נאָענט געשטעלט הינטער דער מיסיס שטאַקהאַמער און אויפגעהויבן אַ האַנט, ווי ער וואָלט זיך אויף איר פאַרמאָסטן.

— ניטע, וואָס טוסטו?! געוואַלד מענטשן! — האָט זיך דערהערט גוטשעס דערשראָקן געשריי — געוואַלד און געשריגן, ער באַפאַלט דאָך שוין מענטשן!...

זינט דעמאָלט האָט מען מער נישט געלאָזט שטיין פישלען אין שאַפּ, אָבער ער האָט זיך אויפס כוח אַריינגעריסן. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָט ער זיך איינגעזעקשנט, אַז ער מוז בלייבן אין שאַפּ ביינאַכט, ווייל ער דאַרף אַ סך פּראָדוקטן איינסדרן און מאַכן אַביסל אָרדנונג.

— קום אַהיים, — האָט זיך גוטשע ביי אים געבעטן, גלייך זי וואָלט פאַרויסגעפילט עפּעס שלעכטס — וואָס טוט זיך מיט דיר, פישל? כ'זע אַז דו האָסט היץ... מאָרגן וועסטו צייט האָבן דאָס צו מאַכן. ס'ברענט נישט... אַלץ איז אין אָרדנונג!

אָבער ער האָט זי נישט געפאָלגט. אַ פּאָר מאָל האָט זיך גוטשע אומגעקערט פון וועג, זיך געבעטן ביי אים מיט טרערן אין די אויגן ער זאָל גיין מיט איר, נאָר ס'איז געווען אומזיסט. אַז ער איז געבליבן אַליין, האָט ער פאַרמאַכט אַלע טירן און זיך מיט התמדה גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט נישט באַמערקט ווי ס'איז פינסטער געוואָרן און נישט אויפגעדרייט די עלעקטרי. ערשט ווען ס'איז געווען גוט פינסטער, האָט ער אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט קרענקלעך־געל אָראָפּגעבליקט פון סופיט. דאָס טונקל־שיטערע ליכט האָט קוים באַלויכטן אַ ווינקל פון געוועלב און לאַנגע שאָטנס האָבן זיך געוויגט אויף די ווענט, ווי גופים פון געהאָנגענע. צווישן די שאָטנס האָט זיך געבאָמבלט פישלס שאָטן. פישל האָט געהאַלטן אין איין איבערשטעלן די פּושקעלעך און שאַכטלען מיט פּראָדוקטן. ער האָט כסדר מיט דער שירץ געווישט דעם שווייס פון שטערן. צוליב די פאַרמאַכטע טירן איז דאָ געווען זייער דושנע און דער אָטעם איז אים געוואָרן פאַרשפּאַרט. ער איז אַלעמאָל אַריין אין אַ פינסטער קעמערל, געשלעפּט פון דאָרט זעק מיט שפּייז און זיי איבערגעשטעלט פון איין

אָרט אויפֿן אַנדערן. אינעם קעמערל האָט אים אַ שלאָג געטאָן צו דער נאָז אַ פֿאַרלעגן־טרוקענער ריח, וואָס איז אויפֿגעשטיגן פֿון די הויפֿנס אָנגעוואַלגערטע זעק און אַלטע קעסטלעך. ס׳איז דאָ געווען זייער פֿינסטער און ער האָט געמוזט נאָכאַנאַנד אָנרייבן פֿרישע שוועבעלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן אַזוי לאַנג צווישן די פֿינגער, ביז דאָס אויס־גייענדיקע פֿלעמל האָט אים אָפּגעבריט און דער ווייטיק איז אים פֿאַרגאַנגען אונטערן האַרץ. די נישט־דערברענטע שוועבעלעך האָט ער געוואָרפֿן אויף די אַלטע זעק און קעסטלעך און אַז ער האָט באַמערקט ווי זיי האָבן זיך אָנגעצונדן האָט ער נישט געלאָשן דאָס פֿייער. ער האָט זיך פֿאַרן פֿייער נישט דערשראָקן און אַ שגעונדיק נקמה־פֿלעמל האָט אַ פֿינקל געטאָן ביי אים אין די אויגן.

— זאָל עס ברענען... זאָל אַלץ אַוועק מיטן פֿייער! — האָט אַ פֿרעמדער, צולהכעיסדיקער געדאַנק זיך אים פֿאַרגנבעט אין מוח — ס׳איז גוט אַזוי... כ׳האָב סיי־ווי איבער דעם נישט צו זאָגן...

ער איז געבליבן אינעם קעמערל ביז דאָס פֿייער איז זיך צעוואַקסן און פֿונעם רויך האָט אים אָנגעהויבן צו שטיקן. ערשט אַז די פֿלאַמען האָבן זיך דערנענטערט צו אים, איז ער אַרויסגעלאָפֿן פֿון קעמערל. דאָס פֿייער האָט זיך שנעל געשפּרייט, געלאָפֿן פֿאַרויס, געשפּרונגען, אָנגעכאַפּט אַלעמאָל נייע פּאָליצעס, וואָס האָבן טרוקן געקנאַקט, ווי קנאַלן פֿון ביימשן. פֿייער־צונגען האָבן הונגעריק געלעקט די ווענט, די טירן. דאָ האָט דאָס פֿייער געפּויזעט אויף דער ערד, זיך געקאָרטשעט, ווי אַ חיה אין לויער און דאָ אַרויפֿגעשאָסן צום סופֿיט. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערע פּאָליצע זיך געבראָכן און די אויפֿגעטו־רעמטע פּושקעס האָבן זיך אַראָפּגעקוילערט מיט אַ גרויסן ליאַרם. פֿונעם קנוילנדיקן רויך איז דאָס געוועלב שוואַרץ געוואָרן און פֿישל האָט גאָרנישט מער געזען.

פֿישל האָט געזוכט אַ טיר. דער רויך האָט אים שוין שטאַרק געוואָרגן און די פֿלאַמען האָבן ביי אים אָפּגעזענגט אַ שפּיץ פֿאַרטוך. לסוף האָט ער דערטאַפּט אַ טיר און זי אויפֿגעריסן. דאָס פֿייער האָט אים נאָכגעיאָגט אויפֿן הויף. פֿון די אָנגעשטעלטע בלעכן מיסט זענען זיך בהלהדיק צעלאָפֿן די קעץ. זיי זענען מיט אַ מאָוימדיק מיאוקען אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן פּאַרקן, האָבן אָנגעקוקט פֿישלען מיט ווילדע אַגרעס־אויגן און זענען אַראָפּ אויף דער אַנדערער זייט.

אַז פֿישל איז אַרויס אויף דער גאַס, האָבן די פֿלאַמען שוין געזעצט פֿון אַלע טירן און פֿענסטער און האָבן העל באַלויכטן די

נאַכט. ס׳האָט זיך געהערט דאָס וואָרנדיק־פּחדימדיקע קלינגען פֿון גלעקער און פֿײַער־לעשער זענען פֿאַרפֿאָרן פֿאַרן הויז מיט אַ גרויסן רעש. דאָס געזעמל מענטשן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צום פֿײַער, האָט זיך געמערט, איז געוואַקסן פֿון רגע צו רגע. די מענטשן, וואָס זענען אױפֿגעװעקט געוואָרן פֿון שלאָף, זענען געשטאַנען אין די בלויזע פּידזשאַמעס. מאַמעס האָבן געהאַלטן קלײנע וויינענדיקע קינדער אויף די הענט. די פֿײַער־לעשער האָבן געשפּריצט וואַסער פֿון לאַנגע קישקעס, געהאַקט די ווענט און זענען געקראָכן אויף לייטערס אַרויף צום דאַך. די פֿלאַמען האָבן זיך געשפּיגלט אין זייערע מעשענע העלמען, לצניש דאָרט געטענצלט. פּונקט ווי אַלע מענטשן האָט זיך פּישל צוגעקוקט צום פֿײַער, וואָס האָט ווי אַ צעפֿלאַקערטער פֿאַקל, באַלויכטן די פֿינסטערע נאַכט. ער איז געווען שטיל, ווי די שׂרפֿה וואָלט צו אים קיין שײַכות נישט געהאַט. ער האָט בלויז פֿאַריסן דעם קאָפּ צו די פֿײַער-צונגען — גאָלדענע, רויטע, גרינע — וואָס האָבן זיך געהויבן צום טונקעלן הימל און האָט מבולבלדיק געמורמלט דאָ צו איין מענטש און דאָ צו אַ צווייטן:

— איר זעט דאָס פֿײַער?... ס׳זעט אויס שײַן, האַ?... זעט נאָר, זעט, ווי שײַן ס׳זעט אויס אַ פֿײַער אין דער נאַכט...

א טאג שפעטער

אויפגעמאכט די טיר האט אים א יינגל, וואס איז געווען אזוי פארשפילט, אז ער האט אפילו רעכט נישט אויפגעהויבן די אויגן כדי אים אנצוקוקן. דאס יינגל האט געטראגן א ברייט־ראנדיקן קאר־באַיִשן הוט און האט געהאלטן א רעוואלווער אין דער באהענטשקעטער האנט.

— וועמען זוכט איר, מיסטער? — האט דאס יינגל, שטארק פאריאכמערט, אויסגערופן.

— איז מיסיס שטערן אין דער היים? — האט דער מענטש ביי דער טיר געפרעגט.

— די מאמע איז נישטא! זי איז אין דער פעקטארי... — האט דאס יינגל געענטפערט.

— קען איך ווארטן אויף איר?

— אז איר ווילט... פליז...

ערשט איצט האט דאס יינגל אויפגעהויבן די אויגן — גרויסע פלוטעוואטע, אביסל מיידלעריש־ארויסגעזעצטע אויגן — כדי צו זען מיט וועמען ער האט צו טאן. די אויגן האבן שוין אינאיינוועגס פארשנדיק און מיט נייגעריקייט א באטאפ געטאן דעם פרעמדן.

דער פרעמדער איז אריין אין שטוב און מיטן בליק שנעל א קויף געטאן איבער די ווענט און מעבל, ווו עס האט גערוט א ווינטערדיק־קאלטע, צעשטיקלטע זון. דאס גרויסע אויפנאם־צימער איז נישט געווען צוגערוימט. אויף די העל־געבלימטע „קארפעטס", וואס האבן געגרייכט פון וואנט צו וואנט, זענען געווען אנגעווארפן א סך שפילצייג. ס'האבן זיך דא געוואלגערט אויטאס פון פארשידענע גרויסן, עראפלאנען פון אלערליי מאסן — און אן עלעקטריש באנדל האט זיך, ווי א שווארצע שלאנג, געוויקלט גיך אויף שינעס, וואס זענען געווען אויסגעשטעלט אין א ראד. דאס עלעקטרישע באנדל האט זיך אזוי שנעל און אן אן אויפהער געדרייט אין א קרייז, פונקט ווי א קאץ, וואס זוכט איר אייגענעם וויידל... דער ראדיא האט עפעס געגרענערט, דא שטיל געמורמלט און דא זיך געריסן מיט קולי־קולות.

אין שטוב איז געווען נאָך א יינגל, וואָס האָט אויך געהאַלטן א רעוואָלווער אין דער האַנט, אָבער נישט געטראָגן קיין קאָובאָישן הוט.

די יינגלעך האָבן זיך צוריק אַריינגעלאָזט אין דער שפּיל, געשאָסן איינער צום אַנדערן פון די רעוואָלווערן, געמאַכט אַזעלכע געשרייען, ווי קיינער וואָלט נישט געווען אין הויז. דער עיקר האָט זיך געריסן דאָס יינגל מיט די פּלוטעוואַטע, מיידלעריש־אַרויסגעזעצטע אויגן. ער איז שנעל געלאָפן אַרום דעם טיש, געשפּרונגען איבער בענקלעך, זיך באַהאַלטן הינטער דער שאַפע און דאָ אַנידערגעקניט און דאָ זיך אויסגעצויגן אויפן העל־געבלימטן טעפּיך. דאָס עלעקטרישע באַנדל האָט זיך אַלץ געדרייט אין א ראָד און דער ראַדיאָ האָט געגרעגערט אַלעמאָל העכער, ווי ער וואָלט וועלן דווקא איבער־שטייגן די געוואַלדן פון די קינדער.

לכתחילה, ווען די קינדער זענען פאַרטאָן געווען אין שפּילן זיך, האָבן זיי דעם פרעמדן, וואָס איז געזעסן אויף א שטול, נישט באַ־מערקט. אָבער בעת זיי זענען מיד געוואָרן און אָנגעהויבן אָפּצושטיין, האָבן זיי דערפילט די פרעמדע אויגן אויף זיך. דאָס יינגל מיט דעם קאָו־באָישן הוט האָט זיך צום פרעמדן דערנענטערט און מיט די אַרויסגעזעצטע אויגן אים א פאַרש געטאָן, צי ער קאָן זיך מיט אים א שפּיל געבן. ער האָט ווייזט אויס באַשלאָסן — אַז יאָ, וואָרים ער האָט מיטאַמאָל אויסגעשטרעקט דעם רעוואָלווער צו אים און מיט א וואָרנדיק, פאַרסאַפּעט קול אויסגעשריגן:

— הענדס אַפּ, מיסטער! די הענט אין דער הייך! ווייל כ'שיס!

דער קליינער האָט זיך נישט געריכט, אַז דער פרעמדער וועט זיך פון זיין געשריי עפּעס מאַכן און ער איז זייער איבערראַשט געוואָרן, ווען יענער האָט טאַקע אויסגעשטרעקט די הענט אין דער הויך, א סימן, אַז ער גיט זיך אונטער. דאָס יינגל האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט דערפון און אויסגעשאָסן א פּאָר מאָל.

— בענג... בענג... — האָט ער נאָכגעמאַכט דעם שאָס פון א רעוואָלווער — איר זענט טויט, מיסטער! ציט זיך אויס אויף דער ערד, ווייל איר זענט טויט!...

בשעת דער פרעמדער איז מיט א שטאַרקן הילך אַראָפּגעפאַלן פון בענקל און זיך אויסגעשטרעקט אויפן טעפּיך, ווי ער וואָלט געווען טויט, האָט זיך דער קליינער אַביסל דערשראָקן. ער האָט נישט געגלויבט, אַז יענער וועט אים אַזוי גיך פאָלגן. באַלד איז אָבער זיין

דאַר־אויסגעצויגן פּנימל פול געוואָרן מיט שמייכל און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער גאַנצער מעשה. דער מענטש איז אַלץ געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע גלייך־אויסגעצויגן — אָן אַ סימן פון לעבן. דאָס האָט געדויערט אַ שפּאַר שטיקל צייט און ווען דאָס יינגל האָט געזען, אַז דער מענטש אויף דער פּאָדלאָגע רירט זיך אַלץ נישט פון אָרט און נעמט עס אַזוי ערנסט, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— איר קענט זיך שוין אויפהייבן, מיסטער! גענוג געווען טויט!

אַז דער פרעמדער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע, האָט אים דאָס יינגל ערשט גוט באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, ווייל ער האָט נושא־חן געווען אין זיינע אויגן, און זיך געוואָנדן צו אים:

— ווער זענט איר, מיסטער? ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז שלאָמאָק שטערן...

— פּאָני... איך הייס אויך שטערן... מיין נאָמען איז בעני שטערן... וויאַזוי קענט איר הייסן שטערן, אַז איך הייס אַזוי?

— איך בין דיין טאַטע...

— מיין טאַטע איז טויט. מיין דעד איז געשטאָרבן באַלד ווי איך בין געבוירן געוואָרן.

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?...

— די מאַמע... מאַם האָט עס מיר געזאָגט. ווען כ'האָב זי געפרעגט, פאַרוואָס האָבן אַלע קינדער טאַטעס און איך נישט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן. אַלע ווייסן, אַז כ'האָב נישט קיין טאַטן. די מיסיס דינער... מיסיס פּיש.

— די מאַמע האָט דיר נישט געזאָגט דעם אמת... דו האָסט אַ טאַטן. איך בין דיין טאַטע...

— פאַרוואָס מאַכט איר מיין מאַמען פאַר אַ ליגנער? מיין מאַמע זאָגט קיינמאָל נישט קיין ליגנט! איך זאָג אויך קיינמאָל נישט קיין ליגנט...

— און איך בין דיין טאַטע... מעגסט עס מיר גלייבן. כ'הייס דאָך פונקט אַזוי ווי דו: „שטערן"...

דאָס יינגל האָט זיך פאַרטראַכט, בעת־מעשה נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם פאַרשוין, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז זיין טאַטע און פּלוצים געפרעגט מיט אַ טרויעריק און נישט־זיכער קול:

— פאַרוואָס־זשע וווינט איר נישט מיט אונדז אינאיינעם? מיט מיר און מיט דער מאַמען. אַ טאַטע איז שטענדיק מיט זיין קינד

צוזאַמען. אַלע טאַטעס זענען מיט זייערע קינדער. נישט אמת, מייקל? — האָט זיך בעני געוואָנדן צו זיין חבר.

בעני האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טרויעריק קול, אַז ס'האָט אַזש שלאָמאָקן אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. ער האָט דאָס קינד נאָך קיינמאָל נישט געזען און ס'האָט אים מיטאַמאָל אַזאַ שטאַרקן צי געטאָן צום יינגל, אַז ער האָט אים געוואָלט אַרומנעמען און צודריקן צו זיך מיט אַלע כוחות. אַ וואַרעמער שטראָם האָט אים פאַרשפּאַרט דעם האַלדז. ער האָט אין האַרצן זיך אַליין געזידלט, געשריגן אויף זיך אַליין, אַז ער איז אַן אכזר, נישט קיין טאַטע. די הענט האָבן זיך אים מיט בענקשאַפט אויפגעהויבן צום זון — אָבער ער האָט זיי מיט ווייטיק צוריק אַראָפּגעלאָזט. ער האָט נישט קיין רעכט אַרומצונעמען דאָס יינגל, ווען ער איז די גאַנצע צייט נישט געקומען אים אפילו זען. די גרויע, אַביסל פּלוטעוואַטע אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן זיך אים איינגעשרומפּן און דאָס אַלעמאָל באַוועגלעכע פּנים, וואָס קען נישט איינשטיין אויף אַן אָרט, האָט זיך פאַרשפּיצט און אויסגעקרומט, ווי אַ האָרן. פּלוצים האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן אַ געשריי:

— ווו לויפסטו, מייקל? וואַרט אויף מיר! לאָז מיך נישט איבער אַליין!

שלאָמאַק האָט געהערט ווי די יינגלעך זענען אַרויסגעלאָפן פון שטוב, נישט פאַרמאַכט נאָך זיך די שויבן־טיר, וואָס האָט גלאָזיק געציטערט אין ווינט. דער ווינט האָט הפקרדיק אַ שפּאַציר געטאָן איבער די שטובן, באַגאָסן מיט קאַלטן שקיעה־גאָלד. שלאָמאַק האָט דערפילט, אַז ער איז אַליין אין דעם הויז פון זיין פרוי, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט. ס'איז אים געוואָרן אומהיימלעך און ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ קלעם. ער האָט זיך מורא געהאַט אַ באַוועג צו טאָן, כאָטש ס'האָט אים דווקא אָנגענומען אַ באַגער דורכצונישטערן דאָס גאַנצע הויז. אַז ער איז געבליבן אַליין, האָט אים דאָס הויז אויסגעזען ווי איין גרויסער סוד. מיטן געדאַנק האָט ער גענישטערט אין אַלע שטובן — אָבער ער איז אַלץ געשטאַנען צוגעטשוועקט צום אָרט, ווי באַהאַלטענע אויגן וואָלטן געקוקט אויף אים פון אַלע זייטן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען קען אים נאָך חושד זיין אין גנבה און עס האָט אים אָנגענומען אַ באַגער אַרויסצוגיין פון דאַנען.

אָבער נישט לאַנג איז ער געבליבן אַליין אין שטוב, וואָרים מיטאַמאָל האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן אַ גערויש, וואָס איז

געקומען פון קארידאר. ער האט געהערט, אז ס'זענען אריינגעקומען אין הויז די שכנטעס און נאך זיי זענען נאכגעלאפן די יינגלעך. א ווייבעריש הארט קול האט באפוילן מייקלען, ער זאל זיך שוין אפטראגן פון דאנען, ווי אין די שטובן וואלט ארומגעגאנגען א פעסט.

— גאט דערבארעמדיקער!... וואס טוט זיך מיט דיר, מייקעלע?!

— האט דאס קול אי געשריגן און אי זיך געבעטן — גיי שוין אהיים! דו טארסט דא נישט זיין!

שלאמאק האט געהערט ווי די שכנטעס זענען אריין אין דער קיך. מייקל האט נישט אויסגעפירט דעם באפעל פון דער מוטער און איז נישט אוועק אהיים. די מוטער האט אים אלץ געהאלטן אין טרייבן. שלאמאק האט געהערט ווי אין קיך שעפטשען די ווייבער, רעדן עפעס זייער גיך און אן אן אפשטעל. ער האט פארשטאנען, אז עס קומט דארט פאר א שטילע בעראטונג. אפנים אז די ווייבער ווייסן שוין, אז שלאמאק האט זיך צוריקגעקערט צו זיין ווייב, נאכדעם ווי ער האט זי יארן־לאנג פארלאזט. כדי אבער צו זיין זיכער, אז די קינדער האבן זיי נישט פארפירט, האבן זיי מיט די אייגענע אויגן זיך געוואלט איבערצייגן. איין שכנטע האט געשיקט די אנדערע, זי זאל א קוק טאן אין שטוב אריין און זען ווער ס'איז דארט דא.

— נו גיי שוין און גיב א קוק, צי דאס איז טאקע דער פויגל...

— האט זיך דייטלעך געהערט א ווייבעריש הארט קול, דאס זעלבע קול, וואס האט געטריבן מייקלען ער זאל אהיים גיין.

— גיי דו!... וואס שטופסטו מיך? וואס דארף איך עפעס זיין אלעמאל דער ארויסרייטער? גא אן! — האט צוריקגעענטפערט א שוואך לעפקע קולעכל, וואס מען האט קוים געקענט הערן.

דאס שוואכע קולעכל האט נאך עפעס ווייטער גערעדט — אבער די רייד זענען שוין מער נישט צוגעקומען צו שלאמאקס אויערן. שלאמאק האט געפילט, אז הינטער דער וואנט קומט נאך ווייטער פאר דאס אמפערניש, און ס'האט געדויערט א שפאר שטיקל צייט ביז ס'האט זיך ברייטער אויפגעלענט די טיר און ס'האט זיך דא בגנבה אריינגערוקט א ניינעריק קעפל.

— אנטשולדיקט... עקסקיוז מי... כ'האב נישט געוווסט אז ס'איז ווער דא... — האט דאס קעפל גיך א מורמל געטאן און זיך צוריק ארויסגעצויגן פון דער טיר.

שלאמאק האט דערקענט דאס קעפל. ס'האט געהערט צו דער מיסים פיש, וואס איז געווען זייער שכנטע נאך פון אמאל. איצט האט שוין שלאמאק געוווסט ווער ס'איז די צווייטע שכנטע. נאך מיט

יאָרן צוריק, ווען ער האָט געלעבט מיט זיין ווייב צוזאמען, זענען די צוויי ווייבער געווען זייערע שכנות. דאָס איז געווען נאָך דעמאָלט, ווען ער מיטן ווייב האָבן געוווינט אין א קליין הויז, נישט אין אזא פּאַלאַץ, ווו די פרוי וווינט היינט. די צוויי שכנטעס האָט מען תמיד געזען צוזאמען און זיי האָבן זיך קיימאָל נישט געשיידט, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעוואקסן. פּונקט ווי די מיסיס פּיש איז געווען א קליינע און א שמאָלע, אזוי איז מיסיס דינער געווען א גרויסע און א ברייטע, וואָס האָט פארנומען א סך פּלאַץ. מיסיס פּיש איז שטענדיק נאָכגע־גאַנגען די מיסיס דינער, ווי זי וואָלט געווען איר דינסט. א קליינע און א שווארצע, מיט א גוף, וואָס איז געווען גליטשיק־פּייכט ווי ביי א פּאָקע. וואָס איז ארויס פון וואסער, האָט זי זיך אַלעמאָל צוגעבויגן צו מיסיס דינער און זיך צוגעהערט צו די קורצע אורטיילן, וואָס יענע האָט ארויסגעגעבן. און מיסיס דינער האָט ארויסגעגעבן א סך אורטיילן; יעדעס קורצע און אָפּגעהאַקטע וואָרט אירס איז געווען א באַפעל. זי האָט געהאַט גאַנץ מעלבורן אויף איר קאָפּ און האָט געוווסט וואָס ביי יעדן איין מעפּל קאָכט זיך. לצים פּלעגן זיך וויצלען מיט איר און זי פרעגן:

— איך בעט אייך, מיסיס דינער, אפשר ווייסן זי וואָס ביי מיר הערט זיך?

שלאָמאָקן האָט זי פיינט באַקומען באַלד ווי זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען. אַז זי האָט אים נאָר אָנגעקוקט האָט זיך איר ברייט און גרויס געשטעל אויסגעגלייכט אין דער גאַנצער הויך און זי האָט א פּאָך געטאָן מיט די פליישיקע אָרעמס פּונקט ווי א שטאָלצער האָן טוט א פּאָך מיט די פליגלען, ווען ער דערזעט א צווייטן האָן, א ריוואַל. זי האָט זיך תמיד אריינגעמישט צווישן אים און זיין ווייב, געטראָגן פּליאָטקעס אהין און צוריק און לסוף ארויסגעגעבן אַן אורטייל:

— ווען איך האָב אזא מאַן, וואָלט איך איין טאָג נישט געווען מיט אים אונטער איין דאַך! כ׳וואָלט אים אָנגענומען ביים קאַרק און אויסגעבראָכן מיט אים די טיר! כ׳וואָלט געשלאָגן מיט אים כפּרה!

בשעת דיביידע ווייבער זענען פארטאָן געווען אין זייער געהיימער באַראַטונג, האָט זיך פּלוצים אויפגעפּראַלט די טיר פון אויפנאַם־צימער און ביידע יינגלעך זענען דאָ אריינגעפאַלן. די ווייבער זענען זיי אין גרויס בהלה נאָכגעלאָפן און געשריגן מיט קולי־קולות:

— מייקעלע! בענעלע! ווו זענט איר? קומט שוין אריין אין דער קיך! ווו זענט איר אהינגעקומען?!

ס'איז געווען אקוראט, ווען ס'האט זיך דערהערט ווי די פראנט־טיר האט זיך אויפגעמאכט און ס'איז אריינגעקומען שלאמאקס ווייב, סילוויא. זי האט אבער נישט קיין צייט געהאט אויפצומאכן דאס מויל, אפצוכאפן דעם אטעם, וויילביידע שכנטעס האבן זי ארומ־געכאפט און זי אריינגעצויגן אין דער קיך. שלאמאק האט דערהערט ווי די ווייבער האבן אריינגעשריגן אין סילוויאן:

— ששש... שא!... מאך נישט קיין קולות... — האבן זיי געווארנט סילוויאן, זי זאל שטיל זיין, אבער אליין געמאכט געוואלדן.

— ער איז דא דער תכשיט דיינער! דער פויגל!

— ווער איז דא? — האט סילוויא נישט פארשטאנען.

— נו, דיין מאן!... — האבן די ווייבער געענטפערט, ווי דאס וואלט געווען א נאטירלעכע זאך, אז שלאמאק זאל זיך נאך אזויפיל יארן צוריק אומקערן צו זיין ווייב.

שלאמאק האט געהערט ווי סילוויא האט זיך געוואקלט, געוואלט אריינגיין צו אים — אבער די ווייבער האבן זי נישט געלאזט. מיסיס דינער האט געהאט א פול מויל מיט זאפט און זי האט זיך אזש באלעקט ווי א קאץ פון א גוטן ביסן.

— אז וועסט דיך איבערבעטן מיט אים, ביסטו נישט ווערט וואס די ערד טראגט דיך! ער האט דיך אזוי באליידיקט, אזוי דערנידע־ריקט. — האט די מיסיס דינער אפגעפסקנט.

אבער סילוויא האט זיך געריסן אריינצוגיין. שלאמאק האט דאס געפילט. מיסיס דינער האט ווייטער געשיט פעך און שוועבל אויף זיין חשבון:

— א באנדיט! א לאבוז! א גענגסטער!... ער איז נישט ווערט צו האבן אזא טייער ווייב ווי דו ביסט! כ'וועל דיך נישט לאזן זיך איבערבעטן מיט אים. הערסט, וואס כ'זאג דיר!

— ששש! ער הערט דאך... ער הערט יעדעסווארט, וואס מ'רעדט — האט זיך סילוויא געבעטן.

די ווייבער האבן נאך לאנג גערעדט, זיך געשושקעט, פארגעסן אז מען דארף רעדן שטיל און אויפגעהויבן דאס קול. מיטאמאל איז סילוויא ארויסגעלאפן פון קיך און אריין צו שלאמאקן אין „לאונטש־רום". אז זי איז אריין אין צימער און דערזען שלאמאקן, איז זי באנאסן געווארן מיט א רויטן פלאם און זי האט זיך איינגאנצן געווארפן. אין אירע שיינע, לענגלעך־געשניטענע אויגן איז געווען א סך טרויער־

און א רחמנות צו זיך אַליין. אין די אויגן האָט זיך אויך גענעסטיקט א באַגער זיך צו זען מיטן מאַן, כאָטש ער האָט זי אַזוי פאַרשעמט און נישט געקומען אַפילו אָנקוקן דאָס קינד, וואָס זי האָט אים געבוירן. זי האָט זיך אָבער באַלד געמומען אין די הענט אַריין און נישט אַרויסגעוויזן דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אין איר אָפּגעטאָן. אַנשטאָט ליבע, האָט זי אים אַרויסגעוויזן האַס.

— האו דו יו דו... ווי איז אייער נאָמען, פּליז? וועמען דאַרפט איר? — האָט זי אָנגעהויבן מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט און גערעדט צו אים אויף אַזאַ אופן, ווי מען רעדט צו א פרעמדן, וואָס מען טרעפט ביי זיך אין הויז.

— כ׳בין געקומען צוריק צו דיר, סילוויאַ... — האָט שלאָמאָק געענטפערט — כ׳וויל זיין מיט דיר צוזאַמען. מיט דיר און מיטן קינד...

— כ׳ווייס נישט וואָס איר רעדט! ווער זענט איר? וואָס טוט איר אין מיין הויז?

— כ׳בין געקומען צוריק צו דיר, סילוויאַ. כ׳וויל זיין צוזאַמען מיט דיר און מיטן קינד. — האָט שלאָמאָק געענטפערט דאָסזעלבע וואָס פריער.

— אָבער ווער זענט איר? כ׳פאַרשטיי נישט וואָס איר ווילט פון מיר האָבן!

— נו, הער שוין אויף, סילוויאַ... טו מיר נישט וויי! כ׳ווייס, אַז כ׳בין שולדיק. כ׳נעם די שולד אויף מיר. רעד נישט צו מיר אויף אַזאַ אופן...

— אָבער וואָס זוכט איר אין מיין הויז? כ׳ווייס נישט וואָס איר ווילט?! — איז סילוויאַס קול נאָך אַלץ געווען האַרט און באַפעלעריש-שטרענג, אָבער די האַרטקייט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו קרישלען.

— סילוויאַ, הער אויף! טו מיר נישט וויי!... — האָט שלאָמאָק אויסגעשריגן.

— וועמען זאָל איך נישט וויי טאָן? דיר־יר? אַרויס פון דאַנען! כ׳וויל דיך מער נישט קענען! — האָט סילוויאַס קול מיטאַמאָל א שנייד געטאָן די לופט, ווי א דינע בייטש.

כאָטש סילוויאַ האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט זיך האַלטן אין דער מדרגה און נישט שרייען, האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און איז זיך פאַרגאַנגען אַלץ העכער און העכער. זי האָט זיך נישט געקענט מער באַהערשן און געמוזט אַרויסווייזן איר

צעבראָכנקייט. זי האָט געפילט ווי איר גאַנצער שטאָלץ ווערט צעטראָטן און זי האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון א הויך און זיך געוואָלט אָנכאַפּן אין עפּעס און נישט געקאָנט. דער זיסער מאָמענט פון נקמה, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט אַזויפיל יאָרן, איז געוואָרן צערונען. זי האָט נאָר דערפילט א רחמנות אויף שלאָמאקן און די גאַנצע קעלט, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אין זיך, האָט אָנגעהויבן צו צעגיין, ווי פראָסט אונטער די וואַרעמע גלעטן פון דער זון. אפנים, אז זי האָט אים נאָך אלץ שטאַרק ליב, שלאָמאקן! אין אירע שיינע לענגלעך־געשניטענע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן — און אין די טרערן האָט זיך א וויג געטאָן א שיף. זי האָט דערקענט די שיף. דאָס איז דאָך די זעלבע שיף, מיט וועלכער זי איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין אויסטראַליע. אויף דער זעלבער שיף איז אויך געקומען שלאָמאק. זי געדענקט עס זייער גוט. ס'זענען געפאָרן מיט זיי א סך עמיגראַנטן, יידן און גוים. אָבער זי האָט קיינעם נישט באַמערקט, נאָר שלאָמאקן. דעם אמת געזאָגט, האָבן אים אַלע באַמערקט, נאָר זי איז שוין געווען פאַרליבט אין אים. ס'האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן דער יונגערמאַן מיט די צעווינטיקטע ברוינע האָר און מיט די אומרואיק־גרויע, אביסל פלוטעוואַטע אויגן. ער האָט פאַרמאָגט אזא כוח, אז אַלע האָבן צו אים געקלעפּט. ער איז פול געווען אין אַלע ווינקעלעך. זיינע גיכע טריט האָבן זיך געטראָגן טרעפּ־אַראָפּ און טרעפּ־אַרויף, פון איין קאַבינע אַרויס און אין דער אַנדערער אַריין. זיין קלינגענדיק מענעריש געלעכטער האָט זיך געהערט מיטאַמאָל איבער אַלע דעקן, גלייך ער וואָלט אין דער זעלבער צייט אומעטום געווען.

— שלאָמאַק! שלאָ־אַ־אָמאַק! — האָט מען אים גערופן פון אַלע זייטן.

אָבער ער האָט צו קיינעם נישט געהאַט צופיל צייט. ער האָט זיך געיאָגט ווי א ווינט פון איין אָרט אויפן צווייטן; דאָ גערעדט מיט דעם און דאָ מיט יענעם. צו אַלע מיידלעך, אָן אויסנאַם, האָט ער געשמייכלט.

אז סילוויאַ האָט דערזען שלאָמאקן דאָס ערשטע מאָל אויף דער שיף, האָט זי אים באַלד דערקענט און ס'האָט איר אינעווייניק עפּעס פאַרקלעמט. דאָס איז דאָך דער זעלבער בחור, וואָס איז מיט א טרופּע אַמאָטאָרן אַראָפּגעקומען פון דער שכנותדיקער שטאָט צו זיי אין שטעטל אַריין שפּילן יידיש טעאַטער. בעת ער האָט אַרומפּאַראַדירט איבערן שטעטל, אַרומגערינגלט פון שיינע מיידלעך, האָט זי אים פון

איר טאַטנס שניט־קראָם נאָכגעקוקט. זי איז געווען א גוטע סוחרטע און גאַנצע טעג געשטאַנען אין איר טאַטנס קראָם. אַז ס'איז אַריינגעקומען אַ קונה אין געוועלב, האָט ער איר געמוזט איבערלאָזן דאָס געלט. זי האָט געוווסט די קונץ פון אַריינרעדן אין אַן איינגע־שפּאַרטן פויער אַזוי לאַנג, ביז ער האָט איר געגעבן עפּעס צו לייזן. אין שטאָט האָט זי געשמט מיט איר איבערגעשפּיצטקייט, מיט איר געלערנטקייט און מיט איר געשליפן צינגל, וואָס האָט גערעדט אַ שיינעם פּויליש. די שענסטע און די רייכסטע בחורים האָבן זיך צו איר געשדכנט — אָבער זי האָט קיינעם נישט געוואָלט. נאָר אַז זי האָט דערזען שלאָמאַקן דורכן פענסטער פון איר פאָטערס שניט־געשעפט, האָט זי אים נאָכגעקוקט מיט פאַרחלומטע אויגן. שבת־צונאַכטס איז זי געקומען אין פּוילישן „סאָקול"־זאַל, אַן אויסגעפּוצטע אין אירע שענסטע קליידער, כדי צו זען די פאַרשטעלונג. און ווען זי איז צוריק געשטאַנען אין געשעפט, אַן איינגעבאַבלטע אין אירע וואָכעדיקע קליידער, און געזען ווי דער פרעמדער בחור איז איינגעשטיגן אינעם אויטאָבוס, וואָס האָט זיך געלאָזט מיטן וועג צו דער באַן, איז געבליבן אין איר אַ בענקשאַפט, פּונקט ווי נאָך אַן אָוועקגייענדיקן יום־טוב...

בשעת סילוויאַ איז איצט געשטאַנען אינעם אויפנאַם־צימער קעגנאיבער שלאָמאַקן און איבער אירע איינגעפאַלענע בלייכע באַקן זענען גערונען טרערן, האָט זי נישט געקענט פאַרשטיין ווי זי, אַזאַ קלוג, איבערגעשפּיצט מיידל, האָט זיך פאַרליבט אין אַזאַ פּלאַטער־קאָפּ. זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט מקנא געווען אויף דער שיף די אַלע מיידלעך, וואָס האָבן מיט אים גערעדט און עס איז געוואַקסן אין איר אַ שטילע אייפערזוכט. אָבער ער האָט גאַרנישט באַמערקט. ער איז געווען צופיל פאַרנומען, ער זאָל עפּעס באַמערקן. אין אַלע ספּאָרט־שפּילן האָט ער אָנטיילגענומען. פון די יידישע עמיגראַנטן איז ער געווען דער ראש און אַז מען האָט זיך געדאַרפט ערגעץ אַרויסשטעלן, האָט ער דאָס באַלד געטאָן. ביינאַכט, ווען די אויסטראַלישע פּאַסאַ־זשירן זענען זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע עמיגראַנטן אויף דער שיף און איז מיט זיי אַרויף אויף דעם סאַמע אויבערשטן דעק. די עמיגראַנטן זענען באַשטאַנען פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן: איטאַליענער, גריכן, יידן, יוגאָסלאַוון, טשעכן. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד און אינמיטן איז געזעסן שלאָמאַק, וואָס האָט מיט אַלע אָנגעפירט. ער האָט געבעטן די עמיגראַנטן זיי זאָלן זינגען זייערע נאַציאָנאַלע פאָלקס־לידער. עס זענען געווען

דעמאָלט זילבערן־העלע נעכט. די לבנה האָט אָרומשפּאַצירט אויף דעם דעק, אויף די פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין אַ גרויסן קרייז אויף דער פּאָדלאָגע און געזונגען פאַרשידענע פאָלקס־לידער אין אַלערליי שפּראַכן. דאָס שטילע פאַרבענקטע געזאַנג האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכט צווישן הימל און וואַסער. עס זענען אויפגעשוווּמען פאַרלאָזטע לענדער, שטעט... אויף דער שיף זענען אויך געפאָרן עטלעכע סטודענטן פון אינדיע און שלאָמאָק האָט זיי פאַרבעטן זיי זאָלן קומען אַרויף אויפן דעק אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָלירקע קאָסטיומען. זיי האָבן זיך אויך אַוועקגעזעצט אינעם ראָד און שטיל געזונגען אָריענטאַלישע לידער. אַ סך מאָל, ווען די אויסטראַלישע פּאַסאַזשירן האָבן דערהערט דאָס געזאַנג אויפן דעק, זענען זיי אַרויפגעקומען און אויך געזונגען. אַ דייטשער ייִד, וואָס איז אַנטלאָפן פון היטלערן, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געמוזט אָפּן אַרויסווייזן זיין התפּעלות:

— אָך ווי שען! אָך ווי גראַנדיאָזיק!... — האָט ער זיך אַלעמאָל אַנטציקט און בעת־מעשה געטראַכט פון זיין היים אין דייטשלאַנד, וואָס היטלער האָט חרוב געמאַכט.

איינמאָל, נאָכדעם ווי דער עולם איז נאָכן זינגען זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט שלאָמאָק פלוצים סילוויאַן באַמערקט. ער האָט דערזען ווי זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אים. ער איז מיט אַזאַ אימפּעט צו איר צוגעקומען, אַז זי האָט זיך אַזש צוריקגעצויגן, גלייך זי וואָלט מורא באַקומען, ער גייט איר שלעכטס טאָן. שלאָמאָק האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און איר באַלד געזאָגט „דו״:

— קום, קליינע... כ׳האָב נישט קיין חשק צו גיין שלאָפן.

כ׳מיין, אַז דו ביסט אויך נישט שלעפעריק. און ווער קען דאָס שלאָפן, ווען די נאַכט איז אַזוי שיין! לאָמיר זיך אַביסל איבערגיין. כ׳האָב ליב צו שפּאַנען אויפן דעק. אינצווייען וועט זיין אינטערעסאַנטער...

זי האָט אים געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, זיך אָקעגנשטעלן — אָבער ער האָט זי אַ צי געטאָן נאָך זיך און זי האָט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

אַ שטיק צייט האָבן זיי זיך געדרייט אויף און אָפּ אויפן דעק. ער האָט גיך געשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס און זי האָט אים קוים געקאָנט אָניאָגן. ער האָט צו איר אינגאַנצן נישט גערעדט, גלייך ער וואָלט אָפּילו נישט געוווּסט, אַז זי שלעפּט זיך אים נאָך. פלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט אירע קליינע הענטלעך, אַריינ־

געקוקט איר טיף אין די לענגלעכע אויגן, ווו עס האָבן זיך געטונקען זילבערן-קליינע פּעדעמלעך פון דער לבנה און זיך אָנגערופן:

— אויגן האָסטו שיינע... טיפע... אויגן, וואָס וואָלטן אַלץ אַוועקגעגעבן פון זיך. אָבער דיינע קליינע הענטעלעך וואָלטן אַלץ געוואָלט צושאַרן צו זיך..

זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט, געקוקט אויפן ים, וואָס האָט זיך געשטרעקט ווי אַ גרויסע זילבערנע טאַץ. דער ים, דער הלל, דער הימל — אַלץ איז געווען איינגעטונקען אין זילבער. עס האָט זיך איר מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז זי געפינט זיך אינמיטן פון אַ כישוף־מעשהלע. שלאָמאַק האָט זי צוגעפירט צו אַ רעטונג־שיפל, וואָס איז געהאָנגען איבערן ים. דאָס שיפל האָט אויסגעזען ווי געגאָסן פון זילבער. כאָטש דאָס האַרץ האָט איר זייער געקלאַפּט, איז זי אַריין אין שיפל.

— דאָ וועט אונדז קיינער נישט זען... — האָט זי געהערט ווי שלאָמאַק האָט צו איר שטיל געשעפּטשעט.

בעת זי איז געווען מיט שלאָמאַקן אינעם שיפל, האָט זי פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים, נישט געוואָלט זען די לבנה, וואָס האָט געקוקט אויף איר. ס'איז דאָך די זעלבע לבנה, וואָס וואַכט בייגאַכט איבערן שטעטל, ווו זי האָט איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און זי קען זיי נאָך פאַרטרויען איר סוד...

אַז זיי זענען אָנגעקומען קיין אויסטראַליע, איז זי אַראָפּ פון דער שיף צוזאַמען מיט שלאָמאַקן. זי האָט זיך ווייניק אומגעקוקט אויפן רייכן קוזין, וואָס האָט געוואַרט אויף איר און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. דער קוזין איז געווען אַ קליינער, מיט אַ קאָפּ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איי. צו דעם שפּיץ איי זענען געווען צוגעקלעפּט עטלעכע שיטערע הערעלעך, ווי אָפּגעבליאַקעוועט־פאַרברענט היי. ווען דער קוזין איז געוואויער געוואָרן, אַז זי קלויבט זיך חתונה צו האָבן מיט שלאָמאַקן, האָט ער אָנגעהויבן מיטן מויל צו שפּריצן און מען האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. צוליב נקמה האָט ער איר ווייניק געהאָלפן און זי האָט זיך געמוזט אַליין שטעלן אויף די פיס. ס'האָט זי באַהערשט אַ באַגער עפּעס צו דעריאָגן; זי האָט געוואָלט איבעריאָגן דעם קוזין, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ „ניטינג־פעקטאָרי" און איז געווען זייער רייך. זי האָט אַליין שווער געאַרבעט און געטריבן שלאָמאַקן צו דער אַרבעט. אָבער זיין קאָפּ איז נישט געווען ביי דער אַרבעט. ער האָט זי כסדר אַליין איבערגעלאָזט אין דער פאַבריק און איז אַרומגעגאַנגען צווישן די

שיפס־ברידער, געגרינדעט א טעאטער־קרייז און געהאלטן לעקציעס. א האלב יאר נאכדעם ווי ס'איז אויסגעבראכן די מלחמה, איז שלאמאק אינגאנצן פארשוואונדן. די פאבריק איז שוין דעמאלט גאר גוט אוועק און זי האט אים געדארפט האבן. זי האט דערפילט, אז זי וועט ווערן א מוטער. א צייט לאנג האט זי פונעם מאן גארנישט געהערט. שפעטער האט זי באקומען פון אים א בריוו, אז ער איז ביים מיליטער. ער וועט זיך שלאגן קעגן דייטש. מער האט ער צו איר נישט געשריבן און נאך דער מלחמה זענען דערגאנגען צו איר ידיעות, אז ער קעמפט אין דער באפרייאונגס־מלחמה אין ארץ־ישראל. אז ער האט זיך צוריקגעקערט קיין אויסטראליע, איז ער צו איר נישט געקומען און זי האט געהערט, אז ער איז א „טרעוולער" און פארט ארום איבערן לאנד. ס'האט זיך פארליבט אין אים א טאכטער פון א רייכן סוחר פון אינדיע, וואס איז געקומען קיין בריזבעין מאכן געשעפט...

— סטיק דהעם אפ! די הענט אין דער הייך, ווייל כ'שיס! — האט זיך איצט מיטאמאל דערטראגן צו סילוויאן דאס קוויטשיקע קול פונעם זון.

כאטש סילוויא איז צוגעוווינט געווען צו די ווילדע געשרייען פונעם זון, האט זי זיך איצט אינגאנצן א טרייסל געטאן פון שרעק. זי האט אויפגעהויבן די אויגן און געזען, אז בעני שטייט מיטן רעוואלווער אין דער האנט קעגנאיבער דעם פאטער. דער פאטער הייבט אויף די הענט אין דער הייך, א סימן, אז ער גיט זיך אונטער.

— מאם — האט דאס יינגל זיך א קער געטאן צו איר — פארוואס האסטו מיר נישט געזאגט, אז כ'האב א טאטן? אז מיין טאטע לעבט!... דו ביסט א גרויסע ליגנערין מאמע... א ביג לאיער! ס'איז נישט שיין!...

בעני האט נישט אפגעלאזט דעם טאטן, זיך געפארעט ארום אים, געוואלט ארייגשלעפן די מיסים דינער און מיסים פיש, כדי זיי צו ווייזן, אז ער האט א טאטן, פונקט ווי זיין חבר מייקל האט א טאטן. אבער זיי זענען שוין מער נישט געווען אין הויז און מיטגענומען מיט זיך אויך זיין חבר מייקל.

סילוויא האט אויסגעמיטן דעם מאן, נישט געקוקט אין זיין זייט אריין, כאטש די נייגעריקייט האט זי כסדר געשטופט, זי זאל פון צייט צו צייט בגנבה כאפן א בליק אויף אים. אלץ איז איר פון די הענט געפאלן און אן אומרו איז אין איר געוואקסן. זי האט איצט נישט געקאנט פארגעבן שלאמאקן די צרות וואס ער האט איר אפגעטאן. די גאנצע שטאט האט געוווסט פון איר שאנד. פונקט

ווי אין דער ערשטער רגע, ווען זי האָט דערזען צוריק איר מאַן, האָט זי דערפילט צו אים אַ נאָענטקייט, אַזוי האָט זי איצט געפילט צו אים אַ פרעמדקייט. זי האָט זיך פאַר אים געשעמט, גלייך ער וואָלט געווען פאַר איר אַ ווילד־פרעמדער. זי האָט באַמערקט אַז ער האָט זיך שטאַרק געענדערט, זיך געעלטערט. אפנים אַז זי האָט זיך אויך געעלטערט — אָבער ביי זיך זעט זי דאָס נישט אָן. כדי צו פאַרשטעלן איר פאַרלוירנקייט, האָט זי זיך גענאַפּט אַלעמאָל צו אַן אַנדערער אַרבעט. ס'איז גוט געווען וואָס בעני איז געווען מיט זיי אין שטוב, ער האָט פאַרגלעט דעם ריס צווישן איר און דעם מאַן. פּלוצים האָט זיך סילוויאַ געכאַפּט, אַז זי דאַרף צוגרייטן „טי" און דאָס האָט איר אַרויסגענומען פון דער בושה. ביי־טאָג פירט זי דאָס געשעפט און אַז זי קומט פאַרנאַכט אַהיים, מוז זי צוגרייטן דאָס עסן.

— כ'גיי מאַכן עפּעס צו עסן... — האָט סילוויאַ אַ זאָג געטאָן, נישט צו שלאַמאַקן, נישט צו בענין, נאָר ווי צו זיך אַליין.

בעני איז געבליבן אַליין מיטן פאָטער. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע שפּילכלעך, וואָס ער האָט געבראַנגט צו שלעפּן פון זיין קינדער־צימער און זיי אַוועקגעלייגט פאַרן פאָטער. ס'איז ערשט געווען זיין „בערט־דעי" און ער האָט באַקומען אַ סך מתנות. ער האָט צוריק געלאָזט אין גאַנג דאָס עלעקטרישע באַנדל און ס'האָט זיך מיט אַ רעש געוויקלט אויף די שינעס. אַן עראָפּלאַן איז מיט אַ ווילד געזשום געפלויגן איבערן צימער און שלאַמאַק האָט געמוזט אַלעמאָל אַוועקכאַפּן דעם קאָפּ, ער זאָל זיך אָן אים נישט אָנשלאָגן. דאָס יינגל האָט ווילד געשריגן פון פרייד.

בעני האָט זיך פאַרטראַכט, צוזאַמענגעשלעפּט אַלע זיינע קינדער־זשורנאַלן אין אַ גרויסן שטויס און זיי געשטופּט דעם פאָטער אין פּנים אַריין.

— זעסט, מיסטער... דעדי . . . — האָט זיך בעני אַליין פאַרבעסערט און אָנגערופן דעם טאַטן „דעדי" — דאָס זענען מיינע „קאָמיקס". זעסט די אַלע מענטשן אויף די בילדער? דאָס זענען אַלע גרויסע העלדן! און דער „סופּער־מען" קען פליען ווי אַ פויגל... ווי אַן עראָפּלאַן!... ער איז אַזוי שטאַרק, אַז ער קען ברעכן אייזן! ער פליט איבער לענדער! איבער ימים! אַז ער וויל, ברעכט ער אַדורך אַלע ווענט וואָס שטייען אים אין וועג! ווילסט אַ טאַפּ טאָן מיינע מוסקולן, דעד? — האָט בעני אַרויפגעשאַרצט די אַרבל און געוויזן זיינע ווייסע, דאַרע אָרעמס — כ'בין אויך אַ שטאַרקער... כ'קען אויך פליען! צי קענסטו פליען, דעד?... כ'וועל דיר ווייזן ווי איך פלי...

אָפּגעזאָגט דאָס, איז בעני אַרויף אויפן טיש, צעשפּרייט זיינע הענט ווי פליגל, אַ פּאַך געטאָן מיט זיי און אַ שפּרונג געטאָן אינמיטן שטוב אַריין.

שפּעטער, ווען אַלע זענען געזעסן ביים טיש און געגעסן, האָבן זיי ווייניק צווישן זיך גערעדט. בעני האָט געוואוסט אַז בעתן עסן טאָר ער נישט רעדן, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געפּלאַפּלט עפּעס נאָכאַנאַנד. ווען ער איז שטיל געבליבן, האָבן זיך זיינע אַרויסגעזעצטע אויגן שטאַרק פאַרקלערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די מיסים דינער און מיסים פּיש האָבן ערשט אין קיך אויסגערעדט אַזוי אויפן טאַטן, אָנגערופן אים משוגענער און נאָך אַנדערע נעמען... ער זעט, אַז זיין טאַטע איז „אָל־רייט“! משוגע זענען די מיסים דינער און מיסים פּיש. אויך מיט דער מאַמען איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. זי האַלט אים אין איין זאָגן מוסר אָן אַלץ וואָס ער טוט, געפעלט איר נישט. זי לאָזט אים קיינמאָל נישט שפּרינגען פון טיש און פליען ווי דער „סופּער־מען“...

נאָכן עסן האָט בעני זיך נישט געוואָלט גיין לייגן שלאָפן און די מוטער האָט אים געמוזט מיט געוואַלט אויסטאָן און אַריינלייגן אין בעט. ער האָט נישט געוואָלט שלאָפן ביז דער פאָטער וועט אים נישט דערציילן עפּעס אַ מעשה פון זיינע רייזעס.

סילוויאַ האָט נישט געוואוסט, ווו זי זאָל לייגן דעם מאַן. אַ פאַרשעמטע, מיט רויט־צעפלאַמטע באַקן, האָט זי זיך אַרומגעטראָגן פון איין צימער אין אַנדערן מיטן בעטגעוואַנט אין האַנט און נישט געוואוסט ווו אים אויסצובעטן. זי האָט אים געמאַכט דאָס געלעגער אין אויפנאַם־צימער. לסוף האָט זי זיך זייטיק, ווי בגנבה, אַריינגע־שאַרט אין שלאָף־צימער און דאָרט אים אויסגעבעטט.

ווען זיי זענען געלעגן אינעם גרויסן טאָפּל־בעט, האָט זיך סילוויאַ געטוליעט צום מאַן. יאָרן־לאַנג איז זי אַליין געלעגן אין אַ ווינקל פון דעם גרויסן טאָפּל־בעט, ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין אָרט פאַר זיך. זי האָט זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן, כדי נישט צו דערפילן די גרויסע ליידיקייט. דאָס בעט איז אַלעמאָל געווען פריש־איבערגעצויגן און עס האָט וויים און קאַלט געבלאַנקט, ווי אַ פריש־פאַרשנייט ליידיק פעלד. זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי זי וואָלט געווען אַ קליין קינד און טאַטע־מאַמע וואָלטן זי איבערגעלאָזט אַליין אין אַ פינסטערער שטוב. איצט האָט זי צוריק דערשפּירט דעם מענערישן ריח פון שלאָמאָקס גוף און זי האָט אים מיט אַ סך באַגער איינגעזאַפּט אין זיך.

בעת שלאָמאק האָט שוין געהאַלטן אין איינדרימלען, איז סילוויאַ אַלץ געלעגן מיט אָפענע אויגן. זי האָט געהאַט זיך אַליין צוגעזאָגט, אַז זי וועט שלאָמאקן גאָרנישט פרעגן, נישט דערמאָנען וואָס איז געווען — נאָר זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אָנגעהויבן אים צו שטעלן פאַרשידענע שאלות. דאָס שטעלן די שאלות האָט איר אַ סך וויטיק פאַרשאַפט און אַ איר געברענגט הנאה. זי האָט געהאַלטן אין איין דערציילן דעם מאַן וועגן די אַלע פאַר־פעלקער, וואָס האָבן אַזוי גליקלעך חתונה געהאַט און זענען אַזוי רייך געוואָרן. זי האָט די נעמען פון די פאַר־פעלקער כסדר איבערגעחזרט: די מאַרקלס, די בינדערמאַנס, די טאַביאַשעס... ווי גליקלעך זיי זענען און ווי רייך ... דעם אמת געזאָגט, האָט זי אויך אַכטונג געטאָן, אַז איר פאַבריק זאָל מאַכן אַ שיינעם ריווח און מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן — אָבער איין מענטש קען נישט אויפטאָן דאָס וואָס צוויי! פונדעסטוועגן איז ביי איר אַ פאַבריק — אַ מוסטער! די אַרבעטער האָבן פאַר איר דרך־ארץ און האָבן זי ליב, ווי אַ מאַמען. צוליב דעם וואָס זי ווייסט ווי צו האַלטן די אַרבעטער, האַלט די פאַבריק אין איין וואַקסן...

סילוויאַ האָט נישט איבערגעריסן דאָס רעדן, באַקומען אויף זיך אַליין רחמנות. שלאָמאק איז שוין עטלעכע מאָל אַנטדרימלט געוואָרן, אָבער אירע רייד האָבן אים צוריק אויפגעוועקט. די נעמען פון די גליקלעכע פאַר־פעלקער האָבן זיך אים געוויגט אין קאָפּ. אפילו ווען ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָבן זיי זיך אים געדרייט אין קאָפּ: די מאַרקלס... די בינדערמאַנס... די טאַביאַשעס... סאַראַ גוטע מענער אָט די ווייבער האָבן!...

אויף צומאָרגנס האָט זיך סילוויאַ שפּעט אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך אויפגעריסן מיט שרעק, וואָרים נאָך אין שלאָף האָט זי געפילט, אַז זי האָט פאַרשפּעטיקט אויפצומאַכן די פאַבריק. ביז איצט האָט זי קיינעם נישט אָנגעטרויט די פאַבריק־שליסלען. דאָס האַרץ האָט איר נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. כאָטש זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן פריידיקן געפיל, אַז בעת זי וועט זיך אויפכאַפּן וועט זי טרעפן דעם מאַן לעבן זיך, האָט זי איצט געציטערט אויפן גאַנצן לייב. זי האָט אַ קוק געטאָן לעבן זיך, נאָר דאָס אָרט, וווּ שלאָמאק איז געלעגן, איז געווען ליידיק. סילוויאַ איז שנעל אַראָפּ פון בעט, בהלהדיק אַדורכגע־לאָפן אַלע שטובן, אַ קוק געטאָן אין קיך, אין באָד־צימער — אָבער שלאָמאק איז אינערגעץ נישט געווען. אויף אַ רגע האָט זיך איר אפילו אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז געווען אַ חלום. זי איז אַריין צו

בעניין אין צימער. דאָס קינד איז געשמאַק געשלאָפֿן מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים. זי וועט בעניין נישט וועקן, זאָל ער בלייבן אין שטוב, גיין אַביסל שפּעטער אין דער שול.

בשעת סילוויאַ איז אַרויס פֿון קינדס צימער אויף די שפּיץ־נעגל, כדי אים נישט איבערצוּוועקן, איז איר בליק געפֿאַלן אויף אַ צעטל, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש אין „לאָונטש־רום”. זי האָט שנעל מיט די אויגן אַ לויף געטאָן איבערן צעטל: „כ'וועל צוריקקומען... ס'מוז נאָך דויערן אַ שטיקל צייט!... שלאָמאָק.”

פֿאַרנאַכט, ווען סילוויאַ איז צוריקגעקומען פֿון דער פֿאַבריק, האָבן שוין אויף איר געוואַרט די שכנטעס: די מיסיס דינער און מיסיס פּיש. זיי האָבן זיך געמאַכט אַז זיי האָבן זי צופֿעליק געטראָפֿן, נאָר סילוויאַ האָט דערקענט, אַז זיי האָבן זי אָפּגעוואַרט. מיסיס דינער האָט באַלד געפֿרעגט אויף שלאָמאָקן און סילוויאַ האָט געזאָגט ליגנט, אַז ער איז דאָ אין שטוב. אַז מיסיס דינער האָט זיך נישט געפֿוילט און געוואָלט אַ קוק געבן אין שטוב אַריין — האָט איר סילוויאַ פֿאַרשטעלט דעם וועג. אָבער מיסיס דינער האָט זיך נישט געמאַכט דערפֿון, מיט איר פֿליישיקן עלנבויגן לייכט אָפּגעשטופּט סילוויאַן און מיט געוואָלט זיך אַריינגעריסן אין הויז. סילוויאַ האָט ווידער אויסגעטראַכט אַ ליגנט און זיך געבעטן ביי די ווייבער:

— ער קומט שוין צוריק, שלאָמאָק... ער איז בלויז אַוועק עפּעס באַזאָרגן...

אָבער די שכנטעס האָבן איר שוין גאָרנישט געגלויבט און מיסיס דינער האָט אַ פּאַך געטאָן מיט די אָנגעשטאָפּט־דיקע אָרעמס, ווי מיט צוויי פּעסלעך און זיך ווי פֿאַרמאָסטן אויף איר:

— כ'האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין דער סוף!... — האָט זי געזאָגט אי מיט זיסקייט און אי מיט ביטערקייט אין קול — אַזאַ אויסוווּרף! אַזאַ גענגסטער! אַ מצווה אויף דיר! האָסט אים נישט געטאָרט אַריינלאָזן. געדאַרפֿט אים ווייזן די טיר! האָסט זיך נישט געקענט באַהערשן! דאָס וועט זיין פֿאַר דיר אַ „לעסן”!

ווי שטענדיק האָט מיסיס דינער געוואָרפֿן אירע קורץ־אָפּגעהאַקטע רייד, וואָס האָבן געקלונגען ווי אורטיילן און ווי שטענדיק האָט די מיסיס פּיש צוגעבאָמקעט צו אירע רייד.

נאָר סילוויאַ האָט זיך נישט געלאָזט. ס'האָט זי אָנגענומען אַ שטאַרקער חשק זיך אַקעגנצושטעלן די ווייבער און זיי אויף צו פּיקעניש

זיך אָנגעמען פאַר שלאָמאַקן. ווער האָט זיי געגעבן דאָס רעכט זיך אַריינצומישן אין איר לעבן?! א קליינע, אַן איינגעשרומפּענע, איז זי געשטאַנען קעגנאיבער די ווייבער, גלייך זי וואָלט זיך מיט זיי פאַרמאָסטן אין די כוחות און זיי אויף צו להכעיס געהאַלטן אין איין ליובן איר מאַן. זי האָט אויף דער שנעל געמאָלן מיטן מויל, אַז איר שלאָמאַק איז אַנדערש ווי די אַלע מענטשן דאָ הי!... ער האָט ליב צו זיין א פרייער מענטש... ס'שטיקט אים אין די פיר ווענט פון דער „פעקטאָרי"... ווער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן אין דער באַפרייאונג־מלחמה אין ישראל? ווער האָט אַזויפיל געטאָן פאַר די שיפס־ברידער? פאַר די פּליטים? און וואָס האָט ער אַליין געהאַט דערפון? גאָרנישט! זאָל זיך קיינער נישט מישן צו איר און צום מאַן... ער וועט נאָך צו איר צוריק־קומען, שלאָמאַק!...

נאָכדעם ווי סילוויאַ האָט דאָס אַלץ אין איין אָטעם אָפּגעזאָגט, ווי דאָס רעדן וואָלט איר ווייז געטאָן, איז זי שטיל געבליבן — מער נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך אין שלאָף־צימער, אָבער אויפן וועג האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף איר זון, בעני. דאָס יינגל איז געווען אָנגעטאָן אין אַלע זיינע מלבושים — איין אָנצוג אַרויפגעשלעפּט אויפן אַנדערן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן דעם קאַו־באָי־הוט. פון אַלע טאַשן האָבן אים אַרויסגעשטעקט די בלאַנקנדיק־שטאָלענע הענטלעך פון די רעוואָלווערן. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שווערע וואַליזע, וואָס ער האָט געשלעפּט נאָך זיך אויפן געבלימטן טעפּיך. די וואַליזע האָט זיך נישט געקאָנט פאַרמאַכן, מחמת ס'האָבן דאָרט נישט געקאָנט אַריין זיינע אַלע באַנדלעך, אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען. אָנגעפּעלצט אין זיינע אַלע מלבושים און מיט דער שווערער וואַליזע אין האַנט, האָט בעני אויסגעזען ווי א קליינער באַרג. אַז ער האָט דערזען די מוטער, האָט ער זיך אַביסל דערשראָקן, זיך צוריקגעצווינגן, נאָר באַלד אַ זאָג געטאָן:

— כ'גיי מיך אַרויסציען פון דיר, מאַם! — האָט ער שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך די שווער־אָנגעפּראָפּטע וואַליזע, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל זי אים נישט צונעמען — כ'גיי צום טאַטן... דו האָסט קיינמאָל נישט קיין צייט צו מיר! דער טאַטע האָט יאָ צייט צו מיר... כ'וויל זיין אַ פרייער מענטש... כ'וויל פּונקט אַזוי ווי דער טאַטע פאָרן איבער ימים, איבער לענדער... כ'האָב שוין גענוג געהאַט פון דיר, מאַם...

— דו קליינער באַנדיט... יו ליטל דעוול! — האָט סילוויאַ

אָנגעכאַפּט דעם זון און אָנגעהויבן אים אַרויסשיילן פון אַלע מלבושים און שפּילעכלעך, מיט וועלכע ער איז געווען אָנגעלאָדנט — גיין שוין אין בעט אריין! כ'וועל דיר מאַכן עפּעס צו עסן... מאַרש אין בעט אריין!... דו קליינער באַנדיט...

ווו דער אמת שטייט איין

נאָך פון דער וויטנס האָב איך אים געזען אָנקומען אויף דער פּיגדאָן־סטריט מיט זיין פּאַמעלעכדיקן און שווערן גאַנג, מיט די שאַרנדיקע טריט אויף די שטיינער. אַזוי ווי ס'איז אַלעמאָל געווען זיין טבע, האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַביסל אָנגעבויגן אויף פאָרויס, ווי אַן אָקס צום שטויסן. בשעת כ'האָב אים באַמערקט, האָב איך לחלוטין פאַרגעסן, אַז כ'האָב אים שוין נישט געזען אַ קימאַ־לן פון צוואָנציק יאָר און די לאַנגע צייט, וואָס האָט אונדז צעשיידט, איז מיטאַמאָל אָפּגעמעקט געוואָרן. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַט ערשט נעכטן האָב איך זיך מיט אים געטראָפן און געווען איז עס אין שטעטל און נישט אין דער ווייטער אויסטראַליע. ער האָט זיך אַזוי ווייניק געענדערט און זיין הולך דאָ, אין דער פרעמדער שטאָט, איז געווען פּונקט ווי אַמאָל אין שטעטל, ווען ס'האָבן נאָך דאָרט געלעבט אַלע יידן. אין זיינע גרויסע שטאַרקע הענט האָט ער געהאַלטן פאַרקוועטשט דעם סענקאַטן שטעקן, פּונקט דעם זעלבן וואָס ער האָט געהאַלטן מיט יאָרן צוריק, און אויפן קאָפּ איז ביי אים געזעסן דער זעלבער סאַמעטענער, שוואַרץ־פאַרשמאָלצעוועטער גאַליציאַנער קאַפּעליוש, וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגן אין דער היים.

כ'האָב מיינע אויגן נישט געגלויבט. זאָל דאָס זיין טאַקע מיין רבי, שמשון דער גמרא־מלמד? כ'האָב שוין כמעט ווי פאַרגעסן אין אים און זיך נישט געריכט, אַז ער איז ניצול געוואָרן פון די אַלע פּורעניות, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט אויף יידישע קעפּ.

— ר' שמשון? דאָס זענט איר? געלויבט דעם אייבערשטן, אַז כ'זע אייך!... — האָב איך צו אים אויסגעשטרעקט מיין האַנט און זיך אַליין עפּעס נישט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע ער, ר' שמשון מיין גמרא־מלמד — שלום־עליכם, רבי...

ער האָט מיר אַזוי שנעל זיין האַנט נישט געגעבן און נישט אויפגעהויבן צו מיר די אויגן. ער האָט בלויז שטאַרקער צוגעדריקט אין זיינע גרויסע הענט דעם סענקאַטן שטעקן, וואָס ער פלעגט אַמאָל

נוצן זיך צו באַשיצן פאַר די שקצים, בעת זיי זענען אים באַפאַלן אויפן וועג אַהיים פון בית־המדרש. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך נעענטער צוגעקוקט צו מיר, האָט זיך דער אומצוטרוי פון אים אָפּגעטאָן און ער האָט מיט זיינע שפּיץ־פינגער אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. פון דעם כאַפּ האָב איך אַזש דערפילט אַ ווייטיק און כהרף־עין זיך דערמאָנט אין דעם רבינס כוח אַמאָל אין חדר, בשעת ס'איז אים באַפאַלן אַ כעס און ער האָט געלאָזט אין גאַנג זיינע ידים. נאָר דאָס איז געווען זייער זעלטן, וואָרן שמשון מלמד פלעגט כמעט קיינמאָל נישט שלאָגן זיינע תלמידים.

— הע־ע־ערץ? איאַ הערץ? — האָט דער רבי זיך דערפרייט, וואָס ער האָט געדענקט מיין נאָמען און בעת־מעשה האָט אַ קרומער זייטיקער שמייכל זיך באַזעצט אויף זיין ווילד־פאַרקנוילטער באָרד, וואָס איז נאָך אַלץ געבליבן זאַמדיק־ברוין און די גרויקייט האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף איר במשך פון די לאַנגע יאָרן — עליכם־שלום, הערץ...

ס'האָט מיך גערירט זיין פרייד, זיין גרייטקייט זיך צוצוטוליען צו מיר, וואָרן זיין שטייגער איז געווען צו זיין אָפּגעפרעמדט און ווייט פון מענטשן, מען זאָל חלילה נישט מיינען, אַז ער קריכט וועמען אונטער די נעגל. זיין אומצוטרוי צו אַלץ האָט זיך גענומען זינט ער האָט געהאַט די גרויסע איבערלעבעניש מיט זיין טאָכטער און ער האָט געמוזט אָפּלאָזן דעם שידוך.

אַז כ'האָב זיך דערמאָנט אין זיין טאָכטער, האָב איך אים די אותו־רגע געוואָלט פרעגן, צי זי איז דאָ מיט אים צוזאַמען און צי זי האָט חתונה געהאַט נאָך דעם אומגליק, וואָס האָט מיט איר פּאַסירט. די ווערטער זענען מיר שוין געלעגן אויף דער צונג — אָבער צום גליק האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אַזאַ שאלה טאָר איך בכלל נישט פאַרן מויל ברענגען, וואָרן כ'ווייס נישט, צי די טאָכטער איז ניצול געוואָרן אין דער מלחמה. און אפילו אַז יאָ, איז נישט געווונטשן כ'זאָל אויפמאַכן אַ ווונד, וואָס איז זיכער נאָך ווייט נישט פאַרהיילט. כ'האָב בלויז געפרעגט:

— ווו האָט איר איבערגעלעבט די מלחמה, רבי? ווו זענט איר געווען אין דעם מבול?

— אין רוסלאַנד. אין אוזבעקיסטאַן...

און תוך כדי דיבור האָט דער רבי מוסיף געווען און מיך ארויסגענומען פון דער פאַרלעגנהייט:

— דער מבול האָט מעך מיט רייזלען פאַרטראָגן אַזש קיין אוז־בעקיסטאַן... דו געדענקסט דאָך מיין טאָכטער, רייזלן?... צאַר?...

— אַ שאלה צי איך געדענק רייזלען, רבי? איז רייזל, הייסט עס, דאָ מיט אייך?...

— יאָ — האָט דער רבי גיך אָפּגעהאַקט און דער טרויעריקער בליק פון זיינע גרויסע אַרויסגעקוילערטע ביר־אויגן האָט אַ בלאָנדזשע געטאָן אויף מיר. באַלד האָט ער צוריקגעכאַפּט דעם בליק, וואָרן ער האָט געהאַט אַ טבע נישט צו קוקן יענעם גלייך אין די אויגן אַריין. אין דער רגע אָבער, ווען אונדזערע בליקן האָבן זיך פאַרהעקלט בעת עס איז געקומען צו רייד וועגן רייזלען, האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען.

כדי עפּעס צו זאָגן און אָוועקקערעווען דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש, האָב איך זיך אָנגערופן, כאָטש כ'האָב באַלד געוווסט, אַז ס'איז נישט אויפן אָרט.

— אַבי מען זעט זיך, רבי...

— און וואָס איז דיין טועבץ דאָ, אין די מרחקים, הערץ? כ'האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט הי... האָסט כאָטשביק פרנסה? — האָבן ר' שמשונס געדיכט־צעשויבערטע קזשאַקעס־ברעמען זיך אויפ־געהויבן הויך איבער די אויגן.

— מען קען נישט פאַרזינדיקן... כ'האָב געלויבט דעם אייבערשטן פרנסה... און וואָס טוט איר דאָ, רבי? אוודאי פאַרנעמט איר זיך ווייטער מיט מלמדות. איר קנעלט מיט קינדערלעך... און ווער האָט אייך אַריבערגעבראַכט אַהער?

— זיינוועלע וועוריק... מיינס אַ תלמיד. געדענקסט אים אוודאי? כ'קען קיינמאָל נישט איבערהערן ווי ער רופט זיך הי.. ער איז דאָ, ברוך השם, געוואָרן אַ גרויסער גביר... וווינט אין אַ גאַנצן פּאַלאַץ... בשעת ר'איז געוויער געוואָרן, אַז כ'לעב, האָט ער איינגעלייגט וועלטן עד זאָל קומען אַהער. ער איז דאָ אַ גאַנצער קנאַקער אין דער תלמוד־תורה. ווי הייסט עס הי... אַ פּרעזידענט. ס'זעט אויס, אַז ס'איז דעם אייבערשטנס רצון עד זאָל קיינמאָל נישט פּטור ווערן דאָס קנעלעכץ... עד זאָל אַפּילו אויף דער עלטער גאָרען מיט די גראָבע קעפּ. מיינען דען די היגע קינדער דאָס לערנען? זיי שמעקן אַריין אין דער תלמוד־תורה און פּטור אַן עסק. ס'איז אַ חוזק, הערסט, הערץ!

אז דער רבי האָט דערמאָנט זיין מלמדות, האָט ער זיך כהרף־עין אָנגעצונדן. דאָס רויט־מגושמדיקע פּנים זיינס איז געוואָרן נאָך רויטער און די אָנגעדראָלן־גראָבע בולבע־נאָז — נאָך אָנגעדראָלענער. מיט די גרויסע שטאַרקע הענט האָט ער אָנגעהויבן צו פּאַכען אין דער לופטן, גלייך ער וואָלט גערופן עמעצן צו הילף. בשעת כ׳האָב דאָס דערזען, האָב איך אים תיכף אָנגעכאַפּט ביי אַן אַרבל און געזאָגט, אַז מען זאָל זיך אַביסל דורכגיין. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַרויף מיט דער גאַס, ווו עס האָבן זיך געהויבן צום הימל עטלעכע גרויס־צעוואַקסענע פּאַלמע־ביימער. די שטאַמען פון די ביימער זענען געווען באַהאָרט מיט אַ שוואַרצער קאָרע; בלויז אינדערהויך זענען זיי געווען באַדעקט מיט לעדערן־האַרטע בלעטער, וואָס האָבן אויס־געזען ווי די רימענס ביי אַ קאַנטשיק. ביי טייל פּאַלמען זענען די בלעטער געווען פאַרפלאַכטן און זענען נעזעסן, ווי קאַלפּיקעס, אויף די שטאַמען. כאָטש קיין פּאַלמען זענען ביי אונדז אין שטעטל קיינמאָל נישט געוואַקסן און מיר האָבן געטרעטן אויף אַ פרעמדער גאַס, איז מיר אויסגעקומען, אַז כ׳גיי מיט מיין רבין אינעם היימישן געסל לעבן אַלטן בית־המדרש, ווו ער פלעגט לערנען מיט די תלמידים. האָט דאָך דער שטורם אַרויסגעריסן דעם רבין אַזוי ווי ער שטייט און גייט פונעם שטעטל און אים פאַרוואָרפן איבער לענדער און ימים. לעבן אונדז זענען פאַרבייגעגאַנגען מענטשן — אָבער מיר האָבן קיי־נעם נישט געזען.

בשעת כ׳בין געגאַנגען מיטן רבין איבער דער פרעמדער גאַס, האָב איך זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז כ׳טראָג נישט קיין קאַפּעליוש און כ׳האָב זיך מחמת דעם נישט געפילט באַקוועם. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז פּונקט דאָס זעלבע געפיל האָב איך געהאַט, ווען כ׳פלעג קומען פון וואַרשע אויף אורלויב אַהיים צו טאַטע־מאַמע און כ׳בין געגאַנגען אין גאַס אין בלויזן קאָפּ און כ׳האָב אָנגעטראָפן ר׳ שמשונען, מיין אַמאָליקן גמרא־מלמד. לכתחילה האָב איך זיך געמאַכט אים נישט זען און אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברירה און זיך אָפּגעשטעלט מיט אים, האָב איך געקוקט ערגעץ אַוועק אויף אַ זייט. דער רבי האָט אויך געקוקט אויף אַ זייט, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, נאָר ווי ס׳זעט אויס האָט ער זיך אָנגעשטויסן פאַרוואָס איך פיל זיך נישט גוט און זיך צו מיר אָנגערופן בזה הלשון:

— עך זע אַז דו פילסט זיך נישט אַזוי איי-איי, וואָס דו גייסט אַרום בגילוי־ראש... און פאַרוואָס־זשע גייסטו אַרום ווי אַ גוי? נו

מילא, עך האָב שוין נישט איבער דיר צו זאָגן... דער עיקר איז, אַז דו ביסט אַ ייד און האָסט בטחון אין זיין ליבן נאָמען...

בזה־הלשון האָט גערעדט צו מיר דער רבי, נאָר איך האָב גע־שפּירט, אַז די מעשה אַרט אים שטאַרק און ער טרעט לעבן מיר, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף גלאָז.

ר' שמשון מלמד איז געווען אַ פרומער ייד און ער האָט געקענט גוט לערנען. בחורווייז איז ער געווען אַ ווילדער עילוי און מען איז געווען זיכער, אַז ער וועט ווערן רב. אַז ער איז אָבער קיין רב נישט געוואָרן און איז געוואָרן אַ מלמד, איז אים דאָס נישט ניחא געווען. דער עיקר איז אים נישט ניחא געווען דאָס, וואָס די בית־המדרש־בחורים אין זיין עלטער זענען געוואָרן חשובע באַלעבאַטים, בעלי־פּרנסה און ער איז געווען אַ בלוטיקער אָרעמאַן, וואָס האָט געמוזט אָנקומען צו מלמדות און לערנען פאַר געלט. מען קען נישט זאָגן, אַז פונעם לערנען מיט די תלמידים, האָט ער נישט הנאה געהאַט. להיפך, ס'האָט אים פאַרשאַפט אַ סך הנאה. נאָר ער האָט געוואָלט, אַז זיי, די תלמידים זיינע, זאָלן האָבן פונקט אַזאַ גוטע תפיסה און אַזאַ גוטן זכרון ווי ער. אַז אַ גוט ייִנגל האָט געטראָפן תוספות'ס קשיא, איז ער געווען אין זיבעטן הימל. ער פלעגט אַזש אונטער־שפּרונגען פון שמחה אין זיינע ריזיקע שטיוואַלעס און פון גרויס התפעלות האָט ער מיטן שווערן קולאַק אָנגעהויבן צו באַקען דאָס גוטע ייִנגל. בשעת ס'איז געקומען צו אַ קל וחומר, דער עיקר צו אַ שווערער פאַרפּלאָנ־טערטער סוגיא אין דער גמרא און דער תלמיד מיטן פייערדיקן קעפּל האָט אָנגעהויבן תופס צו זיין און ס'האָט זיך ביי אים אין מוח עפּעס אויסגעפּיקט, האָט ר' שמשון מלמד צעלאָזט זיינס אַ פּאה און זי געצויגן מיט אַלע כוחות, גלייך ער וואָלט וועלן פון איר עפּעס אַרויסקוועטשן:

— אָ! אָ!... — האָט ער געמאַכט קולות, אַז דער אָנגעבויגענער קאַרק איז ביי אים אַזש רויט אויפגעלאָפן — ס'גייט! ס'גייט! נו... נו... אַזוי איז דער פּשט! אַ טייער קעפּל... אָווא... אָווא...

און פון גרויס איבער־געגומענקייט צוליב דעם ייִנגלס חריפות, האָט ער אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקל מיט אַזאַ גבורה, אַז ער האָט שיער נישט אויסגעריסן ביי אים אַ שטיק פלייש.

אָבער נישט אַלעמאָל איז עס אַזוי געווען; און נישט אַלע תלמידים האָבן גלייך פאַרשטאַנען די גמרא. אַ סך מאָל האָט דער רבי אַריינגעגאָרעט אין די ייִנגלעך און עס איז זיי גאָרנישט געקראָכן אין

קאפ אריין. שטאט אריינצוקוקן אין דער גמרא פלעגן די יינגלעך שפילן אונטערן טיש אין קוויטלעך און קוקן אויף די פייגל, וואס זענען אריינגעפלויגן דורכן אויסגעהאקטן בית־המדרש־פענצטער און מיטגעברענגט מיט זיך דעם אטעם פון פעלד און וואלד. דענצמאל האט זיך ר׳ שמשון דערמאנט אין זיין ביטערער דאליע, וואס ער מוז גארען מיט אזעלכע פארשטאפטע קעפ און ער גיט אוועק פאר זיי דאס גאנצע געזונט. די תלמידים וועלן קיינמאל נישט בלייבן ביים לערנען און וועלן נישט אפהיטן דאס יידישקייט! ער האט זיך דער־מאנט אין דעם אומגליק מיט זיין טאכטער און דאס האט אים שטארק צוגעפרעסט אונטערן לעפעלע, אז ס׳האט אים אויסגעפעלט אטעם. ס׳איז אים אויך געקומען אויפן זכרון, אז די שטאט האט אים געטאן אן עוולה און נישט אויפגענומען אים פאר קיין רב. דער היגער רב איז א קנאפער קענער און ער קאן אים ארויסשאקלען פון ארבל. ווען דאס אלץ איז דעם רבין מיטאמאל געקומען אין קאפ אריין, זענען ביי אים פארלאפן די אויגן מיט א נעפל און ער האט א טראסק געטאן דעם גראבן סענקאטן שטעקן אויפן טיש און א געשריי געטאן צו די תלמידים:

— האווריִלעס! וואיטיקעס! באלוואנעס! ארויס פון דאנען! גענוג געלערנט! ס׳עט ענק שוין גארנישט העלפן! ענקערע טאטעס זענען גראבע יונגען און עץ וועט בלייבן גראבע יונגען! נאכוואס די הארע־וואניע... עץ וועט ביי קיין יידישקייט נישט בלייבן... עץ וועט נישט זיין בעסער פון ענקערע טאטעס. ארויס פון דאנען האוורילעס!

מיר, די תלמידים, האבן שוין אויסגעקוקט די מינוט און די רגע, ווען דעם רבין וועט דאס משוגעת באפאלן. „משוגעת" — אזוי האבן מיר אנגערופן דעם רבינס אנפאלן. כהרף עין האבן מיר אויסגעליידיקט דאס בית־המדרש, אז עס איז מער נישט איבערגעבליבן ווי דער וואלקן שטויב, וואס מיר האבן נאך זיך איבערגעלאזט. דעם אמת געזאגט, זענען מיר שטענדיק געווען גרייט צו מאכן ויברח, ווען נאר דער מלמד וועט אונדז הייסן. מיר זענען דאך גאט די נשמה שולדיק געווען! די, וואס זענען געזעסן לעבן ר׳שמשונען, האבן שוין געהאט אזעלכע פארטלען ווי זיך ארויסצובאקומען פון הינטערן טיש, אז קיינער וואלט עפעס בעסערס נישט געקענט אויסקלערן. זיי פלעגן זיך מיט די הענט אנשפארן אין דער גמרא, ארויפטאנצן אויף די בענק, דערנאך אויפן טיש און באלד זענען זיי פארשוונדן דורך דער בית־המדרש־טיר אין פרייען דרויסן. מען איז דאך געווען אין איין שרעק

טאַמער האָט דער רבי חרטה און רופט צוריק אין חדר אריין. מייַמאָל האָט זיך דאָס טאַקע געטראָפן — אָבער ר׳ שמשון האָט שוין נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. מיר זענען שוין געווען ביי דער „ריקע״, וואָס איז געפלאָסן לעבן אַלטן בית־המדרש. נאָך איידער מיר זענען צוגעקומען צום וואַסער, זענען מיר שוין געווען אויסגעטאָן און זיך באַלד אריינגעוואָרפן אין די מוטנע, בלאָטיקע קאַלוזשעס. כאָטש דאָס וואַסער איז געווען פליטקע, קוים דערגרייכט צו די קני, האָבן מיר פונדעסטוועגן „געלייגט קלאַפּטער״, געשוווּמען „נאַזלדיק״ און געמאַכט אַלערליי קונצן. דאָס שעכט־שטיבל איז נישט געווען ווייט פונעם טייכל און דאָס בלוט פון די געקוילעטע עופות איז דאָ אריינגערונען — אָבער אונדז האָט דאָס געאַרט ווי די פּאַראַיאַריקע בלאָטע. ס׳איז געווען זומער־לעב און מיר האָבן זיך געפרייט מיט דעם שיינעם לאַנגן טאָג, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר זיך.

ערשט פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מיר זענען שוין געווען מיד פונעם שווימען, מיד פונעם קאָפּען דעם פוטבאָל, געמאַכט פון אַן אַלטן זאָק, זענען מיר געגאַנגען אַהיים און באַלד פאַרמסרט ר׳ שמשון מלמד פאַר די טאַטעס:

— דער רבי האָט מעך אַרויסגעטריבן פון חדר! — האָט יעדער פון אונדז געטענהט דאָס זעלבע צו זיין טאַטן — דער רבי האָט געזאָגט, אַז עכ׳ל אויסוואַקסן פונקט אַזא גראָבער יונג ווי דו! פונקט אַזא פויערן־וואַיטעק!... ס׳איז אומזיסט און אומנישט מיין לער־נען... פאַרוואָס זאָל דער רבי זאָגן, אַז דו ביסט אַ גראָבער יונג... אַ פויערן־וואַיטעק?!...

דאָס גאַנצע עסק איז אונדז געווען שטאַרק צום הארצן. ס׳איז אונדז גוט געווען זיך צו מאַכן פאַר כּומיקלעך און זיך אָננעמען כּלומרשט די קריוודע פון די טאַטעס. מיטן איבערהיזרן געגנוי און מיט אַלע פּיטשעווקעס די רייד פונעם מלמד האָבן מיר געקענט אריינ־זאָגן אַלץ אונדזערע טאַטעס און דאָס האָט אונדז הנאה געטאָן...

דער שפּיץ איז אָבער געווען, אַז די טאַטעס האָבן אונדז אַלעמאָל צוריקגעשיקט צו ר׳ שמשון דעם גמרא־מלמד, וואָרן אַזוי זאָגן אַ בלאַט גמרא ווי ער, האָט קיינער נישט געקענט אין שטאָט. חוץ דעם האָט מען דערקענט, אַז ר׳ שמשון האָט חרטה אויף זיינע מעשים. בשעת מיין טאַטע איז מיט אים געגאַנגען צוריק פון מנחה־מעריב, האָט ער שטילערהייט זיך צו אים אָנגערופן:

— נאָכוואָס האָט עס אייך געטויגט, ר׳ שמשון?...

דער רבי האָט פּונקט אַזוי שטילערהייט געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געווען געקוקט ערגעץ אַוועק אויף אַ זייט:

— ר׳זענט גערעכט, ר׳ אפרים... נאָר כ׳קען מיר נישט העלפן... עך האָב ליב דעם אמת... אוודאי זענט איר גערעכט...

בשעת כ׳בין געגאַנגען מיטן רבין איבער דער מעלבורנער גאַס, האָב איך נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך. דאָס פּלוצימדיקע באַגעגעניש מיט אים האָט מיך צעדרייט און אַלץ האָט זיך מיר אויסגעמישט. דאָס שטעטל אונדזערס און דאָס פרעמדע מעלבורן זענען געוואָרן איינס. די יאָרן זענען געשפּרונגען צוריק און פאָרויס. כ׳האָב זיך מיטאמאָל געכאַפּט, אַז כ׳האָב נאָך היינט אַ סך צו טאָן און כ׳האָב געזאָגט צום רבין:

— ווו וווינט איר, רבי? כ׳וועל אייך אַהיימפירן... כ׳וועל מאָרגן, אם ירצה השם, צו אייך קומען...

— דאַרפסט זיך נישט מטריח זיין, הערץ. כ׳ווין דאָ נישט וויים. ביסט אוודאי פאַרנומען...

כאָטש ר׳ שמשון האָט זיך איינגעשפּאַרט, כ׳זאָל אים נישט אַהיימ-פירן, האָב איך אים נישט געפאָלגט און אים באַגלייט אין שטוב אַריין, וואָס איז געווען אין שכנות מיט דער תלמוד־תורה, ווו ער האָט געלערנט מיט די קינדער.

— אַז ביסט שוין דאָ ביים הויז, קום אַריין אינעווייניק. — האָט דער רבי מיך פאַרבעטן צו זיך. דאָס האָט מיך אפילו געחידושט, וואָרן זינט דעם אומגליק מיט זיין טאָכטער רייזל, האָט ער פיינט געהאַט, אַז ס׳זענען געקומען צו אים מענטשן.

ווען כ׳בין אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין שטוב, בין איך געבליבן שטיין פאַרבליפט. דעם רבינס דירה האָט אויסגעזען אינ-גאַנצן ווי דאָס הייזל זיינס אין שטעטל. די דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויסער שטוב, וואָס איז געווען אינמיטן איבערגעצווימט מיט אַ פוירהאַנג. פון איין זייט פוירהאַנג איז געווען די שלאָף־שטוב און פון דער אַנדערער זייט איז געווען די קיך. אין דער שלאָף־שטוב האָט געוווינט די טאָכטער און אין קיך איז געשלאָפן ר׳ שמשון. ער האָט דאָ געהאַט שטיין אַן אַלמער מיט אַלטע צעשיטע ספרים. דאָס לעדער פון די רוקנס איז געווען אָפּגעשיילט און נאָכגעהאַנגען אין צוויטן. לעבן קיכל איז געשטאַנען אַ גרויסע מעשענע קוואָרט אויף אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער, אָבער ס׳איז דאָ נישט געווען קיין פּאַס אויף וואַסער, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין אַמאָליקער דירה.

ס'האָט אויסגעקוקט ווי ר' שמשון וואָלט די שטוב איבערגעפּעקלט ווי זי שטייט און גייט פון דער היים...

כ'האָב געזוכט רייזלען און כ'האָב זי קוים דערזען שטיין אין א ווינקל ביים קיכל און קאָכן וואַרעמעס. זי איז געווען זייער פאַר־עלטערט און ווען כ'וויים נישט אז דאָס איז זי, וואָלט איך זי אַסור דערקענט. דאָס בלייכע מאָגערע פּנים איז נישט געווען מער איינ־גערעמט אין די שוואַרצע לאַנגע האָר, נייערט אין ווייסע ווי ביי א זקנה. בלויז די אויגן זענען נאָך אַלץ געווען זייער שוואַרץ און האָבן טרויעריק אַרויסגעקוקט פון פּנים, ווי צוויי שוואַרצע טיפע סאַדזלקעס.

— גאָט העלף... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט און געזאָגט צו איר דאָס, וואָס מען פלעגט זאָגן אין דער היים, ווען מען איז אַריינגעקומען צו יענעם אין שטוב אַריין.

— גיט העלף, גיט יאָר... — האָט זי מיר קוים געענטפערט און בעת־מעשה מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, וואָס האָט געזאָגט, אז זי ווייסט נישט ווער איך בין. פון אירע דינע בלאַסע ליפּן האָט אַראָפּגעטריפט א חוזקדיק־ביטער שמייכעלע, וואָס האָט מיר געגעבן אָנצוגעהערן כ'זאָל מיך נישט באַציען צו איר ווי צו איינער וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער הייניקער וועלט. כ'האָב זיך טאַקע דערמאָנט, אז נאָך אין דער היים האָט זי, בשתיקה פאַרן טאַטן, געלייענט פּוילישע ביכער און געקענט פון אויסנווייניק די לידער פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי.

כאָטש כ'האָב זיך זייער געאיילט, וואָרן כ'האָב נאָך דעם טאָג געהאַט א סך זאַכן צו באַזאָרגן, האָב איך זיך פונדעסטוועגן אָנגערופן צו איר:

— ווי איך זע, דערקענט איר מיך נישט? איר ווייסט נישט ווער איך בין?

— ניין... פון וואַנען זאָל איך וויסן ווער איר זענט?

— כ'בין אייער טאַטנס א תלמיד... פון שטעטל... פון רעדים...

— מיין טאַטע האָט געהאַט א סך תלמידים... איר קענט נישט פאַרלאַנגען פון מיר, כ'זאָל זיי אַלע געדענקען...

לויט דעם ענטפער און לויט דעם חוזק, וואָס האָט באַגלייט אירע רייד, האָב איך אַרויסגעפילט, אז נישט נאָר איז ר' שמשון נישט צופרידן מיט זיין מלמדות, נאָר דער עיקר איז די טאָכטער אָנגעשטעלט קעגן דעם. אַזוי איז זי, אפשר, געווען אין שטעטל און אַזוי איז

זי שוין געבליבן איר גאַנץ לעבן. אין אירע אַלע צרות האָט זי זיכער באַשולדיקט דעם טאַטן — אַלץ אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס.

— גוד־באַי, — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט פון געוווינ־שאַפט אויף ענגליש — כ'וועל שוין גיין, מאָרגן באַלד אינדערפרי וועל איך קומען...

— און אפשר וועסטו נאָך אַביסל בלייבן... — האָט זיך אַריינגעמישט ר' שמשון — מ'גיי מער באַלד עסן וואַרעמעס... וועסט זיך וואַשן און מיט אונדז מיטעסן.

— ניין, אַ שיינעם דאַנק, רבי. כ'האָב ערשט נישט לאַנג געגעסן. כ'וועל שוין גיין.

כ'בין אַרויס. כ'האָב געשפּירט, אַז לענגער וועל איך אין דער דאָזיקער שטוב נישט קענען פאַרבלייבן. דער טרויער, וואָס האָט געהויערט אין יעדן ווינקל, האָט אויף מיר שווער געווירקט. אויף דער גאַס האָב איך אַ טראָפּעלע לייכטער אָפּגעאָטעמט. דאָס קילבלעכע ווינטל האָט מיך אָפּגעפרישט, אָנגענעם געגלעט מיין צעהיצט פּנים און באַרואיקט מיין געמיט. פונדעסטוועגן זענען מיר כסדר נאָכגע־גאַנגען די ווערטער, וואָס רייזל האָט געזאָגט מיט חוזק, אַז זי איז נישט מחויב צו געדענקען אַלע תלמידים פון איר טאַטן. די דאָזיקע ווערטער האָבן מיר נאָכאַנאַנד געפּויקט אין די אויערן. כ'האָב אויך נישט געקענט פאַרגעסן רייזלס פּריציייטיק־ווייסע האָר, ווי ביי אַ זקנה. ווייזט אויס, אַז זי קען נאָך דעם טאַטן גאָרנישט מוחל זיין. ס'איז איר אפנים גאָרנישט ניחא, וואָס זי געהערט צו די עטלעכע ניצול־געוואָרענע יידן אינעם שטעטל, און זי פירט נאָך מיטן טאַטן די אַלטע חשבונות.

דעם אמת געזאָגט, האָט ר' שמשון אַלעמאָל אָפּגעהיטן די טאָכטער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זינט דאָס ווייב זיינס איז אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט, האָט ער די גאַנצע ליבע, וואָס ער האָט געטראָגן צום ווייב, איבערגעפירט אויף דער בת־יחידה. אָבער הגם ר' שמשון האָט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיטן די טאָכטער, נישט געוואָלט זי אַרויסלאָזן פון שטוב, וואָרים ער האָט געוווינט הינטער דער שטאָט צווישן גוים, האָט זי זיך אַליין פאַרשריבן אין אַ גויאישער שקאָלע און געהאַט אַפילו שיקסעס פאַר „קאָלעזשאַנקעס". במשך פונעם טאָג, ווען דער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים, האָט זי זיך באַלד נאָכדעם ווי זי האָט צוגעשטעלט דאָס וואַרעמעס אַרויסגעכאַפּט

אינדרויסן און אליין געבלאָנקעט איבער די פעלדער. זי האָט ליב געהאַט צו גיין צווישן די גאָלדענע זאַנגען, וואָס האָבן זיך אונטער דער זון געוויגט, ווי אַ גאָלדענער טייך. די בלויע קאָרן־בלומען און די רויטע מאַקוווקעס זענען געשווומען אינעם גאָלדענעם טייך און צו איר געלאַכט מיט די בלויע און רויטע קעפּעלעך. זי איז אַליין געשווומען צווישן די זוניקע זאַנגען און פאַר זיך אַליין אויפן קול דעקלאַמירט די לידער פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי. נישט ווייט פונעם קאָרן־פעלד זענען געשטאַנען די קאַסערן, ווו ס'האָבן געדינט די אולאַנער. אַז די אולאַנער זענען צוריקגעריטן פונעם עגזיציר־פּלאַץ האָבן זיי געזונגען פרייליכע און אומעטיקע מיליטערישע לידלעך. זייער געזאַנג האָט זיך געקוילערט איבער די פעלדער. די אולאַנער האָבן שוין געוואוסט, אַז די שיינע „זשידוווטשקע" זאָל זיך באַווייזן צווישן די זאַנגען און זיי האָבן צו איר עפּעס פרייליך אַריבערגעשריגן. זי האָט זיי אָבער נישט געזען און מיט פאַרשעמט־אַראָפּגעלאָזטע, פאַרבענקטע אויגן נאָכגעקוקט דעם אָפיציר, וואָס איז אַזוי שטאָלץ און גלייך געריטן פאָרויס פאַר די אולאַנער. זי איז שוין דענצמאָל געווען אַ כלה און בעת־מעשה געדענקט אויך אין איר חתן, וואָס איז געווען אַ גראָבער יונג. דער פאָטער זיינער האָט איר געטאָן אַ גאַנצע טובה, וואָס ער האָט געלאָזט דעם זון שרייבן מיט איר תנאים. איר גאַנצער נדן איז געווען בלויז דער אויסשטייער, וואָס זי האָט געהאַט צוזאַמענגעשטיקעוועט פון פאָטערס אָרעמע גראָשנס. דער מחותן — אַן אויפגעקומענער גביר — האָט זיך געלאַשטשעט צוליב דעם וואָס איר טאַטע האָט געהאַט אַ שם פון אַ תלמיד־חכם.

רייזל האָט אַזוי לאַנג אַליין אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די פעלדער — ביז מען האָט זי אין אַ בין־השמשות, נאָכן זעצן זיך פון דער זון, געפונען ליגן אין פעלד אַ געשעגדטע. זי איז געווען פאַרחלשט און אַז מען האָט זי געבערענגט צו ר' שמשונען אין שטוב אַריין, האָט מען לאַנג געמוזט שפּריצן אויף איר וואַסער און זי מינטערן. מ'האָט געמיינט, אַז זי איז פאַרביי, וואָרן ס'האָבן אַפילו נישט געהאָלפן די חלשות־טראָפּנס, וואָס מען האָט איר געשטופּט צו דער נאָז, כדי זי זאָל אויפצוועקן. זי איז נישט אויפגעקומען אַזוי לאַנג, ביז מען האָט גערופן צו איר דעם דאָקטאָר. אַז זי האָט קוים מיט לייד אויפגעמאַכט די אויגן, האָט דער פאָטער צו איר אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול:

— נפקא!... אַרויס פון מיין שטוב! וויי איז צו מיר, וואָס

כ'האָב צו דעם דערלעבט! ווײ איז צו מײנע אויגן, וואָס האָבן זיך געדראַפּט צו דעם צוקוקן!...

זינט דענצמאָל האָט דער טאַטע נישט געלאָזט מער די טאָכטער אויף די אויגן און וואָס שטילער און געפּאַלענער זי איז ביי זיך געוואָרן — אַלץ העכער האָט ער אויף איר אויפגעהויבן דאָס קול. נאָר דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, וואָרן אַז דער חתן האָט איר צוריקגעשיקט די תנאים, האָט זיך דער פֿאָטער געביטן נישט צום דערקענען. ער איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט געהאַט אַ בייז הארץ אויפן מחותן, וואָס האָט נישט געהאַט אויף אים קיין פּיצל רחמנות. שטילערהייט האָט ער אין זיך געטראָגן אַ טענה צו דער שטאָט, וואָס האָט אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער און זיך נישט אָנגענומען זיין קריוודע. ס'האָט אים פֿאַרקלעמט ביים הארץ מחמת די בושות און חרפּות, וואָס די טאָכטער האָט געהאַט אויסצושטיין. ווער וועט זיך שוין אויף איר אומקוקן... זי וועט פֿאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ אַריין... ער איז געוואָרן צו איר זייער צוגעלאָזן, כסדר איר נאָכגעקוקט, כאָטש אָפּן האָט ער דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן.

אין אַלטן בית־המדרש, ווו ר' שמשון האָט געלערנט מיט די תּלמידים, האָט מען געוווסט, אַז זינט דער מעשה זענען דעם רבינס אָנפֿאַלן געוואָרן אָפֿטער און מען האָט געוואָרט אויף דער רגע, ער זאָל אַ געשריי טאָן:

— האוורילעס! וואַיטיקעס... אַרויס! ענקערע טאַטעס זענען גראָבע יונגען און עץ וועט בלייבן גראָבע יונגען! אומזיסט מיין גאָרען מיט ענק! אומזיסט און אומנישט מיין האָרעוואַניע... אַרויס!...

ביינאַכט בין איך כמעט נישט געשלאָפֿן; כ'האָב כסדר אַריינגעטראַכט אינעם גורל פֿונעם רבין און פֿון זיין פֿאַרזעסן־אומגליקלעכער טאָכטער. איך האָב זיך נישט געקענט באַין־אופן אַרויספּלאָנטערן פֿון דער טאָכטערס ביטער שמייכעלע, וואָס האָט אויף אַלץ געקוקט מיט אַזויפֿיל פֿאַרשטעלטן און אין דער זעלבער צייט אָפֿענעם חוזק. דאָס קרומלעך־ביטערע שמייכעלע האָט מיך אין עפּעס באַשולדיקט און מיר נאָכגעגאַנגען אין יעדן ווינקעלע, ווו כ'האָב זיך פֿאַרשטעקט... אַזויפֿיל פֿייערן איז זי אַדורך און געבליבן לעבן — אָבער דאָס האָט זי נישט געפֿרייט. זי איז נאָך אַלץ פֿול געווען מיט איר אייגענעם אומגליק. דער ווײ, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך צוליב

איר געטראָטענעם שטאָלץ, האָט מיט אַן אַ שיער טרויער אַרויסגע־קוקט פון אירע שוואַרצע, טיפע אויגן, ווי פון שוואַרצע פאַרלאָזטע ברונעמס...

איך האָב זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז ס'האָט אָנגעהויבן צו בלויען אויף טאָג. כאָטש כ'האָב געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט און כ'האָב געהאַט אַ גוטן תירוץ נישט צו גיין צום רבין און זיין טאָכטער און זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערן אין זייערע צרות — האָט עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כוח מיך געשטופּט צו זיי. כ'האָב אָבער דעם רבין נישט געטראָפן. ער איז שוין געווען אין דער תלמוד־תורה, וו ער האָט געלערנט מיט די קינדער חומש מיט רש"י. כ'האָב בלויז געטראָפן רייזלען, וואָס האָט זיך פאַר מיר ווי אויסבאַהאַלטן. זי האָט נישט אויסגערעדט צו מיר אַ וואָרט, זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר, ווי זי וואָלט מיך אינגאַנצן נישט געזען. אַז כ'האָב דווקא געוואָלט מיט איר פאַרפירן אַ שמועס און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן די אַלע פּורעניות, וואָס די ייִדן זענען דורכגעגאַנגען אין אונדזער שטעטל, האָט זי אַפילו נישט אויפגעהויבן די אויגן צו מיר און באַלד אָפּגעהאַקט מיט איר שטיל אָבער זיכער קול:

— וואָס ווייסט איר?! וואָס קענט איר וועגן דעם זאָגן! איר זענט געווען הי און ס'איז בעסער, אַז איר שווייגט!...

ווען כ'האָב איר געוואָלט מיט עפּעס אַרויסהעלפן, האָט זי נישט געלאָזט. זי האָט מיך באַלד זייטיק אָפּגעמאָסטן מיט די אומעטיקע אויגן און אירע דין־פאַרפּרעסטע, ווייסע ליפּן האָבן ווי געמורמלט צו מיר: „מאַך דיך נישט פאַר אַזאַ גוטן... מ'קען זיך אויף דעם! זייַ נישט אַזאַ צדיק אין פּעלץ".

איך האָב זיך תיכף אָפּגערוקט און איר מער נישט פאַרגעלייגט מיין הילף.

איך בין נאָך געבליבן אַביסל לענגער מיט רייזלען אין שטוב, כדי נישט אַרויסצוווייזן, אַז כ'בין אַזוי היים געבאָדן און כ'באַליידיק מיך פון אַ ליאַדע וואָס. מיין קאָפּ איז אָבער פול געווען מיט איין געדאַנק: וואָס טוט מען, כ'זאָל שוין זיין פון דער אַנדערער זייט טיר. אַז כ'וועל שוין רייזלען מיט גאָרנישט אונטערקומען — דאָס בין איך געווען זיכער. כ'האָב אָבער נישט געוואָלט מיטאַמאָל אַנטלויפן, פּונקט ווי איינער וואָס ציט זיך צוריק פון אַ פאַרשפּילטן קאַמף וויל נישט באַלד מאַכן פּליטה, נאָר רוקט זיך ביסלעכווייז הינטערווייַלעכץ...

א פאָר טעג האָב איך אויסגעמיטן דעם רבינס שטוב, נישט אַריינגעשמעקט אַהין. איך בין געווען איבערצייגט, אַז סיי דער רבי, סיי זיין טאָכטער ווילן מיך נישט זען. כ'דערמאָן זיי אין דעם אומגליק, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט רייזלען אינעם שטעטל. אָבער דאָס געוויסן האָט מיך גענאָגט און אַ קול האָט אין מיר גערופן: „פחדן, וואָס דו ביסט! וויאַזוי לאָזסטו איבער די מענטשן אַליין? אפשר דאַרפן זיי דיך האָבן? ווילסט זיך פון זיי אַרויסדרייען, טראַכסטו אויס פאַרשידענע תירוצים... מ'פאַרשטייט זיך אויף די גנבישע קונצן..."

די פיס האָבן מיך אַליין געטראָגן צוריק צום רבין.

דאָס מאָל בין איך נישט געגאַנגען צו אים אין שטוב אַריין, נאָר כ'האָב אים באַלד געזוכט אין דער תלמוד־תורה. כ'האָב זיך אויסגעקליבן אַ צייט, בעת די תלמידים האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון די „גויאישע שקאָלעס". איך האָב אים דערזען דורכן פענסטער. ער איז געזעסן ביי אַ לאַנגען טיש און געלערנט מיט די קינדער. כאָטש ס'איז געווען קאַלט אינדרויסן, איז ער געזעסן אין בלויזן העמד און די ציצית פונעם טלית־קטן האָבן זיך געבאָמבלט ביי זיינע פיס. אַ גרויסע פאַרפּעצטע יאַרמעלקע האָט צוגעדעקט זיין קאָפּ. ער איז געווען אַזוי פאַריאַכמערט, גלייך ער וואָלט געטאָן אַ שווערע אַרבעט. פונקט אַזוי האָט ער אויסגעזען מיט יאָרן צוריק אינעם שטעטל, ווען ער האָט געלערנט מיט די גמרא־בחורים אינעם אַלטן בית־המדרש.

כ'בין געבליבן צוגעטשוועקט צום אָרט און נישט געקענט די אויגן אָפּרייסן פונעם פענסטער. עס האָט זיך צו מיר געטראָגן אַ באַקאַנטער ניגון, וואָס איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט. כ'האָב באַמערקט, אַז פונקט ווי אין דער היים, האָט דאָ אויך ר' שמשון זיך אַריינגעטאָן אינגאַנצן אינעם לערנען, אַז ער האָט מער גאָרנישט פאַר די אויגן געזען. זיין רויט פאַרשוויצט פנים האָט געשיינט. ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט דווקא ליב געהאַט דאָס לערנען מיט די קינדער. מחמת דעם האָט מען אָוועקגעקוקט און אים מוחל געווען, ווען ס'זענען אים באַפאַלן זיינע משוגעתן.

איך בין נישט אַריין אין דער תלמוד־תורה, געשטאַנען די גאַנצע צייט אינדרויסן און איינגעזאַפּט אין זיך דעם היימיש־באַקאַנטן ניגון, וואָס האָט אין מיין זכרון דערוועקט די ייִנגלערישע יאָרן. דער ניגון, וואָס האָט געקלונגען אַזוי אויסטערליש אין דעם וויטן און פרעמדן לאַנד, האָט זיך מיט שאַרפער בענקשאַפט איינגעשניטן

אין מיר און מיך אוועקגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט. ס׳האָט מיר אַזאַ ווייטיקדיק־זיסע הנאה פאַרשאַפט זיך צו לאָזן פאַרטראָגן אין אַ וועלט, וואָס איז נאָך אַזוי פריש געווען אין מיין געדעכעניש און וואָס איז שוין פאַרגאַנגען...

נאָך עטלעכע מאָל בין איך געקומען צו דער תלמוד־תורה און זיך צוגעהערט צום באַקאַנטן חומש־געזאַנג, וואָס איז געפלאָסן דורך די זוניקע שויבן. נאָר איינמאָל, בעת כ׳בין געשטאַנען אין תלמוד־תורה־הויף און זיך צוגעהערט צום היימישן ניגון, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קול, וואָס כ׳האָב אין דער ערשטער רגע נישט דערקענט.

— אַרויס האָווריִלעס! וואַיטיקעס! ס׳איז אומזיסט מיין האָרע־וואַניע! — האָט דאָס קול זיך געריסן — עץ וועט ביי קיין יידישקייט נישט בלייבן! ענקערע טאַטעס האָבן בלויז אין זין דעם עגל־הזהב. ענקערע טאַטעס זענען גראָבע יונגען און עץ וועט בלייבן גראָבע יונגען. אַרויס!...

ס׳איז געווען ר׳ שמשון דעם מלמדס קול.

כהרף־עין האָבן זיך די ייִנגלעך פון דער תלמוד־תורה גענומען שיטן אַרויס פון דער טיר און דער הויף איז באַלד געבליבן ליידיק, ווי אַ ווינט וואָלט דאָ אַריבער און אַלץ אָפּגעקערט.

אַ שטיק צייט נאָכדעם ווי די תלמידים זענען נעלם געוואָרן, האָט זיך פון דער טיר אַרויסגעשאַרט דער רבי. ער האָט זיך גערוקט פּאַמעלעך און שווער און איז געווען זייער דעריאָכמערט און פאַר־שוויצט. די באָרד איז געווען ביי אים פאַרקאַלטנט, און מער ווי ס׳איז געווען זיין טבע, האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַנגעבויגן אויף פאַרויס. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ שווערע משא. שטיל, גלייך כ׳וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען, האָב איך זיך צוגערוקט צום רבין. אַ שפּאַרע צייט זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק, נישט אַרויסגעבערענגט קיין וואָרט פון די ליפּן. דערנאָך האָב איך דערהערט מיין אייגן קול, וואָס האָט זיך אָן מיין ווילן ביי מיר אַרויסגעריסן:

— דאָ איז נישט אַזוי ווי אין דער היים... דאָ קענען זיך די תלמידים צעלויפן אויף שטענדיק! נאָך וואָס האָט עס אייך געטויגט, רבי?...

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז פּונקט דאָס זעלבע האָט מיט יאָרן צוריק געפרעגט מיין טאַטע, עליו־השלום. דער רבי האָט געענטפערט, געקוקט ערגעץ אַוועק:

— ביסט גערעכט, הערץ... נאָר כ׳קען מיר נישט העלפן... עד האָב ליב דעם אמת...

כ׳בין נאָך אַ שטיקל וועגס געגאַנגען מיטן רבין און דערנאָך זיך מיט אים געזעגנט. בעת כ׳בין אַוועק, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך נישט אומצוקוקן — אָבער כ׳האָב זיך אומגעקוקט. איך האָב דערזען דעם רבינס שטאַרק אָנגעבויגענע פּלייצע, וואָס האָט זיך פּאַוואָליע און מיט עקשנות גערוקט לענג־אויס די נידעריקע קאַרלטאָ־נער הייזלעך. כ׳בין געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט דעם רבין, וואָס האָט זיך פון מיר דערווייטערט. ווי אַן איינזאַמער טונקעלער פלעק האָט זיך זיין שוואַרץ־געהויקערטע פּלייצע געצייכנט אינעם בן־השמשות. אויפן בלייכן הימל האָט זיך געצונדן די שקיעה, איינגעהילט די גאַס אין אַ ציטערדיק־רויטן פאַרגייענדיקן ליכט...

א קליין הויז צווישן גרויסע הייזער

אריינגערוקט צווישן די גרויסע הייזער, וואָס האָבן זיך הויך און גאַווהדיק געשטרעקט צום הימל, איז געשטאַנען דאָס קליינע הויז. די גרויסע, מאָדערנע הייזער האָבן ביטולדיק אַראָפּגעקוקט צום קליינעם הויז, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט לעבן זייערע פיס, ווי אַן אָרעמער יורד לעבן אויפגעקומענע גבירים. דאָס הויז האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ יורד. דער דאַך איז געווען אַלט און פאַרלאַטעט, די ווענט אויפגעבלאָזן, ווי זיי וואָלטן געליטן פון דער ענגלישער קרענק און די פאַרב איז געווען אָפּגעקראַכן, ווי די פעל פון אַ הימלאָזער קאַץ.

דאָס קליינע אָרעמע הויז איז געווען שטענדיק פאַרטראַכט, ווי עס וואָלט געחלומט פון די אַמאָליקע צייטן, ווען אַרום זענען נישט געשטאַנען די פיל־שטאָקיקע אויסגעפּוצטע הייזער, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם הימל און די זון, נאָר די נידעריקע, איינגעהויקערטע הייזלעך. מיט זיי איז געווען פריילעך און גוט אויף דער נשמה. אויך די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די הייזלעך, זענען געווען אַנדערש. זיי זענען געווען רואיק און האָבן זיך נישט אַזוי שטאַרק געאײַלט. וואָס אײַלן זיך די הײַנטיקע מענטשן אַזוי שטאַרק? וווּ לויפן זיי?

זינט דעם טאָג, ווען ס'זענען אויסגעוואַקסן אין דעם געסל די אַלע בעל־מלאכות — דער עיקר דער „רעקער", וואָס האָט געברענגט דעם „בולדאָזער" און כלערליי הייב־מאַשינען — האָט זיך דאָ אַלץ געביטן. דער „רעקער" מיט זיינע געהילפן האָבן זיך כהרף־עין געכאַפּט צו דער מלאכה און גענומען אַראָפּשלעפּן דעכער, ברעכן טירן און פענסטער און האַקן מויערן. באַלד איז דער פּלאַץ, וווּ עס איז ערשט געווען פול מיט לעבן, אויסגעליידיקט געוואָרן — אַ חורבה, אָנגעוואָרפן מיט אַלטע צעקרישלטע ציגל, גרוז, שטיקער בלעך און האָלץ. דעם קליינעם הויז, וואָס איז געבליבן גאַנץ, איז געוואָרן קאַלט. ס'איז געשטאַנען אין אים ציטערניש, אַז באַלד וועלן זיך די בעל־מלאכות אויך אַ נעם טאָן צו אים און אַרייַנפאַלן אין זיין לייב מיט

די אַלע מאַשינען. דאָס הייזל האָט געציטערט פון מורא, פּונקט ווי אַ שעפּס, וואָס קוקט זיך צו ווי מ׳שעכט זיינע ברידער...

אָבער דאָס קליינע הויז האָט קיינער נישט געטשעפּעט און עס איז געבליבן גאַנץ, ווי אויף צו דערמאָנען די אַלטע צייטן. צו פאַרדאַנקען דאָס לעבן האָט דאָס הייזל געהאַט די באַלעבאַטים — איציק און פייגעלע געלעם. זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז זיי וועלן זיך פון דאַנען נישט אַרויסציען, ס׳געפעלט זיי דאָ צו וווינען. זיי מוזן ווייטער דאָ אָפּהיטן די קליינע קינדער, וואָס די מאַמעס ברענגען צו זיי אינדערפרי, איידער זיי גייען צו דער אַרבעט. דאָס רוב פון די מאַמעס זענען געווען אין די געטאָס, אין די לאַגערן ביי היטלערן און האָבן דורכגעמאַכט שבעה־מדורי־גיהנום. וו וועלן זיי האָבן איבערצולאָזן די קינדער?

פּונקט ווי דאָס קליינע הייזל האָט געבענקט צו די צייטן פון אַמאָל, ווען אין שכנות זענען געשטאַנען די אַלטע קליינע הייזער, אַזוי האָט אויך איציק געלעם געבענקט צו יענע צייטן. ער האָט אַלעמאָל באַקוקט דעם לײדיקן פּלאַץ און אין זיינע אויגן האָט זיך באַזעצט אַן אומעט. ער געדענקט דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק, וואָס האָט געוווינט עטלעכע טריט פון אים. ער זעט דעם אַלטיטשקן, וואָס איז אַלע אינדערפרי געגאַנגען מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם דאַווענען אינעם ״דערבייאיקן שולעכל. ווייטער אַביסל האָט געוווינט אַן איטאַליענער, וואָס האָט געהאַט אַ פּרוכט־שאַפּ און אַ סך קליינע קינדער. דאָס קליינוואַרג האָט זיך געשפּילט אין גאַס און אָנגעמאַכט אַזאַ פריילעכן טומל...

איצט איז שטיל אַרום. מען הערט נישט קיין שאָרך. בלויז דער ווינט יאָגט זיך איבערן ליידיקן, חרובן פּלאַץ און שפּילט זיך מיט די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן און מיטן שטויב, וואָס ער גיט אַלעמאָל אַ הייב אין דער לופטן... איציק האָט דעמאָלט ליב זיך אָוועקצושטעלן פאַר זיין הייזל און רעדן דערצו:

— האַ, גוטער ברודער, ווען נישט איך וואָלט שוין פון דיר קיין געדעכעניש נישט געבליבן... מ׳וואָלט דיך פּאַרטיק געמאַכט איינס און צוויי!

דער לײדיקער פּלאַץ איז אָבער צוריק פאַרבויט געוואָרן און דאָס איז געשען באַלד נאָכדעם, ווען ס׳איז דאָ געקומען מיסטער טאַקער צוזאַמען מיט נאָך צוויי פאַרשוינען, וואָס זענען געווען שטאַרק אויסגעפּוצט און האָבן געטראָגן טעקעס אונטערן אָרעם. מיסטער טאַקער איז געווען אַ דאַרער און אַ הויכער מיט אַ לאַנג, בלאַס פּנים.

די נשמה איז אים געלעגן אויף דער שפּיץ נאָז. ער האָט געהאַט איין האַרץ־אַטאַק נאָכן אַנדערן; אַ „פּאַוויעסטקע" האָט אים גערופן אויף יענער וועלט. פון אַ פּאַראַליזש איז ביי אים דער קאָפּ אַראָפּגעזונקען געוואָרן און ער האָט שטענדיק געקוקט צו דער ערד, גלייך ער וואָלט עפּעס געזוכט. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז זיין גאַנצע עובדא באַשטאַנען אַרומצופאָרן צו זיינע „שאָפּס", וואָס ער האָט געהאַט צעשפּרייט איבער אַלע עקן פון דער שטאָט. זינט ער האָט אָנגעהויבן צו בויען זיינע גרויסע הייזער, איז ער אויך פאַרנומען געווען מיטן קומען זען ווי עס וואַקסן זיינע מאָדערנע „פּלעטס". ער האָט ליב געהאַט זיך צוצוקוקן ווי די מויערער שטייען אויף די רושטאָוואַניעס און זיינע „פּלעטס" וואַקסן העכער און העכער — אָט דערגרייכן זיי שוין צום הימל. ער האָט אָבער צו די הייזער נישט געקאָנט אַרויפקוקן, וואָרום דער אָנגעבויגענער קאָפּ האָט אים געשטערט. ער האָט בלויז געפילט ווי זיינע הייזער וואַקסן און דאָס האַרץ איז ביי אים געוואַקסן פאַר פרייד.

איטלעכעס מאָל, ווען מיסטער טאַקער איז געקומען קוקן צו זיינע „פּלעטס", וואָס זענען געווען זייער מאָדערן און האָבן פאַרמאָגט אַלע עולם-הזהדיקע באַקוועמלעכקייטן, איז דעם קליינעם הויז באַפאַלן אַן אימה, ווייל ס'האָט דערפילט אַז ס'איז ביי אים ווי אַ דאָרן אין אויג. און דאָס קליינע הויז איז געווען גערעכט — מיסטער טאַקער האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט, כדי דערפון פּטור צו ווערן. ער האָט כסדר גערופן צו זיך אין אָפיס איציק געלעס און איינגעטענהט מיט אים ער זאָל אים דאָס הויז פאַרקויפן. אָבער איציק האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און גערענקען. מיסטער טאַקער האָט געהאַנדלט מיט איציקן זייער פאַרזיכטיק. ווי נאָר ער איז אַריין צו אים אין ביורא, האָט ער אים צוגעשאַרט דאָס קעסטעלע מיט פּאַפּיראָסן, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש:

— אַ סיגאַרעט? וואָס פאַרא סיגאַרעטס רייכערט איר?

— אַ דאַנק, כ'רייכער נישט. — האָט איציק אַוועקגעשאַרט פון זיך דאָס קעסטעלע.

— אפשר אַ טרונק? וואָס פּריפערט איר? אַ וויסקי? אַ ברענדי? כ'על אייך געבן אַ פּוילישע וואָדקאַ, אימפּאָרטירט פון פּוילן... דאָס פלעשל האָט נאָך דעם פּוילישן מאָנאָפּאָל אויף זיך.. — האָט מיסטער טאַקער אַרויסגענומען פון אַן אַלט שענקל אַ טאַץ מיט עטלעכע פאַרפּאַפּטע פלעשלעך און אַרויפגעשטעלט אַלץ אויפן פאַר־שטויבטן שרייב־טיש.

— ניין, א דאנק, כ'טרינק נישט... — האט איציק געלעגט זיך נישט צוגערירט צו די געטראנקען.

— אוי, אן איינגעשפארטער ייד! — האט מיסטער טאקער א מורמל געטאן צו זיך — מילא איך טרינק נישט, האבן מיר די דאקטוירים פארווערט. אבער וואס טרינקט איר נישט?

— די יידן זענען אן איינגעשפארט פאלק — איז דעם מיסטער טאקער אדורך א געדאנק אין קאפ. ער האט זיך אויסגעלערנט פון די אויסטראלישע ביזנעס־לייט מכבד צו זיין אלע מענטשן, וואס זענען געקומען צו אים מאכן געשעפטן. אז מען איז מכבד אן אויסטראליער, קען מען ביי אים נאך ווייך מאכן דאס הארץ — אבער נישט ביי קיין ייד!

מיסטער טאקער האט שוין געזען, אז מיט קיין דריידלעך וועט ער ביי געלעסן גארנישט פועלן, ער איז א הארטע נוס צו צעקנאקן, איז ער ארויס מיט אפענע דיבורים.

— פארוואס ווילט איר מיר נישט פארקויפן דאס הויז? — האט מיסטער טאקער נישט געקוקט געלעסן אין פנים אריין, נאר געהאלטן די אויגן אראפגעלאזט צו דער ערד צוליב זיין מום — וואס דארפט איר די חורבה? דער העלטה־אינספעקטאר וועט אייך פון דער חורבה ארויסווארפן... נאך דערצו אז איר האלט קליינע קינדער. דאס הויז איז בוי־פעליק...

— דאס הויז איז נישט בוי־פעליק! דער הויז-אינספעקטאר האט עס נעזען! — איז איציק געווארן בייז — און איר פארזארגט נישט קיינעם!

— וואס דארפט איר זיך בייזערן? כ'האב אייך עפעס געטאן?! מען דארף זיך נישט בייזערן... — האבן מיסטער טאקערס בלאסע אויגן אלץ געקוקט צו דער ערד — וואס ווארט איר? איר ווילט ס'זאל אייך ווער געבן א גרעסערן פרייז? איר האלט די חורבה אויף שפעקולאציע? קיינער וועט אייך מער פון מיר נישט געבן! נעווער מיינד... כ'על אייך געבן נאך א טויזנטער. איר זעט ווי לייכט כ'בין אין ביזנעס... כ'בין א ספארט...

— נאר מאכט נישט אויף קיינעם קיין בילבול! כ'האב עס פיינט! איך בין זיכער נישט קיין שפעקולאנט. שפעקולאנטן זוכט ערגעץ אנדערש! דערווייל וועל איך דאס הויז נישט פארקויפן. וווּ וועלן די מאמעס, וואס גייען אינדערפרי צו דער ארבעט, איבערלאזן די קינדער? מיין פרוי און איך טוען אויף זיי אכטונג, לערנען זיי צו

עפּעס. איך האָלט אַ קינד פון אייערס אַ שוועגערין. זי האָט זיך שוין געגוג אָנגעליטן ביי היטלערן!

— נעוועד מיינד מיין שוועגערין... זי קען דאָס קינד שיקן ערגעץ אַנדערש. און איר וועט זיך קענען פאַרן געלט קויפן עפּעס בעסערס און דאָרט זיך מאַכן אַ קינדער־גאָרטן. וואָס דאַרפט איר פּונקט זיצן דאָ? די קינדער מאַכן אַן אַ טומל! שטערן די איינוווינער! חוץ דעם מאַכט די חורבה קאַליע דעם שיינעם אויסזען פון די הייזער! כ׳וויל אויפן אָרט פון אייער הייזל אויפבויען עפּעס ס׳זאָל האָבן אַ קוק... כ׳וועל אייך געבן נאָך פינף הונדערט פונטלעך. איר זעט ווי איך בין לייכט אין ביזנעס... איך בין אַ ספּאָרט...

— ניין, מיסטער טאַקער — האָט זיך איציק געלעם אויפגע־שטעלט צום גיין — כ׳פאַרקויף נישט! ערגעץ אַנדערש וועלן די קינדער צו מיר נישט קומען. ס׳וועט זיין צו ווייט פאַר זיי... מיין פייגעלע און איך האָבן זיך צוגעוווינט צום קליינוואַרג. אַליין האָבן מיר קיין קינדער נישט. ס׳וועט אייך נישט העלפן צו שיקן מער דעם הויז־אינספּעקטאָר! דאָס הויז איז אָל־רייט. כ׳האָב שוין אפילו די ווענט פון דרויסן פאַראַכטן. מיין הויז איז אָל־רייט! ס׳וועט אונדז נאָך אַלע איבערלעבן!

אויף דער גאַס איז איציקן נאָכגעגאַנגען דער טוכלער ריח פון טאַקערס ביורא. אַ דיקער שטויב איז דאָרט אויף אַלץ געלעגן. דאָס מעבל איז געווען אַלט־פרענקיש. קיין איין מעבל־שטיק האָט נישט געפּאַסט מיטן צווייטן. דער פּאָטעל, וווּ טאַקער איז געזעסן, האָט פאַרמאָגט אַ גרויס לאָך. די פלעשלעך פון די משקאות זענען געווען פאַרקלעפּט פון קוים. מיסטער טאַקער אַליין האָט געטראָגן אַן אָפּגעשאָסענעם ברייטן אָנצוג, ווו זיין דאַרער גוף האָט זיך געבאַמבלט, ווי דאָס צינגל ביי אַ גלאָק. די ברייטע הויזן זענען אים נאָכגעהאָנגען, ווי זעק. דער אַלט־מאָדישער הארטער קראַגן האָט זיך אים איינגע־שניטן אין די לויזע, הענגנדיקע גוידערלעך פון האַלדז. אבי די הייזער, וואָס ער בויט, זענען שיין און מאָדערן. אַז ער קומט צו די הייזער און וויל אַרויפקוקן צו די הויכע גאָרנס, קען ער נישט. דער קאָפּ איז ביי אים אַראָפּגעזונקען און ער מוז כסדר קוקן צו דער ערד...

ביי זיך אין שטוב האָבן געלעסן באַגעגנט די פריילעכע קולות פון די קינדער. טייל קינדער האָבן זיך געשפּילט אין הויף. זיי האָבן געמאַכט אַ ראָד און געזונגען און געפּאַטשט מיט די הענטלעך. אינמיטן ראָד איז געשטאַנען פייגעלע און אויך געזונגען און געפּאַטשט מיט די הענט. ווען דאָס ייִנגעלע פון טאַקערס שוועגערין האָט דערזען

איציקן, האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון ראָד, צוגעלאָפן צו אים און זיך אַרויפגעכאַפּט צו אים אויף דער פּלייצע.

— האָסט מיר עפּעס געבראַנגט, אָנקל איציק? — האָט דער קלײנער באָלוש ברייט צעעפנט זײַנע שוואַרצע אויגן, וואָס זענען געווען צעגאָסן אויף זײַן בלאַס פּנימל, ווי טינט-פלעקן אויף אַ לעש־פּאַפּיר — ווייז נאָר וואָס דו האָסט מיר געבראַנגט!

— זיי נישט קיין לאָבוז און קריך אַראָפּ פונעם לערער איציק! ער האָט נישט קיין כוח צו דיר! ווו איז דער דרך־ארץ? — איז פייגעלע אַרויס פונעם ראָד און צוגעגאַנגען צו באָלושן — אַז דער לערער איציק האָט דיר עפּעס געקויפט, וועט ער דיר אַליין געבן. און וואָס פאַרא מיוחס ביסטו? מתנות דאַרף מען ברענגען פאַר אַלע קינדער, נישט בלויז פאַר דיר אַליין..

— כ׳וועל נישט אַראָפּקריכן, ביז דער אָנקל וועט מיר עפּעס געבן! — האָט זיך באָלוש איינגעשפּאַרט — כ׳וויל אַז דער אָנקל זאָל מיך נעמען „נאַ קופּטשע ציעלע".

— קריך שוין אַראָפּ! — האָט זיך ווידער דערהערט פייגעלעס שטרענג קול — כ׳האָב פיינט אַז דו פאָלגסט נישט... אַז דו האָסט חוצפּה!

— לאָז אים אָפּ. ס׳איז דאָך אַ קינד... — האָט זיך איציק איינגעשטעלט פאַרן יינגל.

דאָס האָט פייגעלען אָנגעצונדן. נישט בלויז פון היינט האָט זי מיט איציקן אַזעלכע סכסוכים. אַ געענדיקטע פּרעבליסטין איז זי — נישט ער! חוץ דעם וויל זי נישט, אַז די קינדער זאָלן אים רופן „אָנקל" אַנשטאָט „לערער".

— קום, איציק! כ׳האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן! — האָט פייגעלע אַ ווונק געגעבן צום מאַן, ער זאָל אַריין מיט איר אין אַ באַזונדערער שטוב.

פייגעלע איז געגאַנגען די ערשטע און בלית־ברירה איז איר איציק נאָכגעגאַנגען. ער האָט שוין פון פאָרויס געוווּסט וואָס זי וויל מיט אים רעדן. ווי שטענדיק וועט זי צו אים האָבן טענות פאַרוואָס ער צעלאָזט די קינדער. אַז ער ווייסט גאָרנישט פון קיין דערציונג, זאָל ער בעסער זיך נישט מישן. ער נידעריקט בלויז אַראָפּ איר אויטאָריטעט ביים קלײנוואַרג! זיי זענען קלוג און וואַרטן נאָר דערויף! זי איז אַ געשולטע פּרעבליסטין. זי האָט אַ דיפּלאָם, וואָס זי האָט געבראַנגט פון וואַרשע!

די אַלע טענות האָט טאַקע פייגעלע אַרויסגעלייגט פאַר איציקן:

זי האָט אים גערופן אין דעם באַזונדערן צימער, כדי די קינדער זאָלן זיך צו דעם נישט צוהערן. זי ווייסט, אַז ביי אים איז עס אַלץ איינס — אָבער ביי איר שפּילט דאָס אַ גרויסע ראָלע. זי האָט זיך זייער דענערווירט. איציקס פּירעבץ האָט איר געקאָסט שטיקער געזונט. ביי זיך האָט זי אָבער געוווּסט דעם גאַנצן אמת, אַז לעולם איז זי נאָר אייפערזיכטיק אויפן מאַן וואָס די קינדער האָבן אַזוי ליב און קלעפּן צו אים. כאָטש פייגעלע האָט געוווּסט, אַז אַ לערערין דאַרף האַלטן די קינדער מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ פון זיך, האָט זי נישט איינמאָל געוואָלט זיין צו זיי פּונקט אַזוי צוגעלאָזן ווי דער מאַן. ס'האָט איר ווי געטאָן וואָס די קינדער האָבן צו אים אַזאַ משפּחהדיקע באַציִונג און צו איר נישט, אַפילו דעמאָלט ווען זי ווייזט זיי אַרויס וואַרעמקייט. זי האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס קליינוואַרג זאָל רופן איציקן „אָנקל", אָבער שטילערהייט האָט זי געבענקט, אַז זי זאָל דערהערן פון אַ קינדעריש מיילעכל דאָס וואָרט „אַנטי". זי האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם קינדערישן געפּלאַפּל, וואָס זאָל זי רופן „מאַמע"...

אפשר איז איר מאַן טאַקע גערעכט און ווייסט בעסער ווי זיך אומצוגיין מיט די שוועלבעלעך ווי זי? ער האָט נישט געענדיקט קיין פּעדאַגאָגישע שול, אָבער דער גלייכער שכל איז אַמאָל בעסער פון די בעסטע שולן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך אָנגערופן:

— האָסט שוין ווייטער געלאָזט, אַז באַלוש זאָל דיר קריכן אויפן קאָפּ? וויפיל מאָל האָב איך דיך געלערנט זאָלסט דאָס נישט לאָזן! טוסט נישט מיט דעם די קינדער קיין טובה און אוודאי נישט די עלטערן. זיי צאָלן געלט און ווילן מען זאָל דאָס קליינוואַרג עפּעס אויסלערנען! צום סוף צעלאָזטו זיי! ביסט נישט קיין מענטש...

— נו, גיי שוין גיי... נעם דיר נישט אַלץ אַזוי שטאַרק צום האַרץ! מען דאַרף געבן אַביסל פרייהייט די קינדער. דאָ איז נישט קיין תּפיסה... — האָט זיך איציקס ברייט פּנים נאָך מער צעגאָסן אין דער ברייט.

— ס'איז מיר שוין בעסער געווען ווען דו ביסט געגאַנגען צו דער אַרבעט און מיר נישט געהאָלפן! ווער דאַרף דיין הילף! מוחל טובות!

פייגעלע האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך. זי איז געשטאַנען אַקעגן איציקן, אַ הויכע און אַ שטרענגע און דער אַלט־פרענקישער קאָקס האָט ביי איר געציטערט. זי איז געווען אַביסל איבערגעוואַקסן. סיי דאָס ווייסע, ציכטיק־אויסגעוואַשענע קעלנערל,

וואָס איז געווען איבערגעלייגט איבערן שוואַרצן סוועטער, סיי די צעקנייטשטע בעקעלעך, ווי פאַרלעגענע עפּעלעך און סיי די לאַנגע דינע פיס, האָבן זי געמאַכט אויסזען ווי אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד.

איציק האָט גאַרנישט געענטפערט און איז אַרויס פון שטוב. פייגעלע איז געבליבן אַליין און דער פּאַרדרוס איז אין איר געוואַקסן, הלמאי ער האָט זי אַליין איבערגעלאָזט. ס'איז איר געקומען אויפן רעיון, אַז זי און איציק זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. אפּנים אַז מאַן און ווייב וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט פאַרשטיין... ווען זי און איציק זענען ייִנגער געווען האָבן זיי זיך גיכער פאַרשטאַנען ווי היינט, כאָטש עס האָט געדאַרפט זיין פאַרקערט. אין די יונגע יאָרן האָט זי איציקן אַלץ מוחל געווען. זי האָט אפילו נישט צו ערנסט גענומען זיינע רייד, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון די ביכער ביי קראָפּאָטקינען און ראָקערן. אויך מיט די דאָזיקע אַנאַרכיסטישע שרייבער איז ער אינגאַנצן נישט מסכים געווען און געהאַט זיין אייגענע איינשטעלונג צום לעבן. ער האָט געהאַלטן, אַז קיין שום טעאָריעס וועלן דעם מענטש נישט איבערדערציען. אויב ער וועט עס אַליין נישט טאָן. אויב דער מענטש איז געבוירן געוואָרן שלעכט, מוז ער אַליין אַלץ טאָן, כדי צו ווערן גוט... דער מענטש איז פון דער נאַטור אַ שלעכטער, מוז ער טאָקע כסדר מיט זיך אַליין פירן אַ קאַמף... איציק איז פון דער פּראָווינץ געקומען קיין וואַרשע און ער האָט געוווינט ביי אירע עלטערן אין דער קיך. דאָרטן האָט ער געהאַט זיין קאַמאַשן-מאַכער-וואַרשטאַטל און ער האָט מער פילאָזאָפירט ווי געאַרבעט. ער האָט כסדר געוואָלט פייגעלען אַריינציען אין אַ שמועס און ער האָט ליב געהאַט צו הערן ווי זי רעדט אַ וואַרשעווער ייִדיש, בעת אירע עלטערן, וואָס זענען געקומען פון דער ליטע, רעדן אַזוי טיף ליטוויש...

פון די אַנדערע צימערן זענען צו פייגעלען דערגאַנגען די געשרייען פון די קינדער און זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַלע מחשבות. זי האָט גיך אַ שפּאַן געטאָן מיט אירע לאַנגע פיס און זי איז שוין געשטאַנען צווישן קליינוואַרג.

— שאַ! שאַ! וואָס זענען דאָס פאַרא געוואַלדעס? — האָט זי אַ געשריי געטאָן. זי האָט באַלד דערזען ווי באָלוש דראַפּעט זיך אַרויף אויפן שאָקל-פערד, וואָס זי האָט פאַרוועהרט צו באַנוצן צו יעדער צייט. לעבן באָלושן שטייען שיעלע און טשאַרלז און זיי רייסן זיך אויך צו רייטן אויפן פערד. די דריי ייִנגלעך האַלטן זיך אַלעמאָל

צוזאַמען און זענען די גרעסטע קונדסים. זיי רעדן באַזונדערע שפּראַכן — פּויליש, יידיש, ענגליש — אָבער זיי פאַרשטייען זיך אויפן ווונק און אַז עס קומט אָפּצוטאָן עפּעס אַ שפּיצל, זענען זיי שטענדיק יד־אחת.

— אַראָפּ פונעם פערד! — האָט פייגעלע אַ קאָמאַנדעווע געגעבן

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איר קענט איצט רייטן אויפן פערד?

— אָנקל איציק! — האָבן די יינגלעך אויסגעשריגן אין אַ כאָר.

— וואָס שרייט איר אַזוי? מען קען דאָך טויב ווערן — האָט פייגעלע זיך צוגעהאַלטן די אויערן — פּע, ס'איז נישט שיין צו מסרן! כ'האָב אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין צו מסרן!

— די לערערין האָט געפרעגט ווער ס'האָט אונדז געלאָזט רייטן אויפן פערד, האָבן מיר געענטפערט... — האָט זיך באַלוש אַרויס־געשטעלט און די אַנדערע יינגלעך האָבן צו אים צוגעשטימט — מיר האָבן נישט געמסרט אויף קיינעם!

זיי זענען נאָך רעכט פון דער ערד נישט אויסגעוואַקסן און ווייסן שוין ווי זיך אַרויסצודרייען. אַזעלכע קליינע וועוריקעס און ווי קלוג דאָס איז! אין אַלץ איז שולדיק איציק! ער לערנט זיי שכל, זאָגט זיי אונטער וואָס צו טאָן. ער האָט געמאַכט מיט זיי אַ בונט און עס וועט איר גאָרנישט העלפן. אָט זעט זי ווי דאָס קליינוואַרג נאַשט צוקערלעך, וואָס איציק האָט זיי אונטערגעשטופּט. זי האָט אים שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז ער זאָל זיי קיין צוקערלעך נישט געבן — אָבער ער הערט זי ווי המן דעם גראַגער.

ס'איז שוין געווען באַלד די צייט, ווען די מאַמעס זענען געקומען אָפּנעמען די קינדער. טייל קינדער זענען געבליבן אַביסל לענגער, געוואַרט די טאַטעס זאָלן נאָך דער אַרבעט נאָך זיי קומען. אַז דאָס קליינוואַרג איז אַוועק, איז דאָ מיטאַמאָל זייער שטיל געוואָרן און דאָס אויער האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי שנעל צוגעוווינען צו דער פּלוצימדיקער שטילקייט. אויך האָט זיך די בוי־אַרבעט אינדרויסן אָפּגעשטעלט און דער ליאַרם איז אָפּגעשטאָרבן. דאָס קליינע הויז, וואָס איז געשטאַנען אַריינגעפּרעסט צווישן די גרויסע הייזער, האָט אָפּגעעטעמט — איצט האָט שוין קיינער דערצו קיין שליטה נישט געהאַט...

אָבער דווקא ביינאַכט, ווען איציק און פייגעלע זענען געשלאָפן, זענען זיי אויפגעוועקט געוואָרן, ווייל ס'האָט ווער געוואָרפן שטיינער אויפן דאַך. דער דאַך האָט אַ דונער געטאָן — ס'האָט זיך געדאַכט,

אז ער גייט איינפאַלן. איציק, אַ פאַרשלאָפענער, איז אין די בלויזע אונטערוועש אַרויסגעלאָפן קוקן ווער ס׳האָט געוואָרפן די שטיינער. אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען. ס׳האָבן בלויז צו אים גאַווהדיק אַראָפּגעקוקט די גרויסע הייזער, גלייך זיי וואָלטן פון אים אָפּגעשפּעט. זיי האָבן מיט גאווה אַראָפּגעקוקט סיי צו אים און סיי צום קליינעם הויז, וואָס איז געשטאַנען זייי צופוסנס. איציק האָט פאַריסן דעם קאָפּ צו די הייזער, וואָס האָבן זיך טונקל געצייכנט אַקעגן זילבערן־בלויען הימל, ווי לאַנגע טאָוולגע שאַכטלען. ווער האָט געקאָנט וואַרפן די שטיינער? ווער האָט געקאָנט אָפּטאָן דאָס מיאוסע שטיקל אַרבעט? זאָל דאָס זיין מיסטער טאַקער? האָט ער אָנגעשטעלט מענטשן, זיי זאָלן דאָס פאַר אים טאָן?! נישט איינמאָל האָבן די מויערער, וואָס אַרבעטן אויף די רושטאָוואַניעס, באַגאָסן איציקס הויף מיט וואַסער און אַריינגעוואָרפן ציגל און שטיינער און אַלערליי ברוכוואַרג. זיי האָבן זיך זיכער פון אייגענעם ווילן נישט געלאָזט וויל־גיין! איציק ווייסט אַז זינט ער האָט אָפּגעזאָגט דעם מיסטער טאַקער צו פאַרקויפן דאָס הויז, קאָן ער נישט שלאָפן ביינאַכט. ער מוז זיך איצט וואַרפן אויפן געלעגער און ער רעכנט נאָך וויפיל דירה־געלט ער וואָלט אָפּגענומען ווען ער שטעלט אויף אויפן אָרט פונעם הייזל זיינע „פלעטס”...

בעת איציק האָט זיך צוריקגעלייגט שלאָפן, האָט ער דערפילט אַז פייגעלע וויל מיט אים רעדן. אין דער נאַכט, ווען זי האָט געהערט ווי ס׳פליען שטיינער אויף איר דאַך, האָט זי זיך דערפילט אַזוי הילפלאָז. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך געשטעלט קעגן איר. זי האָט דערשפּירט די איינזאַמקייט און זי האָט געגאַרט צו האָבן וועמען לעבן זיך, וואָס זאָל זי באַשיצן. איציק איז איר געוואָרן זייער נאָענט. חוץ אים האָט זי קיינעם נישט אויף דער וועלט. זי איז לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און געוווסט, אַז אין שכנותדיקן בעט ליגט דער מאַן מיט אָפענע אויגן. מיט ווייטיקדיקער הנאה האָט זי געטראַכט וועגן זייער שטוב אין וואַרשע, וועגן טאַטע־מאַמע. ווי גוט וואָלט געווען ווען זי איז צוריק אַ קינד און די מאַמע קוקט איר נאָך. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— געדענקסט, איציק, ווי דו האָסט בחורווייז געוווינט ביי אונדז? דאָס וואַרשטאַטל האָסטו געהאַט אין קיך... אַז ס׳זענען אַריינגעקומען די שכנים, האָסטו אַוועקגעלייגט די הענט און באַלד אָנגעהויבן צו שיטן מיט דיינע פילאָזאָפיעס... געשלאָפן ביסטו אין קיך... די מאַמע האָט אַ טבע געהאַט צו שטעלן דאָס שטיגל אויף

מייז פונקט אונטער דיין בעט. אַז דאָס שטייגל האָט געכאַפּט אַ מייזל, וואָס האָט דיך נישט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט, האָסטו עס אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. פאַרוואָס האָסטו אַרויסגעלאָזט די מייזלעך? צוליב צער בעלי חיים? האָסט שטענדיק געהאַט מאָדנע געננג!

איציק האָט איר נישט געענטפערט און זי האָט ווייטער גערעדט:

— כ'ווייס, אַז אויפצומאָרגנס, ווען די מאַמע האָט אַריינגעקוקט אינעם שטייגל אונטער דיין בעט, איז עס געווען ליידיק... זי האָט בפירוש געהערט גראַבלען דאָס מייזל און נישט געוווסט ווו ס'איז אַהינגעקומען... וואָס וועט זיין, איציק, אַז מען וועט צעלייגן אונדזער הויז? אונדזער פּראַצע? וואָס וועט דעמאָלט זיין, איציק? זע נאָר ווי מ'האָט זיך אויף אונדז פאַרנומען?!

דעם אַנדערן טאָג גאַנץ פרי האָט מען שוין געזען מיסטער טאקער ביי זיינע הייזער. ער האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק, אַכטונג געטאָן אויף די מויערער, געוואָלט אַרויפקוקן צו די הויכע שטאָקן, נאָר דער אָנגעבויגענער קאָפּ האָט אים נישט געלאָזט. איציק האָט געפילט, אַז מיסטער טאקער וויל מיט אים רעדן — אָבער ער האָט אים אויסגעמיטן. אַז יענער האָט אים סוף־כל־סוף אָנגעכאַפּט, פאַרגעלייגט אים געלט, געשטופּט אים אַ טשעק אין דער האַנט אַריין, געסטראַשעט מיט אינספּעקטאָרן, האָבן איציקס בלויע אויגן זיך געשמאָלצן פון הנאה. ער האָט פאַרשטאַנען ווי שוואַך טאקער איז קעגן אים.

איציק האָט זיך אויסגעזוכט אַ שפּאָגל־נייע אַרבעט. בסוד פאַר פייגעלען האָט ער צונויפגערופן די דריי חברים — באָלוש, שיעלע, טשאַרלז — און איינגעחזרט מיט זיי אַ לידל, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט. לאַנג האָט עס ביי דער קליינער חברה נישט געדויערט און זיי האָבן געקענט זאָגן דאָס לידל פון אויסנווייניק. ס'איז געגאַנגען ווי אַ מזמור. מיסטער טאַקער איז געוואָרן אַלע מאָל מער צודרינגלעך און מיט זיינע ביינערדיקע פינגער אָנגעקלאַפּט כסדר אין איציקס טיר. אָבער איציק איז צו אים מער נישט אַרויסגעקומען און געשיקט אים אַקעגן די דריי חברים, וואָס האָבן אים אויפגעזונגען דאָס לידל:

מיסטער טאקער,
זיי נישט קיין קנאַקער...
מיר האָבן שוין פון דיר „אינאַף",
מיר פאַרשטייען זיך אויף דיין בלאָף!

אַזוי גיך ווי מיסטער טאקער האָט דערהערט דאָס לידל, האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון דער טיר און איז מיט אייליקע טריט

אוועק. אָבער די ייִנגלעך האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, נאָכגעלאָפן אים אין גאַס אַריין און אים כסדר נאָכגעזונגען דאָס לידל, וואָס האָט געזשומעט אין זיינע אויערן, ווי אַ בייזע פליג.

נאָכדעם ווי די ייִנגלעך האָבן פאַרטריבן מיסטער טאקער, האָבן זיי זיך, ווי די זיגער, אומגעקערט צוריק. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אָנקל איציק און זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף זיינע בלויע אויגן, וואָס זענען זיך צעגאַנגען פאַר נחת. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז אויך דאָס קליינע הויז שמייכלט צו זיי, ווי עס וואָלט זיי פאַר עפּעס געדאַנקט...

דער לעצטער קאָנצערט

ווען סעמיועל טײטל האָט געלייענט אין דעם יידישן בלעטל, אַז עס קומט צופֿאָרן קיין מעלבורן דער באַרימטער זינגער פֿון ניו־יאָרק, איזידאָר טראוב, האָט ער מיט כעס אָוועקגעשלײַדערט פֿון זיך די צײַטונג און אויסגעשריגן בקול־רם, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אַ דראָנג!... אַ פּאַרטאַטש!... אַ קאַליקע!... איזידאָר איז אַזוי אַ זינגער ווי די קאַץ, וואָס דרייט זיך אַרום אינדרויסן... ער האָט קיינמאָל קיין שטימע נישט געהאַט... שטענדיק געסקריפּעט ווי אַן אַלטע צעבראָכענע טיר!

אַ גאַנץ־גײַיענדיקן טאָג האָט סעמיועל זיך נישט צוגערירט צום בלעטל, ווי ער וואָלט געווען דערמיט ברוגז. ערשט פֿאַרנאַכט־צו, האָט ער זיך איבערגעבעטן און ווען קיינער האָט נישט געזען אויפֿגע־הויבן ביי אַן עק די צײַטונג, ווי מען הייבט אונטער אַ טויט מייזל. מיט ביטערניש האָט ער געלייענט פֿאַר זיך און בעת־מעשה אַכטונג געטאָן, צי די אַלטע לײַט אין מושב-זקנים באַמערקן דאָס נישט:

„איזידאָר טראוב, דער באַרימטער יידיש־אַמעריקאַנער זינגער, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אייראָפּע, קומט בקרוב אויף אַ טורנע קיין אויסטראַ־ליע... שוין נישט לאַנג צו וואַרטן און מ׳וועט קענען קומען באַוואונדערן דעם גרויסן טענאָר... ס׳וועט זיין אַ גרויסער יום־טוב פֿאַר די ליבהאָבער פֿון געזאַנג!”

סעמיועל האָט אין זיינע שוואַכע, פֿאַרמעטן־אַלטע הענט אַ פֿאַרקנייטש געטאָן די צײַטונג, זי שנעל באַהאַלטן הינטערן רעקל און איז אַרײַן צו זיך אין צימערל. ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך און זיך אויסגעצויגן אויפֿן בעט. ער האָט זיך געניט אַנטשלאָפֿן צו ווערן, כדי אין אַלץ צו פֿאַרגעסן — אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט געפֿילט ווי דער פֿאַרדרוס איז אין אים געוואַקסן און ווי אַ דינער ציטער טרייסלט אויף זײַן שוואַך לײַב, וואָס האַלט זיך נאָך קוים צוזאַמען ווי אַן אַלט מעבל־שטיק. דעם חטא, וואָס די מעלבורנער יידן

זענען קענן אים באַגאַנגען מיט יאָרן צוריק, האָט ער איצט בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרגעסן. וואָס האָט מען אים באַצאָלט פאַר דער גאַנצער מי, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין היגן ישוב? איז ער דאָך געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָ הי אויפגעטרעטן מיט יידישע פאָלקס־לידער, אויפגעפירט יידישע אָפּערעטעס מיט „דרענגער", וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אויסלערנען זייערע ראָלעס. ער האָט זיך אַפילו געגרייט אויפצופירן אַן אָפּערע און אַז ס'האָבן געפעלט זינגערינס, האָט ער געוואָלט אַנגאַזשירן שיקסעס, וואָס זאָלן זיך אויסלערנען יידיש. פון זיינע קופּלעטן האָט דאָס הייפל פּויליש‏ע יידן אָנגעקוואָלן און נישט אַראָפּגעלאָזט אים פון דער בינע. אַפילו די יאהודים, וואָס האָבן נישט געקאָנט ליידן ווי מען רעדט יידיש, זענען אים געקומען הערן און געלעקט פון אים די פינגער! און פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט מען אים אָפּגעצאָלט מיט שפּאָט! ווען ער איז געקומען אין די יאָרן און נישט פאַרמאָגט מער דעם ברען פון אַמאָל, האָט מען פון אים ביי אַן אויפטריט אָפּגעחוזקט. אָבער ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, דווקא געוואָלט ווייזן וואָס ער קען. אַז ס'האָבן אים זיינע גוטע פריינד געראָטן ער זאָל זיך אַרויסקלאַפּן די נאַרישקייטן פון קאָפּ און צולאָזן די פרישע כוחות, וואָס זענען געקומען נאָך אים, האָט ער זיי אויסגעזידלט מיט דער בלאָטע צוגלייך. ער האָט זיך אַפילו צעקריגט מיטן ווייב, וואָס האָט זיך צו פיל אַריינ־געמישט צו אים און איר צום סוף נעגעבן אַ גט... די טעכטער, וואָס האָבן געהאַלטן מיט דער מאַמען, האָט ער נישט געלאָזט אויף די אויגן. מיט יאָרן שפּעטער, ווען מען האָט אים אַריינגעזעצט אין מושב־זקנים, האָט ער זיך אויך אַזוי שנעל נישט אונטערגעגעבן. ס'איז אים שווער אָנגעקומען צו מאַכן שלום מיטן גורל, אַז ער איז שוין מער נישט דערזעלבער סעמיועל טייטל, וואָס האָט איינגענומען גאַנץ מעלבורן...

סעמיועל טייטל איז געלעגן אויף זיין בעטל און נישט געוואָלט גיין עסן „טי". בעת די „נערס" איז אַריין און אים געפרעגט, צי ער פילט זיך נישט גוט, האָט ער איר נישט געענטפערט. אַז דער שכן פון צימער איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך אויסגעדרייט פון אים צו דער וואַנט.

— וואָס איז דער מעטער מיט אייך, מיסטער טייטל?... — האָט זיך דערהערט דעם שכנס הוסטנדיק קול.

— גאָרנישט! נאָטינג!... ס'איז נישט אייערע ביזנעס! — האָט טייטל בייז אָפּגעהאַקט.

דער שכן האָט אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג און זיך מער

נישט אָנגערופן צו טייטלען מיט קיין וואָרט. ער האָט אים שוין גוט געקענט, נישט געוואָלט אַריינפאַלן צו אים אין מויל. נישט נאָר ער אַליין האָט פון אים געליטן, נאָר אַלע אַלטע לייט פון מושב זקנים האָבן געהאַט אויסצושטיין פון אים געברענטע צרות. ער האָט זיך מיט יעדן געקריגט, נישט געשוינט די „שוועסטער" און אַריינגעזאָגט אַפילו די דאָקטוירים. ער האָט אַ טבע געהאַט צו שיטן מיט שטעכווערטלעך און דערלאַנגען יענעם אין דער זיבעטער ריפּ. נישט איינמאָל האָבן שוין די אַלטע לייט זיך צעבונטעוועט קעגן סעמיועלן, געגאַנגען זיך פאַרקלאָגן אויף אים פאַרן דירעקטאָר — אָבער ער האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום און מען האָט אים איבערגעלאָזט אין מושב-זקנים. עטלעכע טעג איז ער טאַקע געווען גוט, זיך אויפגעפירט לייטיש, נאָר באַלד נאָכדעם איז ער געווען דערזעלבער וואָס פריער.

סעמיועל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בעטל, נישט געקאָנט מער איינליגן. ס'האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין חוט-השדרה און ער האָט אָפּגעקרעכצט פון ווייטיק. אָבער ער האָט זיך אין ווייטיק נישט איינגעהערט און זיך מיט אימפּעט אַ טראָג געטאָן.

— נו, מען דאַרף זיך נישט לאָזן... — האָט ער צו זיך אַ מורמל געטאָן — זיי ווארטן אויף דעם, מיינע שונאים, כ'זאָל זיך אונטערגעבן!

סעמיועל טייטל האָט זיך געטראָגן איבערן קאָרידאָר, אויפגעמאַכט האַסטיק די הויז-טיר און אַ שמעק אַרויס געגעבן אינדרויסן. ס'האָט צו אים אַראָפּגעבליקט אַ באַשטערנטער ליווטערער הימל און די בלויע נאַכט האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט איר קאַלטן אָטעם. דער גאָלער שאַרבן האָט זיך ביי אים שטאַרק געגרונצלט פון קעלט. די ווייסע בינטלעך האָר, וואָס האָבן ווי שטיקלעך וואַטע אַרומגענומען דעם שאַרבן, האָבן זיך אויפגעהויבן ווי צום פליען. ער האָט מיט כעס פאַרקלאַפּט די טיר און איז אַריין אין עס-זאַל, וווּ די אַלטע לייט זענען געזעסן אַרום דער טעלעוויזיע און זיך אָנגעשטרענגט איינגעקוקט אין דעם קליינעם עקראַן. „קאָו-באָיס" אין גרויסע רונדיקע קאַפּעליושן און מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן זיך אויף צעווינטיקטע פערד געיאָגט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ נאָך אינדיאַנער. די אַלטע לייט האָבן אָנטייל גענומען אינעם פילם, דאָ געהאַלטן מיט די „קאָו-באָיס" און דאָ מיט די אינדיאַנער. זייערע אונטערהעצנדיקע קולות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן קוויטשען פון די אינדיאַנער און מיטן געשריי פון די „קאָו-באָיס". ס'האָט איצט געהערשט שלום צווישן די זקנים — אָבער ערשט נישט לאַנג צוריק האָבן זיך די מיסים ניסל און די

מיסים קראוז געריסן ביי די נעז, ווייל יעדע איינע פון זיי האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש זען. דער סוף איז געווען, אַז ס׳האָט זיך אַריינגעמישט צו זיי דער מיסטער פּעדערבוש, אַ לאַנגער זקן מיט אַ לאַנגן און דאַרן האַלדז, ווי ביי אַ גאַנער און אָנגעשטעלט אַ קאַו־באָי־פילם, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט צו זען.

— זע נאָר צו וואָס זיי קוקן זיך צו?!... איר מעגט זיך שעמען אין אייער וויטן האַלדז אַריין! — האָט סעמיועלס קול זיך פּלוצים אַריינגעריסן אינעם ליאַרם פון דער טעלעוויזיע — ס׳וואָלט געפּאַסט איר זאָלט זיין קליינע קינדער!

לכתחילה האָבן די אַלטע מענטשן, וואָס זענען שטאַרק געווען אַריינגעטאָן אינעם פילם, נישט געוווסט ווער ס׳האָט זיי געשטערט, אָבער אַז זיי האָבן דערקענט סעמיועלס קול, האָבן זיי אים גענומען אַריינזאָגן. זיי האָבן שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט אים אָפּצורעכענען.

— שאַט! שאַט... מאַכט נישט קיין געוואַלדעס! קיינער הייסט אייך נישט קוקן, אַז עס געפעלט אייך נישט! עס וואָלט געפּאַסט ס׳זאָל אים ווער צווינגען! — האָט זיך אָפּגעריסן אויף סעמיועלן דער מיסטער פּעדערבוש. — לייגט זיך בעסער שלאָפן!

— ער איז דזשעלים, סעמיועל, ווייל ער איז אַליין נישט אין דער טעלעוויזיע... — האָט מיסים קראוז געציילט די ווערטער פּונקט אַזוי פּאַמעלעך ווי זי האָט געציילט די ביסנס, וואָס זי פלעגט לייגן אין איר בלאַס טויט מיילעכל אַריין — ס׳וואָלט שוין צייט געווען מען זאָל אייך הערן זינגען אין דער טעלעוויזשן... איר זאָגט דאָך אַז מען האָט אייך איינגעלאַדן... אַז איר האָט אַן אינוויטעישן... איר זענט אייפערזיכטיק, מיסטער טייטל!...

— אוודאי איז ער אייפערזיכטיק... דזשעלים! דעטס אַל!...

— האָט צוגעשטימט צו מיסים קראוז דאָס קאָקעטיש־דינע שטימעלע פון מיסים ניסל.

סעמיועל טייטל האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און זיך געמוזט צוקוקן צום „קאַו־באָי״־פילם. צוליב פּראָטעסט האָט ער הויך געשאַרט דאָס בענקל איבער דער פּאָדלאָגע און זיך שווער דערויף אַרויפגעזעצט, אַז ס׳האָט אַזש אַ קרעכץ געגעבן. ער האָט אָבער ווייניק געקוקט אויפן עקראַן, גיכער געקוקט אויף די זקנים, וואָס זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט. אין דער פינסטערניש, באַלויכטן בלויז פונעם עקראַן, וואָס האָט געקוקט ווי אַ גרויס זילבערן אויג, האָבן זיי אויסגעזען ווי זיי וואָלטן דאָ צו־גאַסט געקומען פון יענער וועלט. די

איינגעדאַרטע קליינע קעפּ פון די ווייבער, די גאָלע קעפּ ביי די מענער האָבן אויסגעקוקט ווי שאַרבנס פון סקעלעטן. עטלעכע אַלטיטשקע האָבן שוין געדרימלט, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. זייער כאַרכלענדיק שנאָרכן האָט זיך אויסגעמישט מיטן גרעגערן פון דער טעלעוויזיע. באַלד זענען שוין כמעט אַלע געשלאָפן און די טעלעוויזיע האָט גערעדט צו זיך אַליין, ווי עפּעס אַ נישט-גוטער וואָלט זיך אין איר אַריינגעכאַפּט און אַרויסגערעדט... ווי־אַזוי האָט ער זיך אַהער גענומען? — האָט סעמיועל זיך אַליין געפרעגט. ער איז נאָך פול מיט לעבן! ער לעבט נאָך מיטן היינט... די אַלע זקנים דאָ לעבן בלויז מיטן נעכטן. זיי האַלטן זיך אין איין דערציילן מעשיות פון אַמאָל. אַמאָל איז גוט געווען. אַמאָל זענען געווען גוטע צייטן! די קינדער זענען בעסער געווען... זיי האָבן געוווּסט אָפּצוהיטן כיבוד אב ואם! וואָס האָבן די מעלבורנער יידן געוואָלט פון אים? וואָס פאַרא שפּיצל האָבן זיי אים אָפּגעטאָן? פאַרוואָס האָבן זיי אים אַריינגעזעצט צווישן די אַלע טויטע?...

אַן אימה איז באַפאַלן סעמיועלן — אַן אימה פאַרן טויט. ער האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען, זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, נישט געקאָנט איינלייגן זיינע אַלטע שטייפע אברים, וואָס האָבן אים ווי געטאָן און געשטאָכן.

— כ׳בין נאָך נישט געשטאָרבן... — האָבן זיך זיינע ליפּן קוים באַוועגט — כ׳לעב נאָך.. אויף צו־פּיקעניש מיינע שונאים!

מיט אַ פרישן בריענדיקן ווייטיק האָט ער זיך צוריק דערמאָנט אין איזידאָר טראַוב, וואָס קומט קיין מעלבורן מיט זיינע קאָנצערטן. איזידאָר וועט זיין אַן עדות ווי טיף ער איז אַראָפּגעפאַלן און וועט וואַקסן אין דער ברייט פון גרויס הנאה. אַמאָליקע יאָרן אין קיעוו, אין ווין, אין וואַרשע, איז איזידאָר געווען זיין גרעסטער קאָנקורענט און אויסגערעדט אויף אים אסור לדבר! אמת איז, אַז איזידאָר איז געווען מיט אַ היפּשע עטלעכע יאָר יונגער פון אים און ווען ער איז שוין מער נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק, איז יענער נאָך געווען אַ צוציק. אָבער דאָס האָט אים נאָך נישט געגעבן קיין רעכט אָפּצוחזקן פון אים און צו מאַכן אויף אים אַ בלבול, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום עולם און זינגט ביליקע קופּלעטן! ווי אַלט איז ער דען, איזידאָר? בלויז עטלעכע יאָר יונגער פון אים... כאָטש סעמיועל האָט געוווּסט, אַז ער נאַרט זיך אַליין אָפּ, האָט ער איצט אין געדאַנק צוגעגעבן אַ פּאָר יאָר איזידאָרן און ביי זיך אַראָפּגענגבעט אַ שיין ביסל יאָרן. איזידאָר וועט אים פאַרשוואַרצן דאָס פּנים ביי די מעלבורנער יידן.

דער עיקר װעט ער אים אָראָפּנידערן בײ די לײט אין מושב זקנים...
ס'װעט אים שױן נישט העלפן זײן באַרימען זיך מיט דער אײנלאַדונג
צו זינגען אין דער טעלעװיזיע און מיט די פאַרבעטעכצער פון פּאַריז,
לאָנדאָן און פון ניו־יאָרק צו קומען אױף קאָנצערטן... װאָס װעט זײן,
אַז די אַלטע װעלן זיך הײסן װײַזן די אײנלאַדונגען? ער װעט דאָך
אױסזען װי חוזק... עס איז אים שױן אַזױ גוט געװען, טיף אין זיך
האָט ער זיך פון אַלץ מיאש געװען, קומט פּלוצים איזידאָר טראַוב
און רױבט צו זײן רו!...

װאָס נענטער ס'האָט זיך אָנגערוקט די צײט פון איזידאָר טראַובס
קומען קײן אױסטראַליע און די אַנאָנסן האָבן אַראָפּגעשריגן פונעם
ײדישן בלעטל און ס'האָבן זיך דאָרט באַװיזן פאָטאָגראַפיעס פונעם
גרױסן זינגער אין אַלערלײ פּאָזעס — אַלץ אומרואיקער איז סעמיועל
געװאָרן. מיט זײן אומרו פּלעגט ער אָנשטעקן די אַלטיטשקע און ער
האָט צו זײ אױסגעלאָזט דעם כעס. ער האָט זיך כסדר געגאָרגלט,
געשלונגען רױע אײער, געהוסט און אױסגעפּרוּװט זײן קול. ער האָט
נישט אױפגעהערט צו רעדן װעגן אָפּערעס, אַריעס, זינגער, חזנים און
װעגן די פּליטן, װאָס מען האָט געמאַכט פון זײערע פּראָגראַמען. די
נעמען: דזשילי, פּירס, לאַנצאַ, קוסאָװיצקי, סיראָטאַ זענען נישט אַראָפּ
פון זײנע ליפּן. ער האָט פאַרדרײט די אַלטע לײט אַ קאָפּ מיט
פּאַלצעטן, קאָלאָראַטורן, קאָפּ־שטימעס, אונטערלאַגן, פּונקט װי זײ
װאָלטן זיך אױסגעקענט אין די אַלע פאַכמענישע טערמינען.

נאָך מער װי פריער האָט איצט סעמיועל צוגעהאַלטן די מיסיס
קראַוז און זי געפּרעגט צי די קינדער זענען זי געקומען באַזוכן.
מיסיס קראַוז איז געװען זײער אַ קראַנקע פרוי און די אײנציקע
טרײסט אין איר לעבן זענען געװען אירע קינדער. אַלע פאָטאָגראַפיעס
פון די קינדער האָט זי שטענדיק מיטגעטראָגן מיט זיך. אַז זי איז
געלעגן אין בעט האָט זי זײ אױסגעשטעלט אַרום זיך און איר שטיבל
האָט אױסגעזען װי אַן אַטעליע בײ אַ פאָטאָגראַפיסט. כאָטש זי האָט
זיך אַלעמאָל באַרימט, אַז די קינדער זענען זי געװען באַזוכן, זענען
זײ כמעט קײנמאָל צו איר נישט געקומען. סעמיועל האָט געהאַט
הנאה צו פּרעגן די מיסיס קראַוז אױף די קינדער און צו פּאַקן זי בײ
אירע ליגנס.

סעמיועל האָט זיך אױך גענומען צו מיסיס ניסל, װאָס מען האָט
אין מושב־זקנים גערופן „פרײלין ניסל", מחמת זי האָט זיך אײביק
געפּוצט אין רױשיקע קלײדער און קאָלירקע שאַליקלעך און האָט
קאָקעטירט מיטן באַחנטן, צעקנײטשטן פּנימל, פּונקט װי זי װאָלט

געווען אַ יונג מיידל. מען האָט געזאָגט, אַז מיסטער פעדערבוש איז פאַרליבט אין איר און דאָס ווייב איז שטאַרק אייפערזיכטיק. אָפּט האָט מען געטראָפן די מיסים פעדערבוש אַרומוואַנדערן אין קאָרידאָר און זוכן דעם מאַן, אָבער צו מיסים ניסל אין שטוב האָט זי נישט געוואָלט אַריינגיין, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט דאָרט טרעפן איר מאַן. אַז סעמיועל האָט אָנגעטראָפן מיסים פעדערבוש אין קאָרידאָר האָט ער איר באַלד איינגערוימט אויפן אויער:

— איר זוכט אייער אַלטיטשקן?... גייט אַריין צו פריילין ניסל אין שטוב, וועט איר אים טרעפן... כ'האָב אים געזען אַריינגיין...

פאַר די אַלע מעשים האָבן די אַלטע לייט זיך געוואָלט נוקם זיין אין סעמיועל טייטל און זיי האָבן זיך געהייסן ווייזן די איינלאַדונגען פון דער טעלעוויזיע און פון די גרויסע שטעט אין דער וועלט, וואָס בעטן אים ער זאָל קומען אויף קאָנצערטן.

— נו אדרבא, לאָמיר אָנקוקן אַזאַ איינלאַדונג... לאָמיר זען ווי דאָס זעט אויס... — האָט פעדערבוש נישט אָפּגעלאָזט סעמיועלן

— כ'בין טשיקאַווע אַ קוק צו געבן...

— ווייל איר זענט אַזוי נייגעריק צו זען, וועל איך אייך דווקא נישט ווייזן... כ'זע, אַז איר גלייבט מיר נישט... כ'וועל אייך נישט ווייזן און דעט'ס אַלץ! — האָט סעמיועל זיך אַרויסגעדרייט מיט פוילע תירוצים.

אָבער די זקנים האָבן זיך נישט געלאָזט מער פאַרעדן די ציין. זיי ווילן אַלע זען מיט די אייגענע אויגן — אַנדערש גלייבן זיי אים נישט! דעמאָלט האָט סעמיועל אַרויסגענומען עפּעס אַ פאַרקנייטשט שטיקל פאַפּיר פון דער קעשענע, געפּאָכעט דערמיט אין דער לופטן און געזאָגט, אַז אָט דאָס איז אַן איינלאַדונג.

דאָס קריגן זיך צווישן די אַלטיטשקע האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז ס'איז פּלוצים געשטאָרבן די מיסים פעדערבוש. בשתיקה האָט מען זיך געשושקעט, אַז דער מאַן און „פריילין ניסל" האָבן זי געטריבן אין קבר אַריין — אָבער אָפן האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט. בכלל האָט מען קיינמאָל וועגן טויט נישט גערעדט אין מושב־זקנים, ווי אַזאַ זאַך וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען... אַז ס'איז ווער געשטאָרבן און ער האָט געפעלט ביים עסן, ביי דער טעלעוויזיע, האָט מען וועגן דעם געמאַכט אַ שווייג, גלייך עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. אַ שטיקל צייט נאָכדעם ווי מען האָט דעם מת אַרויסגעפירט, איז אין מושב־זקנים געווען שטיל, מ'האָט זיך נישט געוועדטלט, נישט געקריגט און מען האָט געפאָלגט אַלץ וואָס די שוועסטער זאָגט.

ס'האָט דאָ געהערשט אַזאַ שטילקייט, ווי אין אַ קלאַס צווישן שילער, ווען מען שמייסט אָפּ זייערס אַ חבר...

נאָך מיסיס פעדערבושס טויט איז אַ צייט אין מושב־זקנים געווען שאַ־שטיל און די אַלטיטשקע האָבן געלעבט צווישן זיך ווי די טייבעלעך. אַפילו סעמיועל טייטל האָט קיינעם נישט געטשעפּעט, אַזוי לאַנג ביז ס'האָט זיך באַוויזן דער אַנאָנס אינעם יידישן בלעטל, אַז איזידאָר טראָוב, דער באַרימטער זינגער, וועט האָבן זיין ערשטן אויפטריט דעם קומענדיקן שבת־צונאַכטס אין מעלבורן. דעמאָלט איז סעמיועלן באַפאַלן צוריק זיין אומרואיקייט און ס'איז געווען פון אים נישט אויסצוהאַלטן. ער האָט זיך רק געזוכט צו קריגן און אַריינגעזאָגט יעדן איינעם. אויף איזידאָר טראָובן האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ האַלץ און ער קען אינגאַנצן נישט זינגען! די יידן וועלן באַדויערן וואָס זיי האָבן אים געברענגט אַהער! סעמיועל האָט זיך צוריק אַרומגעטראָגן מיטן פאַרקנייטשטן פּאַפּירל אין האַנט, וואָס האָט געזאָלט זיין די איינלאַדונג אויפצוטרעטן אין דער טעלעוויזיע. מיטן שטיקל פּאַפּיר האָט ער געפּאָכעט יעדן איינעם פאַר דער נאָז — נאָר ער האָט עס נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, נישט געוואָלט קיינעם ווייזן. די אַלטע לייט האָבן כסדר געמאַכט פּלענער ווי אַרויסצוגנאַרן פון אים דאָס פּאַפּירל, און די מיסיס ניסל האָט מיט אַ סך קאָקעטעריע זיך געוואָנדן צו סעמיועלס שכן, וואָס איז געשלאָפן מיט אים אין איין שטיבל, ער זאָל אויספירן דאָס שטיקל אַרבעט.

אָבער די זקנים האָבן זיך נישט געדאַרפט צוליב דעם אַזויפיל דעם קאָפּ ברעכן, ווייל איינמאָל בעת טייטל איז אַנטשלאָפן געוואָרן אינעם פאָטעל אין „לאָונטש־רום", איז אים דאָס פּאַפּירל אַליין אַרויסגעפאַלן פון די הענט און אַלע האָבן געקאָנט זען, אַז עס איז ליידיק. אין עטלעכע רגעס אַרום האָט זיך סעמיועל אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַז ער האָט געזען וואָס דאָ איז געשען, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. זיינע טרערן האָבן אָבער קיינעם נישט גערירט און אוודאי נישט די מיסיס קראָוז, וואָס האָט זיך צו אים אָנגערופן זייער פּאַוואָליע און געלאַסן מיט אירע טויטע ליפּעלעך:

— איר זענט אַ ליגנער... אַן אַפּעריסט... איר האָט אונדז אָפּגענאַרט די גאַנצע צייט... פּע, ס'איז נישט שיין!... לייער! טשיטער!

עטלעכע טעג נאָך דער מעשה האָט זיך סעמיועל טייטל אַרומגע־

דרייט ווי נישט אויף דער וועלט און די באַליידיקונג האָט אים געגעסן. דאָס בלוט איז אים געצאַפּט געוואָרן. ער האָט זיך געשעמט אויפצו־הייבן דעם קאָפּ. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דאָס קאַרטל, וואָס ער האָט באַקומען פון איזידאָרן, אַז ער איז דאָ אין מעלבורן און וויל זיך מיט אים זען.

— ער וויל זיך זען מיט מיר, אָבער איך וויל זיך נישט זען מיט אים! — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ. — כ'האַלט נישט פון אים און נישט פון זיין זינגען!

דער ערשטער קאָנצערט פון איזידאָר טראַוב איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט שטורמישע אָוואַציעס און אים נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע. אויפצומאָרגנס נאָכן קאָנצערט איז איזידאָר געקומען צו סעמיועלן אין מושב־זקנים. ער איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון די פּני־העיר — פון די אַלע פּרעזידענטן פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אים באַדינט און זענען נאָכגעגאַנגען זיינע פוס־טריט. אָבער ער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט און געזוכט סעמיועלן. עס האָבן נישט געהאָלפן די שושקערייען פון די פּני, וואָס האָבן אים איינגערוימט, אַז ער האָט זיך נישט געדאַרפט אַראָפּלאָזן און קומען צו סעמיועלן אין מושב־זקנים. ער קאָן זיך נאָך קאַליע מאַכן דעם גוטן נאָמען... אַ פעטער, אַ קליינער, מיט אַ גרויסן קאָפּ, וואָס איז נישט געזעסן אויף אַ האַלדז, נאָר אויף ברייטע אַקסלען, האָט זיך איזידאָר געריקט פּאַוואָליע פּאָרויס. דער קורצער, לויזער, געלער מאַנטל פון קעמל־האָר האָט נאָך ברייטער געמאַכט זיין דיקע פיגור. ער האָט אַרויס־גענומען אַלעמאָל עפּעס פון דער קעשענע און בגנבה אַריינגעוואָרפן אין מויל, כדי זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. בשעת מען האָט אים אָנגעוויזן אויף סעמיועלן, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל, דער גאָלער, גערונצלט־בלאַסער שאַרבן אַריבערגעבויגן איבער אַ צייטונג, איז ער מיט גיכע שפּאַן צוגעגאַנגען צו אים און אויסגעשטרעקט אַ קורץ, פעט הענטל מיט אַ גרויסן בריליאַנט אויפן קליינעם פינגער. נאָר סעמיועל האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און נישט דערלאַנגט אים די האַנט. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער זעט נישט ווער ס'שטייט פאַר אים און זיך נאָך טיפער איינגעהויקערט איבער דער צייטונג. דערנאָך האָט ער זיך אינגאַנצן אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו איזידאָרן.

— האַ, זעסט נישט ווער ס'שטייט פאַר דיר, סעמיועל?... האַו דו יו דו... — האָט זיך דערהערט איזידאָרס זינגעוודיקער טענאָר,

וואָס איז געווען אביסל נישט־דייטלעך צוליב דעם צוקערל, וואָס ער האָט געגאָגט אין מויל.

— ווער שטייט דאָס פאַר מיר, ווער? א קייזער? א קעניג? אפשר דער קעניג פון די זינגער און כ׳דאַרף מיך פאַר אים אויפשטעלן! — האָט זיך מיטאַמאָל סעמיועל מיט כעס א קער געטאָן צו איזידאָרן.

— מאַך דיך נישט נאַריש, שמילעקל... ביסט נאָך אַלץ דער־זעלבער עקשן וואָס אַמאָל... וואָסי, מאַכסט דיך נישט דערקענען אַן אַלטן פּשיאַטשעל פון ווין, פון וואַרשע? נו, לאָמיר זיך צעקושן...

נאָר סעמיועל האָט זיך נישט אַזוי שנעל צעקושט מיט איזידאָרן. ערשט ווען יענער האָט אים מיטן קליינעם פּעטן הענטל א שטאַרקן צי געטאָן צו זיך, איז סעמיועל אַרויפגעפאַלן אויף איזידאָרס האַלדז און זיי האָבן זיך צעקושט.

— וואָס מאַכסטו, איציקל?... — האָט סעמיועל געמורמלט.

די פּני־העיר האָבן דערנאָך אַלעמאָל געמינטערט איזידאָר טראובן, אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין — אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָוועקרייסן פון סעמיועלן און זיי האָבן לאַנג גערעדט וועגן די אַלטע גוטע צייטן.

— ס׳גייט מיר נישט שלעכט, סעמיועל... — האָט איזידאָר כסדר איבערגעחזרט. — כ׳בין אָל־רייט! כ׳מאַך א שיין לעבן... כ׳האָב א פרוי און קינדער... מיינע ביידע זין זענען שוין דאָקטוירים... אָבער ס׳בענקט זיך נאָך די אַמאָליקע צייטן... ס׳בענקט זיך, בראַדהער...

איזידאָרס דערפאָלג איז כסדר געוואַקסן אין מעלבורן און מען האָט אים איינגעלאַדן קיין סידנעי, קיין בריזבעין — אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו קומען צו סעמיועלן אין מושב־זקנים. אַלעמאָל ווען ער איז געקומען, איז געווען א יום־טוב ביי די זקנים און זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, נישט אָפּגעטרעטן פון אים.

— איר מעגט פאַר אונדז אַמאָל עפּעס זינגען, מיסטער טראוב...

— האָט זיך מיסים קראַוז אָנגענומען מיט דרייסטקייט און געהאַט טענות צו איזידאָרן פאַרוואָס ער זינגט נישט פאַר די אַלטע.

— איר מעגט געבן פאַר אונדז א קאָנצערט, מיסטער טראוב.

ס׳וועט נישט מינערן אייער כבוד. נעווער מײַנד... — האָט זיך דאָס קאָקעטישע קולעכל פון „פריילין ניסל" אונטערגעפּוצט איזידאָרן — איר וועט זיך קויפן א מצווה...

— יעס! יעס! — האָבן זיך דערהערט שטימען — מ׳וועט אייך שוין נישט אָפּלאָזן! וואָסי, מיר זענען נישט קיין מענטשן? בכן

מיר זענען אַלט? מיר פאַרשטייען זיך אויף נגינה בעסער ווי די **יונגע**...

— איך האָב געהערט שאַלאַפּינען... קאַרוזאָן... קיעפּוראַן...

— האָט מיסים ניסל אַ פּאַטש געטאָן אין ביידע הענטלעך.

איזידאָר טראוב האָט זיך געקווענקלעט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט מסכים זיין. ווען ער האָט וועגן דעם געמאָלדן די מענטשן, וואָס האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין אויסטראַליע, האָבן זיי זיך שטאַרק אָקעגנגעשטעלט.

— איר שעכט זיך אָן אַ מעסער! — האָבן זיי זיך געהיצט — אייער טורנע וועט האָבן אַ דורכפאַל! קיינער וועט מער נישט קומען אייך הערן... איר וועט קענען זאָגן גוד־באַי צו מעלבורן!

אָבער איזידאָר טראוב האָט זיך איינגעשפּאַרט און אויסגעפירט זיינס. דער קאָנצערט האָט געזאָלט פּאַרקומען אין עס־זאַל און אַלע אַלטיטשקע האָבן זיך אויסגעפּוצט אין שענסטן און בעסטן און זענען מיט עטלעכע שעה פריער געקומען צו גיין. אפילו די קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אין די בעטן, זענען געקומען צו קריכן. אַ שטיק צייט פאַר דעם קאָנצערט זענען שוין אַלע געזעסן אויסגעזעצט אויף די אויסגעשטעלטע שטולן און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט. מען האָט אפילו צווישן זיך נישט גערעדט, בלויז אונטערגעהוסטלט פון צייט צו צייט פון גרויס דערוואַרטונג. אויפן זאַל האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטילקייט. בשעת איזידאָר האָט זיך סוף־כל־סוף באַוויזן פאַרן עולם, האָבן זיך אַלטע, שוואַכע, ציטערדיקע הענט צעוויגט און אים לאַנג אַפּלאָדירט.

איזידאָר האָט אָבער אַליין נישט געזונגען. ער האָט געמאָלדן מיט זיין שיינער שטימע, אַז באַלד וועט אויפטרעטן זיין חבר פון די אַמאָליקע יאָרן, דער באַרימטער זינגער, סעמיועל טייטל. אַז די אַלטע לייט האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רוקן די שטולן און עס האָט זיך צווישן זיי אַ טראָג געטאָן אַ בייז געברום. ווען סעמיועל האָט זיך באַוויזן, האָט מען אים באַלד גענומען אויספייפן און מען האָט אָנגעהויבן צו טופען מיט די פיס. מ'האָט אַזוי לאַנג געטופּעט — ביז איזידאָר האָט אַלעמען צוביסלעך איינגעשטילט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַליין נישט אויפטרעטן, אויב מען וועט נישט לאָזן סעמיועלן פריער זינגען.

סעמיועל האָט געזונגען. ער האָט אינגאַנצן געציטערט און אויפן גאַלן שאַרבן האָבן זיך אים געשטעלט פּערעלעך שוויים. דאָס פּנים איז ביי אים רויט אויפגעלאָפן און די טאָרבעלעך אויפן האַלדז זענען

געוואָרן אָנגעדראָלן. די אַדערן אַרום די שלייפן האָבן זיך שטייף אָנגעצויגן, ביז צום פּלאַצן. ער האָט זיך אַלעמאָל אַ רוק געטאָן הינטערווײַלעכץ, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אומפאַלן. דאָס קול האָט זיך ביי אים געבראָכן; דאָ פאַרקראָכן צו הויך און דאָ מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן. אָבער ער האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל האַרץ אינעם זינגען, אַז די זקנים האָבן אים אויסגעהערט און נישט געשטערט. בשעת ער האָט געענדיקט, איז ער אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול, אַ באַגאָסענער פון קאַלטן שוויים. די ליפּן זענען געווען ביי אים געעפנט און ער האָט שווער געסאַפּעט, גלייך עס וואָלט אים אויסגעפּעלט אָטעם. די ווייסע קרענצלעך האָר, וואָס האָבן אַרומגענומען זיין גאָלן קאָפּ, זענען געווען צעשויבערט. פון די אויגן האָבן זיך אים געגאָסן טרערן פון פרייד.

נאָך סעמיועלן איז איזידאָר טראוב אַרויס פאַרן עולם, פול מיט זיכערקייט אין זיך. אויפן פעטן פּנים האָט געשפּילט אַ צופרידענער שמייכל. ער האָט געזונגען איין ליד נאָכן אַנדערן און אַז מען האָט אים שטאַרק געפּאַטשט, האָט ער פון זיך אַליין גרוים הנאה געהאַט. דער עולם האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, געוואָלט הערן מער און מער. מען איז צעוואָרעמט געוואָרן און מען האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— זינגט אַ חזניש שטיקל! אַ שטיקל פונעם דאַווענען... עפּעס פון די ימים־נוראים, ס'זאָל אַ ציפּ טאָן ביים האַרץ!

— אַ היימיש לידל! רייזעלע... מאי קא משמע לן... פרייטיק אויף דער נאַכט!...

— קדיש פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער...

— עפּעס לעבעדיקס! פריילעכס!

— לעבעדיקס, ס'זאָל אַ צענעם טאָן די ביינער!

אַ פּאָר וואָכן נאָכן קאָנצערט אין מושב זקנים איז איזידאָר טראוב אַוועקגעפאָרן פון אויסטראַליע. שיינע יאָרן נאָכדעם איז סעמיועל אַלץ אַרומגעגאַנגען און זיך באַרימט פאַר יעדן איינעם ווי דער גרויסער זינגער, איזידאָר טראוב, האָט געהאַלטן פון אים. ער האָט אים געשענקט אַזויפיל אָנערקענונג! און וואָס האָבן געטאָן מיט אים די מעלבורנער יידן? זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אומקוקן אויף אים און אים פאַרשפּאַרט אין מושב זקנים...

די פאָטאָגראַפיע

נאָך אַ שטיק צייט פאַר דעם ווי די שיף איז אָנגעקומען צום פּאָרט, זענען אויפן ים אויסגעוואַקסן אָן אַ שיעור גרינע און רויטע פייערלעך — און שמולע האָט געוווּסט, אַז זיי דערנענטערן זיך צו מעלבורן. שמולע האָט גענומען אייליק שפּאַנען פון איין דעק אויפן אַנדערן, געזוכט אַן אָרט, פון וואַנען ער זאָל בעסער קענען זען די פייערלעך, וואָס זענען געווען צעשיט אויפן ים, גלייך עס וואָלט דאָ וועגן מיט אַ ברייטער האַנט צעזייעט די טייערסטע איידלשטיינער. פון אויבן האָט ער געפילט דעם נאַכטיקן הימל מיט די מיניענדיק־גרינע שטערן און פאַר זיך האָט ער געזען דעם ים מיט די גרינע און רויטע ליכטער און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שיף שווימט צווישן צוויי הימלען...

די צייט, וואָס די שיף האָט זיך דערנענטערט צו מעלבורן, האָט זיך ביי שמולען זייער לאַנג געצויגן און ער האָט כסדר געדענקט אין דער פאָטאָגראַפיע פון זיין כלה, וואָס איז געווען באַהאַלטן ביי אים אין טייסטער. בשעת די שיף האָט סוף־כל־סוף צוגעשלאָגן צום פּאָרט און ס׳זענען צו אים אַרויפגעקומען עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיינע באַקאַנטע, האָט ער באַלד געפרעגט פאַרוואָס די כלה איז נישט מיט זיי מיטגעקומען. אָבער די באַקאַנטע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען פאַר די אויגן, האָבן אַפילו נישט געהערט, וואָס ער פרעגט און אים אינגאַנצן נישט געענטפערט. זיי האָבן בלויז נאָכאַנאַנד דערמאָנט וועגן דעם, אַז זיי געדענקען זיין טאַטע־מאַמע, זיין משפחה און זיך גענומען צווישן זיך שפּאַרן צו וועמען ער איז ענלעך, צי צום טאַטן, צי צו דער מאַמען. באַלד האָבן זיי זיך מיט אים פאַרנומען, ווי ער וואָלט נישט געווען קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ חפץ. זיי האָבן אים עפּעס באַפוילן, געפרעגט אויף זיין באַגאַזש. אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און דווקא געוואָלט וויסן פאַרוואָס די כלה איז אים נישט געקומען באַגעגענען, האָט זיך אונטערגערוקט צו אים אַ הויכער און ברייטער פאַרשוין מיט אַ קליין

קאפעליושל אויפן קאפ און זיך צו אים אנגערופן מיט א קלוג שמייכעלע:

— וואס ברענסטו... וואס האסטו קיין צייט נישט! זי איז נישט אנטלאפן פון דיר די כלה דיינע... וועסט זי באלד זען... זי ווארט אויף דיר אין קאר...

דער פארשוין האט אים געזאגט „דו" אויף אזא שטייגער ווי א „גרויסער" רעדט צו א יינגל און ער האט זיך דערפון געפילט געטראפן. וואסי, האסט מיט מיר חזרים געפאשעט? — האט ער אויף דער גיך א טראכט געטאן.

לויט ידעם ברייטן אופן ווי דער מענטש האט צו אים גערעדט, איז שמולען איינגעפאלן, אז ער מוז דאס זיין דער הערמאן וורצל, וואס האט צו אים די גאנצע צייט געשריבן די בריוו אין שטעטל אריין אין שייכות מיט דער כלה אין אויסטראליע. ס'זעט אויס אז ער איז דא דער גאנצער רעדל־פירער, ווייל אלע הערן זיך צו אים צו. נישט אנדערש ער מוז זיין דער כלהס א שטיקל משפחה. וואס האט ער זיך אזוי צעריסן דעם יאשטשיק, אז דאס מיידל זאל אזש פון אזוי ווייט קריגן א חתן.

ס'האט לאנג נישט געדויערט און מען איז מיט שמולען אראפ פון דער שיף. ער איז געגאנגען אינמיטן און זיינע באגלייטער האבן אים ארומגערינגלט. עס האט אויסגעקוקט ווי א חברה שפיצלעס וואלטן אראפגעפירט פון דער שיף עפעס אן ארעסטאנט...

אין א גרויסן גלאנציק־שווארצן אויטא האט אויף אים געווארט די כלה. זי איז געזעסן פארשטופט אין א ווינקל און די נאכט האט זי איינגעהילט, אז ער האט זי נישט געזען. בשעת ער איז אריין אינעם אויטא, האט זי זיך נאך מער פארוקט אינעם ווינקל, גלייך זי וואלט איננאנצן נישט וועלן פארנעמען קיין ארט און מיט א גליטשיק־פייכט קולעכל זיך צו אים אנגערופן:

— וועלקאם אין אויסטראליע...

דערנאך האט זי צו אים געשטופט א ווייך קליין הענטל, וואס איז געווען גליטשיק ווי א פיש.

שמולע האט נישט פארשטאנען וואס די כלה האט צו אים געזאגט און נישט פארטראגן דעם באריר פון איר הענטל, וואס האט איבער־געלאזט אין זיין דלאניע א פייכטקייט. די גאנצע צייט וואס ער איז געפארן אין אויטא האט ער געוואלט אנקוקן די כלה, אבער ער האט זי נישט געקענט זען. ער האט צו איר נישט גערעדט און אויך זי האט זיך צו אים נישט אנגערופן מיט קיין ווארט. זי האט זיך בלויז כסדר

באַהאַלטן אינעם ווינקל, ווי זי וואָלט וועלן ער זאָל זיצן זייער באַקוועם. כאָטש ער האָט זי אַפילו נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט, האָט ער דערפילט אַז זי מוז זיין אַ גוטע — און ס'האָט אים מיטאַמאָל אָנגענומען אַ רחמנות אויף איר. אַז זיי זענען פאַרבייגעפאָרן דאָס גרינע ליכט פון אַ גאַסן־לאַמטערן, האָט ער אויפגעכאַפּט מיט זיין נישטערנדיקן בליק אַ שפּיץ פון איר בלאַס פּנים און איין אויפגעריסן גרויס אויג, וואָס האָט געקוקט פאַר זיך מיט אַזויפיל דערשראָקנקייט. ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין זיין גורל און ס'האָט אים באַהערשט אַ געפיל, אַז מען האָט אים ערגעץ פאַרנאַרט. מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ געשעט נישט אויף דער וואָר, נאָר ס'איז עפּעס אַ חלום. בעת ער האָט באַמערקט דאָס גליענדיק־רויטע קייקעלע פון אַ ברענענדיקן פּאַפּיראָס אין דער פינסטערניש פון אויטאָ, זענען אים נישט־ווילנדיק געקומען אויף דער מחשבה אַלערליי מעשיות וועגן גזלנים, וואָס פאַרשלעפּן זייער קרבן אויף אַ וויסט פעלד און לאָזן אים דאָרט איבער אַליין...

— נו, מיר זענען שוין באַלד אויפן אָרט... נאָך אַ פּאָר גאַסן און מיר זענען אין דער היים, — האָט זיך אין דער פינסטערניש דערהערט אַ קול, וואָס האָט ביי שמולען איבערגעשלאָגן זיינע רעיונות.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צו הערמאַן וווּרצל אין שטוב אַריין, איז די כלה מיטאַמאָל ערגעץ פאַרשוווּנדן. כאָטש עס זענען אין אַ גרויסן צימער אויף אַ לאַנגן אַרויסרוק־טיש געשטאַנען אָנגעשטעלט פיל גוטע מאכלים, האָט מען שמולען נישט געלאָזט גאָרנישט טועם זיין און אים אַריינגעפירט אין אַ חדר־מיוחד. ער האָט נישט געוווּסט פון קיין פּותר־חלום — אָבער די מענטשן האָבן אויף אים אויפגעהויבן דאָס קול. צו זיינע אויערן האָט זיך כסדר דערטראָגן דאָס וואָרט „פּיקטשער". צומיינסטנס פון אַלע האָט אויף אים געשריגן הערמאַן וווּרצל. אַ געדיכטע, גרויע טשופּרינע האָט זיך געוואָרפן ביי יעדן וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגעבריגט פון זיין מויל מיט אַזויפיל היץ און מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי ער וואָלט זיך געקרעקט.

— דאָ איז נישטאָ קיין מאַנקי־ביזנעס! דאָ איז אויסטראַליע... דאָ איז נישט פּוילן! ידאָ ביסטו נישט ביי דיר אין גאַליציע, ווו דו האָסט געקאָנט טאָן דיינע מאַנקי־ביזנעס... מ'האָט דיר געשיקט אַ פּיקטשער. יאָ, צי ניין? אין אויסטראַליע גילטן נישט די קונצן... די מאַנקי־ביזנעס! — האָט מיסטער וווּרצל כסדר ליב געהאַט איבער־צוחזרן דאָס וואָרט — דאָ נעמט זיך אָן די גאַווערנמענט פאַר אָרעמע

מיידלעך, יתומות! אז א באטיאר וויל טאָן א מיידל שלעכטס, שפּערט מען אים באַלד איין!

מיסטער וורצל האָט זיך געהיצט, גערעדט אין איין אָטעם, גלייך עס וואָלט אים ווער געוואָלט אריינפּאָרן אין די רייד. שמולע האָט גאָרנישט געענטפערט, נישט געוווסט וואָס הערמאַן וורצל וויל פון אים האָבן, וואָס ער האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט. מיסטער וורצל האָט ווייטער געצויגן זיינע ווערטער:

— דאָ איז אויסטראַליע! מאַשע איז א וואויל מיידל... א כשרע יידישע טאָכטער! א טייער קינד! זי איז אפשר נישט אזא שענהייט, אָבער זי איז דערפאַר א גוטע נשמה. זי האָט אָפּגעהיטן די ריינקייט פון א יידישער טאָכטער... טאָמער ווערסטו דאָ נישט באַלד אונטער־שרייבן, אז ווערסט מיט איר חתונה האָבן, וועט מען דיך ארויסשיקן פון דער קאַונטרי... היידאַ... די גאַווערנמענט האָט נישט ליב אַזעלכע פייגעלעך, וואָס ברעכן זייער צוזאָג! מאַשע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר אומשולד... זי איז איינע נאַציאָנאַלע העלדין!... — האָט מיסטער וורצל געענדיקט אין גאַליציאַנער דייטש, כדי צוצוגעבן געוויכט זיינע רייד.

שמולע האָט ווייטער געשוויגן, גאָרנישט געענטפערט. פון די אַלע רייד, וואָס הערמאַן וורצל האָט צו אים גערעדט, איז אים באַפאַלן א שרעק. ער האָט נישט געוווסט וואָס פאַרא זינד ער איז באַגאַנגען און וואָס די אַלע יידן זענען אויסן. וואָס מוסרן זיי אים? ער איז נאָך רעכט נישט געקומען צו זיך פון דער נסיעה. ער איז געפאָרן דאָס ערשטע מאָל איבער ימים, געזען אזויפיל נייע לענדער. דאָס אַלץ איז אים נאָך געלעגן אין קאָפּ. ער האָט זיך פון דעם נאָך נישט געקענט באַפרייען. פון הערמאַן וורצלס רייד איז אים אדורך א ציטער איבערן לייב און די ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אים צו טרייסלען. זאָלן די אַלע רייד האָבן א שייכות צו זיין פּרנסה אין דער היים? אין דער היים האָט ער נישט געפירט קיין גאָר כשרע געשעפטלעך און ער האָט א חשד, אז צוליב דעם האָט הערמאַן וורצל דווקא אים געברענגט קיין אויסטראַליע, כדי ער זאָל חתונה האָבן מיט מאַשען. ער האָט אים געשיקט מאַשעס א בילד און אויפן בילד איז מאַשע דווקא געווען א שיין מיידל, אזוי שטאַרק באַחנט. וואָס האָט מאַשע אזוינס געטאָן, אז זי איז געוואָרן אזא גרויסער העלד?! וואָס האָט מען אים וועגן דעם נישט געשריבן? און וואָס האָט זיך עפּעס זיין כלה פאַר אים באַהאַלטן?

שמולע האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע מעשה איז עפּעס נישט גלאַטיק, אַז עפּעס שטעקט הינטער דעם אַלעמען. ער איז געווען זיכער, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן. וואָס האָט הערמאַן וואָרצל אויסגעקליבן אים פֿון אַ גאַנצער שטאָט מיט יונגעלייט? ער האָט נישט געהאַט קיין גוטן שם. אַלע וואָלטן געפֿאָרן. און נאָך ווי געפֿאָרן! אין שטעטל איז אַלעמאָל ערגער געוואָרן און ס'איז נישט געווען ווו צו פֿאַרדינען אַ גראָשן. דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַרומגעדרייט פּוסט־און־פּאַס. דאָס וואָרט „אויסלאַנד" האָט געלאָקט. אויסטראַליע, כאָטש ס'איז געווען אַזוי ווייט, האָט שוין באַלד געצויגן פּונקט ווי אַמעריקע. הערמאַן וואָרצל, וואָס איז נאָך אין דער היים געווען אַ גרויסער גביר, האָט זיכער געהערט מיט וואָס פֿאַראַ מסחרימלעך ער האָט זיך פֿאַרנומען. יינגלווייז האָט ער געהאַנדלט מיט פּאַפּיראָסן, סאַכאַרין. שפּעטער האָט ער געשמוגלט, געקויפֿט מיליטערישע קאָמיס־שיך, הויזן, און זיי פֿאַרקויפֿט. ער איז אויך געווען אַ פּאַסער און שטעטלדיקע גנבים האָבן געוווסט, אַז דורך אים קענען זיי אָפּזעצן זייערע באַכניעס. וואָס־זשע האָט הערמאַן וואָרצל דווקא געוואָלט אים באַגליקן און אים אַראָפּגעבערענגט קיין אויסטראַליע? ער האָט זיכער געהאַט אַ מיין דערביי...

— נו, סיין דאָס פּייפּער, פּליז... לאָמיר שוין זען דיין שיין חתימהלע... — האָט שמולע דערהערט וואָרצלס קול, וואָס איז מער נישט געווען אַזוי תקיפֿותדיק ווי פֿריער — דאָ האָסטו אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלייפֿעדער און שרייב אונטער... דו קענסט דאָך שיין שרייבן, שמולע? איאָ, דו קענסט שיין שרייבן?...

מיסטער וואָרצל האָט איצט גערעדט זייער ווייך צו שמולען, אַראָפּגעלאָזט פּלוצים פֿון זיין הויכן טאָן. ער האָט איצט די גאַנצע מעשה געוואָלט פֿאַרבייטן אין אַ הלצהלע, גלייך עס וואָלט נישט ווערט געווען די רייד און געשטופּט שמולען אונטער דער נאָז אַ בויגן פּאַפּיר מיט עטלעכע אָנגעשריבענע שורות.

— נו, לאָמיר שוין זען דיין מיניסטאָרישע אונטערשריפֿט... לייען איבער וואָס דאָ שטייט און לייג אַוועק דיין פּיטשאַטקע... גלייב מיר, קיינער וויל דיך נישט אַריינגנאַרן אין אַ זאַק. זאָ וואר עך לעב... אַזוי פֿירט זיך אין אויסטראַליע. גלייב מיר, אַז וועסט דאָ פֿירן אַ שענער און בכבודיקער לעבן ווי דו האָסט געפֿירט אין דער היים! — האָט מיסטער וואָרצל אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „בכבודיק".

שמולע האָט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס הערמאַן וואָרצל האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „בכבודיק". ס'איז אַן אָנדייטונג אויף שמולעס

פרנסה אין דער היים. דאָס האָט אים אָבער נישט געאַרט. געאַרט האָט אים גיכער וואָס וווּרצל האָט אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און גערעדט צו אים אַזוי ווייך. די ווייכע רייד האָבן אים אָנגעפילט מיט פחד, פּונקט ווי עס האָבן אים פריער געשראָקן די הויכע רייד.

שמואל האָט זיך געשוואַנקט צי ער זאָל חתמענען דאָס פּאַפּיר, צי נישט. ער איז געווען שטאַרק צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס ער זאָל טאָן. כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן אין שטוב וועלן אים גאָרנישט העלפן, האָבן זיינע גרויסע בלויע אויגן געבלאָנדזשעט איבער די פּנימער פון די מענטשן, גלייך ער וואָלט ביי זיי געזוכט הילף. זיין גרויסער, הויכער גוף האָט זיך לעפּקע געוויגט. מיטאַמאָל האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס בייגעלע פּאַפּיר אין דער האַנט אַריין און עס אונטערגעשריבן. ער האָט באַלד אויף דעם חרטה געהאַט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל. צוגלייך מיט די אַנדערע מענטשן איז ער דערנאָך אַריין אינעם גרויסן צימער, ווו עס איי געשטאַנען דער לאַנגער אַרויסרוק־טיש מיט די גוטע מאכלים. ווי נאָך אַ תענית האָבן זיך אַלע געוואָרפן אויף דער אכילה און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער טיש איז געוואָרן אָפּגעליידיקט. צומייסטנס פון אַלע האָט געגעסן מיסטער וווּרצל, דער באַלעבאָס פון דעם הויז. ער האָט כסדר געטרונקען „לחיים" צו שמואלן, צום ווייב, צו דער כלה, וואָס איז געשטאַנען, אַ בלייכע, ביים אַנדערן עק טיש. ער האָט אַליין געלויבט דעם ווייבס געבעקס:

— מיין ווייב באַקט אַלץ אַליין! נו, ס'איז אַ גוט שטיקעלע שטרודל. אמתער ווינער שטרודל ווי מען האָט געמאַכט אין גאַליציע... און אַ גוט שטיקעלע גאַליציאַנער קעז־קוכן... צאַר מיסים וווּרצל איז אַ גוטע קעכין?!

— קום אַהער כלה צום חתן... — האָט מיסטער וווּרצל גערופן מאַשען, וואָס איז אַלץ געשטאַנען אָפּגערוקט פון אַלעמען. אַז מיסטער וווּרצל האָט נישט אָפּגעלאָזט און זי נאָכאַנאַנד, פול מיט תקיפות, גערופן, האָט זי זיך מיט פּאַמעלעכע, נישט־דרייסטע טריט דערנענטערט צו אים. אויף איר בלייך פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ טענה פאַרוואָס ער לאָזט זי נישט צו רו. זי האָט זיך גערוקט אַביסעלע אויף אַ זייט צווישן די מענטשן, מיטן פּראָפיל אויסגעדרייט צו שמואלן — און זי איז אַצינד זייער ענלעך געווען צו דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט געטראָגן ביי זיך.

שמואל האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאַשען און באַמערקט אַז זי האָט זייער שיינע זיידן־שוואַרצע האָר, וואָס זענען

בײַ איר אָראָפּגעלאָזט אַביסל צו־טיף איבער איין אויג. מחמת די נישט־נאַטירלעך אַראָפּגעקעמטע האָר איז איין זײַט פּנים געווען בײַ איר פאַרשטעלט ווי פון אַ שאָטן. די צופיל אַראָפּגעלאָזטע האָר האָבן צוגעגעבן איר פּנים אַ קאָקעטעריע און אַ נישט־היימלעכקייט. מיטאַמאָל האָט זיך מאשע אָנגעשטויסן אָן עמעצן און די האָר האָבן זיך אָוועקגעשאַרט און אַנטפּלעקט אַ גרויסן מיאוסן שראַם, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער לענג פון באַק און זיך אײַנגעשניטן אין אויג, וואָס איז געווען פאַרטרערט און האָט אַביסל געציטערט. איין זײַט פּנים איז געווען בײַ איר קלענער פון דער אַנדערער זײַט פּנים. ווען שמולע האָט דאָס דערזען, האָט עס אים אַזוי פאַרקלעמט, אַז ער האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט כסדר געזען דאָס בילד, וואָס האָט זיך ערשט פאַר אים אַנטפּלעקט. די מענטשן האָבן געשמועסט, געלאַכט, ווורצל האָט דערציילט עפּעס אַ מעשה — אָבער שמולע האָט גאָרנישט געהערט. הערמאַן ווורצלס ווערטער האָבן אים געשטאָכן, ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז ער מאַכט פון אים חוזק. אַלע מענטשן לאַכן פון אים אָפּ. ס'האָט אים באַהערשט אַ באַגער צו אַנטלויפן פון דאַנען, איבערלאָזן אַלץ און אַוועק. די הענט האָבן אים אָנגעהויבן צו קיצלען און ער האָט געהאַט גרויס חשק צוצוגיין צו הערמאַן ווורצל און מיט די פינגער אַרומצונעמען זײַן אָנגעגאָסן־רויטן האַלדז, כדי אים שטיל צו מאַכן אויף אייביק.

— געבן אײַך אַ קאָפּ אָף טי? וואָס זאָל איך אײַך דערלאַנגען? אַ טשאָקאָלאַד? אַ לאָלי?

שמולע האָט דערהערט ווי מאשע רעדט צו אים, נאָר ער האָט נישט געוווסט וואָס זי וויל פון אים האָבן. לכתחילה האָט אים אָנגענומען אַ שטאַרקער כעס אויף איר. ווי וואַגט זי צו אים צו רעדן?! זי האָט אים אָפּגענאַרט! אָבער אַז זי האָט זיך געבעטן בײַ אים מיט אַזאַ שטיל און גוט קול, ער זאָל עפּעס נעמען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ צוקערל פון קלאָש.

נאָכדעם ווי מאשע האָט אים דערלאַנגט דעם כיבוד, האָט זי זיך שטיל אָוועקגעשאַרט פון אים און זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. זי האָט זיך שולדיק אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און ווען זי האָט געזען, אַז קיינער באַמערקט זי נישט, האָט זי מיטן הענטל געגלעט און זיך גלײַך געמאַכט די האָר. זי האָט אויסגעזען פּונקט ווי אַ פאַרוואָגלט קעצל, וואָס וואַשט זיך מיט אַ לאַפּקעלע. ווען שמולע האָט דאָס דערזען, האָט אים אַ רחמנות אָנגענומען אויף איר.

שמולע האָט איבערגענעכטיקט ביי הערמאַן וורצל אין שטוב. איידער ער איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט מען אים נאָכאַמאָל אַריינגענומען אין חדר־מיוחד און אָפּגערעדט מיט אים אַז אין עטלעכע טעג אַרום קומט פאַר די חתונה. נאָך אויף צומאָרגנס האָט הערמאַן וורצל געזאָגט צו זיינע לאַנדסלייט, אַז אַלץ וועט נישט אָפּגיין אַזוי גלאַטיק. מען וועט נאָך האָבן פון שמולען „טראָבל"! ער גלויבט נישט, אַז שמולע וועט חתונה האָבן מיט מאַשען... אַזאַ יונג ווי שמולע וועט נישט האַלטן קיין צוזאָג! ביי אים איז אַלץ הפקר־פּיעטרישקע! ווען ער וועט געוויער ווערן, אַז זייערע אַלע סטראַ־שונקעס זענען נישט ווערט קיין שישקע־פּולווער, וועט ער מאַכן פון זיי דאָס לייטישע געלעכטער. ער וועט זיך נישט נעמען צום האַרץ וואָס מאַשע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר ריינקייט און בעתן פּאָגראָם זיך געלאָזט בעסער אַזוי קאַטעווען איידער זיך לאָזן שענדן! וואָס וועט שוין זיין די פּעולה אַז מען וועט זיך לאָזן קאָסטן און מאַכן פאַר אים אַ שטיקל פּרנסה? נאָך דער חתונה וועט ער אַרויסוואַרפן מאַשען און זיך אַריינגעמען אַ שיקסע אויף איר אָרט.... אַ שיינער יונג איז ער און ס'פעלן נישט קיין שיקסעס אין אויסטראַליע...

אָבער הערמאַן וורצלס נביאותן זענען נישט מקוים געוואָרן. שמולע האָט חתונה געהאַט מיט מאַשען און געוווינט מיט איר. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז ער שוין געשטאַנען מיט מאַשען אונטער דער חופּה. ער האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען דאָס געלט, וואָס מיסטער וורצל האָט פאַר אים צוזאַמענגענומען. ווען מאַשע האָט אים געברענגט דעם טשעק, האָט ער זי געוואָלט אַרויסוואַרפן. ער האָט זיך אין אויסטראַליע נישט געקענט נעמען צו די פאַרדעכטיקע „ביזנעס" וואָס ער האָט געפירט אין דער היים און געמוזט אַרבעטן. אַז ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ שטיקל „מילק־באַר", האָט ער געהאָרעוועט מיט מאַשען ביז שפּעט ביינאַכט. די עוולה, וואָס מיסטער וורצל האָט אים געטאָן, האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן. צומיינסטן האָט אים ווי געטאָן וואָס ער איז געוועזן זיין כפּרה־הינדל און אַז מיט אים האָט ער זיך געוואָלט אויסקויפן פון זיינע זינד!... נאָך אין דער היים האָט ער עפּעס געהערט פון דער גאַנצער מעשה, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו הערמאַן וורצל מיט מאַשען. ערשט אין אויסטראַליע האָט מען אים צוגעטראָגן וועגן דעם אַז הערמאַן וורצל האָט בעת אַ פּאָגראָם פון אוקראַינער זיך פאַרשטעקט מיט זיין הויזגעזינד אין קעלער און איבערגעלאָזט מאַשען, וואָס האָט

ביי אים גערינט. היטן די שטוב... די כוליגאַנעס זענען זי באַפאַלן און זי געוואָלט פאַרגוואַלדיקן... נאָר זי האָט זיך מיט די ציין און נעגל פאַרטיידיקט און באַקומען מיט אַ שטיק אייזן אַזאַ זעץ אין פּנים, אַז זי איז געבליבן ליגן באַגאָסן מיט בלוט... פון דעם זעץ איז איר געבליבן דער מיאוסער צייכן אויפן פּנים...

שמולע האָט שווער געאַרבעט און מאַשע האָט אים אין אַלץ צוגעהאָלפן — אָבער ער האָט זי נישט געלאָזט אויף די אויגן. ביינאַכט, ווען זיי זענען געפאָרן אַהיים פון „מילק־באַר", איז ער געזעסן אין איין ווינקל טראַמוויי און זי אין אַ צווייטן, ווי צוויי פרעמדע מענטשן. באַלד ווי זיי זענען אַריין אין שטוב, האָט ער זיך אַלעמאָל זייטיק און מיט גיפט צו איר אָנגערופן:

— דו וועסט פאַרטרייבן די קונים פון שאַפּ! ווי קען אַ קונה נעמען עפּעס אין מויל אַריין, אַז דו שטייסט דערביי... ס'פאַרגייט אים דער אַפּעטיט, ווען ער קוקט אָן אַזאַ שענהייט ווי דו... אפשר וועסטו גיין ערגעץ אַנדערש אַרבעטן? דו ביסט אַזוי מיאוס! צי ווייסטו כאָטש ווי מיאוס דו ביסט?...

—כ'ווייס אַז כ'בין מיאוס... — האָט מאַשע מיט אַ שטיל און שולדיק קול געענטפערט.

— אַבי דו ווייסט... כ'האָב געמיינט, אַז דו ווייסט נישט. וואָס־זשע האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר?! ווייניק מענער זענען דאָ אין מעלבורן, וואָס וואָלטן זיך פאַרליבט אין אַזאַ ביוטי ווי דו! פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?!...

— איך האָב דיך נישט אָפּגענאַרט...

— ווער־זשע האָט מיך אָפּגענאַרט, אַז נישט דו? ר' צאַץ? ווער האָט מיר געשיקט די פאָטאָגראַפיע? אויפן פּיקטשער ביסטו אַ גאַנצע ביוטי... האָסט שׂכל געהאַט מען זאָל אָפּפאָרטרעטלען בלויז דעם פּראָפיל... האָסט מעך באַשווינדלט!

— נישט איך... איך האָב דיר נישט געוואָלט שיקן די פאָטאָ־גראַפיע... מיסטער וווּרצל האָט דיר געשיקט דעם פּיקטשער. ער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט...

— אַזוי? ביסטו, הייסט עס, אַזאַ אומשולדיק מלאכל... און ביסט אַזאַ גרויסער העלד! האָסט געגראַטשעט און געקאָפּעט אַבי מען זאָל זיך, חלילה, נישט צורירן צו דיר... וואָס־זשע דאַרף עך עפּעס זיין דאָס כפּרה־הינדל פאַר כּל־ישׂראל?! פאַרוואָס האָט אַזאַ שיינער ייִד ווי ר' הערמאַן וווּרצל נישט חתונה געהאַט מיט דיר? צי ווייסטו, אַז כ'קען מיך נישט צורירן צו דיר...

— כ'ווייס...

— ברר... ס'עקלט מעך... אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט דיך שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן...

— כ'ווייס... — האָט מאַשע שטיל געזאָגט. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, אָנגעהויבן צו וויינען און בעת־מעשה געביסן די נעגל.

— זאָג מיר נישט כסדר, אַז דו ווייסט. און הער אויף צו וויינען און צו בייסן די נעגל!...

כאָטש מאַשע האָט געוואָלט שמולען צוליב טאָן און אויפהערן וויינען און בייסן די נעגל, האָט זי דאָס נישט געקאָנט. די טרערן זענען איר אַליין גערונען איבער די באַקן און זי האָט נישט אויפגעהערט צו בייסן די נעגל.

— הער אויף צו וויינען! — האָט שמולע דאָס מאָל אַ געשריי געטאָן — כ'לויף שוין אַרויס פון שטוב! כ'האָב פיינט צו זען ווי דו וויינסט און ווי דו בייסט די נעגל!

מאַשע האָט אַלץ געטאָן זי זאָל אויפהערן צו וויינען. זי האָט געשטופּט די פויסטן אין מויל אַריין, געווישט די טרערן, ווי אַ קליין קינד, ווען די מאַמע הייסט עס אויפהערן וויינען — אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. זי האָט זייער מורא געהאַט, אַז שמולע קען טאַקע אוועק פון שטוב. פון דעם געדאַנק אַליין איז איר אַדורך אַ קעלט אין די ביינער. מאַשע איז אַלץ אויסגעשטאַנען פון שמולען, אַבי ער זאָל זיין מיט איר צוזאַמען. די שרעק, אַז ער וועט זי אין איין שיינעם טאָג הייסן גיין, אָדער ער וועט אוועק פון איר, האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. וואָס וועט זי טאָן, אַז זי וועט בלייבן אַליין? דעמאָלט וועט זי זיך מוזן אומקערן צוריק צו מיסטער וורצל אין שטוב אַריין. אמת איז אַז לעצטנס האָט מען זי באַהאַנדלט דאָרט ווי אַן אייגענע, אָבער מען האָט זיך אַלץ געשאָפן מיט איר ווי מיט אַ דינסט...

מאַשע האָט אַלץ פאַר ליב גענומען פון שמולען. נאָך אַלעמען איז ער נישט אַזוי שלעכט ווי ער מאַכט זיך. און הערמאַן וורצל האָט אים אָפּגעטאָן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט. וואָס ער זאָל אַצינד נישט טאָן מיט איר, איז ער גערעכט. ס'קען זיין אַז אין דער היים האָט שמולע זיך אפשר נישט פאַרנומען מיט קיין לייטישע זאַכן, אָבער דאָ אַרבעט ער שווער און ער וויל צו קיינעם נישט אָנקומען. מאַשען האָט אַפילו נישט געאַרט ווען זי האָט באַמערקט אַז שמולע איז עפּעס צו גוט צו דעם שיקסל, וואָס אַרבעט ביי זיי אין געשעפט. ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר. ווען מאַשע איז דאָ אין

געשעפט, רעדן זיי נישט קיין סך צווישן זיך — אָבער זיי פאַרשטייען זיך אויפן ווונק. עליזאַבעט קוועלט אָן פון אַלץ וואָס שמולע טוט. זי לאַכט פון זיין שלעכטן ענגליש, נאָר זי האָט ליב צו הערן ווי ער רעדט. אָפטמאָל לאָזט עליזאַבעט אַלץ שטיין און לערנט שמולען ווי אַזוי אַרויסצורעדן אַן ענגליש וואָרט און זי מאַכט עס אויף אַזאַ איבערגעגעבענעם אופן פונקט ווי אַ מאַמע וואָס לערנט אַ קינד רעדן. עליזאַבעט איז אַ הויכע, מיט אַ ראָזע־ווייס פּנימל און אַ קאָפּ העלע לאָקעלעך. זי זעט אויס אַביסל ווי אַ ליאַלקע און זי האָט אַ טבע אַרויסצולאָזן אַלעמאָל אַ פאַרחידושטן קוויטש, טאַקע ווי אַ ליאַלקע, ווען מען גיט איר אַ קוועטש ביים בייכל.

ביינאַכט, ווען ס׳זענען נישטאָ קיין קונים אין „שאָפּ" און מאַשע שטייט אין אַ ווינקל און וואַשט די כלים, פאַרגעסט שמולע מיט עליזאַבעטן, אַז זי איז דאָ און זיי זעצן זיך ביי אַ טישל און לאַכן און קוועלן און דערציילן זיך מעשיות. זיי זעען דעמאָלט אויס ווי צוויי גרויסע פאַרשפּילטע קינדער. כאָטש מאַשען האָט דאָס ווייט געטאָן, האָט זי דעם וויטיק דערשטיקט אין זיך. זי האָט זיי נישט געשטערט, געוועזן אַזוי שטיל, זיי זאָלן זיך נישט כאַפּן, אַז זי איז דאָ. עליזאַבעט האָט געהאַט אַ קוויטשיק שטימעלע און האָט אָן אַן אָפּשטעל געצוויטשערט ווי אַ פויגל. טאָמער האָט שמולע אַריינגע־וואָרפן אַ פּאָר ווערטער אין איר געצוויטשער, האָט זי דערפון אַזוי אָנגעקוואָלן, אַז זי האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. קעגנאיבער מאַשען איז געהאַנגען אַ שפּיגעלע, וואָס האָט געהערט צו עליזאַבעטן. אין דעם שפּיגל האָט מאַשע זיי געקאָנט זען. אָבער זי האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין שפּיגל, נישט געוואָלט זיי זען און נישט געוואָלט זען דעם מיאוסן שראַם אויף איר פּנים, וואָס האָט זיך געצויגן פון ציטערדיק־פאַרטרערטן אויג ביזן מויל...

מאַשע פּלעגט נישט אַלעמאָל וואַרטן אויף שמולען ביז צום פאַרמאַכן די „שאָפּ" און זי איז אָפט אַליין אַהיים געפאָרן. זי האָט זיך דערנצמאָל באַלד אַוועקגעשטעלט קאָכן און יעדער געדאַנק, אַז זי קאָכט פאַר אים די מאכלים, וואָס ער האָט ליב, האָט זי אָנגעפילט מיט פרייד. נישט איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו איר:

— מאַשע, פון וואַנעט ווייסטו וואָס עך האָב ליב... דו מאַכסט פונקט אַזעלכע גוטע מאכלים ווי מיין מאַמע... ס׳האָט טויזנט טעם...

אַז מאַשע האָט דאָס דערהערט, איז זי געווען אין זיבעטן הימל און זי האָט זיך באַמיט וואָס בעסער צו קאָכן. זינט שמולע האָט

זיך אָפּגעגעבן מיט עליזאַבעטן, איז ער געווען בעסער צו איר און ער־האָט מער נישט אויף איר אַזוי געשריגן. בעת ער איז אַהיים געקומען און דערשמעקט די מאכלים, וואָס ער האָט ליב, האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן אַ ברייטער צופרידענער שמייכל. זי האָט געוווסט, אַז איצט געהערט ער איינגאַנצן צו איר און זי האָט אים באַלד דערלאַנגט אַ פריש האַנטוך און זייף, כדי ער זאָל זיך אָפּוואַשן נאָך דער שווערער אַרבעט. זי האָט ליב געהאַט צו זען ווי ער טוט זיך אויס ביז אין דער העלפט און דאָס וואַסער רינט אַראָפּ פון זיינע געדיכטע האָר, פון זיין קאַרק און פון זיינע שטאַרקע אָרעמס. אינעם שמעקנדיקן ריח פון דער זייף האָט זיך אַריינגעריסן דער געזונטער ריח פון זיין שווייס און זי האָט דאָס איינגעזאַפּט אין זיך. דערנאָך, ווען שמולע האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט ער גענומען שלינגען דאָס עסן, אַז באַלד איז גאָרנישט אויפן טיש געבליבן. ס'האַרץ איז אין איר געוואַקסן בעת זי האָט זיך צוגעקוקט ווי ער עסט מיט אַזאַ אַפּעטיט אירע מאכלים; זי האָט פאַרגעסן אין זיך און אַליין גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין. לכתחילה האָט דאָס שמולע נישט באַמערקט. ערשט ווען ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך דערמאָנט אין איר.

— און וואָס עסטו גאָרנישט, מאַשע... וואָסי, ס'איז היינט ביי דיר תשעה־באָב?...

— כ'האָב שוין געגעסן, — האָט מאַשע געזאָגט ליגנט און איבערגעחזרט דאָס ווערטל, וואָס אַלע באַלעבאָסטעס זאָגן — אַ קעכין פאַרטיילט זיך קיינמאָל נישט...

מאַשע האָט געשיינט. זי איז געווען פריילעך און זיך צוגעזונגען אַ לידל, וואָס זי פלעגט זינגען ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד.

— וואָס האָסטו זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין דעם לידל? — האָט שמולע זיך געחידושט — שוין אַ שאָק מיט יאָרן ווי עך האָב עס נישט געהערט... ס'איז שיין... ס'נעמט אָן ביים האַרץ...

כאָטש מאַשע האָט געוווסט, אַז שמולע איז צו איר גוט צוליב דעם וואָס ער האָט עליזאַבעטן, האָט זי איצט וועגן דעם נישט געוואָלט קלערן און דעם געדאַנק געטריבן פון זיך.

מאַשע איז לעצטנס נישט געקומען אַזוי אָפט צו הערמאַן ווורצל אין הויז ווי אין די ערשטע צייטן נאָך דער חתונה. מ'האָט זי דאָרט באַגעגנט מיט פאַרשטעלטע, רחמנותדיקע בליקן און זי האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איינמאָל, ווען מאַשע איז געקומען צו מיסטער ווורצל אין שטוב אַריין, האָט דאָס ווייב זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און זי געפרעגט:

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, מאַשע?... און ווו איז שמולע? ס'פּאַסט אים נישט צו קומען צו אונדז? מ'האָט אים געטאָן אַן עוולה?

מאַשע האָט נישט געענטפערט און מיסיס וורצל האָט ווייטער גערעדט:

— ווענט האָבן אויערן ... מען הערט אַלץ... מ' האָט מיר צוגעטראָגן, אַז שמולע שמונצט אַרום מיטן שיקסל, וואָס אַרבעט אינעם מילק־באַר... אַלץ הערט מען...

מאַשע האָט געליייקנט און מיסיס וורצל האָט גאָרנישט געקענט פון איר אַרויסבאַקומען. ס'האָט אַפילו נישט געהאָלפן וואָס הערמאַן וורצל האָט אַריינגערופן מאַשען אין חדר־מיוחד און מיט אַ פאַר־דאגהט פּנים אַריינגערעדט אין איר:

— מיר קענסטו זאָגן אַלץ... אַלץ! קענסט דיר אָראָפּרעדן פון האַרץ ווי פאַר אַ טאַטן... אין אויסטראַליע זענען נישטאָ קיין מאַנקי־ביזנעס! מען קען אַזאַ פאַרשווין אָנלערנען. ס'איז נישט הפקר־פּיעטרישקע!

— שמולע באַהאַנדלט מיך ווי אַ קווין! נישטאָ קיין זאַך ער זאָל פאַר מיר נישט טאָן! — האָט מאַשע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ טרערנדיק־דערוואָרגן קול און אויף איר פּנים האָט געשפּילט אַ טראַציקער שמייכל — ער נעמט מיך אומעטום מיט... ער האָט געקויפט טיקעטס אויפן גאַליציאַנער באַל. מיר קלויבן זיך דאָרט ביידע צו גיין!

מאַשע איז שנעל אַוועק פון הערמאַן וורצל, געפאָרן צו זיך אין „מילק־באַר". זי האָט דאָרט געטראָפן זיצן ביי איין טישל שמולען מיט עליזאַבעטן. קיין קונים זענען נישט געווען. עליזאַבעט האָט זיך געשיט פון געלעכטער. ווי איר שטייגער איז געווען, האָט זי פאַרבעסערט שמולעס ענגליש. צווישן די אָנפאַלן פון געלעכטער, וואָס האָבן אַרויסגעפּרעסט טרערן פון אירע אויגן, האָט זי אַרויסגע־וואָרפן פון זיך די ווערטער:

— ביג בייבי! ווי נאַריש דו ביסט... ווי פאַני. ביסט פּונקט ווי אַ גרויס קינד...

אַז שמולע האָט דערזען מאַשען, איז זיין פּנים אויסגעקרומט געוואָרן פון כעס, אָבער ער האָט זיך באַלד גענומען אין די הענט אַריין און זיך אָנגערופן צו איר מיט איבערגעטריבענער ווייכקייט:

— וואָס ביסטו שוין געקומען, מאַשע? האָסט זיך דאָך געקליבן צו גיין צו מיסטער וורצל...

— כ׳בין שוין דאָרט געווען. כ׳האָב בלויז דאָ אָפּגעטרעטן אויף אַ מינוט צו זען וואָס הערט זיך. כ׳האָב זיך באַשטעלט מיט מיסיס וורצל צו גיין אין דער שטאָט אין די פּיקטשערס... — האָט מאַשע אויף דער שנעל אָפּגעבאַקן אַ ליגנט.

— אָל־רײַט! אָל־רײַט... — האָט שמולעס פּנים אויפגעשײַנט — ווערסט זיכער האָבן אַ גוד טײַם... מען דאַרף דיך איצט נישט האָבן אין שאָפּ.

שמולע האָט געקוקט אַביסל אויף אַ זײַט, אויסגעמיטן מאַשעס בליק. אָבער אַז ער האָט זיך אויף אַ רגע אָנגעטראָפן מיט אירע אויגן, האָט ער דערפילט, אַז זי פאַרשטייט אַלץ — זי ווייסט פאַרוואָס ער טרײַבט זי אַרויס פון „שאָפּ".

— אַ גוטע נאַכט, עליזאַבעט, — האָט מאַשע אַריבערגעשריגן צו עליזאַבעטן און דערנאָך זיך אַ קער געטאָן צו שמולען — כ׳וועל נישט זײַן צו שפּעט...

מאַשע איז אַרויס פון „מילק־באַר" מיט שנעלע טריט, גלײַך זי וואָלט זיך זייער געאײַלט — אָבער אַזוי גיך זי האָט זיך געפונען אויף דער גאַס, האָט זי נישט געוווּסט וווּ צו גיין. זי האָט זיך געוואָלט אַרײַנכאַפּן אין אַ קינאָ, כּדי אין אַלץ צו פאַרגעסן, נאָר דער קאָפּ איז איר נישט געשטאַנען צו זען אַ פילם. זי האָט אַליין געוואָגלט איבער די גאַסן פון דער שטאָט. מענטשן האָבן זיך געשטופּט אַרום איר, געשמועסט, געלאַכט, געקוקט אין די רײַכע, העל־באַלויכטענע שויפענסטער. יונגע מיידלעך און בחורים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן בײַ די הענט, בײַ די טאַליעס, זענען פרייִלעך־צעזונגען געשוווּמען צווישן די ליכטער פון דער שטאָט. רעקלאַמעס — רויטע, גרינע, גאָלדענע — האָבן זיך אויפן טונקל־גראַנאַטענעם הימל געשניטן אין גלײַכע שורות, אין זיג־זאַגן, אין האַלבע און גאַנצע קרייזן. דאָס אַלץ האָט איצט מיט איר קיין שום שײַכות נישט געהאַט.

מאַשע האָט אַליין געוואָגלט איבער דער שטאָט. זי האָט נישט געוואָלט גיין צו דער „שאָפּ" אַ קוק טאָן וואָס דאָרט הערט זיך, נאָר עפּעס אַ כּוח האָט זי געשטופּט דאָס צו טאָן. פון דער ווײַטנס האָט זי געזען; אַז די שאָפּ איז פאַרמאַכט און שמולע מיט עליזאַבעטן

איילן זיך אַהיים. בעת זי איז אַהיים געפאָרן, האָט זי באַמערקט, אַז די פענסטער פון איר דירה זענען אויסגעלאָשן. הינטער די אויסגעלאָשענע פענסטער געפינט זיך איצט שמולע מיט עליזאַבעטן. אַ ווייטיק האָט זי אָנגענומען ביים האַרץ, געשפּאַרט אין אַלע אברים. זי האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז באַלד וועט עליזאַבעט גיין צו זיך און זי וועט צוריק זיין מיט שמולען. ער איז אַ גוטער, ער וועט קיינמאָל פון איר נישט אַוועק. מאַשע האָט זיך לאַנג געדרייט אַרום איר הויז, נישט אַרויף צו זיך אין דירה. זי האָט כסדר געקוקט, צי ס'ווערט שוין ליכטיק אין אירע פענסטער און פון אירע אויגן זענען גערונען טרערן...

דער לאַנגער קאָרידאָר

נאָכדעם ווי איר מאַן איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, איז בײַ דזשעסין צוגענומען געוואָרן דער שלאָף. זי איז בײַנאַכט געלעגן לאַנג אויף און כאָטש די אויגן האָבן זיך איר פֿון מידקייט געקלעפּט, איז דער שלאָף צו איר נישט געקומען. זי האָט גענוי געהערט וואָס איז פֿאָרגעקומען אינעם „באָרדינג"־הויז אין דער שפּעטער שעה און ס'האָט איר נישט געהאָלפֿן וואָס זי האָט דעם קאָץ אַריבערגעשלעפּט איבערן קאָפּ. בײַטאָג איז אינעם באָרדינג־הויז געווען שטיל ווי אין אַן אויער — דערפֿאַר האָבן זיך דאָ בײַנאַכט אָנגעהויבן צו הערן פֿאַרשידענע קולות און גערוישן און ס'האָט אויסגעזען ווי דווקא אין די אָוונט־שעהן וואָלט זיך דאָס הויז געוועקט צום לעבן.

דזשעסי איז געלעגן אויף בײַ זיך אין שטוב און געוואַרט אַז צווישן דעם פּלאָנטער פֿון די קולות און גערוישן זאָלן זיך דערהערן די שאַרנדיק־נערוועזע מענערישע טריט, וואָס האָבן זי אַלעמאָל אָנגעפּילט מיט אַ מאָדנעם ציטער. דזשעסי האָט שוין גענוי געקאָנט אונטער־שיידן צו וועמען עס געהערן די אַלע טריט, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אירע אויערן. זי האָט אַקוראַט געוווסט, ווען ס'קומט דער אַלטער בחור, דער שיכור, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די פֿיס איבער די שטיגן, פֿאַרבלאָנדזשעט אַלעמאָל צו אַן אַנדערער פֿרעמדער טיר אינעם לאַנגן קאָרידאָר, געזאָגט מיט אַ העפֿלעך־פֿאָנפֿעוואַטע קול „פּאַרדן" — ביז ער האָט סוף־כּל־סוף דערטאַפּט זײַן אייגענע טיר. זי האָט געהערט ווי אין אַ דערבײַיִיק צימער האָט זיך דער מאַן אין סאַמע מיטן שנאָרכן אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף און געפּאָדערט בײַ זײַן ווײַב, וואָס איז אייביק געווען זייער מיד, אַביסל ליבע. ס'האָבן זיך דערהערט קללות און זידלערייען און באַלד דאָס קרעכצן פֿונעם בעט. אַ יונג פֿאַבריק־מיידל, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דער ראַנדעוווּ, האָט זיך אינעם באָד־צימער געוואַשן די אונטער־וועש און די זאָקן און געלאָזט דאָס וואַסער רינען מיט אַ שטאַרקן רעש. ס'האָט זיך געטראָגן אַ קלאַפּן אין דער קלאָזעט־טיר, ווײַל ס'איז דאָרט ווער צו־לאַנג געזעסן.

און אַלטער „פּענסיאָנער“ האָט זיך דווקא בײַנאַכט אויסגעקליבן צו רעדן צו זײַנע פּייגל־„באַדזשעריגאַרס“, וואָס ער האָט געהאַלטן אין עטלעכע גרויסע שטײַגן. די „באַדזשעריגאַרס“ האָבן נאָכגעזאָגט אַלץ וואָס ער האָט צו זיי גערעדט.

דזשעסי איז געלעגן אין בעט און געוואַרט ס'זאָלן זיך שוין דערטראָגן צו איר די שאַרנדיק־נערוועזע טריט, וואָס האָבן זי אַלעמאָל אַנגעפילט מיט אַן אומרואיקן ציטער. די טריט האָבן זיך פּאַוואָליע און פּאָרזיכטיק געשאַרט איבערן לאַנגן קאָרידאָר, גלײַך ווי זיי וואָלטן אויסגעטאַפּט דעם וועג אין דער פינסטער. דעמאָלט האָט זיך דזשעסין געדאַכט, אַז דער באַלעבאָס פון די טריט שטייט ערגעץ פאַר אַ תהום, וווּ ער וועט זיך באַלד אַראָפּקײַקלען. טײלמאָל האָט זיך דער מענטש פון יענער זײַט טיר פלוצים אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט און ערשט שפּעטער זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג. דזשעסי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס אַלטע באָרדינג־הויז האָט אַ קאָרידאָר, וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג. אַ סך מאָל איז זי געווען זיכער, אַז דער מענטש פון יענער זײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר טיר און באַלד וועט ער צו איר אַרײַן. ס'איז איר אַזאַ שרעק באַפאַלן, אַז זי האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון בעט און שרײַען נאָך הילף.

— ס'דאַכט זיך דיר בלויז... דאָס האָבן דײַנע שוואַכע נערוון אויסגעטראַכט — האָט זי געזאָגט צו זיך — יענער האָט דיך אפילו נישט אין זינען! וואָס־זשע קומט ער אַזוי שפּעט בײַנאַכט? — האָט בײַ איר דער קאָפּ געאַרבעט — ער איז אַ פרעמדער אין לאַנד... אַ רעפיודזשי... אַ פּליט... אַ ייִד, וואָס קען נישט קיין ענגליש. ווו גייט ער אַזוי שפּעט? ער מוז עפּעס אויסן זײַן! ביסט אפנים איבערזיכטיק, — האָט זי זיך געענטפערט. — וואָס גייט דיך אָן וווּ ער גייט... ס'איז נישט דײַן עסק! מיש דיך נישט צו יענעם...

דזשעסי האָט געוווּסט, אַז ס'איז אמת וואָס זי האָט געטראַכט וועגן זיך — אירע נערוון זענען טאַקע זייער אָנגעשטרענגט. און דאָס וואָס זי קען נישט שלאָפן בײַנאַכט, האָט זי שוין געמאַכט אויס מענטש.

אַקוראַט פאַרן סוף פון דער מלחמה, בעת זי האָט זיך געריכט אויף עריקן ער זאָל קומען נאָכן שפּיטאָל אויף אורלויב, איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ער איז אומגעקומען. אינעם בריוו זענען געווען אויסגערעכנט אַלע העלדישע מעשים פון עריקן. באַלד האָט זי דערהאַלטן זײַנע מעדאַלן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חפצים, וואָס האָבן געהערט צו אים. אָבער זי האָט די זאַכן אַוועקגעשטעלט, נישט געוואָלט אויף

זיי קוקן. ס׳האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן, און זי האָט כסדר געזען עריקן אַ לעבעדיקן. זי האָט זיך נישט געקאָנט גלייבן, אַז ער איז אויף אַן אמת טויט...

ווי לאַנג איז עס דען? זי האָט זיך דאָך מיט אים ערשט באַקענט... דאָס איז געווען אויף דער באָנדיי־ביטש אין סידנעי, וווּ ער איז געקומען אין דער צייט פון „קריסטמעס" מיט זיינע חברים צו פאַרברענגען די עטלעכע וואָכן אורלויב. די גאַנצע חברותא איז געקומען אין אַן אַלטער צעבראָכענער „קאַר", וואָס האָט כסדר געזעצט פון זיך גערדיכטע קנוילן רויך און האָט געשאָסן און געקנאַקט, ווי אַן אַלטער אַרמאַט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט דער אויטאָמאָביל אָנהויבן ברענען. פאַר די „באָיס" איז דאָס געווען אַ גוט שפּילעכל און זיי האָבן אונטערגעשטופּט און געריטן אויפן אויטאָ, ווי קינדער אויף אַן אָפּגענוצט, אַלט פערד. די פריילעכע קאָמפּאַניע האָט געטרונקען ביר, אַריבערגעשריגן עפּעס צו די מענטשן אויף דער פּליאַזשע און געפאָכעט צו זיי מיט די הענט. די ליידיקע פלעשער פון ביר האָבן זיך כסדר געמערט.

דזשעסי איז געלעגן אויפן זאַמד און זייטיק אַלעמאָל אַ בליק געכאַפּט צו דער חברה, וואָס איז געווען אַזוי פריילעך און צעשפּילט. זי האָט באַמערקט אַז צווישן דער חברה איז דער פריילעכסטער אַ לאַנגער, אַביסל איבערגעוואַקסענער בחור, מיט צעשויבערט־טונקעלע האָר און אַ לענגלעך־שפּיציק פּנים, וואָס מען האָט גערופן „עריק". זי האָט אים מיט די אויגן געזוכט און הנאה געהאַט פון זיינע קונצן, וואָס זענען געווען משונהדיק־ווילד. פּלוצים איז ער פאַרשווונדן און זי האָט אים אַ צייט נישט געזען. זי האָט אים ערשט שפּעטער באַמערקט אין וואַסער, וווּ ער האָט געמאַכט פאַרשידענע אויסטערלישע קונצן ביים שווימען. דערנאָך איז ער ווידער נעלם געוואָרן און זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער ליגט נאָענט פון איר. און פּונקט ווי ער איז פריער געווען אַזוי לעבעדיק, אַזוי איז ער איצט געלעגן אָן באַוועגונג, זיך צומאָל נישט קיין ריר געטאָן. זיין נאָענטקייט האָט זי אָנגעפילט מיט אַן אומרו און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען אויפן זאַמד. דאָ האָט זי צוגעדעקט אירע פיס און דאָ די הענט מיט אַ האַנטוך, ווייל איר דורכזיכטיק־ווייסע הויט פון אַ רויט־האָריקער האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען צופיל זון. וואָלט דער יונגערמאַן כאָטש זיך אָנגערופן צו איר מיט אַ וואָרט, עפּעס צו איר געזאָגט — איז ער אָבער געלעגן שטום און נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל. זיין שווייגן האָט זי נאָך נערוועזער געמאַכט און זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו

טאָן מיט זיך. כאָטש ער האָט געהאַט די אויגן געווענדט צום הימל און זי אַפֿילו נישט געזען, האָט זי געהאַט דאָס געפֿיל ווי זיין בליק וואָלט זיך איבער איר לייב געגליטשט. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט אַ קול, וואָס האָט זיך אַ הויב געטאָן צום זוניק־גאָלדענעם חלל:

— האַי...

זי האָט זיך נישט געמאַכט הערן דאָס קול און נישט געענטפֿערט.

— האַי... — האָט זיך דאָס זעלבע קול איבערגעחזרט.

— האַי. — האָט זי דאָס מאָל שוין געענטפֿערט.

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך עס וואָלטן אים אויס־געפּעלט ווערטער. זיי זענען ביידע געלעגן אָן באַוועגונג — און ערשט דעמאָלט ווען זי האָט זיך געקליבן צו גיין און געזוכט אַן אָרט ווו זיך איבערצוטאָן, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און איר פֿאָרגעלייגט זיין הילף. ער האָט צו איר געזאָגט, אַז ער וועט זי פֿאַרשטעלן מיט אַ האַנטוך און זי וועט זיך באַקוועם קאָנען איבערטאָן; ער וועט נישט קוקן אין איר זייט אַריין. אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט איר אַ כעס אָנגענומען אויף אים. אָבער ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַזויפֿיל נאַיוויקייט, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. זי האָט לאַנג און הויך געלאַכט, אַז טרערן זענען איר אַזש געקומען אין די אויגן פֿון לאַכן.

— ניין, אַ דאַנק... — האָט זי אינמיטן לאַכן קוים אַרויסגע־ברענגט פֿון זיך — כ׳וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן.

זי איז אַוועק צום בנין, ווו ס׳איז געווען אַן אָפּטיילונג פֿאַר פֿרויען אויף איבערצוטאָן זיך, און ער האָט זי באַגלייט. ער האָט געוואַרט אויף איר אינדרויסן און אַז זי איז אַרויסגעקומען, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו איר:

— כ׳וועל אייך באַגלייטן אַהיים...

— אַזוי אין די שווים־הויזן? — איז איר אַ נייער ספּאַזם פֿון געלעכטער באַפֿאַלן.

— כ׳לויף שוין זיך איבערטאָן אין דער קאַר... איר וועט וואַרטן אויף מיר... מיר וועלן היינט ביינאַכט אַרויסגיין. מאָרגן ביינאַכט וועלן מיר באַגעגענען צוזאַמען דאָס נייע יאָר... רייט? — האָט ער אַריינגעקוקט אין אירע בלויע אויגן, וואָס זענען אַלעמאָל געווען אַ ביסל פֿייכט, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס געוויינט.

— גוט, כ׳וועל וואַרטן אויף אייך... איר באַשליסט אַלץ אַזוי שנעל!... וואָס וועט זיין, אַז נאָך דער היינטיקער נאַכט וועט איר

נישט וועלן מאַרגן מיט מיר אַרויסגיין... איר וועט איבערלאָזן אַליין די חברים?

ער איז זיך געלאָפן איבערטאָן. זי האָט געוואַרט אויף אים. כאָטש דאָס איבערטאָן האָט נישט לאַנג ביי אים געדויערט, האָט זי שוין עטלעכע מאָל באַשלאָסן אַוועקצוגיין און איז פונדעסטוועגן געבליבן.

דעם אָוונט האָבן זיי צוזאַמען פאַרברענגט און אויפצומאַרגנס ביינאַכט האָבן זיי באַגעגנט צוזאַמען דאָס נייע יאָר. זי האָט אים און די חברים פאַרבעטן צו איר חברטע אין שטוב, נישט ווייט פון דער באַנדיי־ביטש. די בחורים האָבן געברענגט אַ סך פלאַשן ביר און מיטגענומען אַפילו מיט זיך „סענדוויטשעס". די מיידלעך האָבן צוגעגרייט צוקערלעך און טשאָקאָלאַדקעס און אויסדעקאָרירט שיין דאָס צימער מיט פאַרשידענע קאָליריקע פאַפירן און באַלאָנען. באַלד איז אָבער פון דעם אַלעמען קיין זכר נישט געבליבן און דאָס ביר האָט זיך געגאָסן אויף דער פאַדלאָגע. די חברים האָבן אַלעמאָל צוגעשטעלט אַ ברענענדיקן פאַפיראָס צו אַ באַלאָן און ער האָט געפּלאַצט מיט אַ קנאַל. די שיכורע געזאַנגען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די צעהוליעטע געשרייען און געזאַנגען פון אַנדערע שטובן און פון דער גאַס. בעת מען האָט אויפגענומען דאָס נייע יאָר מיט געזאַנג און אויסגעלאָשן אויף עטלעכע רגעס די עלעקטרי, איז עריק געשטאַנען נאָענט צוגערוקט צו דזשעסין און זי האָט זיך געריכט, אַז ער וועט זי אַ קוש טאָן — אָבער ער איז נישט געווען גענוג דרייסט. זי האָט געוואָלט אויסשטרעקן צו אים דאָס מויל, נאָר זי האָט דאָס נישט געטאָן. שפּעטער אַביסל האָבן זיי זיך מיטאַמאָל געפונען אויף דער גאַס. כאָטש די נאַכט איז געווען אַ הייסע, איז אין גאַס געווען אַ סך לופטיקער ווי אין שטוב. זיי האָבן זיך אַנגעטראָפן אויף נאָך פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך געוואַקלט אויף די פיס, פונקט ווי זיי.

זיי האָבן אַוועקגעוואַנדערט צום ים און ער האָט פון אויטאָ אַרויסגענומען אַ קאָץ. זיי האָבן זיך געלייגט אויפן זאַמד שלאָפן, זיך מיטן קאָץ צוגעדעקט. לעבן זיי זענען נאָך געלעגן פּאָרלעך און איינצלנע מענטשן, וואָס זענען געשלאָפן אויפן זאַמד. עריק איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן שלאָף — אָבער זי האָט זיך שנעל אויסגעניכטערט, געלעגן וואַך און זיך צוגעהערט צו זיין הויך אָטעמען. ער האָט זי אין שלאָף אַרומגענומען, צוגערוקט זיינע מוסקולירט־ביינערדיקע פיס צו אירע וואַרעמע קני. זי האָט אַוועק־

געשאַרט זײַנע פּיס און אַראָפּגענומען זײַנע הענט פֿון זיך. זײַן אויפֿפֿירן זיך האָט זי באַליידיקט און זי האָט אים נישט אײנמאָל געוואָלט אויפֿוועקן מיט כּעס. זי האָט שטיל געוויינט און דער קאַץ איז פֿייכט געוואָרן פֿון אירע טרערן.

באַגינען האָט זיך מיטאַמאָל עריק אויפֿגעוועקט און באַמערקט ווי זי וויינט. אַז ער האָט זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי וויינט, האָט זי זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פֿון אָרט און איז גיך פֿון אים אַנטלאָפֿן. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס איז געשען און אָנגעהויבן זיך נאָך איר צו יאָגן. זי איז אַזוי שנעל געלאָפֿן, אַז ער האָט זי נישט געקאָנט כאַפּן. ערשט ווען זי איז אַן אויסגעשעפּטע אומגעפֿאַלן אויפֿן זאַמד, איז ער אויף איר אַרויפֿגעפֿאַלן. פֿונעם שנעלן לויפֿן האָבן זײ בײדע הויך געסאַפּעט, קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. אירע רויטע האָר האָבן זיך איר אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פּנים, זיך געצונדן ווי פֿלאַמען. ער האָט זיך אײַנגעזויגן אין אירע ליפּן, אין איר האַלדז און אין אירע ברוסטן. אָבער זי האָט זיך געריסן פֿון אים און געשריגן:

— גיי אַוועק פֿון מיר! לאָז מיך געמאַך! דו פֿירסט זיך אויף אַזוי נאַריש... ביסט אַ נאַר. אַ נ־אַ־אַר!

מיט בײדע פֿאַרקוועטשטע פֿויסטן האָט זי אים געהעמערט אויף דער ברוסט מיט אַזאַ כּוח, אַז זי האָט געמיינט ער וועט בלײַבן אונטער אירע הענט. איר כּעס האָט זיך אַלץ נישט געשטילט. ביסלעכווײַז אָבער זענען אירע קלעפּ געוואָרן שוואַכער און די פֿויסטן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַן אָנגענעמער מידקייט און געבליבן אָן כּוח, ווי מידע פֿייגל נאָך אַ לאַנגען פֿליען.

— לאָז מיך געמאַך, גיי אַוועק פֿון מיר! — האָט זיך איר קול געבראָכן. — וואָס טוט זיך מיט דיר? קום אַוועק אַביסל ווײַטער. ס'איז שוין טאָג... מענטשן קענען אָנקומען!

דערנאָך זענען זײ געבליבן ליגן אויפֿן זאַמד. אַ חרטה האָט זיך באַזעצט אין דזשעסין און זי האָט געוויינט. זי האָט באַמערקט ווי אַ דורכזיכטיק־קלאָרער פֿרימאָרגן האָט זיך אַרויסגעהויבן פֿון דער בלויער נעפּל־שאָל און ס'איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער טאָג פֿון נײַעם יאָר. אויף דעם גאָלדיק־אויסגעוואַשענעם זאַמד איז געשטאַנען אַ צעבראָכענע שורה מעוועס און זײערע ציכטיק־ווײַסע פֿעדערן זענען באַפֿאַרבט געוועזן מיט אַ בלײַכער רויטקייט פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון.

נאָכדעם ווי ס'זענען אַוועק די פּאָר וואָכן „האָלידיי", האָט זיך

עריק און זיינע חברים אומגעקערט קיין מעלבורן. זיי האָבן זיך זייער געאײלט, ווייל באַלד אויפצומאָרגנס האָבן זיי זיך געדאַרפט שטעלן אַרבעטן אין פאַבריק. דזשעסי איז געפאָרן מיט זיי. מען האָט פאַר איר און פאַר איר וואַליזקעלע, ווו ס׳זענען געלעגן אירע זאַכן, געפונען אַן אָרט אין דעם אַלטן אויטאָ. וואָס איז אַלעמאָל אויפן וועג קאַליע געוואָרן און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און אים פאַריכטן. אָבער די חברה האָט זיך דערפון נישט געמאַכט און נישט אויפגעהערט צו טרינקען ביר און פריילעך צו זינגען, כאָטש אײנעם געזאַנג האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אַן אומעט, ווייל אויפצומאָרגנס האָט מען שוין געמוזט גיין צוריק צו דער אַרבעט.

בלויז דזשעסי איז נישט געווען פריילעך און איז געזעסן פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, ווי זי וואָלט נישט וועלן מען זאָל זי אַרויסזען. אַ שולד־געפיל האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. צו וועמען פאָרט זי קיין מעלבורן? פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי שנעל געלאָזט איבעררעדן פון עריקן און איינגערעדט איר מאַמען, אַז זי פאָרט קיין מעלבורן זוכן אַרבעט. אַלעמאָל אַז זי טוט אָפּ עפּעס שלעכטס, האָט זי דערנאָך חרטה און האַלט זיך אַליין אין איין עסן. זי איז מקנא די מענטשן וואָס קענען הערשן איבער זיך. מיט דעם איז זי געראָטן אין איר טאַטן, וואָס האָט אַלעמאָל זיך און דאָס הויזגעזינד געוואָלט האַלטן אין דער מדרגה, נאָר דאָס איז אים נישט געלונגען, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פונעם ביטערן טראָפּן. בשעת דער פאָטער האָט נאָך געלעבט, פלעגט ער זי כסדר מוסרן:

— דזשעסיקאַ, ווו ביסטו געווען?

— דזשעסיקאַ, פאַרוואָס קומסטו אַזוי שפּעט ביינאַכט?! האָסט זיך שוין ווידער אַרומגעשלעפּט מיט די יונגען!

דאָס שולד־געפיל האָט דזשעסי מיטגענומען קיין מעלבורן, ווו זי האָט געפונען אַרבעט און געוווינט אײנעם זעלבן באָרדינג־הויז, וואָס היינט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט עריק מיט איר חתונה געהאַט. ס׳איז געווען אַ שטילע חתונה אין אַ „טשערטש”. ביים אַרויסגיין פון דער קירכע האָט מען דאָס יונגע פּאָר באַוואָרפן מיט קאָנפעטי. אויך בעתן חתונה־מאָלצייט ביי עריקס עלטערן אין שטוב, איז געווען שטיל, כאָטש מען האָט אַ סך געטרונקען. פון סידנעי איז געקומען דזשעסיס מאַמע און איז געווען מיט זיי עטלעכע טעג.

פונקט צום חודש איז עריק אַוועק צום מיליטער — ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ער האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק און זי האָט אים נישט געקאָנט איינהאַלטן. די גאַנצע צייט וואָס עריק איז געווען

אויף דער מלחמה, האָט זי מיט שנאה געקוקט אויף אַלע מאַנסלייט אין ציוויל. וואָס דאַרף ער זיך עפּעס שלאָגן פאַר זיי?... זיי אַלע גייען אַרום פראַנק און פריי און ער שטעלט איין זיין לעבן... נאָכדעם ווי ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז עריק איז טויט, האָבן זיך אירע טענות נאָך מער פאַרשטאַרקט צו דער וועלט. דער שלאָף האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן. ביינאַכט, ווען זי איז געלעגן אויף אין בעט, האָט זי געהערט אַלץ וואָס טוט זיך אין באַרדניג־הויז. אַלץ האָט זי געאַרט — די שטילסטע קולות און שאָרכן האָבן איר געגרילצט אין די אויערן. אָבער גאָרנישט האָט זי אַזוי שטאַרק געאַרט ווי די שאַרנדיק־נערוועזע טריט פונעם פרעמדן אין דעם לאַנגען קאָרידאָר. כאָטש די טריט זענען דווקא געווען שטילע, האָבן זיי איר געהעמערט איבערן קאָפּ. דער פרעמדער איז זיכער אַ ייד. ער האָט נישט געליטן אין דער מלחמה און איז זיך געקומען אַהער צעשפּרייטן ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן... דער פרעמדער איז אַ ייד פּונקט ווי איר „באָס" אין דער „פעקטאָרי", וווּ זי אַרבעט. אין די מלחמה־יאָרן, בעת איר עריק איז געווען אויפן פראָנט, האָט דער „באָס" זיך בלויז געזאָרגט וועגן דעם צי זי מאַכט גענוג אַרבעט און איז אַלעמאָל צוגעקומען זי קאָנטראָלירן צי אירע „באַנדלס" ווערן ווינציקער...

— אָבער פאַרוואָס פאַרלירט זי די גאַנצע רואיקייט, ווען זי הערט די דאָזיקע טריט? — האָט זי זיך כסדר אַליין געפרעגט — עפּעס פאַרמאָגט דער מענטש אין זיך, וואָס ציט זי צו אים. וואָס דאָס איז אַזוינס, האָט זי נישט געוווּסט. זאָל דאָס זיין די ערנסטקייט זיינע, זיין פאַרטראַכטקייט? עריק איז קיינמאָל נישט געווען פאַרטראַכט. ער האָט אַלעמאָל געטאָן דאָס וואָס איז אים די רגע איינגעפאַלן אין קאָפּ. דער פרעמדער איז גאָרנישט קיין מיאוסער. זיין הויט איז אָפּגעברענט־ברוין און זיינע גרויסע ברוינע אויגן קוקן אַרויס פון דעם אָפּגעברענטן פּנים אי רואיק און אי צעשטרייט. כאָטש זי האָט אַזוי מורא ער זאָל ביינאַכט צו איר נישט פאַרבלאָנדזשען און זאָל זיך צו איר נישט דערנענטערן, וואַרט זי אויף דעם. זי טאָר זיך אַליין נישט אָפּנאַרן. זאָל דאָס זיין בלויז די נייגעריקייט ווי צו אַ פרעמדן?...

ביי טאָג, דער עיקר אין די „וויקענדס", האָט זי זיך זייער געהיטן זי זאָל זיך נישט אָנטרעפן מיט אים אין דעם לאַנגן קאָרידאָר. בשעת זי האָט אים דערזען אָנקומען, האָט זי זיך שלעכט דערפילט און דער וועג האָט זיך ביי איר זייער לאַנג געצויגן. זי האָט די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ווי אַ שעמעוודיק יונג מיידל אין אָנבליק

פון א בחור, וואָס זי האָט ליב. זי האָט געפילט, אַז אויך פאַר אים איז דאָס אַן אַפּקומעניש. איינמאָל האָט ער אַ שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ, איז זי געבליבן אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט אים אַפילו נישט געענטפערט. שפּעטער אָבער האָט זי שוין אַליין געזוכט אַ געלעגנהייט ווי זיך מיט אים אָנצוטרעפן און זייערע באַגעגענישן אינעם לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָבן תחילת זיך געצויגן אַזוי לאַנג, האָבן געדויערט פיל קורצער און איבערגעלאָזט אַ בענקשאַפט.

כאָטש דזשעסי איז געבליבן געטריי עריקן די גאַנצע יאָרן, וואָס ער איז געווען אויף דער מלחמה און זי איז מיט דעם זייער שטאָלץ געווען, האָט זי איינמאָל נאָך אַ ניי־יאָר־פּאַרטי, ווו אירע חברטעס האָבן זי מיטגענומען און ווו זי האָט אַביסל צופיל געטרונקען, זיך אויפגעכאַפּט אויפצומאָרגנס אין אַ פרעמדער שטוב פון אַ בחור. אין דער ערשטער רגע האָט זי נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך און איר פאַרחידושטער בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די פרעמדע ווענט. באַלד איז איר בליק געפאַלן אויף זיך און זי האָט באַמערקט, אַז זי איז נאַקעט. זי האָט דעמאָלט דאָס לײלעך אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ, זיך אינגאַנצן פאַרדעקט און געמאַכט אַזעלכע אויסטערלישע קולות, אַז דער יונגערמאַן איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זי איבער־געלאָזט אַליין.

— ניין! ניין! — האָט זי זיך בשום־אופן נישט געקאָנט באַרואיקן — דאָס איז נישט מעגלעך! ניין!...

וואָס־זשע טרייסלען זי אויף בײנאַכט די שאַרנדיק־זוכנדיקע טריט און וואָס וואַרט זי איצט נאָר דערויף, זי זאָל זיך מיט דעם פרעמדן אָנטרעפן אינעם קאָרידאָר? וואָס ענטפערט זי מיט אַזאַ ברייטן שמייכל אויף זיין באַגריסונג? זי ווייסט אַפילו אַז דער פרעמדער הייסט נאָטע ליפּנער. אַביסל אַ משונהדיקער נאָמען — אָבער זי געדענקט אים גוט און קאָן אים געניי איבערחזרן. נאָטע איז אַזוי אומבאַהאָלפן. אַלע מאַנסבילן זענען אומבאַהאָלפן, נאָר ער איז אומבאַהאָלפענער פון אַלע — אַפילו פון עריקן. העלפט זי אים טײלמאָל אָנצוגיסן דעם טשייניק מיט וואַסער און זיך מאַכן אַ „קאָפּ אָף טי".

איינמאָל האָט זי באַמערקט אַ רויך, וואָס האָט אָנגעפילט אַ שטיק פון דעם קאָרידאָר. זי האָט דערזען אַז דער רויך שפּאַרט פון דעם באָד־צימער. ווען זי איז דאָרט אַריין, האָט זי געטראָפן נאָטען שטיין האַלב־נאַקעט און זיך אַרומפּאָרען מיטן אייוועלע. ער האָט צוגעלייגט „טשיפּס" צום אייוועלע און זיין פּנים איז געווען איינגע־

ריסט פון סאַדזע. אין זיין אומבאַהאָלפנקייט האָט ער זייער קאָמיש אויסגעזען. אַז זי האָט אים דערזען שטיין אַזוי הילפלאָז מיטן אויס־געריסטן פנים און מיטן אַראָפּגעלאָזטן העמד, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. ס'איז אָנגעקומען די „לענדליידי" אין דער באַגלייטונג פון דער פעטער קאַץ, וואָס איז איר אומעטום נאָכגעלאָפן, ווי אַ געטרייער הונט. סיי די צעוואָקסן־פעטע באַלעבאָסטע און סיי איר נישט־נאַטירלעך גרויסע קאַץ האָבן אייביק געדרימלט — זומער אויף דער וועראַנדע און ווינטער אין דער וואַרעמער קיך. פונדעסטוועגן האָט די פאַרשלאָפן־פּוילע „לענדליידי", וואָס איז געווען שטאַרק ענלעך צו דער קאַץ, געוווּסט אַלץ וואָס טוט זיך אין באָרדינג־הויז. פונקט ווי אַ קאַץ לויערט אין דרימל אויף אַ מייזל, אַזוי האָט די באַלעבאָסטע אין איר שלאָף געלויערט אויף יעדן איינעם, וואָס וועט איר מאַכן אַ חיזק אין דעם הויז. זי איז טאַקע באַלד געקומען צו טשאַפּען אויף אירע שווערע פיס, ווי ביי אַן העלפאַנט, כדי צו זען פונוואַנען דער רויך נעמט זיך. און איידער זי האָט נאָך עפּעס וואָס געוווּסט, האָט זי שוין אויפגעהויבן דאָס קול אויף נאַטען:

— איר וועט מיר פאַר אַלץ באַצאָלן! פאַר אַלץ! אָנגעמאַכט אַזאַ רויך אינעם גאַנצן הויז! דער קעסל האָט געפּלאַצט... סמאַרט פעלאָו! איר'ט מיר פאַרטרייבן אַלע לאָקאַטאָרן!

נאַטע איז געבליבן שטיין אָן לשון, ער האָט אין קאָפּ געזוכט די ווערטער אין דער פרעמדער שפּראַך — אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון מויל.

— ער האָט נישט געמאַכט קיין שום שאָדן! לאָזט אים צו רו! ער דאַרף פאַר גאָרנישט באַצאָלן... — האָט זיך דזשעסי איינגעשטעלט פאַר נאַטען.

די באַלעבאָסטע האָט אַ קוק געטאָן אויף דזשעסין מיט אירע פאַרמרוזשעט־קעציִשע אייגעלעך, געוואָלט איר עפּעס ענטפערן, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך מיט איר צו פאַרטשעפּען און אוועקגעטשאַפּעט אויף אירע דיקע העלפאַנטן־פיס. די קאַץ איז איר פויל נאָכגענאַנגען.

זינט דעמאָלט האָט זיך דזשעסי געטראָפן מיט נאַטען; זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירן פאַרן הויז, געזעסן אויף דער באַנק אינעם שכנותדיקן גערטנדל. מיילמאָל זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען אין קינאָ. בעת ס'האָט געשפּילט אַ מלחמה־פילם און אויפן עקראַן האָט מען געוויזן די אכזריותן פון די דייטשן, האָט דזשעסי באַמערקט

טרערן אין נאָטעס אויגן. זי איז נישט צוגעוווינט געווען צו זען א מאַנספּערשוין וויינען און דאָס האָט זי זייער געריירט. זי האָט געפילט, אַז ער וויל נישט זי זאָל אים זען וויינען און אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים.

נאָכן קינאָ איז נאָטע אַזוי גיך נישט געקומען צו זיך און ער האָט איר אַליין אָנגעהויבן צו דערציילן פאַרוואָס ער האָט געוויינט. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט דאָס אַלץ אַליין איבערגעלעבט אויף דער אייגענער הויט. דער פילם האָט ווייט נישט געוויזן דאָס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען. ער האָט דערציילט מיט אַן איינגעהאַלטן־שטיל קול און ס'האָט זיך דזשעסין געדאַכט, אַז נישט ער רעדט, נאָר זי הערט עפּעס א צוגעדושעטע קול פון דער ווייטנס. לכתחילה האָט זי נישט געקענט אויפכאַפּן זיינע ענגלישע צעדרייטע ווערטער, נאָר וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ בעסער האָט זי אים פאַר־שטאַנען. זי האָט אַרויסגעדרונגען פון זיינע רייד, אַז ער איז געווען א בוכהאַלטער אין דער היים. אין זיין געבורט־שטעטל אין פּוילן האָבן אים אַלע געקענט... ער האָט געאַרבעט אין א גרויסער פירמע הינטער דער שטאָט. יעדן אינדערפרי איז געקומען נאָך אים א בריטשקע, כדי אים צו ברענגען צו דער אַרבעט. ווען ער איז אַדורכגעפאָרן דאָס שטעטל, האָבן אים די פאַרבייגייער באַגריסט און געגוי געוווסט ווי שפּעט עס איז, וואָרעם ער איז געפאָרן צו דער אַרבעט פּינקטלעך צו דער זעלבער צייט... צוליב דעם וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גוטן פּאָסטן, האָט ער חתונה געהאַט מיט א גערעכטן, פאַרמעגלעך מיידל, וואָס האָט אים צום יאָר געבוירן א טאָכטער...

אָבער די פּאָר גוטע יאָר האָבן זיך אויסגעלאָזט אַזוי שנעל ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן און בעת די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל... ווען ער איז איינמאָל אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן א ליידיקע דירה. דאָס ווייב און די טאָכטער זענען נישט געווען און די שטוב איז געווען אויסגערויבט. ער איז אין איין אָטעם אַריין צום שכן אין שטוב און געטראָפן ליידיקע ווענט... ער איז דערנאָך געלאָפן פון איין יידישער שטוב צו דער אַנדערער און אומעטום האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אויפגעפּראַלטע טירן און אויסגעליידיקטע היימען. דאָס שטעטל איז געווען טויט... ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אימה און א פאַרווירטער איז ער געלאָפן צום מאַרק־פּלאַץ. דער סלופּ פונעם

מאַרק־לאָמפּ האָט געקרעכצט ווי אַן אַלטע תּליה. אינעם בלאַסן שײַן פֿונעם לאָמפּ, וואָס האָט געגלאָצט ווי אַ פֿאַרשטאַרט טויט אויג, האָבן זיך געוואַלגערט: אַן אַלטע, צעבראָכענע ניי־מאַשין, אַ קינדעריש שיכל, אַ ווייבערישער בײַטל, אַ קישן... דאָס אַלץ האָט זיך געוואַלגערט צווישן פֿערד־מיסט אויפֿן פּוסטן מאַרק־פּלאַץ...

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געשלעפּט איבערן טויטן שטעטל. פֿאַרטאָגס איז ער געוואָרן געוואָרן, אַז מען האָט דאָס גאַנצע שטעטל מיט יידן אויסגעזידלט. מען איז אים געקומען נעמען צו דער אַרבעט, ווי גאָרנישט וואָלט געשען — אָבער ער איז געווען פֿאַרשטאַרט און קאַלט, גלייך דאָס חיות וואָלט אים אויסגעגאַנגען. אַנשטאָט דאָס פֿערד, האָט מען אים אײַנגעשפּאַנט אינעם וועגעלע, ווו ס׳האָט זיך אַרײַנגעזעצט אַ גאַנצע כאָפּטע דײַטשן און מיט שטעקנס און בײַטשן אים געשמיסן, ווי מען שמייסט אַ פֿערד. בעת־מעשׂה האָט מען געשפּעט און געלאַכט פֿון אים — ביז ער איז געפֿאַלן אונטער דער שווערער משׂא...

אַ פּאָר יאָר איז ער געווען אין די לאַגערן און אַז ער איז פֿון דאָרט אַרויסגעקומען און געזוכט דאָס ווייב און קינד, האָט ער קיינעם נישט געטראָפֿן...

יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, בשעת נאָטע האָט זיך געטראָפֿן מיט דזשעסין, האָט ער איר דערציילט דאָס זעלבע, נישט אויפֿגעהערט צו רעדן פֿון זײַן ווייב און טאָכטער. ער האָט אויסגעמאָלן ווי שיין דאָס ווייב איז געווען און ווי געראָטן די טאָכטער. דזשעסי איז געוואָרן אייפֿערזיכטיק אויפֿן טויטן ווייב, געוואָרן אפֿילו אייפֿערזיכטיק אויפֿן קינד און זי האָט נישט געוואָלט מער הערן די מעשׂיות. ס׳האָט זי באַליידיקט וואָס ער זעט זי נישט. ס׳האָט זי דערמאָנט אין עריקן ווי ער האָט זי בײַ זײַער ערשטער באַגעגעניש באַהאַנדלט אַזוי ווי זי וואָלט נישט געווען קיין פֿרוי.

אין די „וויקענדס״ איז דזשעסי מיט נאָטען געגאַנגען אײַנקויפֿן אויפֿן וויקטאָריאַ מאַרקעט, געגאַנגען אין קינאָ און ער האָט אָפּט געריידט וועגן די לאַגערן, וועגן זײַן ווייב און קינד. נאָך איין אויפֿדערנאַכט, ווען זיי זענען שפּעט אַהיים געקומען, האָבן זיי געבלאָנדזשעט אינעם לאַנגן, פֿינצטערן קאָרידאָר און זיי זענען געווען אַזוי נאָענט צוגערוקט צו זיך, אַז זייערע אָטעמס האָבן זיך אויסגעמישט. זי האָט אים פֿאַרבעטן צו זיך אין שטוב אויף אַ קאַווע. אַז זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום עלעקטרישן קנעפּל, געוואָלט

אַנצינדן דאָס ליכט, האָט זי דערפילט ווי אַ מענערישע האַנט ליגט אויף אירער און דעקט זי צו מיט אַזויפיל צערטלעכקייט. זי האָט אַ צוק געטאָן מיט די פּלייצעס, געפּרוווט ווייטער אויפדרייען דאָס עלעקטרישע קנעפּל — אָבער די מענערישע האַנט האָט זי מיט אַנט־שלאָסנקייט פון דעם צוריקגעהאַלטן און שטאַרק צוגעדריקט איר האַנט.

— כ'וועל מאַכן אַביסל קאַווע. כ'האָב ביסקעטס אין שטוב...

— האָט דזשעסי אויפגעפיבערט, זיך געפּרוווט אַרויסדרייען פון נאַטעס הענט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט.

אויפצומאָרגנס האָט דזשעסי געזאָגט דער באַלעבאָסטע, אַז נאַטע ציט זיך אַריבער צו איר אין צימער. לכתחילה האָט זיך די באַלע־באָסטע געחידושט, נאָר באַלד האָט זיך אַ העפלעך־זיס, פאַלש שמייכעלע באַזעצט אויף אירע אַרויסגעשטעלטע פרעמדע ציין און זי האָט זיך אָנגערופן:

— אָל־רייט, דזשעסי... נעווער מיינד... כ'ווער אָן אַ לאָ־קאַטאָר אין איין שטוב! פאַרן צימער וועל'ך רעכענען טייערער. מיך קען מען נישט אָפּנאַרן... נישט מיך...

זיך צוריק אפגעפונען

מאַרישיאַ איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און מיט מוראַ געקוקט אויף די מענטשן, וואָס זענען זי געקומען באַזוכן. אין שטוב האָבן ליכטיק געברענט די לאָמפּן ווי בעת אַ היימישער שמחה און פונעם גאַז־אייוועלע איז אויפגעגאַנגען אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט. אַלע פּאָר מינוט האָט מען געהערט אַ קלונג אין דער טיר און ס'האָט זיך ווער אַנדערש דאָ אַריינגעשטופּט. שוין נישט די ערשטע נאַכט ווי עס קומען די געסט צו מאַרישיאַן — זיי האַלטן אין איין גיין און גיין און איר דאַכט זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין כוח וואָס זאָל זיי אָפּ־שטעלן. ביי מאַרישיאַן אין קאָפּ מישן זיך שוין די אַלע פּנימער, וואָס קוקן צו איר — פון די אַלע פּנימער ווערט איין גרויס פּנים מיט אָן אַ שיעור אויגן, מיילער און נעז. מ'פּאַרשיט זי מיט פראַגן, אויף וועלכע זי קאָן נישט ענטפערן. כאָטש די פרוי, וואָס דאַרף זיין איר מאַמע, בעט זיך ביי איר זי זאָל צוגיין צו די געסט, זי זאָל מיט זיי רעדן, וויל זי צו קיינעם נישט צוגיין און וויל נישט מיט קיינעם רעדן.

— און ווער וואָלט אויף איר געזאָגט, אַז זי איז אַ יידיש קינד. אַ וואָר שיקסל. בלויע אויגן... פלאַקסענע האָר... אַ פּאַרריסן פּאַנקע־נעזל... אַן אמתע קאַשקע־מאַרישקע! ווען זי האָט נישט אַזאַ „גוטן אויסזען", וואָלט זי, מאַרישיאַ, כ'מיין חנהלע, נישט געווען היינט מיט אונדז צוזאַמען ... — האָט כסדר איבערגעחזרט די מיסים רייזנהאַלץ, אַ הויכע און דיקע פרוי, וואָס האָט אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעטרעטן פון מאַרישיאַ־חנהלען און אין איר אַריינגע־קוקט ווי אין אַ זון.

די מיסים רייזנהאַלץ האָט נישט בלויז אַריינגערעדט אין מאַרי־שיאַן, נאָר זי האָט אויך נישט אָפּגעלאָזט די מיסים לעמקין, פּאַרי־שיאַס מאַמע.

— איר זענט אַ לאַקי מאַדהער... אַ מזלדיקע פרוי, וואָס אייער טאָכטער האָט זיך נאָך אַזויפיל יאָרן אָפּגעפונען... דאָס איז אַ נס

פון גאָט! מיין טאָכטער האָבן די דייטשן דערשאָסן אין מיינע אויגן! כ'וועל זי שוין נישט זען! — זענען ביי מיסים ריינהאָלץ די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן און זי האָט זיי געווישט מיט אַ טיכעלע.

— שוין, דו הייבסט שוין אָן?! באַרואיק דיך... וויין נישט, איך בעט דיך... פאַרוואָס זאָלסטו צעשטערן די שמחה? — האָט שלמה ריינהאָלץ איינגענומען דאָס ווייב און זי געגלעט מיט אַ סך צערטלעכקייט איבער דער פּלייצע.

שלמה ריינהאָלץ האָט שטענדיק אַ טבע געהאַט צו מוסרן דאָס ווייב, אָבער אַליין האָט ער זיך נישט געפירט לויט זיין מוסר, און ער האָט אויסגעפרעגט מאַרישיאַן:

— זענען, הייסט עס, ביי אונדז אין שאַרקעוו מער קיין יידן נישטאָ? קיין איין־איינציקער ייד נישט! און שאַרקעוו איז אַמאָל פול געווען מיט יידן. אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן! קיין גוי האָט מען נישט געזען אויף אַ רפואה... אוי וויי, רבונו של עולם, פאַרוואָס האָסטו אונדז אַזוי געשטראָפט?...

— פאַרוואָס פרעגט איר דאָס קינד אַזעלכע קשיות! ... ווען דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן, איז זי נאָך אויף דער וועלט נישט געווען... וואָס ווייסט זי פון יידן? אַז זי האָט קיינמאָל קיין ייד אויף די אויגן נישט אָנגעזען... זי איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ... וואָס קען זי געדענקען? — האָט זיך אַריינגעמישט די מיסים לעמקין און זי האָט געהאַט טענות פאַרוואָס מען האַלט אין איין מוטשען איר טאָכטער מיט פראַגן, אויף וועלכע זי קאָן אינ־גאַנצן נישט ענטפערן.

דבורה לעמקין האָט שוין געהאַט גענוג און דאָס געדולד האָט אָנגעהויבן ביי איר צו פּלאַצן. זי האָט שוין נישט געקאָנט מער פאַר־טראָגן די אַלע געסט — די לאַנדסלייט, די קרובים און די אַלע נאָענטע און וייטע באַקאַנטע — וואָס פלעגן צו איר כסדר קומען נאָכדעם ווי איר טאָכטער האָט זיך אָפּגעפונען און זי האָט זי געבראַכט צו זיך פון פּוילן. מילא זי יאָך זיך; אָבער פאַר דער טאָכטער איז דאָס געווען צו פיל! זי האָט געזען אַז דאָס מיידל וויל זיין אַליין און זי האָט אפילו נישט געוואָלט זיין צו לאַנג מיט דער מאַמען און מיטן טאַטן אין איין שטוב. זי איז געווען גליקלעך, אַז זי האָט געקאָנט אַריינגיין צו זיך אין שטוב אַריין און דאָרט זיצן גאַנצע שעהן איינע אַליין. די מיסים לעמקין האָט געזען, אַז די טאָכטער בענקט — זי בענקט צוריק צום שטעטל אין פּוילן און דער עיקר בענקט זי נאָך דער פּוילישער פרוי אינעם שטעטל, וואָס האָט זי דערצויגן און איז

געוועזן צו איר נאָך בעסער ווי אַן אייגענע מאַמע. זי האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז זי, די מיסיס לעמקין, איז איר אמתע מאַמע. אמת איז, אַז זי האָט דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט, קיינמאָל אפילו נישט דערמאָנט וועגן דעם — אָבער מען האָט דאָס געקאָנט אַרויספילן פון אירע אַלע תנועות. עס האָט אויס־געזען ווי זי וואָלט וועמען געוואָלט אָפּטאָן צולהכעיס מיט דעם וואָס זי וויל נישט אָנערקענען אירע נייע עלטערן.

כאָטש דבורה לעמקין מיטן מאַן האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו דערנעענטערן צו זיך די טאָכטער, האָט זיי דאָס ווייניק געהאָלפן. דבורה לעמקין האָט כמעט יעדן טאָג געפירט די טאָכטער איבער די אַלע שיינע ערטער אין מעלבורן. זי האָט זי געפירט אין באָטאַנישן גאָרטן, אין מוזעאום, אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. די טאָכטער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַלעמען. זי האָט באַוווּנדערט די אַלע שיינע קאָלירִיק־בונטע אויסטראַלישע בלומען און געוויקסן, די אַלע משונהדיקע חיות און זי האָט שטאַרק הנאה געהאַט זיך צוצוקוקן צו די מכשירים און פּרימיטיווע כלי־זין, וואָס די שוואַרץ־הויטיקע אַבאָרידזשינים באַנוצן נאָך היינט.

— אַ באָזשע קאָכאַני ... יעזוסיע ... — האָט זי געזאָגט מיט אַנטציקונג.

אָבער אַזוי גיך ווי מאַרישיאַ האָט פאַרלאָזט די אַלע שיינע ער־טער, האָט זיך אויף איר בלאַס איידל פּנים צוריק באַזעצט אַן אומעט.

ס'האָט אויך גאָרנישט געהאָלפן וואָס די מיסיס לעמקין האָט גענומען די טאָכטער אין די גרעסטע געשעפטן אין דער „סיטי", וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט די רייכע, שיין־דעקאָרירטע שויי־פענצטער, שרייענדיק־עלעקטרישע רעקלאַמעס און אָנגעפּראָפּטע פּאַליצעס מיט סחורה און געהייסן זיך איר אויסקלויבן פון שענסטן און בעסטן. אפילו דאָס פאָרן אין די „וויקענדס" אין דער „קאַונטרי" אינעם אייגענעם אויטאָמאָביל צו ווייזן דער טאָכטער די גרינע הויכע בערג און דעם זון־באַגאָסענעם ים, האָט זי נישט געביטן. אַזוי גיך ווי מאַרישיאַ־חנהלע איז צוריק אַהיים געקומען איז זי ווידער אַריין אין איר שטוב און נישט געוואָלט פון דאָרט אַרויסגיין.

דבורה לעמקין מיטן מאַן האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו געווינען דאָס קינד פאַר זיך. מער האָבן זיי נישט געהאַט ווי נאָר די איינציקע טאָכטער. נאָך דער מלחמה, ווען דבורה האָט צוריק געפונען דעם מאַן און די לאַנדס־לייט האָבן זיי אַריבערגעבראַכט קיין מעלבורן,

האָבן זיי קיין קינדער מער נישט געקענט האָבן. די לאַנדסלייט האָבן פאַר זיי אַ סך געטאָן. אַזוי ווי לעמקין איז געווען אַ שטריקער פון דער היים, האָט מען אים דאָ געהאָלפן איינצואָרדענען אַ שטיקל פאַבריקל און ער האָט אַרויסגענומען אַרבעט אין אַ גרויסער „ניטינג־פעקטאָ־רי". ס'איז זיי נישט שלעכט אַוועק און זיי האָבן שטאַרק געבענקט נאָך אַ קינד. און ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן, אַז דאָס צוריק־געפונענע קינד זייערס, וואָס זיי האָבן אין זייער איינזאַמקייט כסדר דערמאָנט אין אַלע זייערע שמועסן, וועט זיי אָנטאָן אַזעלכע צרות?

בעת דבורה לעמקין האָט געזען, אַז מיט רייכקייט קען זי נישט דער טאָכטער געפעלן, האָט זי געזוכט אַנדערע וועגן ווי צו איר צו־צוקומען. אָפטמאָל איז די טאָכטער אַרויס אויף אַ שפּאַציר און זי איז איר שטילערהייט נאָכגעגאַנגען, כדי אויסצוגעפינען, וואָס עס פייניקט זי. דבורה האָט אויך אַ סך מאָל געניש טערט אין דעם קור־פערטל, וואָס חנהלע האָט געבראַכט פון פּוילן און אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אָבער נישט אויף אירע שפּאַצירן האָט מען ביי חנהלען געקאָנט עפּעס אַנטדעקן און נישט אין דעם קופערטל האָט זי געהאַלטן עפּעס, וואָס זאָל אַנטפּלעקן איר סוד. אויף די שפּאַצירן איז זי איינזאַם געגאַנגען איבער דער גאַס און פאַרלוירן געקוקט אין אַלע זייטן — און אינעם קופערטל האָט זי געהאַלטן אירע קליידער און דאָס ביסל קאָסמעטיק, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך פון פּוילן.

אַזוי ווי חנהלע האָט נישט געהאַט קיין חברטעס אין איר עלטער, האָט דער פאָטער אָפט געבראַכט מיידלעך און אַפילו בחורים, וואָס זאָלן פאַרברענגען מיט דער טאָכטער צוזאַמען — אָבער אויך פון זיי האָט זי זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. ראשית האָט זי נישט פאַר־שטאַנען, וואָס זיי רעדן; והשנית זענען איר ווייניק אָנגעגאַנגען זייע־רע שטיפערייען. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט גע־שטאַנען העכער פון דעם אַלעמען און ווי זי וואָלט געבלאָזן פון זיך. דער סוף איז געווען, אַז דאָס יונגוואַרג האָט אויפגעהערט צו איר צו קומען.

מאַרישיאַ־חנהלע האָט געזען וואָס עס קומט פאָר אין אירע עלטערן; זי האָט געפילט ווי זיי ליידן צוליב איר. כאָטש זי האָט זיך געוואָלט באַצווינגען און אַרויסווייזן דאַנקבאַרקייט אירע נייע עלטערן, האָט איר עפּעס אַ כוח פון דעם צוריקגעהאַלטן. אָנשטאָט דאַנקבאַרקייט, האָט זי זיי אַרויסגעוויזן אומצוטרוי. זי האָט נישט געקאָנט ליידן ווי זיי טוען אַלץ אין דער וועלט, כדי איר אונטערצו־

קומען. ווען זי וויל, וואָלט מען איר דאָס טעלערל פון הימל דער־לאַנגט ... זי האָט נישט געוואָלט מער טראָגן דאָס צלמל, וואָס זי האָט געבערענגט מיט זיך, נישט געוואָלט מער זאָגן „יעזוס" — די יידישע פרוי, וואָס איז געקומען צו איר פון לאָדזש, נאָכדעם ווי איר פּוילישע מאַמע איז געשטאָרבן, האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל דאָס ביי אירע נייע עלטערן אין אויסטראַליע נישט טאָן. זי האָט זי טאַקע געוואָלט פאָלגן, אָבער דערפאַר ווייל זי האָט אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה פאַרוואָס זי דאַרף זיך אַזוי פירן, האָט זי אָפּט געטאָן די עלטערן להכעיס.

זי האָט אַלץ געבענקט נאָך דעם שטעטל אין פּוילן, נאָך די קאַלעזשאַנקעס, וואָס זי האָט דאָרט איבערגעלאָזט, נאָך דעם טייך, ווו זי איז זיך אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן געגאַנגען באָדן און נאָך די פייגל, וואָס זענען צו איר אין הויף אַריין געקומען און געגעסן פון אירע הענט. דער עיקר אָבער האָט זי געבענקט נאָך דער מאַמען אינעם שטעטל, וואָס איז צו איר אַזוי גוט געווען. די מאַמע פון פּוילן האָט זי גערופן „מאַרישיאַ" און נישט „חנהלע", ווי עס רופט זי די מאַמע פון מעלבורן. יענע מאַמע איז געווען אַן אלמנה נאָך אַ פּוילישן אָפיציר און מאַרישיאַ איז געווען איר איין־און־איינציקע טאָכטער און איז געווען פאַר איר אַלץ. בשעת די מוטער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן און פאַרן טויט אַנטפּלעקט איר דעם סוד, אַז זי איז אַ יידישקע, איז זי געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט נישט געקענט דאָס מויל עפענען. זי האָט געהערט וועגן יידן, געוווסט, אַז מיט יאָרן צוריק, אין דער שרעקלעכער מלחמה, האָבן די יידן זייער שטאַרק געליטן, די דייטשן האָבן זיי אויסגעהרגעט. ווען זי האָט דאָס געהערט, האָט זי טאַקע רחמנות געהאַט אויף די יידן. אָבער זי אַליין זאָל זיין אַ „זשידוווקע" — דאָס האָט זי נישט געקאָנט בשום אופן באַנעמען. זי האָט דערפילט אַ שנאה צו דער מוטער, אַ בייל געטאָן די פויסטן און ס'האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— ס'איז אַ ליגנט! ס'איז אַ גרויסער ליגנט! ווי קען דאָס מעג־לעך זיין?

— ס'איז נישט קיין ליגנט, טאָכטער ... — האָט די מוטער שטיל געשעפּטשעט מיט די פאַרברענטע ליפּן — ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט די יידן פון שטעטל, האָט מען דיך אַראָפּגע־וואָרפן פון אַ לאַסט־וואָגן און מען האָט דיך שיער נישט צעטרעטן! איך האָב דיך שפּעטער אויפגעהויבן ... קיינער האָט דאָס נישט

געזען ... איצט קען איך נישט אוועקגיין מיט דעם סוד פון דער וועלט! איך האב שוין געשריבן צו א יידישער באקאנטער קיין לאדזש און פאר איר אלץ אנטפלעקט... אפשר לעבן נאך ערגעץ דיינע יידישע עלטערן ...

שפעטער האט די מוטער אויסגעהויכט די נשמה. בעת מארי־שיא האט געזען, אז די מאמע לעבט נישט מער, האט איר אנגעכאפט א גרויסער וויטיק, און זי האט זיך ארויפגעווארפן אויף איר און אנגעהויבן צו קושן אירע געלע הענט, וואס זענען שוין רואיק גע־לעגן אויפן צודעק, ווי צוויי וואקסענע נישט־דערברענטע ליכט ...

מארישיא־חנהלע איז איצט געלעגן אליין אין בעט אינעם שיינעם הויז אין מעלבורן, און זי האט נישט געקאנט אנטשלאפן ווערן. זי האט געפילט, אז הינטער דער טיר פון איר שטוב וואכט איבער איר די נייע מוטער און זי האט זי געוואלט ארייגרופן צו זיך, אבער נישט געקאנט. זי האט געהערט ווי עס עפנט זיך אויף שטיל די טיר און די מאמע גנבעט זיך אריין אויף די שפיץ־נעגל און הערט זיך איין, צי זי שלאפט. ווען די מוטער טרעפט זיך אן אין דער האלבער פינצטערניש מיט אירע וואכע אויגן, גייט זי צו איר נאענט צו און פרעגט זי:

— זאג וואס עס פייניקט דיך, חנהלע ... פארוואס דערציילסטו מיר קיינמאל גארנישט וועגן זיך? ...

דערנאך לייגט זיך די מאמע צו איר צו אויפן בעט און דער־ציילט איר, אז זי האט שוין נישט געגלייבט, אז זי, חנהלע, לעבט. ווען די דייטשן האבן זי אראפגעשליידערט פון וואגן, איז זי געווען זיכער, אז די טאכטער איז געהרגעט געווארן אויפן ארט און דאס מאמישע הארץ האט זיך ביי איר אפגעשטעלט ... מער קיין קינדער האט זי נישט געהאט און זי האט אלע יארן נישט געקאנט מער אויס־מעקן איר חנהלען פון זכרון ... אין וואס פארא צרות און שרעק זי האט זי געהאט אין געטא ... זי מיטן מאן האבן אוועקגענומען פון מויל דעם לעצטן ביסן און אוועקגעגעבן דעם פיצעלע עופהלע, וואס איז געווען הוילעביינער און כסדר געוויינט פון הונגער ... קיין מילך צום זייגן האט זי נישט געהאט ... אינעם לאגער האט מען אוועקגעריסן פון איר דעם מאן און זי האט מער נישט געהערט פון אים. עטלעכע יאר נאך דער באפרייאונג, האט זי אלץ געמיינט, אז דער מאן איז טויט ... און אז זי האט אים געפונען, האבן זיי ביידע כסדר דערמאנט דאס קינד ... דאס הונגעריקע עופהלע פון

געטאָ ... זי ווייסט, אַז די פּוילישע מאַמע איז געווען אַזוי גוט צו איר קינד, זי דערצויגן מיט אַזויפיל גוטסקייט און ליבשאַפט ... אָבער זי האָט איר טאָכטער געבוירן אין אַזויפיל פּיין אינעם געטאָ . . .

דבורה לעמקין האָט נאָך לאַנג גערעדט — דערציילט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין און מאַרישיאַ־חנהלע האָט שטיל געוויינט אינעם קישן, וואָס איז נאַס געווען פון טרערן . . .

דער טאַטע שטאַרבט נישט

הינטער דער שטום־פאַרמאַכטער טיר פונעם פּריוואַטן שפּיטאָל־צימער איז געלעגן דער טאַטע, וואָס האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. אינעם לאַנגן שפּיטאָל־קאָרידאָר האָבן געוואַרט די זין און די טעכטער. זיי זענען ספּעציעל געקומען קיין מעלבורן ווי נאָר זיי האָבן באַקומען די טעלעגראַמע, אַז מיטן טאַטן האַלט עס שוין ווייטער שמאָל. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבן אַזאַ טעלעגראַמע דערהאַלטן — אָבער דאָס מאָל האָט דער מעלבורנער ברודער אָנגעזאָגט, אַז דעם טאַטנס שעהן זענען געציילטע...

די זין און די טעכטער, וואָס האָבן געוווינט אין סידנעי, בריסבעין און אַדעלאַיד, האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט און זענען גלייך געקומען קיין מעלבורן. זיי וואַרטן אין קאָרידאָר, כדי צו הערן וואָס דער טאַטע מאַכט, נאָר די טיר פונעם שפּיטאָל־צימער איז פאַרמאַכט און זיי ווייסן נישט וואָס אויף דער אַנדערער זייט קומט פאָר. זיי אַלע האָבן איבערגעלאָזט די ביזנעס, די הייזער און עס ברענט אויף זיי די הויט. זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן אָנקומען קיין מעלבורן, וועט שוין דער אַלטער נישט לעבן, אָבער ווער ווייסט, צי ער האָט זיי שוין ווידער נישט אָפּגעטאָן קיין שפּיצל... די דאָקטוירים האָבן לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס לעבן פונעם זקן, וואָס קיין שום אבר איז ביי אים נישט גאַנץ און ס'איז אַ נס, וואָס ער געפינט זיך נאָך אויף דער זינדיקער וועלט — אָבער ער הערט זיי ווי דעם קאָטער.

די זין און די טעכטער וואָס זענען מיט אַן עראָפּלאַן געקומען צו פליען קיין מעלבורן, זענען געווען אַביסל מיד פונעם וועג. אַזוי גיך ווי זיי זענען געקומען צו זיך, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן איינער דעם אַנדערן אויפן געזונט, אויף די קינדער, אויף די ביזנעס און באַלד איבערגעגאַנגען צום טאַטן, וואָס לאָזט נישט צו זיך צו דעם מלאך־המוות.

— האַו דו יו דו... האַו דו יו דו... — האָט די קליינע און

באַרעדעוודיקע גערטרוד געהאַלטן אין איין אויסשטרעקן צו יעדן איינעם דאָס קליינע קיילעכדיקע מיילעכל אירס און זיך נישט אויפ־געהערט צו קושן — כ'האָב קיין צייט נישט דאָ לאַנג צו באַלעמור־טשען. איזידאָר איז אַליין געבליבן אין די ביזנעס... מען וועט צעשלעפּן די גאַנצע שאַפּ... אַז ער האָט נאָר אינזינען קהלישע שמאַנצעסן, דער שלימזל! ער דאַרף האָבן כבוד גאַנצע פּודן. ער איז פּרעזידענט אין צען אָרגאַניזאַציעס. ביזנעס ליגן אים אין דער לינ־קער פּיאַטע... און דער טאַטע, ווי כ'זע, איז אָל־רייט. ס'וועט נאָך לאַנג דויערן ביי אים...

— דעט'ס רייט! — איז איר אַריינגעפאַרן אין די רייד דער דאַרער און שוואַרצער פעליקס און זיך מיט נערוועזע פינגער געריבן די שלייפן, גלייך דער קאָפּ וואָלט אים זייער ווי געטאָן — איך האָב אַקוראַט געמאַכט אַ סעיל. אַראָפּגעלאָזט די פּרייזן בחצי־חינם. און מען כאַפּט די מציאות! דער אמת איז, אַז כ'דערלייג נישט דער באַ־בעס ירושה. אָבער אויף די מענעדזשערס קען מען זיך נישט צופיל פאַרלאָזן! אַ יאָק איז אַ יאָק! מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן... וואָס האָט ער געדאַרפט אונדז שוין רופן, דעיוויד? ער האָט נאָך געקענט צווואַרטן אַביסל... ביז דער אַלטער ...

ער האָט נישט דערענדיקט, זיך געכאַפּט אַז ער האָט איבער־צוינן דאָס שטריקל און איז אַרוים מיט רייד, וואָס געוויינטלעך האַלט מען ביי זיך. נישט אַלץ וואָס מען קלערט, רעדט מען. אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן, ווייל דער יונגסטער ברודער, גערי, האָט דווקא געוואָלט ער זאָל אַרוים מיט קלאָרע דיבורים.

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן? וואָס מיינסטו מיט דעם, ביז דער אַלטער... — האָט גערי אָנגעכאַפּט פעליקסן ביי ביידע קלאַ־פּעס — דו האָסט געוואָלט זאָגן ביז פּאַפּ וואָלט געשטאָרבן און מיר וואָלטן שוין געקענט קומען צו זיין לוויה...

— ליוו מי אַלאָן! נעם אַראָפּ דיינע הענט פון מיר! — האָט פעליקס באַפרייט זיינע קלאַפּעס פון גערים געזונטע ידים — ביסט שטענדיק געווען אַ שוטה. און אַ שוטה מאַכט אָן טראָבל! וואָס פאַרא נאַרישקייטן פּלאַפּלסטו?! זאָל פּאָפּ לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! ווער האָט דאָס געוואָלט קומען צו זיין לוויה?

פעליקס איז געווען זייער אויפגעבראַכט אויפן ברודער, וואָס האָט אויף אַזאַ נאַרישן אופן אויפגעדעקט די קאָרטן. אַלע האָבן זיך דערפילט ווי אויסגעטאָן נאַקעט. נאָך מער ווי ביז אַהער האָט פעליקס אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן זיינע אַלע געשעפטן, וואָס ער האָט אי־

בערגעלאָזט אין דער היים. מילא די „סעילס" יאָ די „סעילס". פון דעם וועט ער שוין נישט אָרעמער ווערן! די מענעדזשערס וועלן זיך שוין אַן עצה געבן! ערגער איז מיט די „סאַב־דיוויזשנס". מיט יאָרן צוריק האָט ער געקויפט אַ סך ערד אויף שפּעקולאַציע. איצט איז דער באָדן געשטיגן צען מאָל אַזויפיל! הונדערט מאָל אַזויפיל! ער האָט געהאַלטן אין ווערן שטיין רייך! מען צעטיילט איצט דעם באָדן אויף באַזונדערע „בלאָקס", כדי דאָרט הייזער צו בויען. די ערד רייסט מען פון די הענט און מען צאָלט יעדן פּרייז... נאָך וואָס־זשע זיצט ער דאָ, אַנשטאָט ער זאָל זיצן אין דער היים און היטן זיינע ביזנעס!

פעליקס איז געווען זייער בייז. ער האָט זיך מיט נערווועזע טריט געדרייט איבערן שפּיטאָל־קאָרידאָר און נאָכאַנאַנד געכאַפּט אַ בליק אויף דער שטום־פאַרמאַכטער טיר, הינטער וועלכער עס איז געלעגן דער שטאַרבנדיקער טאַטע. כאָטש ער האָט זיך דאָ געפונען סך־הכל דעם ערשטן טאָג, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'דויערט שוין וואָכן־לאַנג. בעת ס'האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון דער טיר, איז ער גיך צו איר צוגעלאָפן, כדי צו דערהערן עפּעס נייעס, און אַז ער האָט אויפסניי געטראָפן די טיר אַ פאַרמאַכטע, איז דער כעס אין אים געוואַקסן. אַ קליינער, אַ פלינקער, מיט גיך־לויפנדיקע אייגעלעך, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פוקסל, וואָס דרייט זיך אַרום בייז אין אַ שטייג. שוין נישט איין מאָל האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט זיך נעמען אין די הענט און זיך אויפפירן ווי די ענגלענדער, וואָס פאַר־לירן נישט דעם קאָפּ אין די גרעסטע צרות — אָבער אַזוי גיך ווי ס'האָט זיך אים עפּעס געשטעלט אין וועג, האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן און אָנגעהויבן צו מאַכן זיינע ווילדע שטיק.

נערי איז געווען זייער באַליידיקט פונעם ברודער. ער האָט נאָכ־געקוקט פעליקסן אַביסל פון אַ זייט ווי ער דרייט זיך מיט גיכע טריט איבערן קאָרידאָר. נערי האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט דאָס אַזוינס געזאָגט... ער האָט שטענדיק ליב געהאַט דעם טאַטן, וואָס איז געווען אַן אָרעמאַן. ער איז דאָ הי געבוירן געוואָרן און כאָטש דער עלטער פלעגט אים דעם טויט מאַכן מיט זיינע קאָ־מישע מעשיות, האָט ער אים אַלץ ליב געהאַט. ס'איז געווען כמעט אַ שטילער אָפּמאַך צווישן אים און דעם טאַטן. דער טאַטע האָט אים געלאָזט שפּילן אַלע זיינע ספּאָרטס — פוטבאָל, באַסקעטבאָל, טעניס — און דערפאַר איז ער געגאַנגען מיט אים שבת צום דאַווענען און געענטפערט יידיש, אַז ער האָט אים עפּעס געפרעגט. וואָס עלטער דער

פֿאַטער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער באַקומען אַפּשיי פֿאַר אים און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אַלטער הערט זיך אונטער צו זיינע זינדיקע מחשבות. און זיין קאָפּ איז פֿול געווען מיט זינדיקע מחשבות. גערי איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט לעפּיש־צעוואַקסענע פֿיס און הענט, וואָס ער האָט נישט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן. זיין קעפּל, וואָס איז געזעסן אויף זיין גרויסן גוף, ווי אַ באַלעמל אויף אַ באַרג, איז אַלעמאָל פֿול געווען מיט ספּאָרט און דער עיקר מיט שיקסלעך, וואָס ער האָט ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. און דער טאַטע, וואָס דאַוונט כּסדר און רעדט אַזעלכע אויסטערלישע נישט־פֿאַרשטענדלעכע רייד, פּונקט ווי אַ ראַביי, מוז זיכער וויסן, וואָס ביי אים אין קאָפּ טוט זיך.

איצט, אַז דער אַלטער האַלט שוין ביים שטאַרבן און זיין נשמה וועט אינגיכן אויפֿגיין אין הימל אַריין, האָט גערי זייער מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן זיינע זינדיקע מעשים. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ שטראָף פֿון הימל. אָבער די מחשבות זענען קעגן זיין ווילן געקראָכן אים אין קאָפּ. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ווייב, וואָס האָט געהאַט אַלעמאָל פּאַרווייניטע אויגן און אַ פּאַרקאַטערטע נאָז און ער האָט קיינמאָל נישט געלעבט מיט איר בשלום, זי געהאַלטן אין איין פֿאַרראַטן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין שווער, וואָס האָט געהאַט אין אַדעלאַיד אַ גרויסע עקספּאָרט־און־אימפּאָרט ביזנעס און געוואָלט אַז דער איידעם זאָל צוליינג אַביסל מער דעם קאָפּ צום געשעפֿט. אָבער גערי האָט קיינמאָל נישט צוגעלייגט דעם קאָפּ צו די ביזנעס און ער האָט אין „אָפֿיס" געוואָרפֿן אַן אויג אַלעמאָל אויף אַן אַנדער שיקסל. לעצטנס האָט ער געהאַט אַ שפּאָגל־ניי שיקסל — בלוט און מילך — וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם „פֿלעט". ווען ער איז געווען ביי דאָראָטין אין פֿלעט האָט ער פֿאַרגעסן אין דער בייזער וועלט — פֿאַרגעסן אין די אַלע צרות, וואָס דאָס ווייב און דער שווער פֿלעגן אים אָנמאַכן. דאָראָטי האָט אים מכבד געווען מיט „סקאָטש" און אַנדערע געטראַנקען און אים באַהאַנדלט ווי אַ קייזער.

כאָטש גערי האָט זייער מורא געהאַט, האָט ער כּסדר געקלערט וועגן דעם ווי לאַנג ס'וועט נאָך דויערן ביז „פּאָפּ" וועט צומאַכן אַן אויג. ס'קאָן נאָך דויערן וואָכן און וואָכן און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו בענקען נאָך דאָראָטין. ער האָט געפֿילט אירע הייסע פֿולע ליפּן, די וואַרעמע קני און די אָפֿענע באַגערנדיקע אָרעמס. ווער האָט אויסגעקלערט, אַז די אויסטראַלישע שיקסלעך זענען קאַלט? גערי האָט

מורא באַקומען אַז ס׳וועט אים נאָך ווער דאַרפֿן אויסכאַפּן, אויב ער וועט לאַנג בלייַבן זיצן אין מעלבורן...

— וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרטראַכט, גערי? — האָט גערי פּלוצים דערפֿילט אויף זיך די פֿרעגנדיקע, שטאַרק־געפֿאַרבטע אויגן פֿון זייַן שוועסטער פֿלאָרענס, וואָס איז געווען מיט אים כמעט אין די זעלבע יאָרן און איז געווען מער היימיש מיט אים פֿון די אַנדערע ברידער און שוועסטער.

פֿלאָרענס איז געווען אַן אייגנטימערין פֿון אַ גרויסער פּלאַסטיק־פֿאַבריק אין סידנעי. פֿון שטענדיק אָן האָט זי געהאַט אַ טבע זיך אַנצוזעצן אויף גערין און ער האָט איר געמוזט דערציילן פֿון אַלע זייַנע ליבע־אַוואַנטורעס. זי האָט געוווּסט, אַז גערי האָט פֿייַנט צו־צולייגן דעם קאָפּ צו עפּעס און ס׳האָט זי געחידושט וואָס ער איז אַזוי פֿאַרקלערט. סיידן זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין אַ נייַער ליבע, אָדער ער איז באַליידיקט פֿון פֿעליקסן.

— נעם דיך נישט איבער פֿון פֿעליקסן — האָבן בייַ פֿלאָרענסן די שטייף־אָנגעשמירטע וויעס געשפּיזט ווי נאָדלען — ס׳איז זיך נישטאָ פֿון וועמען צו באַליידיקן. ער איז אַ ווילדע בריאה! שטענדיק אַרייַנגעטאָן אין ביזנעס...

— כ׳בין נישט באַליידיקט פֿון קיינעם! — האָט גערי אָפּגע־האַקט, ווייל ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿלאָרענס וויל אים שוין ווידער פֿאָרשן.

דערווייל האָט זיך לייכט אויפֿגעלענט די טיר פֿון דעם צימער, ווו דער שטאַרבנדיקער פֿאָטער איז געלעגן און ס׳איז פֿון דאָרט אַרויס אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט שנעל פֿאַרבייגעשוועבט און איר ווייַ־סער בלעכיק־שטייפֿער פֿאַרטוך און דאָס ווייסע אָנגעקראָכמאַלעטע טשעפּיקל האָבן שטאַרק געשאַרכט. נאָך איר איז באַלד אַרויס אַ דאָקטאָר, אויך אין אַ ווייסן פֿאַרטוך, אַ מאַך געטאָן עפּעס מיט דער האַנט און זיך שנעל פֿאַרבייגעטראָגן. איידער מען האָט זיי געקאָנט עפּעס פֿרעגן, זענען זיי שוין נישט געווען. די זין און די טעכטער האָבן ווייטער נישט געוווּסט וואָס אויף דער אַנדערער זייט טיר קומט פֿאָר.

פֿלאָרענס האָט זיך אָפּגעקערט פֿון גערין. וואָס דאַרף זי זיך מישן צו אים, אַז ער וויל עס נישט. זי האָט זיך אירע אייגענע גע־שעפֿטן. אַקוראַט ווען זי האָט זיך געקליבן צו פֿאָרן קיין היימען איילענד, איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע פֿון דעיווידן אין מעלבורן, אַז דער פֿאָטער האַלט שמאָל. דאָס האָט זי געטראָפֿן ווי אַ דונער, ווייל זי האָט זיך שוין לאַנג געקליבן צו פֿאָרן קיין היימען איילענד

און געהאַט אַלץ פּאַרטיק צו דער רייזע. זי האָט אַרומקאָמאַנדעוועט מיט דער היימישער שניידערין און זי האָט אויסגעפּאַרטיקט די קליי־דער פּונקט ווי זי האָט געוואָלט. דאָס האָט זי אַ סך געזונט געקאָסט, ווייל אַלע שניידערינס האָבן נישט קיין שכל און מאַכן אַקוראַט דאָס פאַרקערטע וואָס מען וויל. דאָס מאָל איז פּלאַרענסן אַלץ געלונגען. סיי די קליידער, סיי די „סלעקס" און די „שאָרטס" זענען געווען געמאַכט אַזוי קונציק, אַז זיי האָבן פאַרשטעלט ביי איר דאָס איבער־ריק־נאָכהענגענדיקע פלייש. אויך זענען די קאָלירן געווען רוישיק אַזוי ווי זי האָט געוואָלט און אַזוי ווי עס איז אָנגענומען אין די רייכע זומער־ערטער ביים ים. זי האָט זיך שוין אפילו געפאַרבט און נעקעמט די האָר ביי אַ פריזיער און זיך געקויפט אַלע נויטיקע קאָס־מעטישע זאַכן. דאָס יאָר האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן קיין היימען איילענד און נישט קיין סערפערס פּאַראַדייס, ווו זי פלעגט פאָרן אַלע יאָר. דאָ איז ווינטער־צייט פּונקט אַזוי וואַרעם ווי אין „סערפערס" און עס קומען אהער צו פאָרן די מיליאָנערן פון אַמעריקע. זי וועט דאָ האָבן פאַר וועמען צו ווייזן אירע שיינע קליידער און צו כאַפּן אַ פלירט איז בעסער מיט אַ גוי ווי מיט אַ ייד. אַלעמאָל אַז זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַ באַלעבעסלדיקן ייד אין סערפערס פּאַראַדייס, האָט ער אויסדערציילט פון חדר. בעת עס איז אָנגעקומען די טעלע־גראַמע פון דעיווידן, איז זי דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז דער מאַן זאָל פאָרן קיין מעלבורן, אָבער ער איז געווען פאַרנומען אין די ביזנעס. איצט זעט זי שוין, אַז איר פאָרן קיין היימען איילענד הענגט אויף אַ האָר.

ס'איז געוואָרן שפּעט און פון יענער זייט טיר האָט מען נאָך אַלץ גאָרנישט געהערט. אינצווישנצייט איז אָנגעקומען דעיוויד, דער ברודער פון מעלבורן און געזאָגט אַז ער איז ערשט געווען ביים דאָקטאָר און ער האָט אים געזאָגט, אַז דעם טאַטנס געזונט־צושטאַנד איז פּונקט ווי אין דער פרי. ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צום באַוווסטזיין און מען טוט אַלץ מען זאָל אים דערהאַלטן ביים לעבן. דעיוויד האָט זיך געפילט עפּעס שולדיק און ער האָט זיך אָנגערופן:

— דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ נס... אַלע דאָק־טוירים האָבן שוין לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס לעבן דעם אַלטן, אָבער ער לעבט! לויט דער מעדיצין דאַרף ער שוין זיין טויט... דער אַלטער האָט אַ האַרץ ווי אַ יונג בחורל! ס'קען זיין, אַז ער וועט ווידער אַרויס פון דעם אַלעמען אַ געזונטער... מיט גאָטס הילף...

— איז ווי לאַנג וועלן מיר דאָ דאַרפן וואַרטן? — האָט זיך

אַרויסגעכאַפּט ביי פעליקסן — כ׳בין מיד... כ׳האָב נאָך גאָרנישט געגעסן... פון נעכטן אָן האָב איך נאָך נישט צוגעטאָן קיין אויג.

— כ׳האָב שוין פאַר אַלץ געזאָרגט... — האָט געזאָגט דעיוויד — דו וועסט גיין צו מיר. אויך געָרי וועט זיין ביי מיר. פאַר גער־טרודן און פאַר פלאָרענסן האָב איך באַשטעלט צוויי צימערן אין אַ האָטעל. ווייבער האָבן ליב „פּרייוועסי״. האָבן פיינט, אַז מען קוקט זיי אַריין אין דער שיסל...

אַזוי האָט געזאָגט דעיוויד, נאָר ס׳איז נישט אמת געווען אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. ס׳האָט אים אַנדערש נישט געפּאַסט און ער האָט אויך געוואָלט אַריינגעמען צו זיך גערטרודן און פלאָרענסן — אָבער ס׳ווייב האָט נישט געלאָזט.

פעליקס האָט אָנגעקוקט דעיווידן, וואָס איז געווען פיל רואיקער פון אים, כאָטש ער האָט זיך גאָרנישט באַמיט צו זיין רואיק. רואי־קערהייט האָט ער אַ טבע געהאַט צו רעדן וועגן גרויסע געשעפטן, וועגן שווערע טויזנטער וואָס ער האָט שוין געמאַכט און וועגן מיליאָ־נען, וואָס עס שטייט אים נאָך פאָר צו מאַכן... אָבער פעליקס האָט געוווּסט, אַז ער צאָלט נישט זיינע רעכנונגען פאַר עלעקטרי, פאַר גאַז און פאַרן לאָקאַל, וווּ ער האָט זיין הורט־געשעפט. אַז פעליקס האָט געקוקט אויפן ברודער האָט אים באַנג געטאָן וואָס ער האָט זיך געמאַכט אַזוי מיד. צוליב ביזנעס וואָלט ער געקאָנט נאָך אויף זיין עטלעכע נעכט און ער וואָלט גאָרנישט מיד געוואָרן. דער קאָפּ האָט אים טאַקע געדאַרט, אַז ער האָט געטראַכט וועגן די „סעילס״ און דער עיקר וועגן די „סאַב־דיוויזשנס״, וווּ עס שטייט אים פאָר צו ווערן שטיין־רייך. אָבער וואָס האָט ער צו דעיווידן? ליגט דען נישט אַלץ אויף זיינע פּלייצעס? דער פאָטער איז אין מעלבורן און די גאַנצע לאַסט ליגט אויף אים. שוין נישט איינמאָל האָט ער פאַרנאַכלעסיקט די ביזנעס צוליבן פאָטער. מען האָט אים גערופן אין שפּיטאָל אַריין אַקוראַט דעמאָלט ווען ער האָט געהאַט אין געשעפט אַ וויכטיקן „באַיער״. צי דעיוויד האָט געצאָלט פאַרן שפּיטאָל — דאָס איז שווער געווען צו זאָגן. תחילת האָט ער געהאַלטן דעם פאָטער אין אַ רייך פּריוואַט שפּיטאָל. ערשט ווען מען האָט אים געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ס׳וועט קאָסטן שטיקער גאָלד, האָט ער אים אַריינגעגעבן אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל. אָבער אויך אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל קאָסט געלט און ווער ווייסט, צי ער האָט באַצאָלט אַ פּעני. שוין נישט איין מאָל האָט אים פעליקס געוואָלט פרעגן וויפיל ס׳וועט אים קאָסטן

דעם פאַטערס קרענק, אָבער ער האָט זיך לעת־עתה געמאַכט נישט־ווּיסנדיק...

פעליקס און געדי זענען די נאַכט געשלאָפן ביי דעיווידן און די שוועסטער אין האָטעל. אויפצומאַרגנס, באַלד אינדערפרי, זענען זיי אַלע געגאַנגען אין שפּיטאָל געוואויער ווערן וואָס דער טאַטע מאַכט — אָבער ס'איז אַלץ געווען דאָס זעלבע. דער פאָטער איז נאָך נישט געקומען צום באַוווסטזיין. ערשט דעם אַנדערן טאָג, פאַרנאַכט־צו, איז דער אַלטער אויפגעקומען, ווי ער וואָלט זיך אומגעקערט פון יענער וועלט. ער האָט אַלץ געפּאָכעט מיט דער נשמה, קיינעם נישט דערקענט און גערעדט פון ווּגג. ס'איז געווען אַ מעשה אָן אַ סוף. דאָ האָט זיך דער זקן גוט געפילט און דאָ איז ער געווען נוטה למות. דאָס חיות האָט זיך געפונען אויף משקולות, איז געהאַנגען אויף אַ האָר. יעדע רגע האָט דער פאָטער געקאָנט אויסהויכן די נשמה.

אָבער דער פאָטער האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המוות און נישט אויסגעהויכט די נשמה. די קינדער האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן, צי זיצן אין מעלבורן און וואַרטן, צי פאָרן אַ היים. די גע־שעפטן זענען זיי אויף קיין רגע נישט אַרויס פון קאָפּ און זיי זענען געווען מיט איין פוס דאָ און מיט איין פוס אינדערהיים. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען די זין און די טעכטער זענען געקומען צום טאַטן אין שפּיטאָל אַריין, האָבן זיי אים געטראָפן זיצן אין בעט, אונטער־געשפּאַרט מיט אַ באַרג קישנס. דאָס פּנים איז געווען בלויז באָרד, וואָס איז געווען אויסגעצויגן און צעשויבערט און ווי אויסגעקרומט אויף אַ זייט. פון דער באָרד־געדיכטעניש האָבן אַרויסגעבליקט צוויי קליינע גלאַנציק־פאַרווירטע אייגעלעך, ווי צוויי פאַרבלאָנדזשעטע חיהלעך פון הינטער געדיכטע קזשאַקעס. יידל־כּאַסקל האָט געזאָגט עפּעס אַ תּפילה און די באָרד האָט זיך ביי אים געהויבן אויף און אָפּ. מיטאַמאָל האָט יידל־כּאַסקל דערזען די קינדער און אַ קליין, דאַר הענטל — הויט־און־ביין — האָט בלייך אַ פאָכע געטאָן אין דער לופט.

— שלום־עליכם פּסח... גרשון... פריידל... גנענדל... — האָט דער פאָטער אָנגערופן די קינדער מיט אַזעלכע אויסטערלישע נעמען, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן — עץ זענט געקומען דעם טאַטן מבקר חולה זיין... זייער גוט האָט עץ געטאָן...

דערנאָך האָט זיך דער אַלטער ווי דערמאָנט אין עפּעס און זיינע קליינע פאַרווירטע אייגעלעך האָבן קלוגעטשקע זיך פאַרקנייטשט, אַז מען האָט זיי אינגאַנצן נישט אַרויסגעזען.

— פון דער גמרא האָב'ך ענק נישט אָפּגעריסן ... און די ביזנעס װעלן ענק נישט אַנטלױפן ... נישט־קשה ...

די זין און די טעכטער זענען געשטאַנען אַרום דעם טאַטן און נישט געװוּסט װאָס צו ענטפערן. פעליקס האָט געפרוּװט עפּעס זאָגן און איז אױך באַלד פאַרשטומט געװאָרן. די קינדער האָבן זיך קײנמאָל נישט פאַרשטאַנען אױף דעם טאַטנס חכמהלעך — און איצט, אין אַנבליק פון טױט, האָבן זײ אַװדאי זיך נישט געכאַפּט װאָס ער איז אױסן.

ס'האָט לאַנג נישט געדױערט און דער טאַטע האָט צוריק אָנגענומען כּוחות. ער איז שױן אַראָפּ צוביסלעך פון בעט און אַרומגעטשאַפּעט אין די שטעק־לאַטשן, װאָס האָבן געקלאַפּט איבערן דיל.

— דער אײבערשטער האָט מיר געשענקט נאָך עטלעכע יאָר. ס'איז אַזױ, װײַזט אױס, דעם אײבערשטנס רצון ... — האָט יידל־כאַסקל כּסדר איבערגעחזרט און בעת־מעשה פאַרקװעטשט אײן אײגל, אַז פעליקסן האָט זיך געדאַכט דער פאָטער טרײַבט מיט אים שפּאַס.

פּונקט װי אַמאָל, פאַרן אָנפאַל, פלעגט יידל־כאַסקל זיך אַרײַנכאַפּן צו די קראַנקע אין די אַנדערע שטובן. אַלע האָבן דאָ גוט געקענט דעם אַלטיטשקן מיט דער צװאַקסענער באָרד, װאָס שװערט אַראָפּ צו דער ערד דעם אױסגעמאָגערטן גוף. ס'האָבן אים גוט געקענט די דאָקטוירים, די קראַנקן־שװעסטער און די פּאַציענטן. ער איז שױן דאָ געװען אַן אַלטער תּושב. ער פלעגט צוהעלפן די שװעסטער, אַרױסהעלפן די חולאים און אַלע האָבן אים גינציק געהאַט. ס'האָט שױן קײנעם נישט געאַרט, װאָס ער פלעגט צו יעדן רעדן יידיש — מ'האָט אים פאַרשטאַנען אױפן װוּנק. כאָטש מ'האָט זיך אױסגעבראָכן די צײן בײַם אַרױסזאָגן זײַן שװערן נאָמען „יידל־כאַסקל", האָבן אים אַלע גערופן בײַ דעם נאָמען.

ס'ערגסטע איז געװען פאַר די זין און די טעכטער װאָס דער פאָטער האָט זיך ליב געהאַט אָפּצוגעבן מיט די קראַנקע פון אָרעמען שטאַנד, מיט שיכּורים און שלעפּער, װאָס מען האָט געפונען ליגן אין די רינשטאָקן און געברענגט אַהער אױסצוהײלן פון זײער נטיה צו שיכּרות. דאָס רוב זענען דאָס געװען מענטשן, װאָס האָבן געװױנט אין די סאַמע אָרעמסטע קװאַרטאַלן און טײל האָבן אינגאַנצן קײן הײם נישט געהאַט. דװקא מיט זײ האָט זיך דער פאָטער אָפּגעגעבן און ער האָט זײ אַפילו אױסגעשענקט דאָס עסן, װאָס מען האָט אים געברענגט. די קינדער איז דאָס נישט אָנגעשטאַנען און אַז זײ האָבן געפּרוּװט עפּעס זאָגן דעם טאַטן, האָט ער באַלד אָפּגעהאַקט:

— וואָסי? זיי זענען נישט קיין מענטשן? זיי זענען פּונקט אַזעלכע מענטשן ווי אַלע. דער השם יתברך האָט אַלעמען גלייך באַשאַפן ... נישט געמאַכט קיין אונטערשיד ...

דער פֿאָטער האָט געהייסן ברענגען צו זיך די אייניקלעך, דעי־ווידס קינדער און מען האָט אים געמוזט צוליב טאָן. באַלד ווי די אייניקלעך האָבן זיך באַוויזן, האָט ער צו זיי אויסגעשטרעקט זיין קליין שוואַך הענטל און געטרייסלט מיט זייערע הענט אַרויף און אַראָפּ.

— וואָס פּאַרא סדרה גייט היינט, יונגאַטשעס? — האָט ער זיי געפֿרעגט — נו, לאָמיר זען, צי עץ געדענקט, און וואָס איז מכּוח אַ בלאַט גמרא? און „טויטע פיס" לערנט עץ שוין? — האָט ער ווי שטענדיק, פֿאַרענדיקט מיט דער זעלבער חכמה.

די אייניקלעך — גרויסע און צעוואַקסענע יונגען — וואָס זענען געווען נעראַטן אין אַנקל גערי, האָבן געהויבן מיט די אַקסלען און נישט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן. זיי האָבן קיינמאָל נישט פֿאַרשטאַנען דעם זיידן און פֿיינט געהאַט וואָס ער מוטשעט זיי מיט פֿראַגן, אויף וועלכע זיי קענען נישט ענטפֿערן. אָבער דער זיידע האָט זיך אַלעמאָל אָנגעזעצט אויף זיי און זיי האָבן נישט געקאָנט פֿון אים פּטור ווערן. טיילמאָל האָבן זיי אים אפילו נאָכגעקרומט — און אַנשטאָט ער זאָל זיי פֿרעגן, האָבן זיי אים געפֿרעגט:

— וואָס פּאַרא סעדרע גייט היינט, יונגאַטשעס? נו, לאָמיר זען, צי עץ געדענקט...

פיל בושות און חרפּות האָבן די אייניקלעך געהאַט אַלעמאָל אויסצושטיין פֿונעם זיידן, ווען זיי האָבן געמוזט מיט אים ערגעץ גיין, אָדער זיי זענען געפֿאָרן מיט אים אין טראַמוויי. ער האָט געהאַט אַ טבע אָפּצושטעלן פֿרעמדע מענטשן אין גאַס און פֿאַרפֿירן מיט זיי אַ שמועס. אין טראַמוויי האָט ער געקניפּט פֿרעמדע קינדער אין די בעקלעך און אַריבערגערעדט צו די פּאַסאַזשירן הויך אויפֿן קול, אַז דער גאַנצער טראַמוויי איז געווען מיט אים פֿול. וואָלט ער כאָטש זיך באַמיט צו רעדן ענגליש, האָט ער אָבער דווקא גערעדט יידיש, וואָס קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען. ס'איז די אייניקלעך נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין וואָס דער זיידע קען נישט קיין וואָרט ענגליש, כאָטש ער איז געקומען קיין אויסטראַליע איידער זיי זענען געבוירן געוואָרן ...

חוץ די אייניקלעך, האָט יידל־כאַסקל געוואָלט ס׳זאָלן אים אויך מבקר־חולה זיין די יידן, וואָס האָבן נגדאַוונט מיט אים אין איין שולעכל. דאָס רוב זענען דאָס געווען אַלטע יידן מיט הויכע שוואַרצע קאַפּעליושן און שוואַרצע כאַלאַטן. אַז זיי זענען געקומען צו אים, האָט יידל־כאַסקל אויפגעלעבט און ער האָט געשיט מיט פסוקים און תורה־ווערטלעך. ער איז געווען אַ קנאַפּער למדן און די פּסוקים פאַרגרייזט און אַריינגעשטעלט נישט אויפן ריכטיקן אָרט. די יידן האָבן אים שוין גוט געקענט און זיך נישט געמאַכט הערן, ווען ער האָט ־פריש פאַרדרייט אַ פּסוק, צי אַ מאמר פון דער גמרא.

— מנע ... ווייסעך — האָבן די יידן געריעדט צווישן זיך — אַ טבע פון אַ ייד ...

די קינדער האָבן שוין געהאַט גענוג און דאָס געדולד האָט ביי זיי געפּלאַצט. פעליקס האָט זיך נישט געקאָנט מער געפינען קיין אָרט און נישט געוואָלט מער וואַרטן. די „סעילס" און די „סאַב־דיוויזשנס" זענען אים נישט אַרויס פון קאָפּ אויף קיין איין רגע. ער האָט סיי־ווי כסדר געשיקט דעפּעשעס אַהיים און מען האָט אים צוריק דעפּעשירט. די ביזנעס האָט ער געפירט פון דאָ הי. פלאָרענס האָט שוין געוווסט אויף זיכער, אַז היימען־איילענד מעג זי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. גערטרוד האָט געטראַכט וועגן איר מאַן דעם שלומיאַל, וואָס האָט נאָר אין זין קהלישע מעשיות און אַז זי וועט נישט זיין, וועט מען צעטראָגן די גאַנצע ביזנעס. און גערי האָט זייער געבענקט נאָך דאָ־ראָטין און מורא געהאַט, אַז מען וועט זי אים נאָך אויסכאַפּן. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות דערפון נישט צו טראַכטן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דער קראַנקער טאַטע ווייסט אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי אים אין קאָפּ און אין האַרץ — אָבער ער האָט די מחשבות נישט געקאָנט פאַרטרייבן.

דעיוויד האָט קיינעם נישט געלאָזט אַוועקפאָרן און געזאָגט, אַז נאָך אין אַ טאָג, צי אין צוויי וועט מען אַלץ וויסן. ס׳איז שוין נישט לאַנג צו וואַרטן. ער האָט כלאחר־יד אַריינגערוקט פעליקסן אין דער האַנט די חשבונות פון די שפּיטעלער און דאָקטוירים.

— נאַ, באַהאַלט ... — האָט ער אויף דער גיך אַ מולמל געטאָן און זיך אַ וויש געגעבן די הענט — וועסט שפּעטער איבערקוקן ...

פעליקס האָט לכתחילה נישט געוווסט וואָס די פּאַפּירן זענען. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און זיי איבערגעקוקט, און אַז ער

האָט דערזען די גרויסע סומעס, האָט ער די רעכענונגען צוריקגע־שטופּט דעיווידן אין דער האַנט אַריין.

— אָל־רייט ... אָל־רייט — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — וועסט דאָס נאָך אַ ביסל האַלטן. מען וועט שוין זען וואָס צו מאַכן . . .

אַקוראַט דענצמאָל ווען די קינדער זענען געקומען צום טאַטן אין שפּיטאָל זיך געזעגענען, האָט מען זיי צו אים נישט אַריינגעלאָזט. דער אַלטער איז צוריק פאַרשלאָפט געוואָרן און ער האָט יעדע רגע געקאָנט אַוועק פון דער וועלט. די זין און די טעכטער האָבן זיך גע־דרייט פאַר דער שטום־פאַרמאַכטער טיר פונעם פּריוואַטן שפּיטאָל־צימער, ווו דער שטאַרבנדיקער טאַטע איז געלעגן און זיי האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך ערנסטע פּנימער. זיי זענען געווען זיכער, אַז איצט וועט זיי שוין נישט אויסקומען לאַנג צו וואַרטן. ס'האָט גע־דויערט אַ שטיקל צייט, ביז ס'איז אַרויס צו זיי אַ דאָקטאָר.

— דער אַלטער האָט אַ געזונט האַרץ — האָט דער דאָקטאָר זיך ווי פאַרענטפערט — אַ האַרץ ווי אַ יונג בחורל ... — אַ באַי ... ווען נישט דאָס, וואָלט ער שוין לאַנג געזאָגט גוד־באַי צו דער וועלט . . .

עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס וואַרטן פאַר דער שפּיטאָל־טיר, דאָס וואַרטן ביי דעיווידן אין דער היים — און דעם פאָטער איז נישט בעסער געוואָרן און נישט ערגער. איטלעכעס מאָל ווען די קינ־דער זענען געקומען אין שפּיטאָל זיך נאָכפרעגן, אָדער זיי האָבן אָנגע־קלונגען, האָט מען זיי געענטפערט איינס און דאָס זעלבע:

— קיין שום ענדערונגען. דער אַלטער איז אויף דער „דענ־דזשער"־ליסטע. די געפאַר איז נישט אַריבער . . .

איינמאָל ביינאַכט, איז דער פאָטער אַוועקגעפאַלן און עס האָט שוין געהאַלטן מיט אים אַט־אַט. אין אַזאַ מעמד איז ער אָפּגעלעגן גאַנצע צוויי טעג און נעכט און ער האָט מער נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער איז. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אויפגעהערט צו אָטעמען און מען איז געווען זיכער, אַז ער איז פאַרביי. אָבער דער זקן האָט זיך צוריק איבערגעוועקט און ער איז ווידער פון דעם אָלעמען אַרויסגעקראָכן. בעת די קינדער זענען געקומען צו אים אין דער פרי, האָט מען זיי שוין צו אים אַריינגעלאָזט. אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, איז דער פאָטער געזעסן אין בעט און זיין קליין, איינ־

נעשרומפּן גופל איז געווען אָנגעלענט אין אַ שטוים קישנס. די צע־קנוילט־גרויסע באָרד האָט זיך באַוועגט אין אַ תפילה. פון דער האַר־געדיכטעניש האָט אַרויסגעקוקט אַ שפּיץ פּנימל און צוויי קליינע דערשראָקן־גלאַנציקע אייגעלעך. די זין און די טעכטער האָט זיך געדאַכט, אַז די אייגעלעך שמייכלען מיט אַ טראָפּעלע חוזק.

— דזשי. — האָט זיך ביי געריין אַרויסגעריסן אַ דערשראָקן קול און ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס גאָלדענע מגן־דודל הינטערן העמד — דער טאַטע איז אַ הייליקער! אַ האָלי מאָזעס! אַ הייליקער ראַביי. ער וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן! ... ער וועט אייביק לעבן . . .

אין די ווינטער־טעג

כ׳בין אַליין געזעסן אינעם לײדיקן גרויסן „לאָונטש־רום" ביי מיסטער פרייליך אינעם גאַסט־הויז און כ׳האָב מיטאַמאָל דערהערט אַ שעפּטשען הינטער מיר:

— זי איז שוין געקומען ... אָט ערשט האָט זי אַ טעקסי גע־ברענגט צופירן ... פרייליך אַליין טראָגט אַריין איר באַגאַזש אין דעם צימער, וווּ זי שטייט שטענדיק איין. אָבער אים זעט מען נאָך נישט ... געוויינטלעך קומט ער פאַר איר. וואָס האָט געקענט מיט אים פּאַסירן? ...

ערשט מיט אַ רגע צוריק איז אין דעם „לאָונטש־רום" געווען פּוסט און מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיק נפש. ס׳איז געווען אום ווינטער און אין דער צייט זענען וויניק געסט געקומען אין די בערג צו פרייליכן אינעם גאַסט־הויז. די פּאָר געסט, וואָס זענען דאָ איינ־געשטאַנען, זענען געווען ביי זיך אין צימער. איך בין געזעסן מיט אַ בוך אין האַנט, אָבער כ׳האָב נישט געלייענט קיין וואָרט. כ׳בין ערשט מיט אַ טאָג פריער געקומען צופאָרן זיך אָפּרוען אַביסל פון מיין אַרבעט אין שטאָט און כ׳האָב זיך נישט געקאָנט קאָנצענטרירן. מיין שלעפעריק־מידער בליק האָט געקוקט צום טליענדיקן פייער אינעם גרויסן „פייער־פּלייס", וווּ מיסטער פרייליך האָט ערשט צו־געלייגט עטלעכע נאַסע שייטן האָלץ. דאָס פייער האָט געציִשעט, זיך געוואָרגן און מיט דינע צונגען געפּרוווט אַרומכאַפּן די פרישע שייטן האָלץ, וואָס זענען געווען דורכגעזאַפּט מיטן קאַלטן דרויסן. כ׳האָב זייער ליב געהאַט צו זיצן און קוקן אינעם פייער און געוואַרט דאָס פרישע האָלץ זאָל זיך אָנכאַפּן. אין שטוב איז געווען טונקל און ס׳האָט זיך געברענט די עלעקטרי. דורך די נאַס־פאַרגליטשטע שויבן האָט אַריינגעקוקט אַן אומעטיק־גרויער ווינטער־פרימאָרגן, אָנגעזאַפּט מיט נעפּל און פראָסט. ס׳האָבן זיך קוים אָנגעזען די בערג, וואָס

זענען געווען צעשוווּמען און האָבן זיך צוזאַמענגענאָסן מיטן טריבן הימל.

איך האָב זיך פֿוילבלעך אַרומגעקוקט, כּדי צו זען פֿון וועמען ס׳קומט דאָס שעפּטשען. אייגנטלעך האָב איך זיך צוליב דעם גאָר־נישט געדאַרפֿט אַרומקוקן, ווייל כ׳פֿלעג שטענדיק אין דער זעלבער צייט אַהער קומען און טרעפֿן די זעלבע געסט. דאָס זענען געווען: די אַלטע פּאַרזעסענע מויד העלען מאַנדשיין און דער רייכער אַלמן דזשאַרדזש געווירץ. פּונקט ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן, זענען זיי אויך מסתּמא דאָס יאָר געווען פּאַרנומען מיטן אַלטן פּאָרל, וואָס איז געקומען אינעם גאַסט־הויז. ס׳איז זיי געגאַנגען אין לעבן גע־וויער צו ווערן, צי זענען זיי טאַקע געליבטע ... זיי האָבן זיך מיט דעם אַזוי שטאַרק מתעסק געווען, אַז זיי האָבן מער גאָרנישט אין זינען געהאַט. כאָטש איך האָב זיך צו דעם נישט געוואָלט מישן, וואָרים די גאַנצע מעשׂה איז מיר געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע, האָב איך זיך צום סוף אויך אין דעם אַריינגעפּלאָנטערט און מיין נייגעריקייט איז געוואַקסן.

אַזוי גיך ווי העלען און מיסטער געווירץ האָבן מיך באַמערקט, זענען זיי צוגעקומען צו מיר און מיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן וואָס איך זאָג צו דעם אַלעמען. פֿאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן געהאַט טענות צו מיר וואָס איך באַשרייב דאָס נישט. יעדע מינדסטע זאַך, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין גאַסט־הויז, האָבן זיי געוואָלט איך זאָל באַשרייבן.

— איר זענט דאָך עפּעס אַ שרייבער, מיסטער בערגנער, אַ מענטש מיט שׂכל און איר מוזט וויסן! איר וועט האָבן פֿון וואָס צו שרייבן. ס׳וועט זיי אַ שיינע מעשׂה און מענטשן וועלן לעקן די פֿינגער ... — האָט זיך אָנגערופֿן דזשאַרדזש געווירץ און זיין אָנ־געגאָסן־זאַט פּנים און די רויטע געשוואָלענע נאָז מיט די בלויע פֿעדימלעך האָבן געשיינט פֿון נחת.

— איר זענט אַ באַלעזענער מענטש, מיסטער בערגנער ... שטענדיק קוקט איר אַריין אין ביכער ... און אין די ביכער איז זיכער געשריבן וועגן אַזעלכע זאַכן. דעפֿיניטלי ... — האָט שטיל און שעמעוודיק צוגעגעבן העלען מאַנדשיין און אירע ווייסע, דינע באַקן, ווי ביבולע־פּאַפּיר, זענען באַפֿאַרבט געוואָרן מיט רויטע פֿלעקן, ווי זי וואָלט זיי באַדעקט מיט אַ געדיכטן רוזש.

בינו לבינו איז, באַלאַדנט מיט אַ שטוים האַלץ, אַריינגעקומען דער באַלעבאָס פֿון גאַסט־הויז, מיסטער פֿרייליך. איידער ער האָט

אַראָפּגעוואָרפן דאָס האַלדז פון זיך, האָט ער שוין איינגערוימט אויפן אויער יעדן פון אונדז:

— זי איז שוין געקומען ... דזשאַסט אַרייווד ... באַלד האָט זי זיך געפרעגט אויף אים. אַז איך האָב געזאָגט ער איז נאָך נישטאָ, איז זי געוואָרן זייער טרויעריק. איך האָב באַמערקט אַפילו טרערן אין אירע אויגן. זי האָט זיך באַלד פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער און גייט נישט אַרויס פון דאָרט ...

— מיסטער פרייליך! — האָט מיטאַמאָל העלען מאַנדשיין פאַרשנורעוועט אירע דינע, רויט־אָנגעפאַרבטע ליפּן — ס'פּאַסט נישט פאַר אייך איר זאָלט אַריינשטעקן די נאָז צו אייערע געסט. ס'איז נישט מאָראַליש. ס'ווייזט אויס, אַז איר באַרעדט יעדן איינעם פון אונדז הינטער די אויגן! אַפּטער אָל! איר דאַרפט היטן אייער פּרנסה און רעספּעקטירן די געסט! ...

— און וואָס טוט איר? איר זיצט און שווייגט און באַרעדט, חלילה, נישט קיינעם! — האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד מיסטער געווירץ, וואָס האָט אַלעמאָל געלעבט מיט העלענען, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.

— אוודאי, זי איז זייער איידל, מיס מאַנדשיין — האָט פרייליך זיך אָנגעצונדן און מיט אַ סך איראָניע אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „מיס", כדי אַ שטאָך צו טאָן העלענען צוליב איר אַלט־מוידישקייט — מיס מאָנדשיין איז אינטעליגענט ... איז גאָט די נשמה שולדיק.

מיסטער פרייליך איז געווען אַ פּראָנט — אַן אמתער ווינער פּראַנט. ער איז געווען אַ גאַליציאַנער, וואָס האָט געלעבט עטלעכע יאָרן אין ווין. זומער־צייט, ווען ס'זענען דאָ געווען אַ סך געסט, האָט ער אַרומפּאַראַדירט צווישן די ווייבער, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ סמאָקינג און מיט אַ גלאַנציק־אָנפּאָמאַדירטן קאָפּ. ער פלעגט זיך בייגן פאַר די ווייבער און קושן זיי מיט אַ סך עלעגאַנץ אין די הענט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו באַרעדן די געסט הינטער די אויגן און צו טראָגן פּאָטשטן פון איינעם צום אַנדערן. אויף העלענען האָט ער שוין פון לאַנג געטראָגן אַ בייז האַרץ מחמת איר מאַכן זיך אַזוי אינטעליגענט און איר זיצן גאַנצע שעהן אין באָד־צימער און אין קלאָזעט, ווען אַנדערע האָבן דאָרט געוואָלט אַריינגיין. צום מינדסטן פלעגט אים אויפרעגן, ווען ער האָט באַמערקט ווי מיס מאָנדשיין ווישט מיט ביבולע־פּאַפּיר די לעפל־גאָפּל־מעסער, פּונקט ווי ער וואָלט דערלאַנגט שמוציק געפעס צום טיש.

— נעווער מיינד. — האָט מיסטער פרייליך מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן און זיך מיט דער פּלייצע אַ קער געטאָן צו העלענען — כ׳האָב אייך אַ סך נייעס צו דערציילן. כ׳בין געווען אין שטאָט און כ׳בין פיל געוויער געוואָרן. כ׳ווייס שוין ווער דאָס פּאָרל איז. ביי מיטאָג וועל איך אייך דערציילן.

מיר זענען שוין נישט אַרויס פון „לאָונטש־רום", געוואַרט אויפן גלעקל, וואָס זאָל אונדז רופן צום מיטאָג. די נייגעריקייט איז געוואַקסן ביי יעדן פון אונדז. כאָטש פרייליך האָט צוגעלייגט נאָך האָלץ צום פייער, איז אין שטוב פונדעסטוועגן געווען קאַלט. ביים „פייער־פּליים" איז געווען אַ היץ, אָבער אין אַנדערן עק שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ קעלט. העלען האָט זיך די גאַנצע צייט געטוליעט צום פייער און מיסטער געווירץ האָט זי אַלעמאָל געהעקלט:

— טוט אַכטונג איר זאָלט נישט אַריינפאַלן אין פייער, מיס מאָנדשיין ... — האָט זיך זיין רויט־איבערגעלייגטער קאַרק אָנגעבלאָזן און דאָס פעטע פּנים איז פול געווען מיט אַ צווידייטיק שמייכעלע — וואָס זענט איר אַזאַ געפרוירענע? איז אמת, אַז איר נעמט זיך אַריין אַ וואַרעם־פלאַש אויף ביינאַכט צום שלאָפן? ווען איר האָט חתונה, וואָלט איר דאָס נישט געדאַרפט. כע... כע...

— כ׳האָב פיינט מיאוסע רייד! — איז העלען באַגאָסן געוואָרן מיט אַ כעסדיקער רויטקייט.

— וואָס האָב איך דען געזאָגט? איר האָט שלעכטע געדאַנקען ... וואָס בין איך שולדיק? כ׳האָב געהערט, אַז איר פאַרשליסט זיך אויף ביינאַכט און חוץ דעם באַוואָרנט איר די טיר מיט עטלעכע בענקלעך, וואָס איר שטעלט איינס אויפן אַנדערע. איינמאָל האָט איר פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר און ווען דאָס שיקסל איז אַריינגעקומען צו אייך צורויסען אינדערפרי, זענען אַלע בענקלעך אַראָפּגעפאַלן ...

אויף דעם האָט שוין העלען אינגאַנצן נישט געענטפערט און בלויז אָפּגעמאַסטן דזשאָרדזש געווירץ פון קאָפּ ביז די פיס. דערווייל האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל, וואָס האָט גערופן צו מיטאָג און העלען איז אַוועק צו זיך אין צימער און געברענגט אַ וואַרעמע שאַל און אַ דיקן סוועטער, ווייל אין עס־צימער איז געווען זייער קאַלט. דזשאָרדזש איז אויך אַוועק צו זיך אין שטוב און געקומען צו גיין מיט אַ פלאַש וויסקי און אַ גרויסע גענדזענע ווורשט. דאָס האָט אפילו פרייליכן זייער באַליידיקט, ווייל ער האָט געגוג געגעבן צום עסן און חוץ דעם האָט מיסטער געווירץ געפּאָדערט אַלעמאָל טאָפּלטע

פּאַרציעס — אָבער פרייליך האָט גאַרנישט געקאָנט דאָ אויפטאָן.

ביים עסן האָט העלען כמעט גאַרנישט טועם געווען און געהאַלטן אין איין ווישן מיט א ביבולע־פּאַפּיר די כלים און מיסטער געווירץ האָט געקייט אויף ביידע באַקן און זיך געהייסן דערלייגן נאָך און נאָך. ער האָט זיך אַלעמאָל אָנגעגאָסן א גלעזל וויסקי און געשניטן גרויסע שטיקער פון דער געגדזענער וורשט. ער האָט געפרייכט און זיין קיילעכדיק־גרויסער בויך האָט זיך ביי אים געהויבן העכער און העכער. ער האָט א טבע געהאַט נישט בלויז אַליין צו עסן, נאָר אויך צווינגען די אַנדערע זיי זאָלן מיט אים מיטעסן. פאַר מיר האָט ער אָפּגעשניטן אַלעמאָל א שטיקל וורשט און אָנגעגאָסן א גלעזל וויסקי. גאָר שטאַרק האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף העלענען און זי געצוואונגען זי זאָל עסן און טרינקען פּונקט ווי ער.

— מאַכט א שנאַפּס, העלען — איז ער געוואָרן מיט איר מער היימיש — ס'איז אמתע סקאָטש וויסקי. עסט עפּעס! זעט נאָר ווי גרין איר זענט ... אַזוי־ווי גראָז. אַז איר וועט נישט עסן, וועט איר שטאַרבן! — האָט ער אָפּגעפּסקנט.

העלען האָט זיך געצוואונגען צו עסן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט און דזשאָרדזש געווירץ האָט איר געוויזן ווי מען עסט.

— אַז איר וועט חתונה האָבן מיט מיר, וועל איך איין שוין מאַכן פאַר א מענטש, מיס מאַנדשיין ... — האָט ער א ווונק געטאָן צו איר מיט איין צוגעמרוזשעט אייגל — איר וועט נישט דאַרפן מער אַרבעטן אין א פעקטאָרי און ווערן פאַרשוואַרצט!

— קלאַפּט אייך אַרויס די נאַרישקייטן פון קאָפּ! — האָט העלען שטאָלץ פאַרריסן דאָס געדרונצלטע, ווייס־אָנגעפּודערטע פּנים מיטן שוואַרץ־געפאַרבטן קאָפּ־האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי באַשיט מיט סאַזשע — ווען כ'געפין זיך מיט אייך אויף אַן אינדזל און איר זענט בלויז איין מאַנספּערשוין, וואָלט איך מיט אייך נישט חתונה געהאַט!

— איז נישט! איז נישט! קוק נאָר אָן די שאָנהייט! די בוטי!

— זייט נישט אַזוי סאַרקאַסטיש! איר זענט אויך נישט קיין אַפּאָלאָ ...

— וואָס הייסט סאַרקאַסטיש און וואָס הייסט אַפּאָלאָ?

— ער ווייסט נישט וואָס הייסט סאַרקאַסטיש און וואָס הייסט אַפּאָלאָ און ער וויל מיט מיר חתונה האָבן!

מיסטער געווירץ האָט אויף דעם נישט געענטפערט. דאָס עסן האָט שוין געהאַלטן ביים סוף און מיר האָבן שוין אויסגעקוקט די

מינוט און די רגע מיסטער פריילין זאָל זיך צוזעצן צו אונדז און זאָל אונדז דערציילן די נייעס אין שייכות מיטן אַלטן פּאָרל, וואָס פירט זיך אויף אַזוי אויסטערליש. אפנים אַז פריילין האָט שוין אויך אויסגעקוקט דאָס עסן זאָל זיך ענדיקן און ער זאָל זיך קאָנען צו אונדז צוזעצן. ער האָט זיך לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטן און די נייעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיך, האָט שוין געמוזט אַרויס־קומען. איידער דאָס מיטאָג האָט זיך געענדיקט, איז ער שוין געזעסן צווישן אונדז.

— אַז דאָס זענען נישט בלויז קיין באַקאַנטע — האָט ער באַלד אָנגעהויבן און געקוקט ווי זיינע ווערטער ווירקן אויף אונדז — דאָס זענען געליבטע . . . כ'בין אַלץ געוווּסט געוואָרן, ווען כ'בין געוועזן אין מעלבורן. די סוחרים אויף דער פלינדערס־ליין ווייסן אַלץ. איבערהויפּט זייערע ווייבער ... פאַר זיי קען מען גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. זאָ וואַר איך לעב. זיי קענען אַריינקריכן מיט זייערע נעגעלעך צו יענעם אין האַרץ אַריין. זיי ווייסן גענוי די פולע נעמען פון דעם פּאָרל ... מינאַ בערמאַן און נחום רובין. זי האָט אַ מאַן מיט קינדער און איינייקלעך און ער האָט אַ ווייב מיט קינדער און איינייקלעך . . .

מיסטער פריילין האָט אונדז דערציילט די מעשה און ער האָט אַלעמאָל אַ שיק געטאָן די אויגן צו דער טיר — טאָמער קומט אַריין מינאַ בערמאַן און זי הערט זיך צו אַלץ אונטער. ער האָט אַזש גע־ציטערט פון גרויס איבערגענומענקייט בעתן דערציילן און ביי יעדע פּאָר ווערטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט אַליין וועלן דערפילן דעם גוטן טעם פון דער טשיקאַווער געשעעניש.

דאָס יאָר זענען מיר מער נישט געוווּיער געוואָרן קיין ספּעציעל־נייע פּרטים, וואָס זאָלן שטילן אונדזער נייגעריקייט. מינאַ בערמאַן איז נישט אַריינגעקומען דעם אָוונט צו „טי" און זי איז אויך נישט געקומען דעם אַנדערן טאָג צו פרישטיק. זי איז די גאַנצע צייט געזעסן ביי זיך אין שטוב און מען האָט איר דאָרט אַריינגעטראָגן דאָס עסן. אָבער זי האָט זיך צום עסן כמעט נישט צוגערירט, בלויז פאַרזוכט עפּעס פון די מאכלים. פאַרמיטאָג איז געקומען צופאָרן נחום רובין. ער איז גלייך אַריין צו מינאַ בערמאַן אין שטוב און מען האָט געהערט ווי זיי פאַרברענגען דאָרט. זיי האָבן הויך גערעדט און געלאַכט און ס'האָט זיך כסדר געהערט דאָס פרוויאיש־מונטערע קול פון מיסים בערמאַן. צו מיטאָג זענען זיי ביידע אַריין אין עס־זאַל. ער האָט זי געהאַלטן לייכט ביים אָרעם און אַרויסגערוקט פאַר

איר אַ שטול צום זיצן. זיי זענען ביידע געווען הויך און שלאַנק און אַז מען האָט ניט געזען זייערע צעקנייטשטע פּנימער און די גרויע האָר, וואָס האָבן באַדעקט זייערע קעפּ, האָט מען זיי געקענט אָננעמען פאַר אַ יונג פּאָר־פאָלק. זיי האָבן קיינעם נישט געזען און זענען געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיך. ער האָט זי באַדינט מיט אַזויפיל שאַרמאַנטקייט, ווי אַ יונגער קאַוואַליר און זי האָט זיך גע־לאָזט באַדינען מיט פּרוואַישער קאָקעטעריע, ווי אַ יונג פרייליין. ער האָט אַריינגעברענגט אַ פלאַש רויטן ווײַן און זיי האָבן ביידע אויס־געטרונקען. פאַרן אויסטרינקען האָבן זיי אויפגעהויבן אין דער הויך די גלעזלעך ווי צו אַ טאָאַסט. אַזוי־ווי אין עס־זאַל איז געווען קאַלט און דער קאָליריק־וואָלענער שאַל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אירע אַקסלען, האָט ער זי כסדר מיטן שאַל אַרומגעדעקט מיט אַזויפיל צערטלעכקייט ווי מ׳דעקט אַרום אַ קינד.

באַלד נאָכמיטאָג זענען זיי אַרויס שפּאַצירן אין די בערג, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין אַ פּראַסטיקן נעפּל. פאַרנאַכט־צו איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי. דאָס האָט זיך געטראָפן איינמאָל אין אַ יובל אין די מקומות. זיי זענען נעגאַנגען שפּאַצירן אינעם שניי, וואָס האָט זיך פּאַוואָליע געשיט פונעם טונקעלן הימל און זיי באַדעקט מיט ווייסע פליטערלעך. ס׳איז געווען שיין צו קוקן ווי דאָס עלטערע פּאָרל גייט אינעם פאַרנאַכט און דער שניי שיט זיך איבער זיי מיט אַזאַ שטילקייט, גלייך ער וואָלט צו זיי עפּעס בלחש געשעפּטשעט. דער שניי באַדעקט מיט ווייסע גרייפּלעך סיי די בערג, סיי די ביימער און סיי די צוויי עלטערע מענטשן, וואָס זעען אויס ווי צוויי שלאַנקע ביי־מער, ערשט אַרויס פונעם וואַלד. דאָס פּאָרל האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט שניי און זיי האָבן בעת־מעשה הויך געלאַכט, ווי צוויי פאַרשפּילטע קינדער. זייערע באַקן זענען געווען אויסגעקנייפּט פון דער קעלט און האָבן מיט יונגער פרישער רויטקייט אַרויסגע־לאַכט פון די פּנימער.

איידער זיי זענען צוריקגעקומען פון זייער לאַנגן שפּאַציר, איז שוין געהאַט געקומען פון איר שפּאַציר העלען מאַנדשיין און זי האָט דערציילט ווי דאָס פּאָרל האָט זיך געקושט גייענדיק אינעם שניי. זיי האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו קושן די גאַנצע צייט און אפילו דאָ אין פינצטערן קאָרידאָר פונעם גאַסט־הויז האָט זי זיי געכאַפּט קושן זיך. העלען האָט זיך געוואָרפן פון גרוים אויפרעגונג און זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער:

— ס׳איז דאָך נישט שיין! ס׳איז נישט שיין! שאָקינג! ...

איך בין צו איידל זיך צו מישן צו יענעמס ביזנעס ... אָבער ווער האָט זיך דאָס פֿאַרגעשטעלט ביי אַזעלכע אַלטע לייט ... פֿע! ...

שפּעטער, נאָך אָוונט־ברויט, איז מיס מאַנדשיין געקומען מיט אַ פֿרישער נייעס און זי האָט זיך פֿון שרעק אַזוי געטרייסלט, אַז דזשאָרדזש געווירץ האָט זי קוים מיט לייד געקאָנט איינהאַלטן.

— איר וועט דאָס נישט גלויבן! — איז העלען געווען אויס מענטש — אָבער כ'האָב עס אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. ער איז אַריין אויף ביינאַכט צו איר אין שטוב!

— פֿע, ס'איז נישט שיין! איר שפּיאָנירט נאָך מענטשן ... אַבי איר זאָגט אויף זיך, אַז איר זענט אַזוי איידל! — האָט דזשאָרדזשן הנאה געטאָן וואָס ער קאָן העלענען כאַפּן ביי דער האַנט — כ'זע אַז איר זענט זיי מקנא...

העלען האָט נישט געהערט וואָס דזשאָרדזש האָט איר אַריינגעזאָגט. זי איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער נייעס וואָס זי האָט אַליין געברענגט, אַז די אויגן האָבן ביי איר געקוואָלן פֿון נחת און שאָדן־פֿרייד און די דיק־אָנגעלייגטע שיכטן פּודער האָבן זיך פֿון שרעק געקרישלט פֿון אירע באַקן.

— ראָמיאָ און דזשוליעט ... ראָמיאָ און דזשוליעט . . . — האָבן ביי איר די שטאַרק־אָנגעפּאַרבטע ליפּן שטיל געפּליסטערט.

— וואָס רעדט זי עפּעס צו זיך? ווער זענען זיי ראָמיאָ און דזשוליעט? — האָט מיסטער געווירץ געוואָלט וויסן.

— אָך, גאָט! ער ווייסט אַפֿילו נישט ווער ס'איז ראָמיאָ און דזשוליעט און וויל מיט מיר חתונה האָבן! גאָט, באַהיט און באַשירם מיך פֿון אים!

דאָס יאָר זענען מיר מער קיין פּרטים נישט געוויער געוואָרן. ערשט איבעראַיאָר האָב איך זיך שוין אַלץ דערוווּסט. מיסטער פּריי־ליך האָט זיך אַלעמאָל צוגעזעצט צו אונדזער טיש און ער האָט בסדר פֿרישע נייעסן צוגעגעבן. ער האָט ביסלעכווייז אונדז צוגעטיילט דעם זיסן טעם פֿון די פּליאָטקעלעך, פּונקט ווי ער פֿלעגט אין קליינע פּאָרציעס אונדז צוטיילן די מאכלים וואָס מיר האָבן צוממיינסטנס ליב געהאַט. לויט די אַלע אָפּגעריסענע פּרטים האָב איך מיר צוזאַ־מענגעשטעלט אַ גאַנץ בילד. ס'איז געווען ווי אַ צעריסענע פֿאָטאָ־גראַפֿיע, וואָס מען שטעלט צוריק צוזאַמען פֿון קליינע שטיקלעך...

„מינא בערמאַן און נחום רובין זענען געווען נאָך געליבטע אין דער היים, אין וואַרשע... ער איז געווען אַן אַנגעשטעלטער אין איר טאַטנס קראָם אויף גענשע... זיי האָבן זיך אין געהיים געליבט . . .

מינאַ איז געווען זייער אַ שיין מיידל און אירע עלטערן האָבן זיך געשפּיגלט אין איר. זי איז געשטאַנען אין שידוכים, מ'האָט איר גע־רעדט חתנים פון גרויס יחוס און פון רייכע הייזער — נאָר זי האָט קיינעם נישט געוואָלט. בשעת דער פאָטער, וואָס איז געווען אַ גרויי־סער תקיף, איז געוויער געוואָרן, אַז זיין טאָכטער פירט אַ ליבע מיט זיינס אַ „משרת", מיט דעם הויכן און שוואַרצן נחום, האָט ער זי מער נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. נחומען האָט ער תיכף ומיד געוואָלט משלח זיין... אָבער ס'איז אים נישט געגאַנגען, ווייל נחום האָט אַקוראַט אָנגעפירט מיט אַ שטרייק אין דער שניט־קראָם און די „מענטשן" האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אים... דער פאָטער האָט געסטראַשעט מיט איינזעצן נחומען. די טאָכטער האָט ער געצווונ־גען חתונה צו האָבן מיט דעם בחור, וואָס ער האָט פאַר איר אויס־געקליבן. מינאַ האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, גאַנצע טעג געלעגן אין בעט... איין נאַכט פאַר דער חתונה, ווען אינדרויסן האָט געברענט דער פראָסט, האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון בעט, אַרויפגעוואָרפן אויף דעם בלויזן נאַכט־העמד דאָס קאַראַקולענע פוטער, וואָס מען האָט איר געמאַכט צום אויסשטייער, געכאַפּט אַ דראָזשקע און געקומען צו נחומען אין שטוב אַריין אויף דער פאַ־ציאַטקע. זי האָט געוואָלט מיט אים אַנטלויפן, זיך אים אָפּגעבן — אָבער ער האָט זיך נישט צוגערירט צו איר... ער האָט געוווּסט, אַז צוליבן שטרייק, וואָס ער האָט אָנגעפירט, זוכט אים די פּאָליציי. טאָקע באַלד פאַרטאָגס זענען צו אים אַריינגעפאַלן עטלעכע שפּיצלעס. מינאַ איז נאָך דער נאַכט געלעגן לאַנגע וואָכן אין בעט, געהאַט אַ לונגען־אָנצינדונג... נחום האָט זיך געוואַלגערט אין די תפיסות און מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר. ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן קיין כינע און דערנאָך געקומען קיין אויסטראַליע... ער האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַן ענגליש־יידישער פרוי, געהאַט קינדער מיט איר — אָבער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען... און דאָ, ביי פריילכן אין גאַסט־הויז, האָט ער איינמאָל געטראָפן מינאַן. זי איז געקומען אַהער פון בענדיגאָ און ער פון באַלאַראַט... זי האָט געהאַט אַ מאַן מיט קינדער און אייניקלעך... אָבער נחומען האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן... זינט דער ערשטער צופעליקער באַגעגע־ניש נאָך אַזויפיל יאָרן, פלעגן זיי כסדר קומען פונקט אין דער זעלבער צייט אינעם גאַסט־הויז, ווו קיינער האָט זיי נישט געקענט, און זיי האָבן דאָ אַ פּאָר וואָכן געלעבט ווייטער זייער צוזאַמענדיק איבער־געריסן לעבן. אַז זיי זענען צוריק אַהיים געפאָרן צו זייערע משפחות,

האָבן זיי געוואַרט אויף די עטלעכע וואָכן אום ווינטער, ווען זיי וועלן ווידער זיין צוזאַמען..."

איבעראיאָר האָב איך נאָך געטראָפן מינאַ בערמאַן און נחום רובין ביי פרייליכן אינעם גאַסט־הויז. אַ יאָר שפּעטער האָב איך בלויז געטראָפן מינאַ בערמאַן אַליין. אַנשטאָט נחומען איז געקומען אַ בריוו פון זיין זון מיט דער טרויעריקער ידיעה, אַז דער פאָטער איז שוין מער נישטאָ... מיסטער פרייליך קאָן פאַרדינגען זיין צימער...

מינאַ בערמאַן האָט אָבער נישט געלאָזט פון קיינעם נחומס צימער פאַרנעמען און אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן, פונקט ווי נחום וואָלט דאָ געווען. אַ טרויער האָט אויסגעלאָשן אין מינאַס בלויע אויגן דאָס שטילע פלעמל, וואָס האָט דאָרט געטליעט פאַראיאָרן און אַ צער האָט זיך באַזעצט אין די קנייטשעלעך אַרום די ווינקלען פון איר מויל. אין נחומס שטוב איז געשטאַנען זיין פאָטאָגראַפיע און אַלע מעבל זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דעם זעלבן אופן, ווי ער האָט ליב געהאַט. ס'איז דאָרט אַפילו געשטאַנען אויפן טישל, באַדעקט מיט אַ ריינעם טישטוך, אַ פלאַש מיט רויטן וויין, וואָס נחום פלעגט מיטברענגען מיט זיך, ווען ער איז אַהער געקומען. עטלעכע אַש־בעכערס זענען געווען צעשטעלט אין די ווינקלען, ווייל ער איז געווען אַ שטאַרקער רייכערער. דאָס האָט אונדז דערציילט העלען מאַנדשיין, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין דער שטוב, בעת מינאַ איז אַוועק שפּאַצירן אויף די זעלבע וועגן אין די בערג, ווו מען האָט זי געטראָפן אַמאָל גיין מיט נחום רובין.

— זי בענקט נאָך אים ווי אַ יונגע כלה נאָך אירם אַ געשטאָר־בענעם חתן... — האָט העלען געזאָגט מיט חידוש און אַביסל בייז־קייט אין קול.

— איר פאַרגינט איר דאָס אויך נישט?! איר זענט דזשעלים אַפילו וועגן אַ טויטן... נעמט זיך דאָס נישט אַזוי שטאַרק צום האַרץ און נעמט בעסער עפּעס אין מויל אַריין. כ'האָב אַ פרישע גענדזענע ווורשט. אַז איר וועט נישט עסן, וועט איר אויך שטאַרבן... — האָט מיסטער געווירץ הויך געלאַכט פון זיין אייגע־נער חכמה און דער דיקער בויך האָט זיך ביי אים געקוילערט אַרויף און אַראָפּ.

די פאָר וואָכן, וואָס מינאַ איז געווען אינעם גאַסט־הויז, האָט זי קיינעם נישט געזען און איז געווען איינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אַן אַנדערער וועלט. די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל אויף איר אַרויפגע־לייגט און זי איז זייער אויסגעמאָגערט געוואָרן. מען האָט געקענט

זען, אז אירע געדאַנקען זענען נישט געווען דאָרט, ווו איר אויסגע־דאַרטער גוף האָט זיך געפונען. עס זענען צו איר אָנגעקומען בריוו פון דער היים — אָבער זי האָט זיי נישט געעפנט. טאָמער האָט זי זיי געעפנט, האָט זי בלויז געלעזן די ערשטע שורות און די בריוו זענען געבליבן ליגן נישט־דערלייענט...

דאָס אַנדערע יאָר איז נאָך מינאַ געקומען אינעם גאַסט־הויז. זי איז געווען אַביסל איינגעבויגן און איז געגאַנגען אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. פונדעסטוועגן האָט זי נישט געלאָזט פאַרנעמען פון קיינעם נחומס שטוב און איז אַליין געגאַנגען שפּאַצירן אין די בערג, ווו זי פלעגט גיין מיט נחומען. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז נחום גייט לעבן איר. פון מאָל צו מאָל האָט זי גערעדט צו וועמען, כאָטש קיינער איז לעבן איר נישט געווען. דאָס קומענדיקע יאָר האָב איך דאָ שוין מינאַן מער נישט געטראָפן. עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די קינדער, אַז די מוטער איז אַוועק אין דער אייביקער רו... מ'קאָן איר צימער פאַרדינגען... באַלד נאָך דעם ווי כ'האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דזשאָרדזש געווירץ און העלען מאַנד־שיין, ער האָט צו מיר געשטופּט זיין פעט, קיילעכדיק הענטל און הויך געשריגן, אַז ער און העלען זענען שוין אַ פּאָר־פאָלק. ס'קומט אים אַ מזל־טוב.

— כ'האָב זי געראַטעוועט די אַלטע מויד! — האָט דזשאָרדזש געווירץ פון זיך אָנגעקוואָלן — ווען נישט איך בלייבט זי זיצן ביזן טויט אַריין...

— ער הייבט שוין אָן! — האָט זיך אַ רויטער צאָרנדיקער פלאַם דורכגעשלאָגן דורך די דיקע שיכטן פּודער אויף העלענס פּנים — כ'גיי שוין אַוועק און כ'לאָז דיך אַליין!

פאַרנאַכט, ווען כ'בין געגאַנגען שפּאַצירן אינעם קאַלטן, ווינ־טערדיק־נעפּלדיקן דרויסן, האָב איך זיי געזען גיין צוזאַמען אין די בערג — מינאַ בערמאַן און נחום רובין. זיי האָבן לייכט געשוועבט, ווי זיי וואָלטן געטראָגן געווען אויף פליגל. דער שניי, וואָס פאַלט איינמאָל אין אַ יובל אין די מקומות, שיט זיך שטיל איבער זיי, ווי ער וואָלט צו זיי עפּעס געשעפּטשעט און הילט זיי איין אין אַ ווייסן שלייער. מינאַ און נחום באַוואַרפן זיך מיט שניי און כ'הער זייער געלעכטער, וואָס קלינגט אָפּ ווי דאָס לאַכן פון קליינע צעשפּילטע קינדער . . .

א צייטונגס־בראַניק

די צייטונג האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע לעבן סעוועקן און דער קילער פרימאָרגן־ווינט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך דעם אָפענעם פענצטער, האָט מיט אַ גערויש געמישט די בלעטער. דער ווינט האָט אָפּגעדעקט שרייענדיקע קעפּלעך וועגן כלערליי פּאָליטישע געשעענישן, פאָטאָגראַפיעס פון פּאָליטישע פירער און גרויסע אַנאָנסן וועגן אויספאַרקויף פון מלבושים, מעבל און קיך־כלים. פון דער צייטונג האָט זיך נאָך פריש געפילט די פאַרב פון דרוק. דער ווינט האָט זיך עקשנותדיק געשפּילט מיט די בלעטער, זיי געעפנט און צוריק פאַרמאַכט און זיך צוגעהערט צו זייער רוישן, ווי אַ פאַרשפּילט קינד.

יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך אַנטפּלעקט די זייט, וווּ ס'איז געווען די בראַניק וועגן דער קאַטאַסטראָפע פון דעם פּאַרל אין אויטאָ, האָט סעוועק דערפילט ווי דער ווייטיק האָט מיט באַנייטע כוחות אים צוגעשפּאַרט. דער ווייטיק פלעגט אים אויף אַ רגע אָפּלאָזן און באַלד קומען צוריק. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דורכגעגליטשט ביי אים אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז ס'איז אפשר בעסער אַזוי... פון היינט אָן וועט ער מער נישט האָבן די צרות, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים דאָס לעצטע יאָר. באַשקע לעבט נישט מער און ער וועט פאַרשפּאָרן זיך צו מוטשען...

היינט אין דער פרי האָט זיך סעוועק, פּונקט ווי אַלע טאָג, געקליבן צו גיין צו דער אַרבעט. ער איז אַרויס פאַר דער טיר אַריינצונעמען די צייטונג און די פלעשעלעך מילך, וואָס האָבן געוואַרט אויף אים פאַר דער שוועל. געוויינלעך פלעגט ער ביים פרישטיק איבערקוקן די קעפּלעך אויף דער ערשטער זייט און ערשט אין טראַמוויי לייענען די אַרטיקלען און ידיעות. היינט האָט ער צופעליק אַריינגעקוקט אינעווייניק און זיך אָנגעטראָפן אויף דער בראַניק. ביי אַלע מענטשן וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט ווי ער געלייענט די בראַניק, האָט עס אַרויסגערופן בלויז נייגעריקייט, אָבער פאַר אים

מיינט דאָס אַזוי פיל! ווי גוט וואָלט געווען ווען אויך ער וואָלט דאָס געלייענט בלויז צוליב נייגעריקייט... מענטשן נעמען זיך נישט איבער מיט יענעמס צרות...

סעוועק איז געזעסן לעבן טיש, ווו עס זענען נאָך געשטאַנען די נישט־אויסגעוואַשענע טעלער און גלעזער פון נעכטיקן אָוונט־ברויט און זיך נישט צוגערירט צום טעפּל קאַווע, וואָס איז געווען שוין אינגאַנצן קאַלט. גוט וואָס ער האָט דאָס קינד אַוועקגעשיקט אין שול. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות באַהערשט, כדי גאָרנישט צו געבן צו דערקענען אין זיך. זאָל דער קליינער לוציאַן פון דעם אַזוי שנעל נישט געוווירער ווערן. ער וועט אויסבאַהאַלטן פאַר אים דעם טויט פון דער מוטער אַזוי לאַנג ווי ער וועט נאָר קענען...

סעוועק האָט נישט געוואָלט קוקן אויף דער צייטונג, וואָס דער פרימאָרגן־ווינט האָט געבלעטערט. זיין בליק האָט געוואַנדערט איבער דעם נישט־צוגעבעטן טאָפּל־בעט, ווו ער און באַשקע זענען געשלאָפן, ווען זי איז נאָך געווען מיט אים צוזאַמען, אויף דעם פּירקאַנטיקן פּאַס זון אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די אָנגעוואַלגערטע חפצים, וואָס זענען געווען צעזייט אין אַלע ווינקלען. ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין שאַפעס ווו אַריינצולייגן די אַלע חפצים. בלויז די ביכער האָבן געהאַט אַן אָרט און זיי זענען געשטאַנען אינעם שענקל, וואָס ער האָט געקויפט אין אַן אַלטוואַרג־שאָפּ. די ביכער האָט ער מיט־געבראַנגט פון פּוילן און ער האָט שוין הי איינגעהאַנדלט עטלעכע ענגלישע ביכער. באַשקע האָט נישט געהאַט קיין צייט אַריינצוקוקן אין זיי און איז געווען פאַרנומען אין גאַנצן מיט ראָמאַנען, וואָס איז די ערשטע חדשים זינט זיי זענען געקומען קיין מעלבורן, געווען אין זייער שטוב אַ שטענדיקער גאַסט. ערשט דעמאָלט ווען סעוועק האָט אים געוויזן די טיר, האָט ער אויפגעהערט צו זיי צו קומען. באַשקע האָט זיך אָבער געטראָפן מיט אים, זיך אַלע מאָל אַרויסגע־גנבעט פון שטוב. זי האָט אויסגעזוכט פאַרשידענע תירוצים פון אונ־טער דער ערד, אַבי זיך מיט אים צו טרעפן. אַז זי האָט זיך שפּעט ביינאַכט אַריינגעגנבעט אין שטוב און זיך שטילערהייט אַרונטער־געשאַרט אונטער דער דעקע האָבן זיך אָנגעהויבן די אייביקע קריגע־רייען, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן ביז דער באַגינען האָט די שויבן באַדעקט מיט אַ בלויען זילבער.

אייגנטלעך האָט זיך שוין באַשקע אַרומגעפירט מיט ראָמאַנען נאָך אויף דער שיף, וואָס האָט זיי געפירט קיין אויסטראַליע. זי האָט זיך ווייניק אומגעקוקט אויפן קינד, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי איר

קלייד און איז איר אומעטום נאָכגעגאַנגען. נישט איין מאָל האָט זי דאָס קינד אָפּגעשטופּט פון זיך, ווייל זי האָט נישט געוואָלט האָבן קיין עדות. מענטשן האָבן גערעדט, זיך געסודעט אין די ווינקעלעך און עס האָט זיך אפילו געפונען אַ גוטער ברודער, וואָס האָט סעוועקן געוואָלט אויפעפענען די אויגן. נאָר סעוועק האָט זיך געוואָלט שטעלן העכער פון דעם אַלעמען און נישט געלאָזט צו זיך רעדן. ער האָט אפילו דעם גוטן ברודער אָנגעזידלט און אים געבעטן ער זאָל אים מער נישט צוטראָגן אַזעלכע פּאַטשטן. ראָמאַן איז זייערס אַ חבר און מער גאָרנישט! זאָלן די אַלע רכילות־טרעגער זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז באַשקען פאַרבינדט מיט ראָמאַנען עפּעס מער ווי פריינד־שאַפט.

אַזוי האָט געטענהט סעוועק, נאָר אינעווייניק אין אים האָט אַלץ געציטערט און דאָס קול האָט זיך ביי אים געבראָכן. דער חשד אויף באַשקען האָט זיך פאַרשטאַרקט און ער איז שוין געווען זיכער, אַז זי נאַרט אים אָפּ. ביז איצט האָט ער נישט געקאָנט גלויבן, אַז באַשקע זאָל זיין ביכולת דאָס צו טאָן, זי האָט אים אַלע מאָל אַרויס־געוויזן אַזויפיל ליבע.

נאָך די זעלבע נאַכט איז פאָרגעקומען די ערשטע ערנסטע קריגעריי צווישן אים און באַשקען. ער האָט זי געבעטן זי זאָל גיין מיט אים שפּאַצירן אויפן דעק, אָבער זי האָט אים אָפּגעזאָגט. דאָס האָט אים פאַרדראָסן, ווייל זי פלעגט זיך אים ווייניק אַנטקעגנשטעלן. ער האָט זי דווקא געצוווּנגען זי זאָל גיין מיט אים. זי האָט אים בלית־ברירה געפאָלגט, נאָר די גאַנצע צייט פון שפּאַציר נישט אויפ־געמאַכט דאָס מויל.

— וואָס רעדסטו נישט?! — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט — וואָס טוסטו מיר אַ טובה, אַז דו גייסט מיט מיר שפּאַצירן?

— פאַרוואָס רעדסט דו נישט? וואָס דאַרף איך עפּעס די גאַנצע צייט רעדן? — האָט באַשקע געענטפערט.

— ווי שעמסטו דיך נישט אַזוי צו זאָגן... האָסט דאָך אפילו נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל! — האָט זיך סעוועק אַ בייזער געטאָן.

ער האָט באַלד חרטה געהאַט אויף זיין געבייזער, פאַרשטאַנען אַז מיט דעם גיט ער זיך אויס, אָבער ער האָט שוין נישט געקאָנט גאָרנישט העלפן. ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו זאָגן באַשקען זי זאָל גיין צו זיך אין קאַבינע אַריין און זאָל אים נישט טאָן קיין טובות. זיי האָבן זיך ווייטער געדרייט אויפן דעק און גאָרנישט גערעדט צו זיך. דערנאָך האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט לעבן אייזער־

נעם אָנלען און געקוקט אויפן ים, וואָס איז געווען שוואַרץ און גע־דיכט, ווי געקאָוועט פון אייזן. דער הימל איבער זיי איז אויך געווען שוואַרץ און געדיכט און האָט זיך מיט זיין שווערער משא אַלץ נידעריקער אַראָפּגעלאָזט. ס'איז געווען אַזוי פינצטער, אַז סעוועק האָט קוים געקאָנט זען באַשקען און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַ פרעמדע שטייט לעבן אים. מיטאַמאָל האָט סעוועק דערהערט זיין אייגן קול אין דער פינצטערניש:

— צי ווייסטו באַטש וואָס מען שמועסט? מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ פאָלקס־דייטש...

— ווער? כ'פאַרשטיי נישט וועגן וועמען דו רעדסט...

— וואָס מאַכסטו זיך אַזוי נישט־וויסנדיק? דו ווייסט גאַנץ גוט וועמען איך מיין. כ'דאַרף נישט אָנרופן דעם נאָמען...

— ער איז נישט קיין פאָלקס־דייטש! ער איז אַ פּאָליאַק.

— אַבי דו ווייסט שוין וועמען איך מיין. וואָס־זשע האָסטו געשפּילט אַ קאָמעדיע?

— טאָמער דערמאָנסטו נאָך אַ וואָרט וועגן דעם, גיי איך שוין אַראָפּ אין דער קאַבינע!

— גיי! קיינער האַלט דיך נישט צו.

זי האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון אים, געמאַכט עטלעכע טריט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַוועקצוגיין — אָבער זי איז געבליבן.

אַ שטיקל צייט האָט סעוועק געשוויגן, זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. צום סוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און ס'האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט ביי אים די ווערטער:

— מען שמועסט, אַז ער איז אַ פאָלקס־דייטש און נישט קיין פּאָליאַק! און אַז אַ פּאָליאַק, איז וואָס? האָבן דען נישט פּאָליאַקן צוגעהאָלפן צו דעם אַלעמען?! זענען זיי נישט געווען קיין שותפים צו די דייטשע שחיטות! אַז דאָס געטאָ אין וואַרשע האָט געברענט, האָבן זיי זיך צוגעקוקט און געלאַכט!

— מען ווייסט גאַנץ גוט פאַרוואָס דו רעדסט דאָס אַלץ... דו ביסט נישט אָביעקטיוו. ס'איז נישט שיין...

— יאָ שיין, נישט שיין... ווער שפּילט זיך אין אַזעלכע נאַ־רישקייטן ... ס'מאַכט נישט אויס וואָס דו ווייסט פאַרוואָס איך רעד דאָס אַלץ. ראַמאַנס הענט זענען איינגעטונקען אין דעם בלוט פון דיינע עלטערן... פון דיינע שוועסטער און ברידער! ווי קענסטו פאַרטראָגן זיינע צערטלעכקייטן?! צי דערמאָנען דיך נישט זיינע

הענט אין גאַרנישט?! ודו דאַרפסט פילן צו זיי א ווידער־ווילן! אַן עקל! צי האָסטו נישט קיין פיצל עטיק אין זיך?!

— רעד נישט אַזוי דראַמאַטיש... ס׳איז נישט אַזוי טראַגיש ווי דו מאַכסט דאָס! ראָמאַן איז אַ פּאַליאַק און ער האָט געהאָלפן יידן! ער האָט דאָס מיר נישט איין מאָל פאַרזיכערט... ער האָט עדות... דאָס האָבן די מיאוסע ווייבער געמאַכט אויף אים אַ בילבול... זיי פאַרגינען נישט אונדזער פריינדשאַפט — האָט באַשקע זיך הויך צעשריגן און איר קול האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער שיף, געבליבן הענגען אין חלל.

דערנאָך האָט באַשקע זיך מיט כעס אָפּגעקערט פון סעוועקן און ער האָט באַמערקט ווי אירע אַקסלען הייבן זיך אָן שטאַרק צו טרייסלען און זי פאַרגייט זיך אין אַ שטיל שלוכצן.

ער איז געבליבן אַליין אויפן דעק. דער ים האָט אַלץ געוועלבט די וואַסערן, וואָס האָבן זיך מאַסיוו און מיט גבורה געגאָסן. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַ כוואַליע אָפּגעריסן, שנעל אַ לויף געטאָן און אויסגעשפּיגן אויפן דעק אַ פול מויל וואַסער. פונעם קוימען האָבן עטלעכע פונקען אַ שים אַרויף געטאָן צום הימל און האָבן זיך באַלד אויסגעלאָשן. סעוועק האָט דערזען באַשקען ווי זי איז געקומען צו אים אין אַקאַדעמישן הויז אין וואַרשע. ס׳זענען דעמאָלט געווען ביי אים אין שטוב עטלעכע חברים און מען האָט גערעדט און דיסקו־טירט. אַ פּאַפּיראָס האָט געוואַנדערט פון מויל צו מויל. באַשקע איז געקומען מיט נאָך עטלעכע סטודענטקעס און ער האָט זי דעמאָלט צום ערשטן מאָל דערזען. זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג און זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. ער האָט שוין אין יענער צייט געהאַט פאַרעפנט־לעכט אַ פּאָר אַרטיקלען אין דער פּויליש־יידישער פּרעסע. די אַרטיק־לען האָבן געהאַט אַ שייכות צו די רדיפות אויף יידן אין פּוילן און צו די אָנפאַלן פון די ענדעקישע סטודענטן אויף יידישע אוניווער־זיטעט־קאָלעגן. ער האָט דערמאָנט די „נאָרא”, די באַרימטע שטעקנס און די באַזונדערע בענק פאַר יידן. איין שאַרפן אַרטיקל האָט ער אונטערגעשריבן מיט אַ פּסעוודאָנים. אין דער דיסקוסיע אין אַקאַדע־מישן הויז האָבן אָנטייל גענומען עטלעכע סטודענטן, אָבער באַשקע האָט זיך בלויז צו אים צוגעהערט. שפּעטער ווען אַלע זענען אַוועק און איבערגעלאָזט אין שטוב אַ רויך פון פּאַפּיראָסן, איז באַשקע געבליבן. ער איז געזעסן אויף זיין צעוואָרפן בעטל און נישט אויס־גערעדט צו איר אַ וואָרט. אויך זי האָט נישט גערעדט און געקוקט

אויף אים מיט אירע ערנסטע אויגן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אויך שטיפערישקייט. ס'האָט אים געחידושט וואָס זי איז געבליבן אליין מיט אים, זיך אפילו נישט קרעמפּירט פאַר אירע חברטעס, וואָס וועלן זיכער באַלד אָנהייבן צו רעדן. א פאַרבאָרגן־זינדיקע מחשבה האָט זיך פאַרגנבעט צו אים אין מוח און ס'האָט אים באַשלאָגן א היץ. ביז אהער האָט ער זי רעכט נישט באַטראַכט און איצט האָט ער געוואָלט ווימן צו זי איז כאָטש א שיינע.

מיט א ווינקל אויג, זי זאָל נישט באַמערקן, האָט ער שנעל א לויף געטאָן איבער איר ערנסט, א ביסל שטיפעריש פּנים, איבערן אויס־געוואַשן־ווייסן, אָרעמען בלוזקעלע, הינטער וועלכן עס האָבן זיך לייכט געהויבן אירע קליינע ברוסטן, איבער די פאָרמיק־שיינע, פולע פיס, וואָס האָבן זיך געריסן פון א צעכוואַליעט־ברייט קליידל. איר דרייסטקייט האָט אים געמאַכט אָפּהענטיק און דאָס האָט אים פאַר־דראָסן. ס'האָט אים אויך פאַרדראָסן, וואָס זי פילט זיך אזוי פריי ביי אים אין שטוב און ער האָט איר געוואָלט טאָן להכעים. כדי צו פאַרשטעלן זיין אָפּהענטיקייט, האָט ער איר געוואָלט מיט עפּעס ווי טאָן. פּלוצים האָט ער דערפילט ווי אירע לענגלעכע פינגער גליטשן זיך איבער זיינע לאַנגע, שיטערע האָר און זי פרעגט אים:

— אפשר האָט איר עפּעס אין שטוב א קיי צו טאָן? כ'שטאַרב עסן...

ער האָט גאָרנישט געהאַט און זיין דורכזיכטיק־בלאַס פּנים און דער דאַרער האַלדז זענען באַגאָסן געוואָרן מיט א רויטקייט.

— כ'האָב גאָרנישט אין שטוב... מ'קען אַראָפּגיין אין גאַס עפּעס איבערכאַפּן... — האָט ער געזאָגט און זיך באַלד דערמאָנט, אז ער האָט א צוגעציילטן גראָשן און טאָמער וועט ער זיך לאָזן היינט ווילגיין, וועט ער מוזן מאָרגן ליגן די ציין אין בייטל.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך ברייט געשטעלט און זי אַריינגענו־מען אין א קאַוויאַרניע און באַשטעלט אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זי האָט געשלונגען מיט א גרויסן אַפּעטיט.

זיי פלעגן זיך דערנאָך טרעפן אַלע טאָג און אז זיי זענען גע־גאַנגען עפּעס אָפּעסן, האָט אַמאָל ער געצאָלט און אַמאָל זי. צו־מיינסטנס פלעגן זיי עסן ביי איר אין שטוב, וווּ זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט צוויי חברטעס. אז ער האָט געשריבן זיינע אַרטיקלען, האָט זי זיי איבערגעשריבן אויף ריין און ערשט דעמאָלט האָט ער זיי אוועקגעטראָגן אין די רעדאַקציעס. ביינאַכט פלעגן זיי גיין אויף גאַפּע אין דער אָפּערע. צוזאַמען מיט אַנדערע סטודענטן האָבן זיי

איבערגעקויפט דעם וואַזשנע און ער האָט זיי אַריינגעלאָזט אין טעאַטער.

דערנאָך האָבן זיי זיך אַריינגעצויגן אין איין שטוב און זיך געפירט פונקט ווי פריער. זיי האָבן אָבער געמוזט שטעלן אַ חופה, ווייל די באַלעבאָסטע האָט זיי אָפּגעזאָגט די דירה. אויך האָט באַש־קעס מאמע, אַן אָרעמע מארק־זיצערין אינעם באַזאר אויף נאָוואָליפּיע, זיך אויסגעוויינט די אויגן, וואָס די טאָכטער ווינט „נאַ וויאַרע".

אין וואַרשעווער געטאָ, ווו סעוועק האָט געאַרבעט אין אַ קול־טור־קרייז און געשריבן אין געהיים אַרטיקלען, האָט באַשקע אים אין אַלץ געהאָלפן. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, זיך געטיילט מיטן ביסן און אַז סעוועק איז אַוועקגעפאַלן, איז באַשקע נישט אָפּגעטרעטן פון זיין געלעגער. אויך אויפן אומשלאַג־פּלאַץ זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען, זיך געהאַלטן ביי די הענט, ווי קינדער.

אין לאַגער האָט מען זיי צעשיידט, אָבער ער האָט כסדר גע־דענקט אין איר און טאָמער האָט ער נישט געהאַט פון איר קיין שום ידיעה, איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ. ביי יעדן ביסן ברויט, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען, האָט ער געטראַכט צי זי גייט נישט אַרום הונגעריק, צי זי לייגט זיך נישט אָן עסן. נישט איין מאָל האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַרדאַרט פעניצל ברויט, וואָס ער האָט געוואָלט מיט וועמען אַריבערשמוגלען פאַר אירעטוועגן אינעם פרויען־לאַגער. ביינאַכט האָט ער זיך דערמאָנט אין די נעכט, וואָס ער האָט פאַרברענגט מיט איר צוזאַמען, און זיין אויסגעמאָגערט־דינער גוף, ווי ביי אַ מת, האָט געפיבערט.

סעוועק איז אַליין געווען אויפן דעק פון דער שיף, באַשקע איז אַראָפּ אין דער קאַבינע און אים דאָ איבערגעלאָזט. ווי אַזוי האָט זי געקאָנט קענגן אים אַזוי האַנדלען? זיי זענען אַזוי פיל צוזאַמען דורכגעגאַנגען — עס בינדט זיי אַזוי פיל. אָרעמע סטודענטישע יאָרן, דחקות, הונגער אין געטאָ, טויט־שרעק אין די קאַצעטן. געדענקט זי שוין גאָרנישט אין דעם? ס'האָט אים אָנגענומען אַ באַגער צו זיין נאָענט מיט באַשקען — אָבער ער וועט איר נישט נאָכלויפן אין דער קאַבינע, ווו זי שלאָפט מיטן קינד און מיט נאָך עטלעכע פרויען. דעם אמת גענזאָגט, האָט ער די לעצטע טעג נישט געוואָלט באַשקען אָנרירן. ס'האָט אים כסדר דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע רגעס פריער איז זי געווען אין דאָמאַנס אָרעמס. דאָס לייב, וואָס ער צערטלט, האָט ערשט יענער געצערטלט. ער האָט זיך פון דעם נישט געקאָנט באַ־פרייען און געפילט צו באַשקען אַן עקל. אָבער איצט האָט ער גע־

גלוסט צו איר, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז זי וויל אים נישט. דווקא ווייל ער האָט שוין נישט איין מאָל באַמערקט אַ קאַלטקייט פון איר, האָט ער זי איצט באַגערט. ער האָט געוואָלט מיט זיינע גלעטן אַראָפּ־ווישן יענעמס גלעטן. ער האָט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, אַז באַשקע האָט אים נאָך ליב, אַז זי איז בלויז זיינע.

סעוועק איז אַראָפּ אין דער קאַבינע און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפן אויפן געלעגער. ער האָט געפּיבערט פּונקט ווי אין לאַגער, ווען ער האָט געבענקט נאָך באַשקעס לייב. אויף צומאָרגנס האָט ער אַ גאַנצן טאָג נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון באַשקען. ער האָט באַמערקט ווי זי טראָגט זיך פאַרביי אים מיט אַזאַ געשווינד־קייט, גלייך זי וואָלט אים נישט וועלן אָנרירן. דער גאַנג אירער איז אַזאַ שטאָלצער און זי קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ. ביז איצט האָט ער קיינמאָל נישט באַמערקט ביי איר אַזאַ שטאָלצן גאַנג. יעדע תנועה אירע ווייזט אַרויס גלייכגילטיקייט צו אים. אפשר וויל זי מיט דעם אַלעמען פאַרווישן זייער העפטיקן שמועס נעכטן ביינאַכט אויפן דעק? ער האָט כסדר זיך פאַרגעשטעלט באַשקען אין ראָמאַנס אָרעמס. זי פּירט זיך מיט ראָמאַנען פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיך געפּירט מיט אים, ווען זי האָט אים נאָך ליב געהאַט. וואָס איז פון אים געוואָרן?!

כאָטש ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו דערנענטערן זיך צו באַשקען, האָט ער זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן די נאַכט זאָל קומען און ער איז באַלד צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט, אַז ער וועט קומען צו איר אין דער קאַבינע. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט געווען חסר־דעה, און זיך אָנגערופן:

— ביסט משוגע?! כ'זע, אַז דו ביסט שוין טאַקע משוגע! ... כ'שלאָף נישט אַליין ... אין דער קאַבינע זענען נאָך דאָ ווייבער ... ס'קינד וועט זיך אויפוועקן און אַלץ הערן! ...

— אַמאָל האָסטו אַזוי נישט גערעדט ... ביסט אַליין געקומען צו מיר. האָסט אויף גאָרנישט געקוקט ... האָסט מיך דעמאָלט ליב געהאַט ...

— אפשר האָב איך דיך דעמאָלט מער ליב געהאַט ... האָסט עס פאַרדינט ...

אין מעלבורן איז געווען דאָס זעלבע ווי אויף דער שיף און צו זיינע עגמת־נפש האָט נישט גענומען קיין סוף. בייטאָג האָט ער געאַרבעט און ביינאַכט שטודירט, אָבער ער האָט צו גאָרנישט געהאַט קיין קאָפּ, ווייל ער האָט נאָר געטראַכט פון באַשקען. אפילו ווען ער

האָט זי געהאַט לעבן זיך האָט עס אים נישט געגעבן קיין רו. ער האָט נאָכאַנאַנד געפילט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט ער זי אין גאַנצן פאַרלירן; זי וועט גיין ווײנען מיט ראָמאַנען. און אַזוי איז עס טאַקע געשען. איין שיינעם טאָג איז ער געקומען פון דער אַרבעט און געטראָפן אַ ליידיקע שטוב — דאָס ווייב מיטן קינד זענען נישט געווען. ס'האָט אים אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ און ער איז שנעל צוגעלאָפן זען, צי ס'הענגען באַשקעס קליידער, צי די שפּילעכלעך פונעם קינד זענען דאָ — אָבער אַלץ האָט געפעלט. די ליידיקע ערטער האָבן אים גלייכ־גילטיק אָנגעקוקט און ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע כדי גאָרנישט צו זען. דעם אָוונט איז ער פון שטוב נישט אַרויס, זיך געדרייט אויף און אָפּ, זיך געקורטשעט פון צער. ערשט דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און ס'האָט אים געטריבן אין גאַס אַריין. ער איז באַלד געלאָפן צו דער דירה, ווו ס'האָט געוווינט ראָמאַן און זיך געדרייט פאַרן הויז ביז ס'איז צו־געפאַלן די נאַכט און ס'איז געוואָרן זייער שפּעט.

עטלעכע טעג האָט ער זיך דערנאָך געדרייט פאַרן הויז און אַז ער האָט באַמערקט ווי ס'זענען פון דאָרט אַרויס ראָמאַן, באַשקע און דער קליינער לוציאַן, האָט ער זיך פאַר זיי באַהאַלטן. ער האָט געמאַכט ביי זיך פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי זיך אין באַשקען נוקם צו זיין. ער האָט איר געוואָלט אָפּטאָן עפּעס אַזעלכעס, זי זאָל אים האָבן צו געדענקען דאָס גאַנצע לעבן. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ס'געשעעט עפּעס מיט איר און ער דאַרף זיך מער נישט צוקוקן צו זיין אייגענער דערנידעריקונג. ער איז געלאָפן צו גוטע פריינד, זיך געפרעגט עצות ווי אַזוי אָפּצונעמען ביי באַשקען דאָס קינד — לויט איר פירעכץ האָט זי נישט קיין רעכט צו האַלטן דעם זון ביי זיך! ...

לכתחילה האָט באַשקע נישט געוואָלט געבן סעווער דעם זון. ראָמאַן איז גוט צו אים ווי אַ פאָטער. ער גיט אים אַלץ נאָך. נאָר ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און זי האָט אַליין געברענגט צו סעוועקן דעם קליינעם לוציאַן. דאָס יינגל האָט אָבער נישט געוואָלט ביי אים בלייבן און כסדר געבענקט נאָך דער מאַמען און אפילו נאָך ראָמאַ־נען. ראָמאַן פלעגט אים און די מאַמען נעמען אויף שפּאַצירן אין דעם אָפּגענוצטן אויטאָ, וואָס ער האָט זיך איינגעהאַנדלט. צו יענער צייט האָט אויך באַשקע געזאָגט סעוועקן, אַז ס'איז איר גוט מיט ראָמאַנען, ער פאַרמאָגט נישט דעם טרויער, דעם יידישן טרויער, וואָס ליגט זיך אויף איר אַזוי שווער. די אַלע פּליטים, וואָס זענען

דורכגעגאַנגען היטלערס לאַגערן, דאַרפן איצט אַביסל גענין פון לעבן... ס׳קומט זיי אַביסל פרייד און זיי טאָרן נישט אַריינטראַכטן וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען... מ׳האָט שוין געזען וואָס איז פון די שיינע טרוימען געוואָרן! אין איין טאָג איז צו אַלץ געקומען אַ סוף! וואָס וועט זיין, אַז דאָס אַלץ וועט זיך איבערחזרן?

באַשקע האָט אין אַ צייט אַרום אַנדערש געטראַכט, כאָטש זי האָט דאָס אָפן נישט געזאָגט, זיך נישט געוואָלט אין דעם מודה זיין. סעוועק האָט דאָס ביי איר אַרויסגעפילט. אַז ער האָט זי עפּעס געפרעגט, האָט זי נישט געענטפערט. ס׳איז שוין דעמאָלט סיי־ווי געווען צו שפּעט און זי האָט געמוזט פאַרליידן דאָס אַלץ, וואָס ראָמאַן האָט איר אָפּגעטאָן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַנדערע ווייבער — פּויליש, דייטשע — וואָס זענען געקומען פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד. איין אויף דער נאַכט איז זי געקומען צו סעוועקן אַ צעפּלאָשעטע, אַ בלאַסע, מיט אויפגעשוואָלענע קישעלעך אונטער די אויגן פון וויינען. עס איז געווען זייער קאַלט, אָבער זי האָט נישט געטראָגן קיין מאַנטל און אינגאַנצן געציטערט פון קעלט. זי האָט אפילו נישט קיין געדולד געהאַט צו לוציאַנען, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר און זי געהאַלדזט און געקושט און געפרעגט פאַרוואָס זי האָט געוויינט. זי האָט געבעטן סעוועקן, ער זאָל דאָס קינד לייגן שלאָפן. די גאַנצע צייט האָט זי געשוויגן, נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל. ערשט פאַרן אַוועקגיין, האָט זי אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין און מיט אַ דערוואָרגן קול אַרויסגעוואָרפן פון זיך, אַז ראָמאַן האָט זי באַליידיקט. ער האָט איר געזאָגט, אַז אַלע יידישע פרויען זענען היסטעריש און זענען אָנטשעפּעניש. ער האָט שוין גענוג פון איר מיט איר אייפערזוכט, מיט איר אומעט און היסטעריע. זאָל זי זיך אָפּטשעפּען פון אים...

סעוועק האָט זי געבעטן, זי זאָל מיט אים בלייבן, נישט צוריקגיין צו ראָמאַנען. ער וועט איר אַלץ מוחל זיין. ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט אירע פאַרוויינט־געשוואָלענע אויגן, דאָס בלאַסע פּנים, די ציטערדיק־הייסע, אָפענע ליפּן. לכתחילה האָט זי זיך געלאָזט קושן און אים צוריקגעקושט. זיין פּנים איז נאַס געוואָרן פון אירע הייסע טרערן. אָבער מיט אַמאָל האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע אָרעמס און זיך אָנגערופן, אַז זי מוז שוין צוריקגיין און אַריינזאָגן ראָמאַנען. איצט ווייסט זי וואָס אים צו זאָגן!

— בלייב... — האָט זיך סעוועק ביי איר געבעטן — בלייב...

אָבער זי איז נישט געבליבן.

— א גוטע נאכט. — האָט זי אויף דער גיך א מורמל געטאָן און איז אַרויס אַזוי האסטיק, אַז זי האָט נישט צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר.

זי האָט ראָמאַנען דעמאָלט זיכער אַריינגעזאָגט. זי האָט אים נאָך שפּעטער עטלעכע מאָל אַריינגעזאָגט, זיך געקריגט מיט אים, זיך ביי אים געבעטן, נאָכגעלאָפן אים אויף די אַלע ערטער, ווו ער האָט געהאַט זיינע ראַנדקעס. מ'האָט סעווען איבערגעגעבן, אַז שוין לאַנג האָט זי זיך געדרייט פאַר די הייזער, ווו ראָמאַן איז פאַר־שוווּנדן און זי האָט אים אָפּגעוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט. פּונקט אַזוי פלעגט זיך סעוועק דרייען פאַר ראָמאַנס הויז, ווען באַשקע איז געווען מיט אים צוזאַמען.

אינעם אויטאָ, ווו ראָמאַן האָט גענומען באַשקען דאָס לעצטע מאָל אויף א שפּאַציר אין די בערג, האָבן זיי זיך געקריגט, זיך גע־ראַנגלט. דאָס איז געווען באַשריבן אין דער ציַיטונג־כראָניק. באַשקע איז געוואָרן אַרויסגעשטויסן פונעם אויטאָ און מען האָט זי געפונען ליגן אינעם טאָל. ראָמאַן איז מיט זיין אויטאָ נאָך אָפּגעפאָרן עטלעכע טריט און איז אַראָפּגעפאַלן פונעם באַרג...

די ציַיטונג מיט דער כראָניק האָט זיך איצט געוואַלגערט לעבן סעוועקן. דער פרימאָרגן־ווינט, וואָס איז אַריין דורכן פענצטער, האָט גלייכגילטיק געמישט די בלעטער, אויפגעדעקט שרייענדיקע קעפּלעך וועגן פּאָליטישע געשעענישן, גרויסע אַנאָנסן וועגן אויס־פאַרקויף פון מלבושים און מעבל, און די כראָניק וועגן דער קאַטאַס־טראָפע פון דעם פאַרל אינעם אויטאָ. די בלעטער האָבן שטיל גע־שאַרכט, זיך געלאָזט מישן פונעם ווינט...

די נקמה פון קליינעם לואי

זינט עטלעכע טעג האָט דער קליינער לואי געפילט, אַז עפּעס טוט זיך ביי זיי אין הויז. נישט אומזיסט קומט דאָ אַלעמאָל צו גיין דער אָנקל בנימין און די אַנטי סעראַ און זיי האַלטן זיך אין איין סודען מיטן טאַטן. שוין לאַנגע חדשים ווי דער אָנקל מיט דער אַנטי האָבן נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון זייער שטוב און דאָ פּלוצים קומען זיי כסדר צו גיין.

ווען דער אָנקל מיט דער אַנטין סודען זיך מיטן טאַטן און ביים טאַטן הייבן אָן צו פלאַמען די קליינע קינדערישע אויערן און די שטייפלעכע בלויע ליאַלקע־אויגן פינטלען ביי אים צו שטאַרק, דרייט זיך דעמאָלט לואי צופּיל אַרום דעם טיש און ער חלשט צו וויסן וועגן וואָס מ׳רעדט. ער שטעלט אונטער אַן אויער, זעצט זיך צום טיש מאַכן די לעקציעס. אָבער ווי נאָר מ׳דערזעט אים, הייבט מען אים אָן צו טרייבן.

— וואָס האָסטו זיך דווקא איצט גענומען מאַכן די לעסנס? דו דאַרפסט נישט הערן וועגן וואָס מ׳רעדט! גיי, לייג זיך שלאָפן, לייבעלע... — זאָגט צו אים דער טאַטע און ער פוילט זיך נישט און פירט אים אַריין צו זיך אין שטוב.

ווען לואי בלייבט אַליין ביי זיך אין שטוב, טוט ער זיך שנעל אויס, לעשט אויס די עלעקטרי — אָבער אָנשטאָט צו גיין אין בעט אַריין, שטעלט ער זיך אַנידער ביי דער טיר און וויל אויפכאַפּן וואָס אין די אַנדערע שטובן קומט פאָר. אַז ער הערט גאָרנישט, מאַכט ער אויף זייער שטיל די טיר און אויף די שפּיץ־נעגל גנבעט ער זיך אונטער צו דער שטוב, וווּ מען סודעט זיך. ער פילט שוין אויף זיכער, אַז דאָס סודען זיך האָט אַ שייכות צו אים. עס נעמט אים אַרום אַ שטאַרקער כעס אויפן טאַטן, וואָס האָט אים געטריבן אין בעט אַריין. לואי האָט נישט איבעריק ליב דעם טאַטן און ער קאָן נישט לײַדן ווען ער רופט אים „לייבעלע" אָנשטאָט „לואי".

לואי האָט פיינט דעם טאטן, ווייל ער איז שטענדיק אזוי ווייך און נאָכגיביק. ווו־זשע האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט צו טרייבן אים אין בעט אריין, ווען ער וויל אזוי שטארק וויסן וועגן וואָס מען רעדט. כאָטש דער אָנקל בנימין קומט אזוי ווייניק צו זיי, האָט ער אים בעסער ליב ווי דעם טאטן. ער האָט אים ליב דערפאר, ווייל ער האַלט אין איין אריינזאָגן דער אָנטין, וואָס ער, לואי, קען נישט אָנקוקן. ווי נאָר די אַנטי סערא דערזעט אים, מוסרט זי אים, זי דער־ציילט אים ווי גוט אירע קינדער זענען און רעדט אין אים אריין מיט אזא געטריי קול, ווי זי וואָלט געווען זיין מאמע. לואי דערפילט באַלד, אַז די געטריישאפט איז אַ געמאכטע און אירע רייד גרילצן אים אין די אויערן. דער אָנקל בנימין האָט גרויס הנאה חוזק צו מאכן פון דער אָנטין דווקא דענצמאָל, ווען ס'איז דאָ אַ פולע שטוב מיט מענטשן.

— וואָס רופסטו מיך עפעס בענדזשאמין, שרהלע? — בלאָזט ער אָן לצעוואטע זיינע פולע, נאשעריש־רויטע ליפן — און צו וואָס ברעכסטו דיר די ציין און רעדסט צו מיר ע־ע־ענגע־ע־ליש? — ציט ער אויס דאָס וואָרט — ביי דיין מאמען אויף דער וואָלינסקי האָט מען אויך גערעדט ענגעליש? ...

אַז די אַנטי דערהערט דאָס, וואָלט זי זיך אויסגעגראָבן אַ קבר און זיך באַגראָבן פאר חרפה. איר מאָגער־אויסגעצוויקט פנימל ווערט באַדעקט מיט גרויסע ווייסע פלעקן, גליך עס וואָלט איר ווער מיט די פינגער געקוועטשט דאָס פלייש. זי האָט קיינמאָל אויף דער וואָ־לינסקי נישט געוווינט און עס שטייט איר נישט אָן צו האָבן מיט דער דאָזיקער גאַס אין ווארשע, וואָס האָט נישט געהאַט אזא גוטן שם, די מינדסטע מגע ומשא.

לואי ווייסט נישט פארוואָס די אַנטי סערא ווערט אזוי צע־טומלט, ווען זי הערט דערמאָנען די וואָלינסקי. ווייל זי האָט אזוי פיינט די גאַס, ווערט זי אים ליב און טייער.

דער קליינער לואי שטייט הינטער דער טיר אינעם לאַנגן פינצ־טערן קאָרידאָר און ער הערט זיך איין וואָס די גרויסע רעדן אין דער שטוב. פון קעלט קלאַפט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. כאָטש דאָס הארץ ציטערט אים פון מורא, לענט ער פונדעסטוועגן אויף אַ טראָפּעלע די טיר און אַ דינער ליכט־פאַס פאַלט קרום איבער דער ברייט פונעם קאָרידאָר. פונעם ליכט הייבט אים אָן צו שווינדלען אין די אויגן. ער זעט ווי דעם אָנקל בנימינס שלאַבעריק־גרויסער גוף וויגט זיך איבער דער שולדיק־איינגעהויקערטער פלייצע פון זיין נידעריק־גע־

וואקסענעם טאָטן. דער אָנקל היצט זיך און מאַכט מיט די גרויסע הענט. זייער שאָטן לויפט איבער די ווענט און סופיט. אָבער דער עיקר היצט זיך די אַנטי. כאָטש זי רעדט נישט קיין סך, ווערט איר דין־אויסגעצויגענער האַלדז אָנגעדראָלן מיט גרויסע דיקע אָדערן. זי וואַרפט די ווערטער דורך שמאָל־פאַרפּרעסטע ליפּן. ס'ברענט אין איר אַ פייער — אָבער נישט אַלץ וואָס זי וויל, קען זי אַרויסברענגען פונעם מויל.

— מען דאַרף אים היטן! מען טאָר אים נישט אַרויסלאָזן פון שטוב אַזוי לאַנג די מוטער איז דאָ אין שטאָט! — בייזערט זיך די אַנטי — וואָס דאַרף דאָס קינד וויסן פון אַזעלכע זאַכן... און כ'ל מוז וואָס גיכער אָפּגטן דאָס טייערע ווייב! וואָס הייסט ער איז אין איר פאַרליבט? ליבע־שמיבע... היינטיקע צייטן איז נישטאָ קיין ליבע... דעטס אַל!

ס'איז שוין מער פאַר לואין נישט געווען קיין סוד, אַז דאָס גאַנצע אַמפּערניש האָט אַ שייכות צו זיין מאַמען, וואָס איז אַוועק פון זיי, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד. ס'זעט אויס, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין טעות. דאָס האַרץ האָט אים ריכטיק אונטער־געזאָגט. לואי געדענקט אפילו נישט ווי די מאַמע זעט אויס. אין גע־דעכעניש זענען אים בלויז געבליבן דער מאַמעס ליכטיק־וואַרעמע הענט, וואָס האָבן געשיינט אין דער האַלבער פינצטערניש, ווען זיי האָבן אים איינגעדעקט צום שלאָפן. ער זעט נאָך היינט די ליכטיק־ווייסע פלעקן פון אירע הענט און ער פילט זייער סאַמעטן וואַרעמען באַריר אויף זיין לייב. מער איז אים גאָרנישט געבליבן פון דער מאַמען און ער ווייסט נישט צומאָל ווי זי זעט אויס. בשעת ער פלעגט בלייבן אַליין אין שטוב, האָט ער נישט איינמאָל דורכגעניש־טערט אַלע שופלאָדן, געזוכט אין אַלע באַהעלטענישן — אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעשטויסן אויף איר בילד. ער האָט זיך געפּרוווט אַליין אויסמאָלן די מאַמען. דאָ האָט ער זי געזען אַ קליינע, דאָ אַ גרויסע. ער איז פון דעם נישט צופרידן געווען. ווען ער האָט זיך אונטערגעהערט צו די שמועסן פון די גרויסע, האָט ער אויפ־געכאַפּט, אַז די מוטער האָט קליינע שמאָלע אויגן און מחמת דעם רופט מען זי „די יאַפּאַנקע".

לואי פאַרשטייט שוין פאַרוואָס מען האָט קיינמאָל נישט געוואָלט דערמאָנען זיין מאַמען, ווען ער איז געווען אין שטוב. איצט וויל מען נישט ער זאָל געוווירער ווערן, אַז זי איז געקומען צוריק אין שטאָט. לואי האָט דערהערט, אַז זינט די מאַמע איז אַוועק פונעם

טאטן, האָט זי געהאַט אַנדערע מענער. זי האָט געוואָלט ווערן רייך און געזוכט מענער וואָס האָבן געהאַט אַ סך געלט. אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען אין אויסטראַליע זענען געווען אַמעריקאַנער זעלנער, האָט זיך אַן אַמעריקאַנער אָפיציר אין איר פאַרליבט און זי איז אַוועק מיט אים קיין אַמעריקע. זי איז אָבער צוריקגעקומען און געלעבט אַ צייט לאַנג אין סידנעי מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט דאָרט אַ גרויס געשעפט. יענע וואָך זענען זיי געקומען קיין מעלבורן און וווינען אין אַ רייך הויז אין קאָולפילד...

— כ'האָב געוווּסט, אַז ער הערט זיך אונטער, דער יונג!... דער געמיינער לאָבוז! כ'האָב דאָס פאַרשטאַנען! — זענען אויף לואין מיטאַמאָל געפאַלן אַ שלל מיט רייד מיט אַזאַ רעש, גלייך עס וואָלט ערגעץ געפּלאַצט אַ וואַסער־רער און דאָס וואַסער וואָלט אַ פליוך געטאָן אויף אים מיט כוח. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און דאָס ליכט האָט אַ פליץ געטאָן אויף אים, אַז ער האָט געמוזט אײַנגאַנצן צומרוזשען די אויגן.

אין דער אויפגעפּראַלטער טיר איז געשטאַנען די אַנטי סערא. לואי האָט זי נישט געזען, אָבער ער האָט געפילט, אַז זי שטייט איבער אים. לואי איז געשטאַנען אין דער אויסגעוואַקסענער פּידזשאַמע און געציטערט פון קעלט. דער אַנטי סעראַס שפּיציקע, הינעריש פּנימל האָט אים געמוסרט, אַריינגערעדט אין אים. ס'איז אים אויסגעקומען ווי אַ הון וואָלט מיטן שפּיציקן שנאָבל געפּיקט אים אין קאָפּ: פּיק... פּיק...

— כ'האָב געקענט שווערן, אַז ער הערט זיך אונטער! אַז דאָס האָט נישט קיין שום דערציאונג! וואַקסט הפקר, ווי אַ חיה ...

— האָט די אַנטי סערא אָנגעכאַפּט לואין פאַר אַ האַנט, ווי מען כאַפּט אַן ביי אַ פליגל אַן עוף, וואָס פאַרגנבעט זיך אין אַ שכנישן הויף.

— ווי לאַנג שטייסטו דאָ? זאָג, האָסט אַלץ געהערט?!...

— ס'איז אַ ליגן! כ'שטיי נישט דאָ! כ'בין דאָ נישט געשטאַנען!

— האָט לואי זיך איינגעעקשנט, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון דער אַנטי סערא.

— זע נאָר ווי דאָס האָט פאַרשטאָכענע אויגן... ווי דאָס זאָגט ליגנט גלייך אין פּנים אַריין! דאַכט זיך, מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט און ער וויל זיך נישט מודה זיין. דו שטייסט דאָך דאָ די גאַנצע צייט און הערסט זיך אונטער. זיי זיך מודה! דו מוזט זאָגן דעם אמת!

— ניין! כ'שטיי נישט דאָ! כ'בין דאָ נישט געשטאַנען — האָבן

לואין אָנגעהויבן די טרערן צו ווערגן אין האַלדז און ער האָט זיך נאָך מער איינגעעקשנט — כ'בין מיר געגאַנגען נעמען אַ טרונק וואַסער...

— ווו ביסטו דיר געגאַנגען נעמען אַ טרונק וואַסען? דאָ אין דער שטוב? די קיך איז דאָך ערגעץ אַנדערש... נו, גיי, דו ליגנער, דו! טעריבל!

די אַנטי סערא האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זאָגן: דער יונג איז אַ פאַרפאַלענער! ער איז אָפּגעשפּרונגען פון איר און מיט גרויס אימפּעט זיך געלאָזט לויפן גלייך צו זיך אין שטוב אַריין. די טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז, אָבער ער האָט נישט געוויינט. מיט איין שפּרונג איז ער געווען אויפן בעט, זיך איינגעגראַבלט אין דער דעקע און זי אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ בייגל, געפילט ווי די קניען באַרירן זיין גאָמבע. דער באַריר פון אייגענעם ליַיב האָט אים געגלעט, געוואַרעמט. ער האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן און די דעקע האָט שטאַרק געציטערט. ס'האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט אים ווער אַריינגעשטופּט אין אַ זאַק און ער וויל זיך פון דאָרט אַרויסבאַקומען. די באַליידיקונג האָט אים געגעסן. כאָטש ער האָט אַזוי ווייניק געוווסט וועגן זיין מאַמען, האָט ער זי איצט פיינט באַקומען. אַז דאָס קליינע טאַטעלע איז צו אים צוגעקומען, געוואָלט אים איינגעמען, האָט ער אים אָפּגעשטופּט פון זיך:

— גיי אַוועק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַז דאָס טאַטעלע האָט זיך אין גאַנצן איינגעקאָרטשעט פון שרעק — ליוו מי אַלאָן!

ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין, איז לואי געווען אויף, זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ער האָט געפילט ווי אַ שווערע משא ליגט אים אויפן האַרץ. אַז ער איז פון מידקייט איינגעשלאָפן, האָט ער געזען זיין מאַמען מיט די שמאַלע מאַנדל־אויגן. אַלע האָבן זי גערופן „די יאַפּאַנקע". דאָס קליינע טאַטעלע האָט אַרומגעטאַנצט אַרום דער מאַמען, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן — אָבער זי האָט געקוקט צו אים פון אויבן־אַראָפּ און אים געטריבן פון זיך... כאָטש עס איז געווען אין חלום, האָט לואי געדענקט, אַז ער ווייסט נישט ווי די מאַמע זעט אויס. וואָס־זשע זעט ער זי אַזוי קלאָר? פון וואַנען ווייסט ער, אַז דאָס איז זיין מאַמע? ער זעט, אַז ער האָט פּונקט אַזעלכע קליינע שוואַרצע אויגן ווי די מאַמע. קליין איז ער פּונקט ווי זיין טאַטע. ווער ווייסט צי ער וועט אויפוואַקסן העכער פון אים... לואי האָט געזען די אַלע מענטשן,

וואָס פלעגן קומען צו זיי אין שטוב. דאָס זענען דעם טאַטנס קליענטן, וואָס קומען צו אים מעסטן די מלבושים. די מענטשן זענען גע־ענדערט; זיי זענען שטאַרק אויסגעפּאַשעט ... דאָס קליינע טאַטעלע דרייט זיך אַרום צווישן זיי מיטן צענטימעטער אויפן האַלדז און מיט פיל שפּילקעס אַריינגעשטעקט אינעם וועסטל. דער טאַטע טראָגט אונטער יעדן איינעם זיין שולדיקן שמייכעלע ... וואָס דאַרף ער עפּעס אַזוי שולדיק שמייכלען? סאַראַ זינד איז ער באַגאַנגען? ער אַרבעט שווער אַ גאַנצן טאָג און איז צו גאָרנישט צוגעקומען. אַז לואי האָט געזען דאָס גוטע, שולדיקע שמייכעלע ביים טאַטן אויפן פּנים, וואָס איז אים אַזוי גוט באַקאַנט, האָט ער געוואָלט צולויפן צו אים און עס פון אים אַראָפּרייסן. מיטאַמאָל האָט לואי באַמערקט ווי דער טאַטע ליגט אויף דער ערד און מען טרעט אויף אים. ער וויל צו־לויפן צום טאַטן, אים אויפהייבן — אָבער מען לאָזט אים צו אים נישט צו...

לואי האָט געשריגן פון שלאָף. די טרערן, וואָס ער האָט איינ־געהאַלטן, ווען ער איז געווען אויף, זענען אים גערונען איבער די באַקן. דער טאַטע איז אַראָפּ פונעם געלעגער, אַריינגעלאָפן צו אים אין שטוב און אים געוועקט.

— וואָס איז דיר, לייבעלע? זאָג מיר וואָס עס דריקט דיך... זאָג, וועט דיר לייכטער ווערן . . .

דאָס יינגל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אויפגעמאַכט אַ ביסל די אויגן, אָנגעקוקט דעם טאַטן, נאָר ער האָט אים נישט דער־קענט. באַלד האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און איז צוריק איינגעשלאָפן.

אויפצומאָרגנס איז לואי נישט געגאַנגען אין דער שול. אַז דער טאַטע האָט אים געוועקט, געהייסן זיך אָנטאָן, האָט ער אים אפילו נישט געענטפערט. ער איז געלעגן אויסגעדרייט צו דער וואַנט, זיך געשעמט צו קוקן דעם פאָטער אין פּנים אַריין. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער האָט היץ און קען נישט גיין אין דער שול.

כיל האָט גערופן דעם דאָקטאָר, געגאַנגען באַשטעלן די מעדי־צינען, איינגעקויפט אין גאַס און געקאָכט פאַרן זון די מאכלים, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים דערלויבט צום עסן. אויך האָט ער איינגעהייצט אין „פייער־פּליים", נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון לאַנגן נישט הייצן, איז דער קוימען פאַרשטאָפּט און די שטוב איז פול געוואָרן מיט רויך. כיל האָט געוווסט, אַז באַלד דאַרף קומען זיינס אַ קליענט מעסטן דעם אַנצוג, אָבער ער איז געווען

פאַרנומען מיטן זון און גאָרנישט געהאַט פאַרטיק. אין שטוב איז געווען אָנגעוואָרפן מער ווי אַלעמאָל. ס'איז אַ גרויס חידוש געווען ווי עס האָבן זיך מיטאמאָל דאָ אָנגעזאַמלט אַזויפיל נישט־דערטרונ־קענע גלעזלעך מילך און טעפּלעך טיי, אַזויפיל נישט־אויסגעוואַשענע טעלער און פאַרפאַפּטע לעפל און גאָפּל. אויפן טיש האָבן זיך גע־וואַלגערט אָנגעהויבענע פלעשלעך מעדיצינען און זאַלבן, שטיקלעך וואַטע, שטייף־לייוונט און פאַרסטריגעוועטע „פּזשאַדקעס" און אַרבל. אַז דער זון האָט נישט געוואָלט איינגעמען די ביטערע מעדיצינען, האָט דער פאָטער זיי קודם־כל פאַרזוכט, כדי צו ווייזן, אַז זיי זענען גאָרנישט שלעכט. אויפן היימישן שטייגער האָט ער זיך צוגעהאַלטן די נאָז, פאַרמאַכט די אויגן און געהאַלטן אין איין פאַרזוכן דעם ריצנאייל און שלינגען די פּילן...

בייטאָג האָט לואי נישט צוגעטאָן קיין אויג און ער איז ערשט ביינאַכט אַנטשלאָפן געוואָרן. כיל איז געזעסן ביי זיין געלעגער און אָנגעהויבן צו מאַכן זיין אַרבעט, וואָס ער האָט נישט געקענט טאָן בייטאָג. דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָס ווייב איז דאָ אין מעלבורן, האָט ביי אים צונערויבט די רו, צעפירט זיינע רעיונות. ער האָט באַנומען, אַז ער וועט נישט קענען מער ממשיך זיין דאָס לעבן, וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן געפירט. די בענקשאַפט צו סאַבען, וואָס איז איצט אַזוי נאָענט צו אים, האָט זיך אין אים אַריינגעגנבעט און אים אָנ־געהויבן צוריק צו פרעסן. ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו לויפן צו סאַבען און איר זאָגן, אַז זייער קינד איז קראַנק און זי מעג עס קומען זען... דאָס, וואָס ער גיט זיך אַזוי אָפּ מיטן זון און נישט ס'ווייב, האָט אים איצט אין די אייגענע אויגן שטאַרק אויפגעהויבן. נאָך וואָס איז זי געקומען מיטן יונגנמאַן פון סידנעי? די ווונד איז נאָך נישט פאַרהיילט. צו וואָס דאַרף מען די אַלטע ווונד אויפ־דעקן? און טאָמער האָט זיך סאַבע דערמאָנט אינעם קינד און זי וויל עס ביי אים צונעמען?... ער וועט איר דעם זון נישט אַוועק־געבן! זי האָט אים נישט געטאָרט איבערלאָזן אויף הפקר! אפשר וויל זי איצט מיטן יונגנמאַן חתונה האָבן, האָבן קינדער, ווייל ער פאָדערט דאָס פון איר. ער וועט איר קיין גט נישט געבן!...

אין וואַרשע איז סאַבע אים נאָכגעלאָפן. זי האָט געהאַט אַ סך יינגלעך, נאָר זי האָט געקלעפּט צו אים. ער איז געווען אַ גוטער פאַרדינער. זי איז געקומען פון פּראָווינץ און געווען אַ „קאַנדי־טשאַרקע" אין אַ באַלעבאַטיש הויז אויף שוויענטע־יורסקע. אַלע טאָג פלעגט זי גיין מיט די קינדער — אַ יינגל און אַ מיידל — אין

קראַשינסקיס גאָרטן שפּאַצירן. די קינדער זענען געווען זייער אויס־געקעכלט און אויסגעוויקלט אין שענסטן און בעסטן און האָבן זיך געקוילערט ווי צוויי באַלעמס. זי איז געזעסן אויף אַ באַנק און גע־לייענט, אָבער די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט לעבן איר, האָבן איר אַלעמאָל געשטערט, געמסרט איינס אויפֿס אַנדערע און זי באַשיט מיט פֿאַרשידענע קשיות. כּיל איז געקומען צו איר אין קראַ־שינסקיס גאָרטן, ווען ער איז געווען אַרבעטסלאָז, אָדער ס'איז פֿאָר־געקומען אַ שטרייק. ער האָט זיך שטיל צוגעזעצט צו איר און געבעטן זי זאָל אים ווייזן, וואָס זי לייענט. זי האָט געלייענט ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף", די ביכער פֿון סינקלערן. סאַבע איז אַריינגעפֿאַלן אין התפּעלות פֿון אַלץ, וואָס זי האָט געלעזן.

— כּילעק... — האָט זי אים גערופֿן פֿאַרצויגן — דו קענסט דיר נישט פֿאָרשטעלן ווי שיין די ביכער זענען... ווי דערהויבן... כ'זיץ דאָ, אָבער כ'שוועב אין אַנדערע וועלטן! ...

ער האָט נישט איבעריק ליב געהאַט צו לעזן ראָמאַנען. ער האָט אַזוי ווייניק צייט און אַז ער לייענט עפּעס, וויל ער פֿון דעם וואָס מער פֿאַר זיך געניסן. ער האָט געלעזן דעם קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט פֿון מאַרקסן, זיך אַרומגעטראָגן מיט די ביכער פֿון לענין, בוכאַרין, קאַוטסקי, וואָס ער האָט געבאָרגט אין ביבליאָטעק. ער האָט אויך אָפֿט אַריינגעטראַכט אין מעדעמען און נישט געוווסט, ווו ער געהערט. טיילמאָל איז ער געגאַנגען אויף די לינקע „בערזעס" און טיילמאָל אין בונדישן נאָדל־פּאַריין.

„זשאַן קריסטאָף" פֿון ראָלאַן האָט ער יאָ געלייענט און דאָס בוך איז אים זייער געפֿעלן. אַז ער האָט גערעדט וועגן דעם בוך, האָט ער געהאַט אַ פֿול מויל מיט זאַפֿט. ס'איז אים אָבער שווער געווען צו רעדן פּויליש און סאַבע האָט אים געמוזט אַרויסהעלפֿן.

— כּילעק ... — האָט זי צו אים געזאָגט — כ'האָב ליב צו הערן ווי דו רעדסט וועגן זשאַן קריסטאָף. דו פֿאַרשטייסט דאָס בוך אַזוי גוט ...

זי האָט געקוקט אויף אים, בעת ער האָט גערעדט, נישט אַראָפּ־גענלאָזט קיין אויג פֿון אים, אָבער אינמיטן דערינען האָט זי אים איבערגעהאַקט, אַ פּאַטש געטאָן איןביידע הענט פֿון גרויס אַנטצי־קונג:

— כּילעק, זע נאָר וואָס פֿאַרא לאַנגע וויעס דו האָסט ... אַזוי־ווי אַ מיידל ... פּונקט ווי ביי אַ ליאַלקע ... כ'וואָלט מיר געוווּנטשן צו האָבן אַזעלכע שיינע וויעס ...

ער איז געבליבן צעטומלט, נישט געוווסט וואָס סאַבע איז אויסן און שולדיק געשמייכלט. בשעת סאַבע האָט פון איר אָפּגעריבן־אַלטן האַנט־בייטל ארויסגענומען אַ שפּיגעלע און אים געצוווּנגען אריינ־צוקוקן, איז ער רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און מיט אַן עלנבויגן אָפּגעשטופּט איר האַנט. ס׳האָט אים געחידושט וואָס אין מיטן פון אַזעלכע אינטערעסאַנטע שמועסן, האָט זי דעם קאָפּ צו אַזעלכע נאַרישקייטן . . .

איין שיינעם טאָג האָט אים סאַבע געגעבן אָנצוהערן, ער זאָל מער נישט קומען צו איר אין קראַשינסקיס גאָרטן, ווייל אירע באַלע־באַטים ווילן דאָס נישט. די קינדער האָבן אויף איר געמסרט, אַז אַנשטאָט אַכטונג צו טאָן אויף זיי, לייענט זי ביכער און איז פאַר־נומען מיט אַ בחור.

ער פלעגט זי דערנאָך טרעפן אויף די „בערזעס" אויף דזשיקע גאַס, אויף די ביינאַכטיקע שפּאַצירן אויף לעשנע. פּונקט ווי אַ פלאַטערל אַרום אַ לאָמפּ פלעגט זי אַרומפליען אינעם קאַרגן גאַסן־ליכט. זי האָט יעדן אַנטקעגנגעטראָגן אַ גוט וואָרט און צו יעדן געשמייכלט סיי מיט די אַביסל שיפלעכע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן זי געמאַכט ענלעך צו אַ יאַפּאַנקע און סיי מיט די רויטע, קיי־לעכדיק־פולע ליפּן. מען האָט אָבער נישט געגלייבט וואָס זי זאָגט און זי גערופן „טשאַקערין".

כאָטש כיל האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן ביי קיין רב, האָט זי אים דערצו געצוווּנגען. זי האָט כסדר געוויינט און געזאָגט, אַז אַנדערש וועט ער זי נישט קענען מיטנעמען דאָרט ווו ער פאָרט. ביי אַ ווינקל מורה־הוראה אויף שמאָלע־מילע האָבן זיי געשטעלט אַ שטילע חופּה. ס׳זענען געקומען צו טשאַפּען זיינע עלטערן, וואָס האָבן קוים געקאָנט אַרויפקריכן אויף די דריי שטאָק שטיגן. פון דער פּראָווינץ איז געקומען איר טאַטע, דער אַלמן, אַ דאַרער, הויכער ייד, מיט אַ רויטער נאָז און מיט אַ גרין־אָפּגעשאָסענעם מעלאַניק אויפן קאָפּ. ער האָט נאָכאַנאַנד אריינגעקוקט אין אַ גרויסן סידור, געהעשעט און געשנייצט די נאָז מיט אַ טראָמייטער. אַז מען האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער האַלט אין איין וויינען, האָט ער גע־ענטפערט, אַז ער וויינט צוליב דעם וואָס זיין ווייב, עליה־השלום, האָט נישט דערלעבט צו דער חופּה פון איר טאָכטער, וואָס ער האָט נישט קיין נדן צו געבן דער כלה און וואָס דאָס פּאָרל שלעפּט זיך אַוועק אויף עק וועלט. אין די פאַרחושכט־אָפּגעריסענע שטובן פון דעם ווינקל מורה־הוראה האָט געשמעקט מיט אָפּגעזיגענע קאַרטאָפל

און מיט ריישעכץ. אַ קינד האָט זיך ערגעץ געריסן מיט קולי־קולות. בשעת מען האָט פון אַ ווינקל אַרויסגענומען די חופּה־שטאַנגען, האָבן זיי זיך אַ וויג געטאָן, זיך ברייט צענומען און שיער נישט געפאַלן אַלעמען אויפן קאָפּ. דער ווינקל מורה־הוראה האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר, קוים געענטפערט אַ וואָרט און ס׳האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט צו דעם אַלעם נישט געהאַט קיין שום שייכות. בשעת ער האָט מסדר־קידושין געווען, האָט זיך זיין פּאַרטאַביקט־ווייסע באָרד לייכט באַוועגט און די פאַרשלונגען־שטילע ווערטער האָבן זיך אומעטיק אָפּגעשלאָגן אין די אָפּגעשיילט־פאַרחושכטע ווענט. דאָס העשען פון דער כלהס פאָטער האָט זיך אויסגעמישט מיטן געוויין פונעם קינד . . .

די אויגן האָבן זיך איצט ביי כילן פון מידקייט געקלעפּט און ער האָט קוים געקאָנט האַלטן די נאָדל אין דער האַנט. לואי איז רואיק געשלאָפן. כיל האָט זיך אַלע מאָל צעשטאָכן די פינגער מיט דער נאָדל. דאָס מלבוש, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די קני, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער ערד. ווען ער איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט זיך אים נאָך געבאָמבלט אין קאָפּ ווי סאַבע האָט זיך אין מעלבורן אָנגעהויבן צו פוצן. אַלע מאָל איז זי געקומען צו גיין אין אַן אַנדער קלייד. ער האָט זיך אָנגעשטויסן ווער ס׳האָט איר געקויפט די שיינע קליידער — אָבער ער האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען און געשוויגן . . .

לואי איז דעם אַנדערן טאָג אויפגעקומען ערשט מיטאָג־צייט. די היץ איז אים אַראָפּגעפאַלן. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט. כיל האָט זיך שוין לאַנג געהאַט געשטעלט צו דער אַרבעט, געשטאַנען ביים פּרעס־אייזן און מיטן מויל געשפּריצט וואַסער אויף אַ שטיקל אַרבעט. ער האָט באַמערקט, אַז דער זון לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון אים. ביי כילן האָט דאָס האַרץ געקוואָלן פאַר פרייד און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַצינד איז די בעסטע צייט ער זאָל פרעגן ליי־בעלען, צי ער וועט אויפן קינדער־קאָנצערט פון די יידישע שולן דעקלאַמירן דאָס ליד, וואָס ער האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט איינגעחזרט.

— וועסט צוליב טאָג דעם טאַטן, לייבעלע?... וועסט צוליב טאָן? . . .

— גוט. — האָט לואי געענטפערט, ווי אויף אָפּצוקומען — כ׳וועל צוליב טאָן! . . .

— כ'ווייס, אז דו ביסט אַ גוט קינד. ביסט שטענדיק געווען אַ גוט קינד . . .

— יאָ, אָל־רייט . . . כ'בין שטענדיק געווען אַ גוט קינד . . .

לואי האָט איצט אַלץ צוגעזאָגט דעם טאַטן, אָבער אַז ער איז געזונט געוואָרן און איז צוריק אַרויס זיך שפּילן מיט די חברים אין גאַס, האָט ער אויף אַלץ חרטה געהאַט. און אַז ס'האָט זיך אָנגערוקט די צייט פונעם קאָנצערט, האָט ער בשום־אופן נישט געוואָלט צוליב טאָן דעם טאַטן.

— כ'האָב גאָרנישט צוגעזאָגט! — האָט ער לחכעיסדיק זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע — כ'ווייס פון גאָרנישט! ליוו מי אַלאָן . . .

לואי איז אַלעמאָל געווען אַ גוטער שילער און ווען ער איז געקומען אַהיים פון דער שול, האָט ער דאָס ערשטע געמאַכט די לעקציעס. איצט האָט ער אָבער די לעקציעס נישט געמאַכט און באַלד אַרויס צו די חברים אין גאַס. צום טאַטן איז ער נאָך געווען ערגער ווי פריער. אַז ער האָט אַמאָל געהערט ווי דער טאַטע זינגט זיך אונטער אַ לידל ביי דער אַרבעט, האָט ער זיך צוגעהאַלטן די אויערן.

— זינג נישט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — כ'קען נישט הערן ווי דו זינגסט . . .

בעת לואי האָט זיך געשפּילט מיט די חברים, האָט עס אים שטענדיק באַרירט, וואָס ער איז דער קלענסטער צווישן זיי. ער האָט נישט פאַרטראָגן, ווען מ'האָט אים גערופן „דער קליינער לואי". ער איז שוין געווען זיכער, אַז ער וועט נישט אויסוואַקסן העכער פונעם טאַטן און ער האָט געהאַט שטילערהייט צו אים טענות, וואָס ער איז געראָטן אין אים.ביים שפּילן זיך, האָט לואי שטענדיק געוואָלט זיין דער ערשטער. אַז מען האָט זיך פאַרמאָסטן אין יאָגע־לעך, אָדער מען האָט געמאַכט אַ געוועט אויף די ראָווערן, האָט ער דווקא געוואָלט אָנקומען פריער פאַר אַלע. דאָס זעלבע איז געווען, ווען מ'האָט געשפּילט „קריקעט", צי פוטבאָל. ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט, הינטנאָרום געקאָפּעט מיט די פיס, געשטופּט מיט די עלנבויגנס און אַז ס'איז אים עפּעס נישט געלונגען, האָט ער דערפון געליטן. אָפטמאָל איז ער פאַרשוווּנדן אויף גאַנצע שעהן און דער פאָטער האָט נישט געוווּסט וווּ ער איז. ער האָט דעמאָלט אַליין געמאַכט פאַרשידענע ספּאָרטן אין גאַס — געלאָפן, געשפּרונגען, כדי אויפצומאָרגנס זיך צו קענען באַווייזן פאַר די אַנדערע.

זינט לואי האָט זיך דערוווּסט, אַז די מאַמע איז דאָ אין מעל־בורן, האָט ער זייער מורא געהאַט, אַז די „באָיס" אין גאַס זאָלן

דערפון נישט געוויער ווערן. ער האָט זיך זייער געשעמט וואָס די מאַמע קומט אים נישט זען. ער האָט זיך נישט געקענט גלייבן, אַז אַ מוטער זאָל נישט וועלן זען איר איינגן קינד. בשעת זיינס אַ חבר האָט אים אַמאָל געהאַט געפרעגט, ווו זיין מאַמע איז, האָט ער זיך שיער נישט געוואָלט וואַרפן אויף אים שלאָגן. איצט איז ער שוין געוועזן זיכער, אַז די חברים ווייסן וועגן אַלץ און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע טייטלען אויף אים מיט די פינגער.

כאָטש לואי האָט כמעט איינגאַנצן נישט געדענקט די מאַמען, האָט ער אָנגעהויבן נאָך איר צו בענקען. ער האָט געוווסט, אַז זי איז אַזוי נאָענט פון אים און אַ באַגער זי צו זען האָט אים אַרומ־געכאַפּט און געדריקט ביז ווייטיק. ווען ער פלעגט קומען צו זיין חבר דזשעקי אין שטוב אַריין, האָט ער ליב געהאַט צו זיין נאָענט פון זיין מאַמען. טאָמער האָט זי אים געפרעגט, צי ער איז הונגע־ריק, האָט ער שטענדיק געענטפערט, אַז יאָ, כאָטש ער איז גאָרנישט הונגעריק געווען. ער האָט ליב געהאַט, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער אים מיט איר פולן גוף און זיך אַרום אים געפּאָרעט מיט די ווייסע, וואַרעמע הענט ביים דערלאַנגען אַ „סענדוויטש", אַ טעפּל טיי. איין מאָל, ווען ער איז געקומען צו זיין חבר דזשעקין, האָט ער קיינעם נישט געטראָפן אין הויז. ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער אַלע שטובן און צום סוף אַריינגעקוקט אינעם שלאָף־צימער פון דזשעקיס עלטערן. טאָמער איז זיין חבר דאָרט דאָ. אָבער אַנשטאָט דזשעקין, האָט ער דאָרט געטראָפן זיין מאַמען, וואָס איז געשטאַנען האַלב־אויסגעטאָן. דאָס בלענדענדיק־ווייסע לייב פון אירע פולע פיס און פון אירע אַנטבלויזטע אַקסלען, האָט אים אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן און פאַרשטעלט ביי אים די ראיה. דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן צו די שלייפן, אַז ער האָט נישט געקענט עפענען דאָס מויל און פרעגן ווו דזשעקי איז.

דזשעקיס מוטער האָט אָבער גאָרנישט באַמערקט און אים געפרעגט, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען:

— וואָס איז דע מעטער? וואָס שטייסטו און דו גאַפּיעסט זיך?! דזשעקי איז נישטאָ!

דער קליינער לואי האָט קוים געקענט געפינען דעם וועג צו דער טיר — אָבער זינט דעמאָלט איז ער אַלעמאָל געקומען, ווען די מענטשן זענען נישט געווען אין שטוב. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דער טיר פון שלאָף־צימער און אַריינ־געקוקט אינעווייניק.

לואי האָט זייער געוואָלט זען די מאַמען. דער באַגער זי צו זען, איז יעדן טאָג שטאַרקער געוואָרן ביי אים און ער האָט זיך פון דעם נישט געקאָנט מער באַפרייען. ווען ער פלעגט זיך אונטערהערן צו די שמועסן פונעם אָנקל בנימין און אַנטי סערא מיטן טאַטן, האָט ער פאַרגעדענקט דעם „סאַבערב", ווו די מאַמע וווינט.

שוין נישט איין מאָל איז לואי פאַרשוווּנדן פון דער היים אויף לאַנגע שעהן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון דער שול. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די ביכער און אַרויס אין דרויסן — אָבער אַנשטאָט זיך צו שפּילן מיט די יינגלעך, איז ער ערגעץ נעלם געוואָרן און ער האָט זיך אומגעקערט ערשט שפּעט אין אָוונט. ער איז גע־קומען צוריק אַן אויסגעשעפּט־מידער און אַ בייזער און אויף דעם טאַטנס אַלע קשיות האָט ער געענטפערט בלויז איינס:

— כ'בין אין ערגעץ נישט געווען!

כאָטש האַק און בראָק, האָט דער פאָטער עפּעס אַנדערש נישט געקאָנט פון אים אַרויסבאַקומען.

לואי האָט געוואָגלט איבער דער שטאָט ביז שפּעט אין אָוונט און געזוכט די גאַס, ווו די מאַמע וווינט. ער האָט זיך דערשלאָגן צו די ווייטסטע פאַרשטעט. ער האָט צו־פוס אויסגעמאָסטן גאַנצע גאַסן; מיטן אָפּגעשפּאָרטן געלט איז ער געפאָרן אויף באַסן, אויף טראַמ־ווייען. טיילמאָל האָט ער אָפּגעשטעלט מענטשן אין גאַס און זיי אויסגעפרעגט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מען באַציט זיך צו אים ווי צו אַ קליין יינגל און מען הייסט זיך אים גיין ליגן שלאָפן. כדי זיך צו מאַכן עלטער און וויכטיקער, האָט ער געררויכערט פּאַפּיראָסן. כאָטש די יינגלעך, וואָס זענען געוואַקסן הויך, האָבן זיך געמאַכט יונגער ווי זיי זענען געווען, כדי צו קויפן אויפן טראַמוויי אַ האַלבן בילעט, האָט ער דווקא אויסגעקויפט אַ גאַנצן, מען זאָל מיינען, אַז ער איז עלטער. אָבער דער קאָנדוקטאָר האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן אַ גאַנצן בילעט און דאָס האָט אים פאַרדראָסן. ער האָט זיך אַליין פיינט באַקומען. בשעת ער איז אויפגעשטיגן אויפן טראַמוויי, האָט ער זיך געפילט אַזוי קליין און פאַרלוירן צווישן די פרעמדע מענטשן און זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, ווי אַ פאַר־בלאָנדזשעטע מייזל. ער איז אַזוי לאַנג געפאָרן מיטן טראַמוויי, ביז אַלע מענטשן זענען אויסגעשטיגן און ער איז אַליין געבליבן מיטן קאָנדוקטאָר. דער טראַמוויי, אַ פוסטער, האָט זיך שלעפּעריק גע־שלעפּט איבער די פינצטערע שפּעט־נאַכטיקע גאַסן. בשעת דער קאָנ־דוקטאָר איז צו אים צוגעקומען און אים געפרעגט ווו ער פאָרט,

האָט ער נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און איז אַרויס פונעם טראַמוויי. ער איז געבליבן שטיין אַליין אין אַ פינצטערער גאַס צווישן גאַכטיק־אויסגעלאָשענע הייזער און פּוסטע גערטנער. ער האָט נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך...

ווען לואי האָט סוף־כל־סוף געפונען דאָס הויז, ווו די מוטער וווינט, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף איר וואַרטן. ס'איז געווען אַ ווינטיקער פאַרנאַכט און אַ קאַלטע רויטע זון איז, ווי אַ רויטע שויב, געווען איינגערעמט אינעם זוים פונעם בלייכן הימל. קיין דורכגייער האָט מען נישט געזען. אַז לואי האָט דערזען אַ יונגע פרוי אַרויסקומען פונעם גאָרטן־טויער, האָט ער באַלד געוווסט, אַז דאָס איז די מאַמע. ער האָט דערקענט די שמאָלע שוואַרצע אויגן, ווי ביי אַ יאַפּאַנערין. אָבער די מאַמע איז געווען הויך און זי האָט מיט אַן אָביסל נאָכלעסיקן גאַנג געטרעטן אויף דינע הויכע קלעצלעך. זי האָט אַזוי פאַרזיכטיק געקליבן מיט די קליינע טריטלעך, ווי זי וואָלט געזוכט אַן אָרט, ווו זיך בעסער צו שטעלן. זי האָט געטראָגן אַ רייכן, האַריק־לויזן מאַנטל מיט אַ הויך־אויפגעשטעלטן פוטער־קאָלנער, ווו ס'האָט זיך געטוליעט איר קליין, בלאַס פּנימל. איין האַנט האָט זי געהאַט שטעקן אינעם אָרעם פונעם יונגנמאַן, וואָס איז נעגאַנגען ביי איר זייט, ווי זי וואָלט זיך אין אים אָנגעלענט.

לואי האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב. ער האָט געוואָלט נאָכגיין די מאַמען מיטן יונגנמאַן — אָבער ער האָט נישט געקאָנט שטעלן קיין טריט.

מיט אונטערגעבראָכענע קני איז לואי נאָכגעגאַנגען דאָס פּאָרל. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן וואָס די מאַמע דערקענט אים נישט, כאָטש ער איז אַזוי נאָענט פון איר. ס'פעלט מער נישט נאָר ער זאָל אויסשטרעקן די האַנט און ער זאָל זי אָנרירן. פאַרוואָס פילט נישט די מאַמע, אַז ער גייט הינטער איר? פאַרוואָס זעט זי אים נישט?... לואי איז אַזוי נאָענט געווען פון דער מאַמען, אַז ער האָט געקענט הערן וואָס זי רעדט. תחילת איז אים איר קול געווען פרעמד — נאָר שפּעטער איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט שוין דאָס קול ערגעץ געהערט. דער ווינט האָט צעבלאָזן אירע האָר און זי האָט מיט אַ קליינער באַהענטשקעטער האַנט זיי צוגעהאַלטן. איר פּלייצע האָט זיך ביים גיין געוויגט און מיט פרעמדער גלייכגילטיקייט געקוקט צו אים. ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק צוצופאַלן צו דער פּלייצע און אַ טאָרע טאָן די מאַמען, זי זאָל וויסן, אַז ער איז לעבן איר. פון ווייטיק האָט ער געוואָלט שרייען.

לואי איז פאַרלאָפן דעם פּאַרל דעם וועג. ווען ער איז געווען אַ שטיקל וועגס פאַר דער מאַמען, האָט ער זיך פּאַוואָליע צוריקגעקערט און ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט אים דערקענען — אָבער זי איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים און אים רעכט נישט באַמערקט. זי האָט אפילו אַ קוק געטאָן אויף אים, נאָר מיט אַזאַ גלייכגילטיקן בליק, ווי מען קוקט אויף אַ פרעמד ייִנגל. ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך געחידושט וואָס דאָס ייִנגל פּלאָנטערט זיך עפּעס אַרום איר... לואין האָט אָנגענומען אַזאַ כעס אויף דער מאַמען, אַז ער האָט מיט די ציין זיך געוואָלט איינבייסן אין איר — אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן.

לואי איז נאָכגעגאַנגען די מאַמען, ביז זי איז אַריין אין אַ קאַפע־הויז. דורכן גרויסן פענצטער האָט ער געזען ווי זי זיצט ביי אַ טישל, זופּט פּאַוואָליע קאַווע, רעדט מיטן יונגנמאַן און רייכערט נערוועז איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. אַז די מאַמע האָט געענדיקט זופּן די קאַווע, איז זי נאָך אַביסל געזעסן און שפּעטער איז זי, צוזאַמען מיטן יונגנמאַן, אַרויס פונעם קאַפע־הויז. זיי זענען געגאַנגען צוריק צו זייער הויז און פאַרשוואונדן פון לואיס בליק.

קיינער זאָל נישט זען, האָט זיך לואי אַריינגעכאַפּט אינעם גאָרטן פונעם הויז, זיך באַהאַלטן צווישן די קוֹשאַקעס. אינעם פּינצ־טער־אויסגעלאָשענעם הויז האָט די עלעקטרי אויפגעלויכטן אין עטלעכע פענצטער מיטאַמאָל. דערנאָך האָט זיך די עלעקטרי אויס־געלאָשן און ס'איז ליכטיק געוואָרן אין אַנדערע פענצטער. לואי איז געשטאַנען צווישן די קוֹשאַקעס און ס'האָט אים געשווינדערט פון קעלט. איבער אים האָט געהויערט אַ נידעריק־אָנגעפּוישטער הימל, באַדעקט מיט ווינטיק־צעריסענע וואָלקנס. די ראָלעטן איבער די ליכ־טיקע פענצטער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און הינטער זיי איז גע־שטאַנען די מאַמע. לואי האָט צווישן די שפּאַרעס פון די ראָלעטן דערזען איר נאַקעטן האַלדז, די נאַקעטע אָרעמס. ס'האָט אים דער־מאָנט אין דזשעקיס מוטער, וואָס ער האָט געזען אינעם שלאָף־צימער.

לואי איז אַרויסגעלאָפן פונעם גאָרטן, אָבער איידער ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער פון דער פייכטער ערד אויפגעהויבן אַ שטיין און אים אַ וואָרף געטאָן אין די אָנגעצונדענע פענצטער. ס'האָט זיך דערהערט אַ בראַזג פון גלאָז — און לואי איז שנעל אַנטלאָפן.

אויף צו מאָרגנס איז לואי ווידער אַהער געקומען, געוואַרט ביז ס'איז געוואָרן נאַכט און ער האָט געוואָרפן שטיינער אין די אָנגע־

צונדענע פענצטער. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד, ביז עס האָבן אים אָנגעכאַפּט אַ פּאָר שטאַרקע פּאָליציייִשע הענט און אים אַוועקגעפירט אין דער נאָענטער פּאָליציי־סטאַציע. דאָרטן האָט מען אים געפּאַרשט, זיך געבייזערט אויף אים, נאָר ער האָט נישט געוואָלט בשום־אופן אויסזאָגן פאַרוואָס ער האָט די שטיינער געוואָרפן. ער האָט געזען פאַר זיך פּויסטן, וואָס האָבן אים עפּעס געוואָרנט, ברייט־אויפגעריסענע מיילער, וואָס האָבן אויף אים געשריגן — אָבער זיין מויל איז געווען פאַרהאַקט. נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן, האָט מען פון אים געקאָנט עפּעס אַרויסבאַקומען. ס'האָט זייער לאַנג געדויערט, ביז מען האָט אַרויסגעפרעסט ביי אים ווי ער הייסט און ווו ער וווינט.

ווען לואיס קליינער טאַטע איז געקומען, האָט ער זיך פאַרלוירן צווישן די הויכע און ברייטע פּאָליציי־לייט. ער איז געווען זייער דערשראָקן און האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט בשום־אופן נישט געקענט באַנעמען, וואָס דאָ איז געשען. ס'האָט אים אַ כעס אָנגענומען אויפן זון וואָס טוט אים אָן אַזוי פיל צרות, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך געבעטן ביי אים:

— לייבעלע, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? דעם טאַטן קענסטו זאָגן... קיינער וועט דיר גאָרנישט טאָן . . .

לואי האָט נישט געענטפערט. ווי אַלעמאָל ס'איז געווען זיין טבע, האָט ער געקוקט דעם פאָטער גלייך אין פּנים אַריין און ער האָט עקשנותדיק געשוויגן. דער פאָטער האָט זיך ווייטער ביי אים געבעטן:

— זאָג, לייבעלע, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? זאָג, פאַר וואָס? . . .

לואי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם פאָטערס בעטנדיק קול און ווייטער, פול מיט איינגעשפּאַרטקייט, געשוויגן. כאָטש די טרערן האָבן אים געוואָרגן אין האַלדז, האָט ער זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן און נישט געוויינט. ערשט ווען דאָס קליינע טאַטעלע האָט אים מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט צוויי פייערדיקע פּעטש אויףביידע באַקן, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעקלונגען, האָט ער זיך לכתחילה פאַרחידושט, ווייל דער פאָטער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן אויף אים קיין האַנט — און דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט. ער האָט געפילט ווי די שווערע משא, וואָס האָט אים געדריקט, האָט זיך אַביסל פון אים אַראָפּגעקוילערט . . .

יאנטשע און וואצעק

— דאָס זענען נישט מיינע קינדער ... זיי זענען נישט קיין ברידער. בלויז איינער פון זיי איז אַ ייד, דער צווייטער איז אַ גוי. אַ פּויליש שייגעצל. כ'האָב זיי אַרויסגענומען פון פּוילן נאָך דעם ווי כ'האָב זיי געפונען אין דאָרף נאָך דער מלחמה ... — אַזוי האָט מיר געענטפערט אַ קרעמפּער, ברייט־פּלייציקער מאַנספּערשוין, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל ווי אַ פּויער, ווען כ'האָב אים געפרעגט ווער די ייִנגלעך זענען.

געווען איז דאָס אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט אינעם הויז פונעם „הילפּס־פאָנד”, ווו מען האָט ערשט געברענגט צופירן די פּליטים פון דער שיף. אינעם גרויסן איין־שטאָקיקן הויז איז געווען אַ טומל און אַ רעש. מענטשן האָבן זיך געדרייט איבער אַלע צימערן, גע־גאַנגען אויף און אָפּ מיט אַזאַ אומגעדולד ווי אויף אַ באַן־סטאַציע איידער ס'קומט אָן דער צוג. מען האָט געשלעפּט פּעק און וואַליזעס אַרויף און אַראָפּ פון די שטיגן. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אַ באַן, נאָכגעמאַכט דאָס פּייפן פונעם לאָקאָמאָטיוו. די אונטערגייענ־דיקע זון האָט באַגאָסן די שויבן מיט אַ צעגליטער רויטקייט און איז שטויביק־מיד געלעגן אויף די אָפּגענוצט־אַלטע טעפּיכער. אַז כ'האָב געזען אינעם פאַרגייענדיק־רויטן שקיעה־ליכט די יידן, וואָס זענען על פּי נס ניצול געוואָרן פונעם גיהנום, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס אַלץ קומט נישט פאָר אויף דער וואָר, נאָר ס'איז עפּעס אַ געמעל אויף אַ בילד.

— אויב איר האָט צייט, וואַרט צו אַביסל... די מענטשן וועלן זיך איינשטילן, גיין צו זיך אין די שטובן, וועל'ך אייך דערציילן די מעשה ווי כ'האָב די ייִנגלעך געפונען אין דאָרף... ס'איז אַ מעשה נורא... מען דאַרף דאָס אַריינשטעלן אין די צייטונגען... פאַר־אייביקן דעם נאָמען פונעם פּוילישן שייגעצל, וואָס האָט איינגע־שטעלט זיין לעבן צו ראַטעווען דעם יידישן חבר... — האָט מיך

דער ברית־פּלייציקער ייד נישט אָפּגעלאָזט און דווקא געוואָלט מיר אַלץ דערציילן — ווי הייסט איר? מיין נאָמען איז זלמן יעדוואַב...

דערווייל איז נאָך אין דעם הויז געווען אַ גרויס גערודער און ס׳איז אפילו שווער געווען צו הערן וואָס דער ייד רעדט. זלמן האָט צוגערופן צו זיך די יינגלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין הויף און זיי פאַר מיר פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז יאַנטשע — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַן אויפגעבלאָזן־אויסגעפּאַשעט יינגל מיט קיילעכדיקע שוואַרץ־בריענדיקע אויגן און ברוינע האָר, וואָס האָבן פּאַרדעקט זיין קורצן, פּאַרקנייטשטן שטערן — און דאָס איז וואַצעק — האָט זלמן געטייטלט אויף אַ דאַר יינגל מיט בלייך־איינגעפאַלענע באַקן און גרויסע בלויע אויגן, וואָס זענען געווען אַ טראָפּעלע איבערגעשראָקן און אַזוי העל, אַז זיי האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן בלאַסן פּנים.

די יינגלעך האָבן אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן, מיך אָפּגעמאָסטן, אָבער כ׳האָב אַפּנים אַ קנאַפּן אינטערעס ביי זיי אַרויסגערופן, וואָרן זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען אין אַלע זייטן און געזוכט אַ געלעגנהייט ווי פון מיר פּטור צו ווערן. זיי האָבן נישט געוווסט וואָס מיר צו זאָגן, און כאָטש איך האָב געזוכט ווערטער וואָס זאָלן זיי צוציען צו מיר, האָב איך גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן. די יינגלעך האָט עס געצויגן צוריק צו זייער שפּיל, וואָס זלמן האָט איבערגעריסן, און זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי לאָשיקלעך, וואָס מען האָט אַראָפּגעטריבן פון דער פרייער לאָנקע און פאַרשפּאַרט אין אַן ענגער שטאַל. באַלד האָבן די יינגלעך זיך אַרויסגעדרייט פון אונדז און מיר זענען געבליבן אַליין.

— קינדער זענען קינדער... ס׳האָט נאָך נישט קיין שכל — האָט זלמן געזאָגט מיט דעם קלוגן שמייכעלע פון איינעם, וואָס איז שוין אין לעבן אַ סך דורכגעגאַנגען — ווען איר ווייסט וואָס די קינדער האָבן זיך אָנגעליטן? וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען! אַז די רוצחים זענען אַריין אין דאָרף, זענען זיי געווען זייער יונג... נאָך רעכט פון דער ערד נישט אויסגעוואַקסן... כ׳ווייס נישט צי ביידע צוזאַמען זענען דענצמאָל אַלט געווען פופצן יאָר...

אינעם הויז האָט אָנגעהויבן ווערן שיטערער פון מענטשן. די מעלבורנער תושבים, וואָס זענען געקומען אָפּנעמען זייערע קרובים און באַקאַנטע פון דער שיף, זענען צו ביסלעך אוועק. די פּליטים האָבן זיך איינגעשטעלט ביי זיך אין די שטובן. דער ליאַרם איז שוואַכער

געוואָרן. ס׳האָט דאָ אויסגעזען ווי אויף אַ וואָקזאַל ווען דער צוג גייט אָפּ. פּלוצים האָט זלמן מיך אַ פרעג געטאָן:

— ווו זענט איר געווען בעת דער מלחמה? דאָ הי? איר ווייסט גאָרנישט וואָס איר האָט זיך איינגעשפּאָרט! וויפיל עגמת־נפש, וויפיל טויט־שרעק! אַז יעדע מינוט האָט מען געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין. איר וועט לעבן טאָפּלט לאַנג ... ס׳ווייזט אויס, איר האָט נושא־חן געווען ביי גאָט, וואָס איר האָט אויסגעמיטן די ווילדע צרות!

איך האָב נישט ליב געהאַט צו הערן די דאָזיקע רייד. כ׳האָב זיי שוין פון פריער געהערט פון פּליטים און אויך דעמאָלט האָב איך זיך נישט גוט געפילט. כ׳האָב זיך געפילט שולדיק וואָס די דאָזיקע יידן זענען אַזויפיל דורכגעגאַנגען און מיך האָט הי קיינער נישט געטשעפּעט. וואָס בין איך עפּעס דער אויסדערוויילטער?

— נו, קומט, וועלן מיר זיך זעצן דאָ אינעם ווינקל און כ׳וועל אייך דערציילן וועגן די צוויי יינגלעך ... כ׳מוז דאָס וועמען דער־ציילן... יעדער מוז וויסן וועגן דעם פּוילישן שייגעצל, וואָס האָט אַזאַ גוט האַרץ. איר ווייסט גאָרנישט סאַראַ גוטע נשמה דאָס איז! איך האָב שוין געהערט, אַז איר האָט עפּעס אַ שטיקל שייכות צו די צייַ־טונגען דאָ הי. נו, וועט איר האָבן מאַטעריאַל ... זעצט זיך צו און וואַרט אַ רגעלע. כ׳וועל אַ קוק טאָן וואָס די קינדער מאַכן. זיי דאַרפן גיין אין בעט אַריין. זיי קענען זיך שוין אַליין אַן עצה געבן מיט אַלץ ... כאָטש פריער, ווען זיי זענען געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט, זענען זיי געווען מער ספּריטנע! ס׳האָט געהאַט דעם חוש פון אַ חיהלע, וואָס היט זיך דאָס לעבן!

זלמן איז אַוועק. כ׳האָב זיך צוגעזעצט אינעם ווינקל, ווו ער האָט מיר אָנגעוויזן. די נאַכט איז שוין לאַנג געהאַט צוגעפּאַלן און גאָלדענע שפּליטערן פון דער עלעקטרי זענען געפאַלן אויף די שוואַרצע שויבן. כ׳האָב זיך פאַרטראַכט איבער עפּעס וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זלמנען און די יינגלעך. אָבער מיינע רעיונות זענען איבערגעריסן געוואָרן פון אַ גרעבלעך און זיכער קול.

— נו, גוט, כ׳וועל אייך אַלץ דערציילן — איז שוין זלמן צוריק געשטאַנען לעבן מיר — די קינדער ווילן זיך נאָך נישט גיין לייגן. זיי שפּילן זיך אין דרויסן. אַז זיי וועלן מיד ווערן, וועלן זיי שוין אַליין גיין שלאָפן.

„די יינגלעך, כ׳מיין יאַנטשע און וואַצעק, זענען פון אַ דאָרף לעבן יערסליוו... דאָס איז צווישן קראָקע און לעמבערג. איר זענט

דאָך אַ פּוילישער און איר דאַרפט קענען די געגנט." — האָט זיך זלמן צוגעזעצט לעבן מיר און אָנגעהויבן מיט אַ שטיל, אָבער זיכער אין זיך קול. — „מיין טאַטע עליו־השלום האָט אין יענעם דאָרף געהאַט אַ שיינע פּאָר מאָרג ערד, וואָס ער פלעגט אַליין באַאַרבעטן. דאָס וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט באַאַרבעטן, האָט ער אוועק־געגעבן אויף „ספּאָלע" צו די פּויערן... דאָס איז אַזאַ מין שותפות־געשעפט. דער טאַטע האָט געוואָלט כ'זאָל אים העלפן אין דער אַרבעט — אָבער מיך האָט עס געשטיקט אין דאָרף און ס'האָט מיך געצויגן צו דער גרויסער שטאָט... צו דער גרויסער וועלט... און איין שיינעם אָוונט, ווען דער טאַטע איז אוועקגעפאַלן מיד פון דער אַרבעט און די מאַמע איז נישט געווען אין שטוב, האָב איך זיך איינגעפּאַקט אויף דער שנעל און כ'בין אוועק מיט אַקס אינעם שכנותדיקן שטעטל און פון דאָרט בין איך געפאָרן קיין וואַרשע. אָבער אין וואַרשע בין איך אויך לאַנג נישט געזעסן און כ'בין אוועק קיין בערלין. פון דאָרט האָב איך געשריבן אַ קאַרטל אהיים. באַלד איז אָנגעקומען פון דער מאַמען אַ תשובה, זי האָט מיר געשריבן, אַז דער טאַטע איז שוין מער נישטאָ... די מאַמע האָט נישט געקענט אַליין שרייבן און דעם בריוו האָט פאַר איר אָנגע־שריבן ר' עזריאל, יאַנטשעס טאַטע. דער בריוו האָט געקאָנט רירן אַ שטיין און כ'בין צוריקגעפאָרן אהיים. זינט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן די ערד, פּונקט ווי מיין טאַטע עליו־השלום און כ'בין געבליבן אין דאָרף . . .

„אינעם דאָרף האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף יאַנטשען און וואַצעקן... זייערע עלטערן האָבן געוווינט אין שכנות און די קינ־דער זענען געווען אַזעלכע איבערגעגעבענע חברים, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן אויף אַ מינוט. דאָס האָט געקאָנט יעדער איינער אין דאָרף זען — גוים און יידן... זיי האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט, גאַנצע שעהן געמייסטרעוועט, געמאַכט פאַרשידענע כלים. זיי האָבן זיך געמאַכט פּראַצעס אויף צו שיסן צו פייגל, אויפגעשטעלט לאַפּקעס אויף טויבן, געקראָכן אויף ביימער, אויף פּאַרקנס, זיך אַריינגעכאַפּט אין פרעמדע גערטנער, און אַז מען האָט זיי געכאַפּט, האָבן זיי בײדע געלייזט קלעפּ... טשיקאַווע איז געווען דאָס, וואָס דאָס יידישע יינגל, יאַנטשע, איז געווען מער ווילדע בריאה פונעם שייגעצל. ער האָט שטענדיק געזוכט אַ גע־שלעג, געשטרעקט פאָרויס זיינע פאַרקוועטשטע פויסטלעך און זיך אָנגענומען פאַרן שייגעץ, טאָמער זענען אים די שקצים באַפאַלן

און אים אויסגערעדט, אַז ער האָט אַ יידישן חבר. און יאַנטשע איז טאַקע געווען שטאַרקער פון וואַצעקן. ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו עסן, געקאָנט אויסטרינקען אַ האַלב שעפל מילך, ווען ער איז נאָכגעלאָפן דער מאַמען צו דער מעלק... מחמת דעם האָט ער גוט אויסגעזען, געווען אויסגעפּאַשעט, געהאַט צעפּלאַמטע רויט־אויסגע־קעכלטע בעקעלעך, ווי די עפּל און גלאַנציק־שוואַרצע אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט לעבן. פונעם נעזל האָט אים אַרויסגעקוקט אַ „ליכטל"...

„אפילו אין דער דאָרפישער שקאָלע זענען די קינדער געגאַנגען צוזאַמען. יאַנטשע האָט נישט געהאַט אַזאַ גוטן קאָפּ, נישט צוגעלייגט דעם קאָפּ צום לערנען. ער האָט שטענדיק געהאַט אונטער דער שול־באַנק פאַרשידענע שפּילעכלעך — אַלטע שליסל, פון וועלכע ער האָט געמאַכט שיסערס, שוועבעלעך, וואָס ער האָט צוגעגנבעט אין דער היים, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, שטיינער, שטריקלעך. דער דאָר־פישער לערער האָט זיך געקאָנט אויסרייסן דעם האַלדז, אָבער יאַנ־טשע האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט און איז געווען אַריינגעטאָן אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשטעקט אונטער דער באַנק. אַז דער לערער האָט אים עפּעס געפרעגט, געוואָלט אים כאַפּן ביי דער האַנט, האָט יאַנטשע נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, און וואַצעק האָט אים געמוזט אונטערזאָגן.

„אַזוי האָבן די ייִנגלעך פאַרברענגט די טעג צוזאַמען, זיך נישט געקענט שיידן. בלויז ווען ר' עזריאל האָט גערופן דאָס בן־זקונימל זיינס אין שטוב אַריין, כדי צו לערנען מיט אים אַ שייטל עברי, אַ פּרשה חומש, איז דער שייגעץ געבליבן אַליין און זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט פאַרן הויז, ביז דער חבר איז אַרויסגעקומען. איין מאָל איז וואַצעקן געוואָרן אַזוי טרויעריק פונעם אַרומדרייען זיך אַליין אין דרויסן, אַז ער האָט זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און איז אַריין צו ר' עזריאלן אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק לעבן יאַנטשען און געזאָגט צו ר' עזריאלן, ער זאָל אויך מיט אים לערנען... און ר' עזריאלן איז איינגעפאַלן, אַז דאָס וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך, וואָרן ס'איז שווער געווען זיין תכשיט צו פאַרנאַרן אין שטוב און ער האָט זיך אַלע מאָל נעדרייט אויף דער באַנק ביים לערנען. ר' עזריאל האָט שטענדיק געמוזט לאַנג אַרומ־זוכן דעם תכשיט ביז ער האָט אים געפונען. ווען ער האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון זיינע באַהעלטענישן, האָט ער גערעדט אים צום שכל הישר:

— יאנטשעלע — האט ער אים געפרעגט — וואס זענען דיינע ביימער, דיינע פארקענעס, אויף וועלכע דו דראפעסט זיך בעסער פון דער תורה? מיט וואס זענען זיי קלוגער? און מיט וואס איז דער שיינעץ בעסער פון דער תורה? גלייב מיר, אז כ'קען עס נישט פארשטיין? אפשר ביסטו אזוי קלוג און וועסט עס מיר קענען געבן צו פארשטיין... היתכן, יאנטשעלע...

„יאנטשעלע איז געבליבן שטיין, נישט געוווסט וואס צו ענטפערן דעם פאטער. אמת איז אז ער האט ליב געהאט דעם פאטער, אבער ער האט נישט געקענט בשום־אופן באנעמען מיטן שכל פארוואס מען דארף דאס גאנצע טעג לערנען... יאנטשע האט בעסער ליב געהאט ארומצוויאגן אין דרויסן אויף דער פרייער לופט. בין־השמשות, נאך דעם ווי די חברים זענען מיד געווארן פונעם ארומיאגן זיך א גאנצן טאג, האבן זיי זיך אוועקגעזעצט אויף א דארפישן פלויט, געפלאכטן פון צווייגן און זיך דערציילט מעשיות. יאנטשע האט ארויסגעברענגט פון שטוב עטלעכע פעניץ ברויט, באשמירט מיט פוטער און טיילמאל א הינערן פולקעלע, א פליגעלע, וואס איז איבערגעבליבן פון שבת און די חברים האבן געמאכט א סעודה, געקייט אויףביידע באקן. נישט איין מאל האט יאנטשע מכבד געווען וואצעקן מיט פארקלעפטע באנבאנעס, וואס ער האט בגנבה ארויסגענומען פון א סלאי אין זייער געוועלב. וואצעק האט אבער נישט געוואלט שטענדיק נעמען פון יאנטשען, געוואלט אליין מכבד זיין דעם חבר. נאר ס'איז אים נישט געגאנגען, ווארים יאנטשע האט נישט געוואלט טועם זיין פון דעם, וואס ער האט ארויסגעברענגט, פארשטעקט אונטערן העמד, פון זייער כאטע.

— ס'איז טריפה! — האט ער אוועקגעשטופט פון זיך דעם חברס האנט, כאטש דאס מויל האט אים געוואסערט — ס'איז חזיר! ס'איז בשר־קוויטש!... כ'טאר עס נישט עסן! מען וועט מעך בראטן און ברענען אין גיהנום! ס'איז אן עבירה! דו דארפסט עס אויך נישט עסן, כאטש דו ביסט א גוי!...

„וואצעק האט זיך דערפון געפילט באליידיקט און נישט פארשטאנען פארוואס יאנטשע טאר דאס נישט פארזוכן און פארוואס ער אליין דארף דאס נישט עסן.

— וואס איז טריפה? — האט ער געוואלט וויסן — און וואס איז כשר־קוויטש?...

„פונדעסטוועגן איז ער שוין מער נישט צוגעשטאנען צו יאנטשען

ער זאָל פאַרזוכן פון זיין עסן. אַז יאַנטשע האָט געזען ווי ס׳ברענט דער ראַנד פון הימל, האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם חבר:

— זעסט, — האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן ברע־נעדיקן הימל — זעסט ווי ס׳פלאַקערט דאָרט! דאָרטן איז דאָס גיהנום, וווּ מען ברענט די רשעים, וואָס האָבן נישט געהערט גאָט! מען בראָט זיי דאָרט אין קעסלען מיט סמאָלע! ...

„וואַצעק האָט געקוקט אויפן רויט־צעפלאַקערטן הימל און ס׳איז אים אַדורך אַ שוידער איבער די ביינער. זיינע העל־בלויע אויגן זענען געוואָרן בלאַס פון שרעק. ער האָט אָבער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון הימל און אַז ער האָט דערזען אַ וואָלקן, וואָס האָט אין דער הויך אָנגענומען אַלערליי געשטאַלטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער זעט יעזוסן ווי ער שוועבט אין די הימלען.

— ס׳איז נישט יעזוס — האָט יאַנטשע געפּרוווט איבערשפּאַרן דעם חבר — ס׳איז משה רבינו ... משה רבינו האָט געהאַט אַזאַ לאַנגע באָרד ... נישט יעזוס ...

„כ׳האָב נישט איינמאָל, בעת כ׳האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין פעלד, געטראָפן די חברים זיצן אויפן פּלויט אַזוי פאַרטאָן אינעם שמועס, אַז זיי האָבן אפילו מיך נישט באַמערקט.

— וואַרט צו. כ׳על אַ קוק טאָן וואָס די קינדער מאַכן. — האָט זלמן זיך כסדר מטפּל געווען מיט די יינגלעך מיט פאָטערישער ליבע. ער איז אַרויס אויפן הויף און איך בין געבליבן אַליין. ס׳איז שוין דאָ קיינער מער נישט געווען. בלויז די לבנה האָט צוגעשטעלט איר זיל־בערן פּנים צו די שויבן, גלייך זי וואָלט זיך אויך צוגעהערט צו דעם וואָס זלמן דערציילט.

— כ׳קען זיי גאָרנישט טרייבן אין בעט אַריין — האָט זלמן זיך אומגעקערט פון דרויסן — כ׳קען זיי נישט אָוועקרייסן פונעם שפּילן, די יונגאַטשעס. ווו־זשע האַלט׳ך?

„יאָ, ביי דעם ווי די יינגלעך האָבן זיך נישט געקענט שיידן ביינאַכט ... אַז וואַצעק איז אַריין צו זיך אין כאַלופּע, האָט ער גע־לייזט קלעפּ פון זיין פאָטער, מאַטשעי דעם פּויער. דאָס איז געווען אַ ווילדע חיה! אַ פּרא־אדם! די האָר פון קאָפּ זענען אים געוואַקסן טיף אַראָפּ איבערן שטערן, זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די געדיכטע קזשאַ־קעס־ברעמען. ער האָט דעם זון געשלאָגן מכות־רצח מיט אַלץ וואָס איז אים נאָר אונטער דער האַנט געקומען. מיט אַ דראָנג, מיט אַ צעפּ ... דאָס געוויין פונעם קינד איז פאַרטויבט געוואָרן פון די ווילדע

געוואָלדעס פונעם פאָטער, וואָס האָבן זיך אימהדיק געטראָגן איבער דער שטילער דאָרפישער נאַכט.

— פאַרוואָס האָסטו נישט אַהיים געטריבן די קי פון דער פּאַסט־וויסקע? נישט צעמאָלן אַביסל קאָרן אויף דער זשאַרנע? נישט אָנ־געפּאָיעט דאָס פערד? וואַרט, דו הינטישער זון, כ'וועל דיך אוועק־לייגן אַ טויטן! כ'על דיר אויסרייסן אַ פוס פון הינטן! שלעפּסט דיך אַרום מיטן זשידאָווסקן בענקאַרט! דו זשידאָווסקער פּאַכאָלעק! דו גאַנצע אַרבעט לאָזטו איבער אויף דער בידנער מאַמען. אַ כאָראָבע אויף דיר. כ'וועל פון דיר שניידן דאָס לעדער!

„כאָטש מאַטשעי האָט רחמנות געהאַט אויף זיין ווייב, האָט עס אים נישט געשטערט זי פּינקטלעך צוויי מאָל אין וואָך צו קאַטעווען און זי איז שוין געווען בלויז הויט־און־ביין. פון אָנהייב האָט זי גע־שריגן, ווען ער האָט זי געשלאָגן, אָבער שפּעטער האָט זי אפילו נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל.

„מאַטשעי האָט נישט בלויז פיינט געהאַט יאַנטשען, נאָר דער עיקר האָט ער פיינט געהאַט ר' עזריאלן, דעם שכן זיינעם און אין אַלע זיינע אומגליקן האָט ער באַשולדיקט דעם יידישן „ראַבין" — אַזוי האָט ער גערופן ר' עזריאלן. טאָמער איז אים געפּגרט אַ בהמה, ס'איז אוועקגעפאַלן ביי אים אַ פערד, איז באַלד דער יידישער שכן שולדיק געווען דערין. דער זשידאָווסקער ראַבין האָט געמאַכט עפּעס אַ שפּרוך, געשאָלטן אים און צוליב דעם איז דאָס אומגליק מיט אים געשען... מען דאַרף דעם ראַבין פאַרטרייבן פון דאָרף! ער האָט פעלדער, בהמות, פערד, אַ געוועלב און וואָס האָט ער? ער איז אַן אָרעמער פויער, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט!

„און ר' עזריאל איז דווקא געווען אַ שטילער מענטש, זיך גע־גאַנגען זיין וועג, און נישט בלויז די יידן, נייערט די פּויערים אין דאָרף האָבן פאַר אים געהאַט דרך־ארץ. אפשר טאַקע מחמת דעם האָט אים מאַטשעי אַזוי פיינט געהאַט. זינט ר' עזריאל איז געקומען אין דאָרף אַריין, האָבן די דאָרפישע יידן נישט געדאַרפט מער גיין צו־פוס אין די ימים־נוראים אינעם שכנתדיקן שטעטל, וואָרן ער איז געווען אַ גאָלדענער בעל־תפילה. אַז ער איז געשטאַנען פאַרן עמוד און גע־דאַוונט האָבן די ווייבער הינטער דעם פוירהענגל אינעם עזרת־נשים געכליפּעט מיט ביטערע טרערן. ר' עזריאל האָט אויך געקענט לערנען, אַריינגעקוקט אין אַן עין־יעקב, אין אַ משניות און געקענט אפילו זאָגן אַ בלאַט גמרא. ער האָט זיך אָבער חלילה נישט געגרויסט מיט דעם, נישט געהאַט קיין פּליי אין דער נאָז. אין דער וואָכנס איז ער געגאַנ־

גען אָפּגעריסן און געפּעקערט אַליין מיט זיין בולאַן די עוֹ״ד. ביים אַקערן האָט ער געטראָגן אַ יאַרמעלקע און די לאַנגע ציצית פונעם טלית־קטן האָבן זיך געפלאַכטן אַרום די גרויסע פאַרבלאָטיקטע שטיוואַלעס. מחמת דעם אַלעמען און מחמת דער גרויסער פאַרקאַלטנט־צעוואַקסע־נער באָרד, וואָס האָט דערגרייכט אים צום גאַרטל, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרוואָגלטער נביא, וואָס זאָגט חלילה קיינעם נישט קיין מוסר, נייערט איז מדריך דעם עולם...

„מאַטשעי האָט זיך אָנגעזעצט אויף ר׳ עזריאלן, געטשאַטעוועט אויף אים — און ווען די „גאַראָווצעס" האָבן גענומען בושעווען אין די שטעט און דערפער, האָט ער געהאַלטן אַז ס׳איז די פּאַסיקסטע צייט זיך אָפּצורעכענען מיטן ייד. איינמאָל האָט ער זיך נעגרייט אַ גאַנצן טאָג אָנצופאַלן אויף ר׳ עזריאלן, האָט עס באַמערקט וואַצעק און אים נאָכשפּיאָנירט, נאָכגעגאַנגען אים פוס־טריט. אַקוראַט דענצ־מאָל ווען ער האָט זיך אונטערגעגנבעט צום שכן און געוואָלט אים דערלאַנגען, איז אויסגעוואַקסן וואַצעק. מאַטשעי האָט דערנאָך אַזוי געממיתט דעם אייגענעם זון, אַז ער איז געלעגן אַ גאַנצן חודש אין בעט, נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר.

„ערשט ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פּוילן און מען האָט געזאָלט דאָס הייפל יידן אַרויספירן פון דאָרף, האָט מאַטשעי אויס־געפירט דאָס וואָס ער האָט שוין געפלאַנעוועט אַ לאַנגע צייט. אין מיטן העלן טאָג האָט ער זיך אַריינגעריסן צום שכן אין שטוב און זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ ווידלע. אַז זעלדע, ר׳עזריאלס ווייב, האָט פאַרשטעלט דעם מאַן מיט איר ברייט־צעוואַקסענעם גוף, האָט ער איר צוערשט דערלאַנגט און דערנאָך דערשטאָכן דעם מאַן. ער איז באַלד נאָכן אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט געגאַנגען צו די דייטשן און זיך באַרימט, אַז ער האָט דערהרגעט צוויי יידן... די יידן האָבן קוים אָפּגעבעטן ביי די דייטשן, אַז מען זאָל זיי לאָזן דאָס פּאָר־פאָלק מקבר זיין. אַלעמאָל האָט מען די יידישע מתים געפירט אינעם שטעטל, וואָרן אין דאָרף איז נישט געווען קיין יידישער בית־עלמין. דאָס מאָל האָבן די יידן אויסגעגראָבן אַ גרוב הינטער ר׳ עזריאלס שטוב און אַזוי־אַרום זענען מאַן־און־ווייב געקומען צו קבר־ישראל, כאָטש מען האָט זיי נישט געלאָזט טאָן זייער רעכט און געמוזט זיי אַריינלייגן אין איין קבר, ווייל די רוצחים האָבן זיך זייער געאיילט.

„אין דער לעצטער מינוט האָבן זיך די יידן אַרומגעקוקט, אַז ס׳איז נישטאָ יאַנטשע, ר׳ עזריאלס זון, ער זאָל זאָגן קדיש. מען איז אים געלאָפן זוכן און קוים מיט לייד אים געפונען שפּילן זיך מיט

וואַצעקן, מאַטשעים שייגעצל. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט טויבן פון זייער שותפותדיקן טויבנשלאַק און געקוקט ווי עס פלאַטערן אין די הימלען די ווייסע, מיט זון באַגאָסענע פייגל. די קינדער האָבן אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד, ווען זיי האָבן געזען ווי זייערע טויבן באַגעגענען זיך אין די הויכן מיט אַנדערע טויבן, וואָס זיי וועלן ברענגען צו זיך אַהיים...

„יאַנטשע איז אַזוי פאַרטאָן געווען מיט די טויבן, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט זיך נישט געלאָזט אָוועקרייסן פונעם חבר און נישט געוווסט וואָס מען וויל פון אים האָבן. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט עפּעס פאַרשטאַנען און זיך געלאָזט אַוועקנעמען פונעם חבר. מ'האָט געזאָגט מיט אים קדיש, אָבער ער האָט זיך אפּנים אַלץ נישט געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, כאָטש ער איז געווען ווייס ווי די וואַנט. ערשט ווען ער האָט באַמערקט טרערן אין די אויגן פון זיין חבר וואַצעק, וואָס איז אויך געקומען צו דער לוויה און זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בוים, האָט ער אָנגעהויבן הויך צו קלאָגן און צו שרייען.

„מען האָט דאָס הייפל יידן אַרויסגעפירט פון דאָרף, זיי געטריבן מיט שטעקנס, מיט קאָלבעם פון ביקסן און צוזאַמען מיטן ביסל בעבעכעס אַרויפגעשטופּט אויף אַ דראַבניאַסטן פויערישן וואָגן. כ'האָב זיך צום לעצטן מאָל אומגעקוקט אויפן דאָרף, ווו עך האָב געלעבט מיט מיין הויזגעזינד. כ'האָב דערזען דאָס פרישע בערגל ערד, וואָס האָט מיט אַזויפיל טרויער נאָכגעקוקט דעם שאָקלענדיקן פויערישן וואָגן. עך האָב אויפן וואָגן געזוכט יאַנטשען — אָבער כ'האָב אים נישט געפונען.

„כ'האָב אים ערשט געפונען נאָך דער מלחמה, ווען כ'האָב זיך איינער אַליין אומגעקערט אין דאָרף מיט דער האָפענונג אַז ס'וועט געשען עפּעס אַ נס און כ'וועל טרעפן וועמען פון מיינע נאָענטע. אָבער כ'האָב געטראָפן בלויז די פעלדער, וואָס כ'האָב אַמאָל באַאַרבעט — און עך האָב זיך אויסגעשמועסט מיט זיי... איינער אַליין בין עך געשטאַנען אינעם בין־השמשות און כ'האָב פלוצים באַמערקט ווי ס'גנבעט זיך ווער אונטער צו מיר. ס'איז מיך באַפאַלן אַ פּחד — אָבער כ'האָב באַלד דערקענט וואַצעקן. ער איז צו מיר צוגעפאַלן און אין איין אָטעם דערציילט ווי ער האָט אויסבאַהאַלטן יאַנטשען. ער האָט אים אַזוי גוט אויסבאַהאַלטן, אַז אפילו דער פאָטער זיינער, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ חשד, האָט אים נישט געפונען. ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט; לכתחילה האָט ער פאַרשטעקט יאַנטשען אינעם קאָפּיעץ פון קאַרטאָפל — ערשט דערנאָך האָט ער אין דער שטאַל

אויסגעגראָבן אַ לאָך אונטערן שטרוי און קוּאישן מיסט און ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז ס'ליגט דאָרט ווער באַהאַלטן. ביינאַכט, ווען אַלע אין דער כאַלופּע זענען געשלאָפן, האָט ער אַרויסגעגנבעט עפּעס עסן, פאַרשטעקט עס אין דער פּאַזוכע און געטראָגן צו יאַנ־טשען אין דער שטאַל. די קו, וואָס איז געשלאָפן פּונקט איבער דעם אָרט, וווּ ס'איז געלעגן באַהאַלטן דער חבר, האָט עפּעס פאַרשטאַנען, נישט געמעקעט אַז ער האָט זי געוועקט און זיך אָפּגערוקט ווי אַ בר־דעת... מיט איין גרוים, טרויעריק־שוואַרץ אויג האָט זי זייטיק אָנגעקוקט יאַנטשען ווי ער איז אַרויסגעקראָכן פון גרוב, אויסגעגלייכט די ביינער און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן עסן. ס'האָט לאַנג נישט גע־דויערט און דאָס ביסל עסן איז געווען פאַרשלונגען. די חברים האָבן זיך אָװעקגעזעצט אינעם פאַרמיסטיקטן שטרוי און זיך אויסגעשמועסט — גערעדט וועגן די צייטן, וואָס וועלן נאָך אַמאָל קומען און יאַנטשע וועט קענען אַרויסקומען פון באַהעלטעניש...

„די צייטן זענען געקומען, נאָר וואַצעק האָט אַלץ מורא געהאַט דער חבר זאָל זיך באַווייזן אין דאָרף. כאָטש די פּויערים האָבן זיין פאָטער געהאַסט, האָבן זיי אים נישט געטשעפּעט און ס'איז געווען אַ סכנה ער זאָל דערזען יאַנטשען...״

— נאָך די זעלבע נאַכט איז מיר געלונגען אַרויסצופירן די יינגלעך פון דאָרף... וואַצעק האָט געוואָלט מיטגיין מיטן חבר און אויך יאַנטשע האָט נישט געוואָלט גיין אַליין... — האָט זלמן פאַר־ענדיקט די מעשה־נורא — כ'האָב קיינמאָל זיך נישט געקענט כאַפּן, צי יאַנטשע ווייסט ווער ס'האָט אומגעבראַכט זיינע עלטערן... ער האָט קיינמאָל דאָס נישט דערמאָנט... צומאָל האָב איך באַמערקט ווי וואַצעק פּילט זיך אין עפּעס שולדיק... און אָט זענען זיי דאָ הי די יונגאַטשעס! כ'וועל אַ קוק טאָן, צי זיי זענען זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. ס'מוז שוין זיין זייער שפּעט...

זלמן איז אַרויף מיט די שטיגן. מיין בליק האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער די שויבן. די לבנה איז שוין אַוועק, זיך געוויגט הויך אויפן הימל, ווי אַ בלייכע טרער. כ'האָב באַמערקט ווי אין אַ ווינקל שלאָפןביידע יינגלעך נאָענט צוגערוקט צו זיך...

די שכנים פון עדגאר סטריט

באלד פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען ביל סטיווענס האָט דערזען שימעלען ארומשפּאַצירן מיט די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, בנעימות־דיק און געלאַסן, אויף דער עדגאר סטריט, האָט ער דערפילט צו אים א שנאה. ביל האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן שימעלס בנעימותדיק־פאַמעלעכדיקן גאַנג, זיינע קורצע, געמאָסטענע טריטלעך, די פאַר־לייגטע הענט אויפן רוקן, די קיילעכדיקע באָרד — און טאַקע זיין גאַנץ פּירעכץ . . .

ארומגעדרייט זיך איבער דער קליינער עדגאר סטריט, ווו ס'האָבן געוווינט בלויז עטלעכע געציילטע משפחות, האָט שימעלע דאָס רוב שבת־פאַרמיטאָג. שימעלע האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט. ער איז שוין געזעסן, ווי אַלע שבת אין דער פרי, ביים פענצטער פון זיין זונס רייכן הויז, איינגעהילט אין גרויסן טלית און איינער אַליין געדאַוונט. אָפּגעדאַוונט, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט א ביסל שפּאַצירן. ער האָט געלאַסן דורכגעמאָסטן עטלעכע מאָל דאָס קליינע עדגאַר געסל און זיך אַרויסגעלאָזט אינעם „שאָפּינג"־צענטער פון דעם רייכן און ווייטן „סאַבערב", וואָס איז געווען פול מיט קונים. ווייבער, מענער און קינדער, מיט קיישעלעך און טאָרבעס אין די הענט, האָבן זיך געשטופּט ארום די שפּייז־געוועלבער, יאַטקעס און בעקערייען, כדי איינצוקויפן עסנוואַרג אויף די רו־טעג. שימעלע מעלצער אין דעם שוואַרצן, הויכן קאַפּעליוש, אין דעם לאַנגן סורדוט, האָט זיך אויך געדרייט צווישן די רעשיקע איינקויפערס, געקוקט אין די שויפענצטער, צוגעזונגען זיך א זמרל — אָבער ער האָט גאָרנישט געקויפט. עפּעס ווי א פרעמדער פויגל, וואָס איז געקומען פון א ווייטן מקום, האָט שימעלע אויסגעזען. ער האָט זיך אויסגעטיילט סיי מיט זיין פּירעכץ, סיי מיט זיין הילוך צווישן די אויסדעקאָלטירטע ווייבער און צווישן די מענער מיט די העלע העמדער און לייבלעך. די איילעקע איינ־קויפערס האָבן זיך געמאַכט אים נישט זען. און די, וואָס האָבן אים

אַנגעקוקט, האָבן געקוקט אויף אים מיט חידוש און פון העפלעכקייט קוים צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס טוט ער דאָ, דער פרעמדער? — האָט זיך געטראַכט ביל סטיווענס, ווען ער האָט דערזען שימעלען קודם־כל דאַווענען ביים פענצטער און שפּעטער אַרומדרייען זיך צווישן די מענטשן — עפּעס אַ פּוסט־און־פּאַסניק, וואָס האָט אַזוי פיל צייט! ער פרעפלט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט וועמען אָנגעטאָן אַ כּישוף! ...

ביל האָט געוווּסט, אַז דער פרעמדער איז אַ ייד — מען האָט עס אים געזאָגט — און וועגן יידן האָט ער זיך גענוג אָנגעהערט, כאָטש ער האָט נאָך קיין מאָל פאַר די אויגן קיין ייד נישט אָנגעזען. אַ סך שלעכטס האָט ער געהערט וועגן יידן — געהערט, אַז זיי באַזעצן זיך שטענדיק אין פרעמדע לענדער, וואַקסן אויס דאָרט, ווו מען זייעט זיי נישט, אַרבעטן זיך שנעל אַרויף און ווערן באַלד די הערשער און די געלטזעק פונעם לאַנד. שוין אין די אַלטע צייטן האָט פּרעה, דער מלך פון מצרים, פאַר די יידן מורא געהאַט, כאָטש זיי זענען פאַר־שקלאַפט געווען ביי אים. ביל ווייסט דאָס פון דער „ביבל", כאָטש ער האָט אין דער ביבל שוין יאָרן־לאַנג נישט אַריינגעקוקט, ווייל ער איז נישט קיין איבעריק פרומער. אפילו היטלער האָט זיך געשראָקן פאַר די יידן און אַזוי פיל פון זיי אומגעבראַכט. אָבער מיט דעם איז ביל נישט מסכים.

פאַר דעם ייד האָט ביל נישט מורא געהאַט, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן ווי ער שפּאַצירט זיך אַזוי געלאַסן ביי אים אויף דער גאַס, קוקט אַריין אין די שויפענצטער מיט אַזאַ אויסדרוק אויפן פּנים, ווי אַלץ וואָלט געהערט צו אים... אויך האָט ער נישט געקענט ליידן, וואָס שימעלע האָט אַזוי פיל צייט און דרייט זיך אַרום גאַנצע טעג פּוסט־און־פּאַס... כאָטש ער האָט געזען, אַז דער פרעמדער איז אַן עלטערער מענטש, כמעט אַ זקן, האָט ער געוואָלט ער זאָל טאָן עפּעס אַן אַרבעט, וואָס זאָל ברענגען נוצן דעם לאַנד.

דעם אמת געזאָגט, האָט אויך ביל סטיווענס נישט געאַרבעט, שוין היפּשע עטלעכע יאָר ווי ער וווינט ביי זיין זון אין הויז און טוט גאָרנישט. און אַז ער טוט עפּעס אַן אַרבעט, איז דאָס בלויז אַ באַלוי־דיקונג פאַר דעם חשובן פּאָסטן, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט. אָבער ביל וויל זיך אין דעם נישט מודה זיין און רעדט זיך אַליין איין, אַז ער פאַרנעמט נאָך עפּעס אַ וויכטיקן פּאָסטן. טיף אינעווייניק אין אים ליגט פאַרגראָבן דער גאַנצער אמת. אַמאָל האָט טאַקע ביל גע־

האָט גאָר אַ וויכטיקע און חשובע שטעלע, געווען „מענעדזשער" אין אַ רינדער־סטאַציע אין וואַרעמען קווינסלענד. דאָרטן האָט ער געוועל־טיקט נישט בלויז איבער גרויסע שטחים ערד, טויזנטער אַקערס באָדן, צענדליקער טויזנטער רינדער, צענדליקער „אַבאָרידזשינס", נאָר אויך איבער אַ היפּש ביסל „ווייסע" אַרבעטער: „סטאָקמענער", „דראָ־ווערס", וואָס האָבן פאַר זיין בליק געציטערט. און ער האָט טאַקע ליב געהאַט צו הערשן, ביז סטיוועגס, צו הערשן מיט אַ שטאַרקער האַנט, נישט נאָר צו די מענער פלעגט ער זיך מישן, נאָר אַפילו צו די ווייבער אין דער ווירטשאַפט, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז אונטער זיין כבוד.

צו די ווייבער אין דער ווירטשאַפט האָט ער זיך געמישט צוליב זיין אייגן ווייב, וואָס האָט אים פאַרלאָזט, נישט געוואָלט זיצן אַזוי ווייט פאַרוואָרפן צווישן די רינדער און די „שוואַרצע" און איז אַנט־לאָפן מיט אַ באַנק־דירעקטאָר, מיט וועמען זי האָט זיך באַקענט אין דעם שכנותדיקן שטעטל. דאָס האָט ביי בילן איבערגעלאָזן אַ טיפע וווּנד. ער האָט דאָס דעם ווייב, וואָס איז געווען אַ גרויסע יפת־תואר, נישט געקענט מוחל זיין, מחמת זיין מענערישער שטאָלץ איז געטרעטן געוואָרן מיט די פיס. חוץ דעם האָבן פון דעם געליטן די קינדער, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן כמעט אָן דער השגחה פון די עלטערן.

אָבער ביל איז פון דער רינדער־סטאַציע פונדעסטוועגן נישט אוועק. זיין גרויסע ליבשאַפט צו די רחבותדיקע לאַנקעס און פעלדער, צו די רינדער, צו די מענטשן, וואָס ער איז געווען דער הערשער איבער זיי, האָט נישט צוגעלאָזט ער זאָל אוועק פון דער סטאַציע צוליב „עפּעס אַ קליידל"... ער איז געבליבן ווייטער אויף דער רינדער־סטאַציע מיט דער נישט־פאַרהיילטער וווּנד אין האַרצן, זיך אָנגעהויבן מישן צו די ווייבער אין דער ווירטשאַפט און אויסגעלאָזט צו זיי זיין ביטער געמיט. אין אַ הייסער און איינזאַמער נאַכט האָט ער באַצוווּנגען דאָס יונגע אַבאָרידזשין־מיידל, וואָס איז געקומען צורוימען זיין וווינונג. זינט דער דאָזיקער הייסער און שיכורער נאַכט איז דאָס אַבאָרידזשין־מיידל געקומען צו אים כסדר, אומעטום אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ געטרייער הונט, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקענט מער באַפרייען פון איר. ווו ער האָט זיך נישט געקערט און געווענדט האָבן אים פאַר־פאָלגט די היים־צעגליטע, דאָרשטיקע מדבר־אויגן פון דעם יונגן שוואַרצן מיידל. און נישט בלויז האָבן אים פאַרפאָלגט אומעטום די דאָרשטיק־שוואַרצע אויגן פון דעם יונגן מיידל, נאָר עס האָט אים פאַרפאָלגט אויך דער גליאיק־שוואַרצער בליק פון איר פאָטער, וואָס

האָט אים מיט טאַטישער תרעומות שטום און טרויעריק נאָכגע־קוקט...

בשעת ביל סטיוועגס איז איצט געזעסן אויף דער וועראַנדע פון זיין זונס הויז און זיך געוואַרעמט אויף דער זון, האָט ער געטראַכט פון דער רינד־סטאַציע אין קווינסלענד, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע שענסטע יאָרן. די מעלבורנער זון האָט קיין מאָל נישט געקענט גענוג אָנוואַרעמען זיין אַלטן גוף און ער האָט אויסגערעדט אַל דאָס בייז אויף דעם מעלבורנער קלימאַט. אין דער גרעסטער היץ איז אים קאַלט געווען און ער האָט געבענקט נאָך די קווינסלענדער וואַרעמע הימלען.

— ברר... ס'איז קאַלט! ... — פלעגט ער כסדר ברומען צו זיך — מען קען געפרוירן ווערן... ס'אַ קעלט...

זומער איז ער געגאַנגען אָנגעפּעלצט און ווינטער האָט ער זיך גאָרנישט אָוועקגערוקט פון „פייער־פּליים". ביז אין דער האַלבער נאַכט איז ער אָנגעזעסן ביים קאַמין, רויט־באַגאָסן פונעם פלאַם און געפּיפּקעט איינס פון זיינע פּייקעלעך, וואָס זענען אַרום אים געלעגן. ער האָט כסדר צוגעלייגט גאַנצע קלאָדעס האָלץ צום פייער, אַז ער האָט איין מאָל שיער נישט אונטערגעצונדן דעם זונס הויז.

כאָטש ער איז שוין געווען אויף דער עלטער און האָט מער נישט געאַרבעט, איז ער נאָך אַלץ געווען אַ שטאַרקער מאַנספּערשוין, אַ גיבור. די גבורה האָט ביי אים אַרויסגעשפּראָצט פון דעם שטייפן, ברוין־אָפּגעברענטן קאַרק, פון דער גלייכער האַרטער גאָמבע, וואָס האָט געשטעקט, ווי אַ קלין, אין זיין צעאַקערט פּנים. זיינע רויטע האָר ווילן בשום אופן נישט גרוי ווערן און זילבערן זיך קוים ביי די שלייפן. אַז ער שאַרצט אַרויף די אַרבל, אַנטפּלעקן זיך אַ פּאָר ריזיקע ידים, באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך און מיט אַ רויטן מאָך. אָבער ביי דער גאַנצער גבורה, וואָס שפּראָצט נאָך אַלץ פון בילס גוף, ווייסט ער איינער אַליין דעם סוד, אַז אַ צעשטערנדיקע קרענק האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אים, וואָס וועט אַ סוף מאַכן פון זיין לעבן...

בעת ביל זיצט אַזוי אומבאַוועגלעך און אָנגעפּעלצט־שטייף אויף דער וועראַנדע פון זיין זונס רייכן הויז און וואַרעמט זיך אין די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, זעט ער אוים ווי אַן אַלטער פאַרשטויבט־בראָנדזענער מאָנומענט. אויף דעם מאָנומענט שפּילן די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס גיסן זיך טיף־רויט, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַ זוניקן וואַסערפאַל. דאָס עדגאַר־געסל איז ווי שטענדיק ליידיק און פּוסט. במשך פון דעם גאַנצן טאָג זעט מען דאָ נישט קיין לעבעדיק נפש. די איינוווינער פון די פּאָר הייזער

זענען א גאנצן טאָג פארנומען אין זייערע געשעפטן און אז זיי קערן זיך אום פארנאכט אהיים אין זייערע אויטאָמאָבילן, זענען זיי פאַר־שפּאַרט ביי זיך. ביל שפּירט, אז אין שכנות פון זיין הויז זיצט נאָך ווער אויף א וועראנדע און ווארעמט זיך אויף דער זון, און דער, וואָס זיצט דאָרטן איז נישט קיין אנדערער ווי דער ייד שימעלע מעל־צער. אויך ער וווינט ביי זיין זון אין הויז און אויך ער ווארעמט זיך אין די פארנאכטן אין דער זון. ביל שפּירט דאָס, אָבער ער קוקט קיין מאָל נישט ווו דער פרעמדער זיצט.

אויך שימעלע קוקט נישט אהין, ווו עס זיצט ביל סטיווענס, ווייל ער פילט, אז דער גוי האָט אים פיינט. זיי וווינען שוין אזוי א צייט לאַנג אין שכנות, טרעפן זיך אָפּטמאָל אויף דער פּוסטער עדגאַר סטריט, אין „שאָפּינג"־צענטער, אָבער זיי מיידן זיך אויס, האָבן נאָך צו זיך א וואָרט נישט אויסגערעדט.

בעת שימעלע זיצט אזוי אויף דער וועראנדע, טראַכט ער אויך זיינע מחשבות. ער טראַכט פון דעם זון, וואָס האָט אים אראָפּגע־בראַכט קיין אויסטראַליע זינט דאָס ווייב זיינס איז געשטאָרבן. דער זון מאַכט מיט אים נישט קיין איבעריקע מחזקות, כאָטש ביי אים אין הויז פעלט אים נישט פון קיין פויגל־מילך. מיט דעם זון האָט ער נישט וועגן וואָס צו רעדן, כאָטש ער אליין האָט דווקא ליב צו כאַפּן א שמועס. בכלל האָט דער זון ווייניק צייט צו אים, ווייל ער איז שטענדיק פארקאָפּעט אין זיינע געשעפטן. צו וואָס־זשע האָט ער אים אהער אראָפּגעברענגט? ער זאָל זיצן איינער אליין גאנצע טעג און פילן אויף זיך די שטעכיק־בייזע בליקן פון דעם גויאישן שכן? טראַכט שימעלע פון זיין היים אין פּוילן, ווו ער האָט געפירט א קליינעם סטאָליער־ווארשטאַט. אינעם ווארשטאַט איז שטענדיק געווען לעבע־דיק און לוסטיק. עס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון די זעגן און הובליעס, געמישט מיטן געזאַנג פון די געזעלן, וואָס האָבן פארצויגן שטיקלעך פונעם דאַווענען און פארשידענע רעוואָלוציאָנערע לידער. אויף דער ערד האָט זיך גאָלדיק געקרייזלט דאָס הובלעווע‍צ און מען איז אין דעם געטרעטן, ווי אין א ווייכן פּוך. זומער־צייט, ווען דאָס פענצטער פון ווארשטאַט איז געווען אָפן, האָט מען דאָ געהערט דאָס דאַווענען פון שכנותדיקן שולעכל און שימעלע האָט, צוזאַמען מיט די געזעלן, עטלעכע מאָל אין טאָג אריינגעכאַפּט א קדושה. אין מיטן דער אַרבעט האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געמוזט דער־ציילן זיינע געזעלן די אַלע מעשיות, וואָס זענען אים איינגעפאַלן אין קאָפּ אריין. בעת־מעשה האָט ער אוועקגעלייגט די אַרבעט, און

אַז די געזעלן האָבן דאָס דערזען, זענען זיי אויך געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. פונדעסטוועגן איז אַ „שטיקל אַרבעט" ביי אים פאַרטיק געוואָרן צו דער צייט. נאָך די מעשיות פלעגט ער אונטעריאָגן די געזעלן, פלעגט זיך אַליין אונטעריאָגן:

— נו, פוסט־און־פּאַסניק איינער!... — האָט ער זיך אַליין געמוסרט און האָט געמוסרט די געזעלן — נו, אומזיסטע פרעס־סערס... איצט דאַרף מען אַרבעטן... גענוג געגאַנגען ליידיק... מעשיות ליגן זיי אין קאָפּ...

און די חברה האָט זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט — גע־אַרבעט אַזוי לאַנג, ביז דעם מייסטערס קיילעכדיק־געשניטן בערדל, וויים פון שטויב און הובלעוועכץ, האָט זיך צעשמייכלט פון אַ פריי־שער מעשה, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין...

איצט האָט ער נישט פאַר וועמען צו דערציילן די אַלע מעשיות, קיינער הערט זיך צו זיי נישט צו. און אַז ער זיצט איינער אַליין אין די פאַרנאַכטן אויף דער ווערענדע פון זיין זונס רייכן הויז, קוקט אויפן עדגאַר געסל און הערט זיך איין אין די וויטיקן, וואָס לויפן ביי אים לעצטנס אַרום אין גוף, צעשמייכלט ער זיך פלוצים אַליין צו זיך, ווי ער וואָלט זיך אַליין געגאַנגען אַ מעשה דערציילן...

אַז עס ווערט שימעלן נמאס צו זיצן אַליין אויף דער ווערענדע, הייבט ער זיך אויף און באַקוקט דעם זונס הויז, ווי עס וואָלט זיין אייגנטום געווען. דערנאָך הייבט ער אָן צו באַשפּריצן דעם גאָרטן. בעת ער הייבט זיך אויף פון אָרט, פילט ער, אַז באַלד נאָך אים, שטייט אויף פון יענער זייט פאַרקן, ביל סטיווענס און באַשפּריצט דעם גאָרטן, ווי ער וואָלט אים נאָכגעטאָן. טיילמאָל דערפילט שימעלע ווי דורך אַ שפּאַרע פונעם פאַרקן קוקט אַריין צו אים אַן אויג, וואָס אָבסערווירט אים בגנבה. דאָס אויג אין דער שפּאַרע זעט אויס, ווי אַ קליין האָריק חיהלע. אַז שימעלע דערנענטערט זיך צום פאַרקן פאַר־שווינדט דאָס חיהלע. טאָמער איז קיינער נישטאָ אין גאָרטן, פליט אָפּט איבערן פאַרקן אַריבער אַן אויסגעטרוקנטע צווייג, אַ שטיין, וואָס בלייבט ליגן אויפן גרינעם גראָז־טעפּיך. שימעלע שווייגט נישט און צאָלט דעם שכן אָפּ מיט דער זעלבער מטבע. אַזוי גיך ביל גייט אַריין אין הויז, געפינט זיך דאָס מיסט באַלד ביי אים אויפן גראָז־טעפּיך אינעם גאָרטן.

לעצטנס האָט שימעלע באַמערקט, אַז ביל קוקט אים הינטנאָרום נאָך מער ווי פריער. ער טוט דאָס שטענדיק, ווען די וויטיקן ביי שימעלען אין גוף לויפן שטאַרק אַרום, אַז ער קען זיך נישט איינ־

ביינן און ער קאָרטשעט זיך פון יסורים. דעמאָלט פילט ער, אַז ביל לאָזט נישט פון אים אראָפּ אַן אויג און ער פאַרגעסט אפילו צו פּיפּקען זיין פּייקעלע, וואָס האַלט זיך אין איין לעשן.

ביל האָט זיך געכאַפּט, אַז דער שוואַכער ייד, אויף וועלכן ער האָט אַלעמאָל געקוקט פון אויבן אַראָפּ, ליידט פון דער זעלבער קרענק, וואָס ער. ער האָט זיך דערפאַר דערשראָקן, ווי מיט דער דאָזיקער אַנטדעקונג וואָלט אים אַליין מיט אַ מאָל ערגער געוואָרן און ער האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן איינצוהערן אין זיך. זיין בליק האָט זיך, בגנבה, מער ווי געוויינטלעך, געגליטשט איבער זיינע הענט און פּיס, וואָס שפּראָצן נאָך אַלץ מיט גבורה, אָבער אַ ווייטיק הייבט זיי אָן ביסלעכווייז אויסצוקרימען. ער קען די דלאָניעס נישט אויפמאַכן און ער קען די פּיס גלייך נישט אויסציען. פון דער אינדערפריאיקער גימנאַסטיק, וואָס ער פלעגט מאַכן יאָרן־לאַנג, מוז ער זיך שוין אָפּזאָגן, ווייל דאָס הארץ דינט אים מער נישט דערצו. ער מוז זיך אפילו אָפּזאָגן פון אַ גלעזל „סקאָטש וויסקי", וואָס דאָ, אין מעלבורנער קאַלטן קלימאַט, באַדאַרף ער עס פיל מער, ווי אין קווינסלענד, ווייל די משקה דערוואַרעמט אביסל זיין גוף. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז די וויסקי שאַדט אים צום געזונט — די דאָקטוירים פאַרווערן קודם־כל אַלקאָהאָל — אָבער אַ פּאָר גלעזלעך ביר איז ער נאָך אַלץ אין די נאָכמיטאָגס געגאַנגען טרינקען אין „פּאַב".

אויך צו עטלעכע דאָקטוירים אויפאַמאָל פלעגט זיך ביל בשתיקה אַריינכאַפּן; ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד, געוואָלט די קרענק מיטאַמאָל פאַרטרייבן. יעדער דאָקטאָר האָט אים עפּעס אַנדערש געעצהט און ער האָט תחילת אַלע דאָקטוירים געפאָלגט, גענומען זייערע אַלע מעדיצינען. אָבער אַז די דאָקטוירים האָבן אים אָנגעהויבן צו פיל צו דערקוטשען מיט פאַרשידענע זאַלבן, מיט בעדער, מיט דיעטעס, לאָמפּן און מאַסאַזשן און קיין בעסערונג איז נישט געקומען — האָט ער מער צו אַ דאָקטאָר נישט אַריינגעשמעקט. די דיעטעס זענען אים נאָר דערגאַנגען די יאָרן, מחמת ער האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון דעם זאַפטיקן „סטייק", וואָס ער האָט ליב געהאַט צו עסן האַלב־רויערהייט, עס זאָל רינען דאָס בלוט. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אָנגעהויבן אויסצורעדן אויף די דאָקטוירים, וואָס נאָר אין דער קאָרט:

— גנבים! באַנדיטן!... שוסטערס!... — האָט ער אויסגערעדט אויף זיי — זיי וויסן נאָר צו נעמען דאָס געלט... שיט זיי אָן אַ פולן בייטל, די רויבערס!...

דעם זון האָט ער גאָרנישט דערציילט, זיך געהיטן פאַר אים, פונקט ווי ער האָט זיך געהיטן פאַר אַנדערע מענטשן מיט זיין קרענק, גאָרנישט געגעבן צו דערקענען איז זיך. אויב דער זון האָט זיך אַמאָל איבערגעוועקט פון זיינע געשעפטן און אים פאָרזיכטיק און פאַרטאָן געפרעגט:

— איי, פּאָפּ... פילסט נישט גוט... וואָט'ס טהע מעטער וויטה יו?...

האָט ער אויסגעמיטן אויף דעם צו ענטפערן.

— ס'איז אָל־רייט... — האָט ער אַ מורמל געטאָן צווישן די ציין, נישט אַרויסנעמענדיק דאָס פייקעלע פון מויל — ס'איז גאָר־נישט... כ'פיל זיך אויסגעצייכנט... שור!

ער האָט נישט געזאָגט דעם אמת, ווייל די ווייטיקן, אַנשטאָט אָפּצולאָזן, האָבן זיך נאָך פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט, אַרומגע־נומען זיין גוף ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער שטעקט אין אַן אייזערנעם גאָרסעט און די ווייטיקן דערגייען אים צום האַרץ, וואָס ווערט זיך אַ ליאַדע טאָג אָפּשטעלן. אויך האָט זיך ביי אים דער שווינדל אין קאָפּ כסדר איבערגעחזרט און דער בלוט־דרוק האָט זיך געהויבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער קען נאָך געליימט ווערן און מען וועט אים דאַרפן אַרומפירן אין אַ וועגעלע. פאַר דעם האָט ער מער מורא געהאַט ווי פאַרן טויט, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער, דער אַמאָליקער הערשער איבער אַזוי פיל שטחים ערד, איבער אַזוי פיל רינדער, אַזוי פיל אַרבעטער — „ווייסע" און „שוואַרצע" — זאָל זיצן אין אַ וועגעלע און זאָל דאַרפן אָנקומען צו הילף פון אַנדערע...

ווען ביל איז דערגאַנגען, אַז דער שוואַכער ייד, שימעלע מעל־צער, וועמען ער האָט שטענדיק פיינט געהאַט, ליידט פון דער זעלבער קרענק וואָס ער, איז ער גאָר אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ס'איז אים נישט אָנגעשטאַנען ער זאָל זיין קראַנק פּונקט ווי שימעלע און ער האָט זיך אָנגעהויבן איינצורעדן, אַז ס'איז עפּעס אַנדערש; אינגאַנצן אַנדערע סימנים פון דער קרענק זעט ער ביי זיך. נאָך מער ווי פריער האָט ער אויסגעמיטן שימעלען, זיך געמאַכט אים נישט זען. אָבער עפּעס אַ כוח האָט אים איצט דווקא, מער ווי שטענדיק, געצויגן נאָכצוקוקן, וואָס דער ייד מאַכט, וואָס ער טוט — און וואָס מער ער האָט אים נאָכגעקוקט, אַלץ מער האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז זייביידע זענען פאַרבונדן דורך איין בשותפותדיקן גורל, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַ העכערן כוח... וואָס איז דען אַ חילוק צווישן אים און דעם

יידישן שכן? ... נישט נאָר זיי לײַדן פון דער זעלבער קרענק, נאָר זיי פירן אויס אפילו די זעלבע אַרבעטן ביי זייערע רייכע זין. בייי־נאַכט, אַז די משפחה קלייבט זיך אין קינאָ אַריין, בלייבן זיי „בייבי־סיטערס", היטן די שלאָפנדיקע קינדער. און בייטאָג, ווען די זין זענען אין די געשעפטן, גיבן זיי אַכטונג אויף די אייניקלעך, וואָס שיסן אויף זיי פון די ביקסן, באַגיסן זיי מיט וואַסער...

אין איין שיינעם פאַרנאַכט, ווען זיי ביידע, שימעלע און ביל, זענען, ווי געוויינלעך, געזעסן יעדער ביי זיך אין גאָרטן און האָבן זיך נעוואָרעמט אין די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס האָט זיך געגאָסן, ווי אַ רויטער שטאַרקער וויין, צווישן די ביימער און בלומען, האָט שימעלע פּלוצלונג דערהערט אַ סקריפּענדיק קול. אין דעם אייביק־שטילן עדגאַר געסל, וווּ די שכנים האָבן זיך נאָך נישט צוריקגעקערט פון די געשעפטן, האָט דאָס קול, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסן, אָפּגעקלונגען נישט היימיש און פרעמד. עס איז אויסגעקומען, אַז נישט קיין מענטש האָט אַרויסגעגעבן פון זיך די שטים, נאָר דער פּאַרקן אַליין נאָך אַזוי פיל יאָרן פון שווייגן האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ מענטשלעך לשון. אַ ביסל ברוגזלעך האָט דאָס קול אָפּגעקלונגען, ווי עס וואָלט נעטאָן וועמען אַ טובה מיטן רעדן. בשעת שימעלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, כדי צו זען פון וואַנען עס קומען די רייד, האָט ער פּלוצים דערזען לעבן פּאַרקן ביל סטיווענסן.

— ווער האָט שוין ווידער אַריבערגעוואָרפן דאָס מיסט צו מיר אין גאָרטן אַריין? — האָט ביל שנעל אַ ברום געטאָן און ווי דער שטיינער איז געפּיפּקעט זיין פּייקעלע, אַז מ'האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט — כ'האָב עפּעס בעסערס דערוואַרט פון אַ שכן.

אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט ביל שנעל אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון שימעלען, גלייך ער וואָלט זיך פאַר אים פאַרשעמט. ער האָט עפּעס אַנדערש אין זינען געהאַט צו זאָגן, און די ווערטער האָבן זיך ביי אים צופעליק אַראָפּגעגליטשט פון צונג. אָבער צוריקציען האָט ער שוין נאָרנישט געקאָנט, און ער האָט זיך מיט צו הויכע און מיט צו האַסטיקע טריט דערווייטערט פון פּאַרקן.

ביל האָט ווידער אָנגעהויבן דעם ייד אויסצומיידן. ער האָט געוואָלט זיין מיט אים פריינדלעך, אָבער ס'האָט אים צוריקגעהאַלטן עפּעס אַ כוח צו ווערן מיט אים היימיש. ביל איז געווען אָנגעמרו־קעט, נישט געוואָרפן מער קיין בליק אין שימעלעס זייט. אָבער וואָס מער ער האָט זיך געפּרוווט דערווייטערן פון שימעלען, אַלץ מער

האָט זיך פאַרגרעסערט ביי אים די נייגעריקייט צו וויסן, וואָס ביי אים הערט זיך. די נייגעריקייט איז ביסלעכוויז איבערגעגאַנגען אין אַ זאָרג. זיי ביידע, ער און שימעלע, זענען דאָך פאַרבונדן דורך איין גורל, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן אַן אויסטראַליער און אַ פרעמדן. ס'האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דאָס געפיל, אַז טאָמער וועט שימעלן ערגער ווערן און ער וועט ווערן ערנסט קראַנק, וואַרט אויף אים פּונקט דער זעלבער סוף...

כאָטש ביל איז נישט געווען קיין איבעריק פרומער און אין קווינסלענד האָט ער זיך אויפגעפירט ווי ס'האַרץ זיינס האָט געגלוסט, האָט אים איצט אַרומגעכאַפּט אַ מורא פאַר גאָט, וואָס קען אים באַצאָלן פאַר זיינע אַלע מעשים. די שוואַרצע מדבר־אויגן פון דעם אַבאָרידזשין־מיידל, וואָס ער האָט באַצוווּנגען אין יענער הייסער נאַכט אויף דער רינד־סטאַציע, האָבן אים אָנגעקוקט מיט אַ טיפן צער. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אויגן פון איר פאָטער, וואָס האָבן אים מיט אַ ווייטיקדיק־שטילער, פאַרבאַהאַלטענער טענה אומעטום פאַרפאָלגט... פון וואַנען קוקן איצט די אויגן צו אים? די זינד מיטן „שוואַרצן” מיידל איז ער באַגאַנגען מיט לאַנגע יאָרן צוריק אין קווינסלענד. ער איז שוין פון דאָרט לאַנג אַוועק. אָבער דעם זעלבן בליק, וואָס ביים פאָטער פון אַבאָרידזשין־מיידל, האָט ביל איין מאָל באַמערקט ביי דעם שכן, שימעלע מעלצער. עפּעס זענען זייערע בליקן אַזוי ענלעך צו זיך... וואָס מער ביל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע מחשבות, אין זיינע דימיונות, וואָס זענען צו אים איצט אַזוי אָפט געקומען, אַלץ מער האָט ער נישט געקענט אַרויסקריכן פון זיי. ער האָט אָנגעהויבן מורא צו באַקומען פאַרן טויט. אין קווינסלענד האָט ער פאַרן טויט נישט מורא געהאַט, נישט איין מאָל אים געקוקט דרייסט אין די אויגן אַריין, ווען די בהמות האָבן זיך ווילד און אין גרויס בהלה געלאָזט לויפן און ער האָט זיי געמוזט איינעמען, באַרואיקן...

נישט איינמאָל האָט איצט ביל געוואָלט פרעגן שימעלען אויפן געזונט, ווען ער איז געזעסן אויף דער ווערענדע פון זיין הויז און געפילט, אַז יענער זיצט אויף דער ווערענדע פון דער צווייטער זייט פּאַרקן. ביל האָט דערפילט צו שימעלען א נאָענטקייט, אָבער תמיד, אַז ער האָט געוואָלט אויפמאַכן דאָס מויל, האָט עס זיך פון זיך אַליין פאַרהאַקט און די האַרטע, שטייפע גאָמבע, וואָס האָט געשטעקט אין זיין פּנים ווי אַ קלין, האָט זיך אויסגעצויגן נאָך לענגער, ווי געוויינטלעך.

דאָס לעצטע מאָל האָט ביל געטראָפן שימעלעס אויף דער עדגאַר סטרירט גיין אין גאַנצן איינגעבויגן. דער קאָפּ איז געווען ביי אים שטאַרק אויסגעבויגן אויף פאָרויס, ווי דאָס קיילעכדיקע הענטל ביי אַ שירעם. דערנאָך האָט ביל שימעלען מער נישט געזען אינערגעץ. בשעת ער איז געזעסן אין גאָרטן, האָט ער געפילט, אַז אויף יענער זייט פּאַרקן זיצט מער קיינער נישט. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, צוגעגאַנגען צו דער שפּאַרע אין פּאַרקן און בגנבה אַריינגעבליקט אויף יענער זייט — אָבער דער גאָרטן איז געווען ליידיק. פון דעם אָרט, וווּ ס'איז געוויינלעך געזעסן דער שכן, איז אויפגעגאַנגען אַ ליידיקייט. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק און אַ הוילקייט האָט זיך באַזעצט אין אים, אַרומגענומען זיין גרויסן גוף.

גאַנצע שעהן האָט זיך ביל געדרייט פאַרן הויז פון זיין יידישן שכן, געפּיפּקעט דאָס פאַרלאָשענע פּייקעלע און אויסגערעדט אַלדאָס בייז אויפן קאַלטן מעלבורנער וועטער, וואָס איז אין אַלע צרות שולדיק. ביל איז געווען באַזאָרגט, געוואָלט געוווּער ווערן וועגן שימעלעס גורל, אָבער דאָס הויז האָט געשוויגן — געשוויגן עקשנותדיק און גלייכגילטיק־קאַלט. בייטאָג זענען די ראָלעטן פון די ברייטע, גרויסע פענצטער געווען אַראָפּגעלאָזט, און ביינאַכט האָט אין אַ זייטיק צימערל געברענט עפּעס אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט קוים אַדורכגעבלינצלט דורך די פאַרמאַכטע ראָלעטן און געשוויגן מיט אַ באַהאַלטענעם סוד. אין בלייכער לבנה־שיין האָט דאָס רייכע הויז, פאַרשטעקט צווישן די גרויסע שאָטנס פון דיביימער, דורכזיכטיק־ווייס אַרויסגעלויכטן ווי דאָס פּנים פון אַ חולה מסוכן. די בלייכע לבנה, אַן איינגעהילטע צווישן לייכטע פּאַסן וואָלקנס, האָט זיך, ווי אַ פאַרבאַנדאַזשירטער קאָפּ, געוויגט איבערן הויז, זיך באַהאַלטן און צוריק באַוויזן...

שוין אַ פּאָר מאָל האָט ביל אָפּגעוואַרט שימעלעס זון, געוואָלט אים פרעגן, וווּ זיין פאָטער איז פאַרשווונדן. נאָך פון דער ווייטנס האָט ער געזען אָנקומען דעם צעבליאַסקעט טונקל־בלויען „שעוו", וואָס האָט געטראָגן מיט זיך כוואַליענדיקע שטיקער זון. פון „שעוו" איז אַרויסגעשפּרונגען אַ קליינער פאַרשוין, ווי אַ יינגל, וואָס האָט זיך שטענדיק געאיילט. מיט איין גליטש איז ער געווען ביים גאַראַזש, מיט איין גליטש ביים פּאָסט־קעסטל און מיט איין גליטש איז ער שוין געווען ביי דער גלעזערנער טאָפּל־טיר פון זיין הויז, וואָס האָט אים גיך פאַרשלונגען.

אַלע מאָל אַז דער יונגער מעלצער איז פאַרשוווּנדן אין דער גלעזערנער טאָפּל־טיר, האָט זיך ביל דערפילט אָפּגענאַרט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז יענער טוט אים אָפּ אויף טערקיש, מאַכט זיך אים אומישנע נישט זען. ס'האָט אים אָנגענומען אַ שטאַרקער כעס אויף דעם יונגן מעלצער, וואָס איז אַזוי גלייכגילטיק צום פאָטערס גורל. יענער מוז זיכער ליגן אַ טויט־קראַנקער אין בעט און ער טאַנצט זיך אַרום, ווי קיינמאָל גאָרנישט. עס זעט אויס, אַז ווען ביל וועט אַוועקפאַלן, וועט זיין זון האָבן צו אים די זעלבע באַציונג, ווי עס האָט דער יונגער מעלצער צו זיין פאָטער... היינט איז אַן אַנדערע וועלט... נאָר מען איילט זיך... נאָר מען יאָגט! זיין זון איז אַריינגעטאָן אין די געשעפטן פּונקט אַזוי ווי דער יונגער מעלצער!... ווען ביל האָט זיך געדרייט אַרום דעם יונגן מעלצער און געוואָלט אים פרעגן אויפן פאָטערס געזונט, האָט ער זיך דערפילט ווי אַ יינגל, וואָס קומט זיך נאָכפרעגן אויף זיינס אַ חבר ביי עלטערן, וואָס ווילן אים נישט זען...

ביל האָט באַמערקט, אַז יעדן טאָג, אין דער זעלבער צייט, איז פאַרפאָרן צום שכנס הויז אַן אויטאָ, פון וואַנען עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַן אויסגעפּוצטער יונגערמאַנטשיק מיט ווייבעריש־ראָזע בעקעלעך און אַ קאָפּ געלאָקטע האָר. אין דער האַנט האָט ער געטראָגן קאָקעטיש אַ קליין, ניי וואַליזקעלע. כאָטש דער יונגערמאַנטשיק איז יעדן טאָג פאַרפאָרן צום הויז, האָט ער פונדעסטוועגן אַלע מאָל אויף ס'ניי געדרייט דעם אויסגעפּוצטן קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט ווו אַריינצוגיין. ער איז געגאַנגען מיט אַ טענצל און זיך אונטערגעברומט אַ ניגון. ביל איז געווען איבערגעצייגט, אַז דאָס איז אַ יונגער דאָקטאָר, וואָס הייבט ערשט אָן זיין קאַריערע און איז שוין לכתחילה זיכער אין זיין דערפאָלג.

ביל האָט שטענדיק געוואָלט אַראָפּלייענען פון דאָקטאָרס פּנים ווי עס האַלט מיטן קראַנקן, צוגעגאַנגען צו אים נאָענט, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן. אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט געוווּיער ווערן. פּונקט ווי דעם דאָקטאָרס פּנים איז געווען פרייליך און זאָרגלאָז, ווען ער איז אַריין אין הויז, אַזוי איז עס געווען פרייליך און זאָרגלאָז, ווען ער איז פון דאָרטן אַרויס. ביל איז געבליבן שטיין, אַ צעמישטער. ער האָט אָנגעהויבן צו ספקן, צי דער יונגערמאַן איז טאַקע אַ דאָקטאָר. דאָס איז בלויז געווען זיינס אַן איינרעדעניש. וואָס אים פאַלט אַלץ איין!... פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט

געקענט איינהאַלטן און זיך אַמאָל אָנגערופן צום יונגערמאַן מיט איבערגעטריבענער וואויל־יונגערישקייט:

— איי, דאָס... — האָט ער אויפן אויסטראַלישן שטייגער פאַרקירצט דעם דאָקטאָרישן טיטל און זיך געמאַכט מיט אים היימיש — וואָס מאַכט ער דאָרטן, דער אַלטער... איי... ער וועט צו־מאַכן אַן אויג? ...

אָבער דער יונגערמאַן האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט, נישט געוווּסט אפילו, וואָס ער רעדט צו אים און ער איז זיך אַוועק זיין וועג מיט זיין טענצלדיקן גאַנג.

איצט איז שוין ביל געווען אינגאַנצן זיכער, אַז ער האָט גע־מאַכט אַ טעות און דער יונגערמאַן איז נישט קיין דאָקטאָר. דעם שכן האָט מען זיכער צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין... ביינאַכט האָט מען צו אים אַרויסגערופן די גיכע הילף... עס קען זיין, אַז ער איז שוין אויף יענער וועלט... און ער פרעגט זיך נאָך ביי עפּעס אַ פרעמדן פאַרשוין, וואָס דער שכן מאַכט... אַז אַ מענטש האָט נישט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, נאָר צו היטן אַ פרעמד הויז און זיך איינצורעדן נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות... וואָס גייט אים אָן דער שכן! ... וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט אים! ...

און פונקט דעמאָלט, ווען ביל איז געווען אינגאַנצן זיכער, אַז שימעלע לעבט שוין נישט, האָט ער אים דערזען שטיין ביים פענצ־טער פון זיין זונס הויז, ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען יעדן טאָג, נאָר ביל האָט אים נישט באַמערקט. ער איז געווען זייער בלייך און אויס־געזען האָט ער — אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין. ער איז געווען איינגעהילט אין זיין טלית און געזאָגט עפּעס אַ תפילה...

בשעת ביל האָט דערזען שימעלען, האָט ער דערפילט ווי דאָס האַרץ הייבט ביי אים אָן צו קלאַפּן, ווי מיט האַמערס. דאָ קלאַפּט דאָס האַרץ צו שטאַרק און דאָ צו פּאַוואָליע, ווי עס וואָלט זיך גע־האַלטן ביים אָפּשטעלן. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין און עס האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ.

דעם זעלבן אָוונט איז שימעלע געזעסן אויף דער וועראַנדע. עס איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט דאָ נישט פאַרפעלט צו זיצן קיין איין טאָג. אָבער פּלוצים האָט ביל דערהערט אַ קלאַפּ, וואָס איז גע־קומען פון דער וועראַנדע אויף יענער זייט פּאַרקן, ווי עפּעס אַ זאַך וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. אַז ביל איז געגאַנגען זען, פון וואַנען דער קלאַפּ איז געקומען, האָט ער געטראָפן שימעלען ליגן

אויף די טרעפּ. לעבן אים זענען צעוואָרפן־מיד געלעגן די שפּילעכ־לעך פון זיינע אייניקלעך און האָבן אויסגעזען ווי אַ צעשלאָגענע אַרמיי נאָך אַ שלאַכט. ער איז געלעגן צווישן די שפּילעכלעך. די באָרד איז געווען ביי אים אויסגעקרומט, ווי אַ פאַרוואונדיקטער פליגל ביי אַ פויגל. די אויפגעשוואָלענע הענט האָבן זיך קראַמפּהאַפּטיק־שטייף געקאָרטשעט און זיך געצויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אין עפּעס אָנכאַפּן און נישט געקאָנט... אַ קאַלטער שווייס האָט זיך געפּערלט אויפן אַלטנס אָנגעשטרענגט־וואַקסענעם שטערן...

שימעלע האָט זיך געפּרוווט אויפשטעלן, געקרעכצט פון ווייטיק. ווען ער האָט מיט די פיס זיך קוים געשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט אַ פריידיקער שמייכל אַ באַשטראַלט געטאָן זיין אויסגעדאַרט־קליין, פון יסורים אויסגעקרומט פּנים. אונטערגעהויבן זיך, האָט ער געפּרוווט שטעלן אַ טריט, אָבער ער איז צוריק אומגעפאַלן, געבליבן ליגן אויף אַלע פיר.

פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט זיין פון גלאָז, האָט ביל שימעלען אָנ־גענומען און אים פאַוואָליע אויפגעהויבן. זיי זענען געבליבן שטיין פּנים אל פּנים, די גופים נאָענט צוגערוקט צו זיך. עטלעכע רגעס זענען זיי אַזוי צוזאַמען געשטאַנען, נישט אַרויסגערעדט צו זיך אַ וואָרט, זיך צומאָל נישט קיין ריר געטאָן, בלויז געפילט איינער דעם אַנדערנס אָפּגעהאַקטן אָטעם. דערנאָך האָט ביל אָנגענומען שימעלעס הענט און זיי פעסט אַ דריק געטאָן.

בשעת ביל האָט באַמערקט, אַז שימעלע איז אַביסל צו זיך גע־קומען, האָט ער אים שטאַרקער אַרומגענומען, אַרויפגעלייגט זיין האַנט צו זיך אויפן אַקסל און זיך פאַוואָליע געלאָזט מיט אים גיין, ווי מיט אַ קינד, וואָס הייבט אָן צו שטעלן די ערשטע טריט. שימעלע האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך בילן, זיך געקלאַמערט אין אים און צום סוף איז ער צוגעפאַלן צו זיין גוף און אַ בושהדיק־שולדיקער שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן אויף זיין באָרד.

— שטאַרקט זיך, שכן... — האָט ביל אַ מורמל געטאָן — שטאַרקט זיך... מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן!...

פונדעסטוועגן האָט ער אונטערגערוקט שימעלען אַ שטול און זיך אַליין לעבן אים צוגעזעצט. ער האָט פון קעשענע אַרויסגענומען דאָס פאַרלאָשענע האַלב־אָנגעשטאָפּטע פייקעלע, געהאַלטן אין איין צינדן שוועבעלעך, ביז ער האָט סוף־כל־סוף דאָס פייקעלע אָנגעצונדן. כאָטש ס'איז געווען זומער, איז ער ווי שטענדיק געווען אָנ־געפּעלצט און געטראָגן אַ שאַליק אויפן האַלדז, ווי ער וואָלט מורא

געהאַט, ער זאָל זיך נישט פאַרקילן. מיט עקשנות האָט ער געפּיפּקעט דאָס פּייקעלע, געלאָזט געדיכטע קנוילן רויך, וואָס האָבן זיך גע־וויקלט אַרום אים און שימעלען, ווי קליינע וואָלקנדלעך. בשעת־מעשה האָט דער קאָפּ ביי אים זייער אָנגעשטרענגט געאַרבעט. די מחשבות, שווערע און פאַרפּלאָנטערטע, האָבן אויף זיין נידעריק־פאַרוואַקסענעם שטערן נאָך שטאַרקער צעאַקערט די קנייטשן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרהיילטע מעסער־שניטן. ביל האָט געזוכט די פּאַסיקע ווערטער צו זאָגן דעם שכן, אַז נאָך אַלעמען ווייסט ער אַליין נישט וואָס ער האָט צו אים געהאַט. ער זעט, אַז זיי ביידע זענען פאַרבונדן מיט איין גורל... די ווערטער זענען ביי אים אויף דער צונג געלעגן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיי אַרויסצור־ברענגען פון מויל. האָט ער בלית־ברירה זיך נעענטער צוגעריקט צו שימעלען, ווי מיט דעם וואָלט ער שוין פּטור געוואָרן פון זאָגן עפּעס...

ביז שפּעט אין אָוונט זענען שימעלע און ביל געבליבן זיצן אויף דער וועראַנדע, זיך געוואַרעמט אין די שטראַלן פון דער פאַר־גייענדיקער זון, וואָס איז געהאַנגען אויפן האָריזאָנט, ווי אַ רויטער קיילעכדיקער שפּיגל. אַז די זון איז פאַרשוווּנדן, האָט אַ רויטער פּאַס פאַרגאָסן דעם הימל־ראַנד ווי אַ פייערדיקער טייך און באַשטראַלט די צוויי אַלטע לייט אויף דער וועראַנדע מיט אַ בלייך, רויטלעך ליכט. דאָס אייביק־שטילע עדגאַר־געסל האָט זיך מיט נייגיר צוגעהערט צו די רייד פון די צוויי שכנים, וואָס זענען פאַרטאָן געווען אין אַ שמועס, ווי זיי וואָלטן זיך מגלה געווען אויסטערלישע סודות...

זיי זענען נישט שולדיק

יאָסעק מיעלניק איז מיט שווערע פּאַמעלעכע טריט געגאַנגען אַראָפּ פון די שפּיטאָל־טרעפּ. ער האָט געפילט ווי די פיס ברעכן זיך אים אונטער און ער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און זיך אָנגע־שפּאַרט אָן דער וואַנט. נאָך אַ רגע און ער וועט זיך איינברעכן און זיך אַראָפּקוילערן פון די טרעפּ. שוין פינף מעת־לעת ווי דאָס ווייב זיינס גייט צו קינד און דער דאָקטאָר האָט אים ערשט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט, צי מען וועט קענען אָפּראַטעווען ביידע — דאָס ווייב מיטן קינד. אויב אַלץ וועט גיין גוט, וועט בלייבן לעבן בלויז דאָס ווייב, אָדער דאָס קינד.

דאָס שפּיטאָל־טויער איז געווען אויפגעמאַכט, אָבער יאָסעק האָט נישט געפונען דעם וועג צום אַרויסגאַנג. אַ שפּיטאָל־שוועסטער האָט אים געמוזט אַרויספירן. אויף דער גאַס האָט יאָסעק באַגעגנט אַ קאַל־טער ווינט, זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, ווי ער וואָלט שוין לאַנג אויף אים געוואַרט. דער ווינט האָט אים געשמיסן דאָס פּנים, געריסן ביי די האָר און זיך פאַרקליבן אין די פאָלעס פון זיין מאַנטל. אַ דינער רעגן איז טריב געפאַלן פון נאַכטיקן הימל. דאָ אויפגעהערט און דאָ ווידער אין דער קרום אַ שפּריץ געטאָן. אויף די נאַסע טראָטואַרן האָבן זיך די גאַסן־לאַמטערן און די העל־אָנגעצונדענע רעקלאַמעס געוויגט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

יאָסעק האָט געפילט ווי דער ווייטיק האָט זיך איינגעשניטן אין אַלע זיינע אברים און האָט פאַרשפּאַרט ביי אים דעם האַלדז. וואָס איז דאָס ווייב און דאָס קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, שולדיק אין דעם אַלעמען? וואָס דאַרפן זיי אָפּקומען פאַר די זינד, וואָס זיי זענען נישט באַגאַנגען? פאַרוואָס האָט זיך די שטראָף אַראָפּגעלאָזט אויף זיי? ער איז דאָך דער שולדיקער און נישט זיי! ... און דאָס עופהלע, וואָס דאַרף ערשט אויף דער וועלט קומען, איז דאָך אוודאי גאָט די נשמה שולדיק ... ס'איז זיכער ריין פון יעדן חטא ... ס'האָט

נאָך די וואָלט נישט אַנגעקוקט און נישט קיין צייט געהאַט צו באַגיין די מינדסטע זינד...

ווען זיינע חטאים איז דאָס ווייב ערשט געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק און זי האָט געוואָלט באַלד פון אים אוועק, כאָטש זי האָט זיך געריכט יעדן טאָג אין קימפּעט אַריין. ער האָט זי קוים איינגעהאַלטן, זיך איינגעבעטן ביי איר זי זאָל נישט אוועקגיין פון אים ביז זי וועט האָבן דאָס קינד. נאָך דער קימפּעט וועט זיי די ברירה ביי איר און ער וועט זי מער נישט צוריקהאַלטן. ער האָט געהאַט מיט איר אַ גרויסן קאַמף און ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט באַוויליקט צו בלייבן. אָבער וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס שוין געווען? דאָס ווייב האָט צו אים מער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, זיך ווי גע־מיאוסט פון אים און זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב ווי צוויי פרעמדע מענטשן...

יאָסעק האָט זיך פאַוואָליע געשלעפּט איבער די נאַכטיק־טונקעלע גאַסן. די פיס האָבן קוים געקאָנט טראָגן זיין שווערן, איינגעבויגן־גרויסן גוף, וואָס האָט זיך אַלעמאָל אַ וואַקל געטאָן אויף פאָרויס, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי אומפאַלן. ער האָט אַריינגעקוקט אין די באַלויכטענע שויפענצטער, נאָר ער האָט גאָרנישט געזען. דער קאָפּ איז אים פאַרטאָן געווען מיט עפּעס אַנדערש. ווי פּלוצים און אומגע־ריכט ס'זענען אַנטדעקט געוואָרן זיינע חטאים! ער האָט די חטאים געהאַלטן טיף פאַרגראָבן אין זיך די גאַנצע צייט און זיך פאַר קיינעם נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. אפילו אין די לאַגערן אין דייטש־לאַנד נאָך דער באַפרייאונג, וווּ ס'זענען געווען יידן פון די געטאָס, פון די קאַצעטן, האָט קיינער אים נישט דערקענט. ער האָט זיך דער־נענטערט צו אַ פרוי, געזאָלט פאָרן מיט איר קיין אויסטראַליע, נאָר זי איז געשטאָרבן און ער איז געפאָרן אַליין. אין מעלבורן האָט ער חתונה געהאַט און ווייטער געהאַלטן דעם סוד פאַרגראָבן אין זיך. ער איז געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט אַלץ פאַרריבן ווערן און ס'וועט קיינער פון גאָרנישט געוווּיר ווערן. כאָטש דאָס געוויסן האָט אים אָפט געפּייניקט און ער האָט זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פון הארץ פאַר מענטשן, כדי אַראָפּצוּוואַרפן אַביסל די שולד פון זיך, האָט ער דאָס אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן. ער האָט זיך כסדר אַליין אָפּגענאַרט. זאָל זיך אַלץ אַזוי שלעפּן און שלעפּן... ס'וועט אוועק איין יאָר און נאָך אַ יאָר און ער וועט אין אַלץ פאַרגעסן...

און דאָ פּלוצים איז אַלץ אַנטפּלעקט געוואָרן און די יידן אין מעלבורן זענען געוווּיר געוואָרן פון זיין סוד. ס'איז געווען אויף אַ

בר־מצוה ביי זיינס א חבר פון די אמאליקע יארן. אזויווי דאס ווייב איז געווען אויף דער צייט, איז ער אליין געגאנגען אויף דער שמחה. די גאנצע צייט וואס ער איז געזעסן ביים יום־טובדיק־אויסגעפוצטן טיש, האט ער באמערקט ווי עס שפיזן צו אים אריבער צוויי גרויע אויגן פון א פרוי. טאמער קוקט ער דער פרוי אין פנים אריין, כאפט זי אוועק דעם בליק, אבער אזוי גיך ווי ער קוקט ערגעץ אנדערש, פילט ער ווידער אויף זיך דאס שפיזן פון די פארשנדיקע אויגן. ס'האט אים עפעס א קלעם געטאן אינעווייניק, נאר ער האט זיך געמאכט, אז ער זעט גארנישט און ווייסט גארנישט. פארקערט, ער האט זיך געמאכט אביסל בגילופין און אנגעהויבן צו ברומען א זמרל. בעת־משעה האט ער זיך אנגעגאסן איין גלעזל ווין און באלד א צווייטס. אבער מיט אמאל האט ער דערזען ווי די צוויי גרויע אויגן דערנענטערן זיך צו אים, ווערן כסדר גרעסער און גרעסער און אט שטעכן זיי זיך אים אריין ווילד אין פנים. א משוגע געשריי גיט זיך א ריס איבערן גאנצן זאל:

— דאס איז ער, דער מערדער! דער פאליציאנט פון געטא, וואס האט געהרגעט יידן! וואס האט געשלאגן ווייבער און פיצלעך קינדער! ער האט געשלעפט די יידן פון די באהעלטענישן ארויס און זיי געפירט אויפן אומשלאגנ־פלאץ! ווען נישט ער וואלטן זיך א סך נפשות געראטעוועט! מערדער! באנדיט! גיב מיר אפ מיין מאן און קינדער! . . .

אויפן זאל איז מיטאמאל שטיל געווארן. די צעווארעמטע, בגילופינדיק־פריילעכע קולות זענען פארשטומט געווארן, ווי איבערגעהאקט מיט א מעסער. עס האט זיך בלויז ווייטער געהערט דאס ווילדע געשריי, וואס איז זיך פארגאנגען כסדר העכער און זיך אויסגעלאזט מיט א וויינענדיק־משונהדיקן כריפ:

— באנדיט! רוצח! גיב מיר אפ מיין מאן און קינדער!...

ס'האט נישט לאנג געדויערט און די פרוי, וואס האט אזוי היסטעריש געשריגן, האט זיך מיט די הענט געווארפן אויף אים. מיט די נעגל איז זי אים פארפארן אין פנים אריין און ווען נישט די מענטשן, וואס האבן זי פון אים אוועקגעשלעפט, וואלט זי אים אויסגעריסן שטיקער פלייש.

— שטערט נישט די שמחה! פון וואנען ווייסט איר, אז דאס איז ער?! . . . — האבן זיך מער יידן אין דעם טומל אריינגעמישט — אפשר האט איר א טעות? א מענטש קען זיך טועה זיין! דא איז נישט דאס ארט זיך מיט אים אפצורעכענען! גייט צו דער קהילה, דארטן וועט מען אים משפטן!

— לאָזט אָפּ די פרוי! זאָל זי זיך אין אים נוקם זיין! אומזיסט טשעפּעט מען זיך נישט צו קיינעם! די פרוי איז נעבעך אַ געליטענע! ס'טוט איר וויי, האָט זי אַ רעכט זיך אָפּצורעכענען! מן־הסתם האָט זי שוין לאַנג געזוכט דעם העכט... — האָט זיך געטראָגן אַ קול, פול מיט געבייזער און כעס.

— יידן, שלאָגט דעם מערדער! נעמט זיך אָן מיין קזשיוודע! נעמט זיך אָן די קזשיוודע פון די טויטע! זיי קענען שוין גאָרנישט טאָן! זיי קענען זיך מער נישט נוקם זיין! — האָט זיך ווידער אַ ריס געטאָן דאָס געשריי פון דער געליטענער פרוי, און ווען נישט די געסט, וואָס האָבן זי צוריקגעהאַלטן, וואָלט זי זיך נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטאָן שלאָגן יאָסעקן.

די קולות אויפן זאַל האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, זיך אויסגעמישט, זיך איבערגעשטיגן איינס דאָס אַנדערע:

— לאָזט אָפּ די פרוי! האַלט זי נישט צוריק! . . .

— ניין, מען טאָר זי נישט אָפּלאָזן! זי קען האָבן אַ טעות! מ'האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן ... מען טאָר נישט שטערן די שמחה!

— וואָס מיר שמחה! ווער מיר שמחה! מען דאַרף נעמען נקמה, יידן! סאַרנע מענטשן זענט עטץ!

— און אפשר איז ער געווען אַ גוטער פּאָליציאַנט און האָט געהאָלפן יידן! מ'טאָר אַלץ נישט שטעלן אויף זיך ... מ'דאַרף אים געבן אַ „טשענס" זיך צו פאַרטיידיקן... מיר טאָרן אים אַליין נישט משפּטן! . . .

מיטאַמאָל האָט יאָסעק דערפילט ווי עס פאַלן אויף אים קלעפּ פון הענט, פון קולאַקעס. זיי פאַלן אויף זיין פּנים, אויפן קאַרק, אומעטום ווו עס לאָזט זיך. דערנאָך האָט ער דערשפּירט אַ פייכטקייט אויפן פּנים, וואָס איז געקומען פון אַ שפּיי. ער האָט דאָס שפּייעכץ נישט אָפּגעווישט, געלאָזט עס אויף זיך אפילו דעמאָלט, ווען מען האָט אים ארויסגעפירט פונעם זאַל. דאָס שפּייעכץ האָט זיך אויסגעמישט מיט די טרערן, וואָס זענען גערונען פון זיינע אויגן. נאָך איצט, ווען יאָסעק שלעפּט זיך איבער די פינצטערלעכע גאַסן, פילט ער די עקלדיקע קלעפּיקייט פון דעם שפּייעכץ. מיט וואָס פאַר אַ שנאה צו אים האָט דאָס די געליטענע פרוי געטאָן! אָבער וואָס איז זיין ווייב און דאָס קינד, וואָס איז נאָך נישט אויף דער וועלט געקומען, שולדיק אין דעם אַלעם? וואָס דאַרפן זיי אָפּקומען פאַר די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען?! זיי דאַרפן נישט באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע חטאים! די פרוי ליידט

אזעלכע גרויסע יסורים. פינף מעת־לעת ווי זי גייט צו קינד און די לײדן זענען נישט איבערצוטראָגן!... דער געדאַנק, אַז דאָס ווײב קען נאָך אַמאָל שטאַרבן און דאָס קינד נישט געבוירן ווערן, האָט מיט אַ נײעם שאַרפן ווייטיק זיך אײנגעשניטן אין אים און אַ שווערע משא האָט זיך אים אַוועקגעלייגט אויפן האַרץ. אַלע מענטשן, וואָס האָבן מיט אים אַ מגע ומשא, שטאַרבן... די פרוי, וואָס האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן אין די דײטשע לאַגערן, איז אַוועק פון דער וועלט... אין זײנע אויערן הילכן איצט ווידער אָפּ די געשרייען און די געבעטן פון די יידן אין געטאָ, וואָס מען האָט געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ. ער הערט דאָס געוויין פון זײן ערשטער פרוי, די יללות פון זײנע פּיצלעך קינדער, וואָס זענען אין זײנע אויגן אומגעקומען. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט ווערן אַ פּאָליציאַנט, וועט ער זיי קאָנען ראַטעווען. אַ שיינער יונג איז ער געווען, אַ הויכער, אַ געראָטענער, האָבן די דײטשן אים בעסער באַהאַנדלט ווי די אַנדערע יידן. זיי האָבן אים אפילו צוגעזאָגט צו העלפן. וואָס־זשע וועט שאַטן די יידן, אַז ער וועט ווערן אַ פּאָליציאַנט? ער וועט זיי קאָנען טאָן בלויז טובות... פון שטענדיק אָן איז ער געווען אַ טויגער און ס'איז אים אין לעבן גוט געגאַנגען. ער איז געווען אַ רייך זונדל און ביי די עלטערן אין הויז האָט אים פון גאָרנישט געפעלט. אפילו דעמאָלט ווען די מאַמע איז געוואָרן אַן אַלמנה, איז ביי זיי אין שטוב געווען פון אַלעם גוטן. די מאַמע האָט אַליין ווייטער געפירט דאָס רייכע שוך־געשעפט און ער האָט געגראַבלט אין געלט. אפילו דאָס לערנען איז אים גרינג אָנגעקומען און ער איז געווען דער בעסטער שילער אין קלאַס. ער איז אויך געווען דער בעסטער פוטבאָל־שפּילער און די מיידלעך האָבן געקלעפּט צו אים. קיין שידוך האָט מען אים נישט געדאַרפט רעדן; ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייך און שיין מיידל. האָט ער געמיינט, אַז עס וועט אים שוין אייביק אין לעבן גוט זיין און ער איז געווען זיכער אין זיך. מחמת דעם איז ער אין געטאָ געוואָרן אַ פּאָליציאַנט; געקלערט, אַז ער וועט זיך ווייטער קאָנען אין אַלץ אַן עצה געבן און אויך העלפן אַנדערע. ווען ער איז אָבער געקומען צו דער מוטער מיטן אָרעם־באַנד אויפן אַרבל: „יודען־פּאָליציי", האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך אָפּגעקערט פון אים.

— כ'קען נישט קוקן אויף דיר! — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ באַפעלעריש שטרענג קול — נעם אַראָפּ דאָס פּאַסקודסטווע פון דיר! רייס אַראָפּ דעם שאַנד־פלעק! אַז נישט גיי אַרויס פון מיין הויז!...

ער האָט דעם אָרעם־באַנד נישט אויסגעטאָן און איז געבליבן אַ פּאַליציאַנט אינעם געטאָ. ער האָט שפּעטער געוואָלט אַ סך מאָל ווערן אויס פּאָליציאַנט, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען און ער האָט זיך געמוזט כסדר צוהערן צו די געשרייען פון קינדער, פון ווייבער, פון זקנים. ער הערט איצט אין דער פינצטערער נאַכט אויף די מעלבור־נער גאַסן די דאָזיקע געשרייען. ער הערט די געוויינען פון זיינע אייגענע קינדער, די קרעכצן פון זיין ערשט ווייב. ער פאַרשטאָפּט זיך מיט די הענט די אויערן, כדי נישט צו הערן די געוויינען און קרעכצן, נאָר זיי רייסן זיך אַדורך און קלינגען אים אין די אויערן ביז טויב צו ווערן. יאָסעק וויל אַנטלויפן פון די געוויינען און ער לאָזט זיך ווילד לויפן איבער די גאַסן, אַז די פאַרבייגייער קוקן אים נאָך ווי אַ משוגע־נעם — אָבער די געוויינען יאָגן אים נאָך. אין די געוויינען און קרעכצן רייסט זיך אַריין דאָס געוויין פון זיין קינד, וואָס איז נאָך נישט גע־בוירן געוואָרן, און דאָס קרעכצן פון זיין מעלבורנער פרוי, וואָס גייט שוין פינף מעת־לעת צו קינד. דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ווער ווייסט, צי זי וועט בלייבן לעבן. ווי קען אַ נאָך נישט געבוירן קינד שרייען? אָבער דאָס קינד שרייט צו אים, אַז עס וויל אויף דער וועלט קומען... עס וויל נישט אָפּקומען פאַר זיינע זינד...

— געוואַלד, כ'וועל משוגע ווערן! כ'וועל עס נישט אויסהאַלטן! ס'איז איבער מיינע כוחות! גאָט, פאַרגיב מיר! כ'בין נישט געווען קיין שלעכטער פּאָליציאַנט... כ'האָב אויך געטאָן גוטס מענטשן... די דייטשן האָבן מיך פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן צוגלייך מיט אַלע יידן . . .

מיטאַמאָל האָט אים אַ געדאַנק אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין, אַז ס'גלייכסטע וואָלט געווען ער זאָל זיך אַליין אָפּטראָגן פון דער וועלט. שוין גענוג געלעבט! ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אים אויף דער וועלט... ער האָט זיך פאַר דעם געדאַנק דערשראָקן, אים גע־טריבן פון זיך, אָבער אַלעמאָל מער האָט זיך דער געדאַנק באַזעצט אין אים. ס'איז אים קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים, ווייל ער האָט מורא באַקומען פאַרן טויט. אַזויפיל מאָל האָט ער געזען דעם טויט פאַר די אויגן און ער איז שטענדיק אַנטלאָפן פון אים. איצט מוז ער שטאַרבן פאַר זיין פרוי און קינד. זיי טאָרן נישט אָפּקומען פאַר אים!

יאָסעק האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך ווי אויף איינעם, וואָס איז מער אויף דער וועלט נישטאָ. ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך אַליין ווי אויף אַ פרעמדן, וואָס איז פאַרמשפּט צו שטאַרבן. ער

איז מער נישט ער, ס'איז אַ פרעמדער מענטש, אויף וועלכן ער האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל.

יאָסעק האָט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן. ס'האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ שטאַרקער רעגן און ער איז געוואָרן אין גאַנצן דורכגע־ווייקט. שוין עטלעכע מאָל ווי ער איז צוגעקומען צו זיין שטוב, נאָר ס'איז אים באַפאַלן אַן אימה אַריינצוגיין אינעווייניק. וואָס וועט ער דאָרט אַליין טאָן? ערשט ווען אויפן הימל האָבן זיך אַדורכגעריסן עטלעכע בלייכע פּאַסן פונעם באַגינען, איז ער אַריין צו זיך אין דירה. ס'איז דאָ געווען אָנגעוואָרפן און ער האָט זיך געחידושט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז פאַרן אַרויסגיין האָט ער צוגערוימט. ער האָט דעם שווערן גוף אָנגעלענט אויף אַ שפּיץ בענקל, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ גאַסט אויף אַ ווייל. אַז זיין מידער בליק האָט דערזען אויפן טיש אַן אַלטע צייטונג, האָט ער אויף די ראַנדן אָנגעהויבן אָנצוואַרפן אָן אַ שום סדר די ווערטער:

— גאָט, נעם נישט צו מיין ווייב... נעם נישט צו דאָס קינד, וואָס איז נאָך אַפילו אויף דער וועלט נישט געקומען! שענק זיי דאָס לעבן! ... זיי טאָרן נישט אָפּקומען פאַר מיינע זינד ... זיי זענען נישט שולדיק ... זיי זענען נישט שולדיק ... איך בין שולדיק ...

דערנאָך איז ער אַריין אין אַלטן בלעכערנעם גאַראַזש, פול מיט שפּינוועבס און פאַרזשאַווערטע כלים. קיין אויטאָ איז דאָ נישט גע־שטאַנען, ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין אויטאָ. דורך די לעכער אין דאַך האָט זיך געגאָסן דער רעגן. ער האָט לאַנג עפּעס אין אַן אַלטער וואַליזע געזוכט, געפונען אַ שטריק און מיט ציטערדיקע הענט אים פאַרלייגט אויפן האַלדז. ווען ער האָט אַוועקגעשטופּט פון זיך די אַלטע וואַליזע, איז ער געבליבן הענגען אויף אַ בעליק אונטערן דאַך. דער רעגן האָט געפּויקט איבער זיין קאָפּ, אַריינגערונען דורך אַלע לעכער.

נאָך מיטאָג, בעת די קינדער פון די אַרומיקע הייפלעך האָבן זיך געוואָלט גיין שפּילן אין גאַראַזש, האָבן זיי אים געטראָפן הענגען. זיינע פיס האָבן דערגרייכט די ערד און ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשטאַנען און מיטן קאָפּ אונטערגעשפּאַרט דעם דאַך . . .

— זעט נאָר, ס'שטייט דאָ ווער! ... — האָבן די קינדער זיך דערשראָקן — לאָמיר אַנטלויפן! . . .

דאס הויז איז דײַן

געשטאַנען זענען זיי בײדע פּאָר אַ קלײן הילצערן הײזל אין אַ זײַטיק געסל אין ריטשמאָנד און באָריס האָט געזאָגט צו פּסחן מיט אַ ברײט, זיכער קול:

— דאָס איז דײַן הויז! קענסט וווינען אין דעם הויז ווי לאַנג דו וועסט נאָר וועלן... דאַרפסט זיך דערוועגן גאָרנישט זאָרגן. דאָס הויז איז דײַן!

אַז פּסח האָט דאָס דערהערט, איז אים ענג געוואָרן אין האַלדז און ער האָט מיט אַלע כּוחות אײַנגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך אים געשפּאַרט צו די אויגן. ער האָט די טרערן נישט געקאָנט מער אײַנהאַלטן, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך שטיל צעוויינט. ער האָט געוויינט פון באָריסעס גוטסקייט און פון דעם וואָס ער געפינט זיך אין אַזאַ מעמד, אַז ער מוז אָנקומען צו מענטשן און נעמען אַ געשענק. און נאָך וואָס פאַרא געשענק? אַ הויז! ווער האָט דאָס געזען אַז אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן אַ הויז? ס'איז טאַקע אמת, אַז באָריס איז זײַנס אַ חבר פון דער יוגנט — אָבער דער בעסטער ברודער טוט נישט אַזאַ זאַך... ס'מוז דאָ זײַן עפּעס אַ טעות...

פּסח האָט געוויינט, בגנבה געווישט די טרערן, נאָר ווען ער האָט אַרויפגעקוקט צו באָריסן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, אַ גרויסער און אַ ברייטער, האָט ער באַמערקט אַז אויך זײַנע אויגן זענען פייכט פון טרערן. זיי האָבן זיך לאַנג און אין שטיל-שווײַגעניש אָנגעקוקט, נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט און מיטאַמאָל האָבן פּסחס ליפּן פון זיך אַליין געמורמלט:

— אַ שיינעם דאַנק, באָריס!... כ'האָב זיך אויף דעם נישט גערעכנט... כ'האָב נאָך אין לעבן נישט געטראָפן אַזאַ גוטן מענטש... כ'האָב זיך שוין אַזויפיל מאָל אַנטוישט אין לעבן... דאָס הויז וועל איך נישט נעמען בײַ דיר. ס'וועט זײַן אַ גענוג גרויסע הילף, אַז כ'וועל דאָרט קענען וווינען די ערשטע צײַט אָן דירה-געלט. איך ווייס באמת נישט ווי דיר צו דאַנקען...

— דו דאַרפסט מיר נישט דאַנקען ... ס'איז נישט אַזאַ גרויסע זאַך! — האָט באַרים צוריק געפונען זײַן זיכערקײט אין זיך — ס'איז אַ קלײניקײט... פאַרגעס װעגן דעם ...

נאָך דעם װי באַרים האָט געװיזן דעם חבר דאָס הויז פון דרויסן און אויך אַ ביסל פון אינעװײניק, איז ער מיט פּסחן אַרײַן אין אויטאָ און זײ זענען אַרויסגעפאָרן פון געסל. פּסח איז נאָך אַלץ געװען שטאַרק גערירט פון דעם חברס גוטסקײט און זײַנע בלויע, װי איבערגעשראָקענע אויגן זענען געװען פייכט און פאַרקלערט. ס'האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, אַז מען טאָר װעגן אַ מענטש נישט אַרויסזאָגן קײן מײנונג ביזן טאָג פון זײַן אַװעקגײן... יעדע שעה קען ער זיך ענדערן נישט צום דערקענען... דער גרויסער, העלער, „סטודיבײקער" האָט זיך ברײט געװיגט אויף די געהויקערט־שמאָלע ריטשמאָנדער געסלעך, װו עס האָבן זיך געשפּילט אָפּגעריסענע קינדער און אָרעמע װײַבער האָבן זיך געאײַלט אין די פאַרחושכטע געװעלבלעך, כדי אײַנצוקויפן אויף מיטאָג. בײַ באַרימען האָט זיך עפּעס געפּיקט אין מוח און אויף זײַן מעכטיקער פלײשיקער נאָז האָט זיך באַװיזן אַ שמײכעלע, װאָס האָט אָנגעזאָגט, אַז ער האָט עפּעס אַ קלוגע זאַך צו פרעגן נאָר ער איז זיך מישב, צי זאָל ער דאָס טאָן, צי נישט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו פּסחן:

— כ'בעט דיך, פּסח... איצט, אַז דו האָסט שוין אַ הויז... אַ דירה צו װוינען, זאָג־זשע מיר פאַרװאָס דו ביסט געקומען פון ישראל... ס'איז טאַקע נישט מײַנע ביזנעס, נאָר כ'בין טשיקאַװע צו װיסן...

פּסח האָט זיך אַ טרײסל געטאָן, װי פון אַ גיפטיקן ביס און די ליפּן זענען אים זײער װײס געװאָרן. ס'איז אים געװאָרן טרוקן אין האַלדז און ער האָט געזוכט די װערטער, װאָס צו ענטפערן באַרימען.

— כ'האָב דיר שוין, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז איך װאָלט געבליבן אין ישראל — האָט ער שטיל געענטפערט — אָבער מײַן װײַב האָט נישט געװאָלט. זי האָט נישט געקענט איבערטראָגן די היצן... זי איז פון אַן אַנדער טײַג געקנעטן װי איך. מײַן ערשטע פרוי איז אומגעקומען... דאָס װײַב האָב איך באַקענט נאָכן קריג אין אַ דײַטשן לאַגער...

אויף צומאָרגנס האָט זיך פּסח אַרײַנגעצױגן אין דעם הויז מיט זײַן װײַב און קינדערלעך. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז

דאָס הויז איז נישט אַזוי גרויס, ווי ער האָט געמיינט. אַז מען האָט גענומען אויסשטעלן דאָס ביסל מעבל, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך און שוין אַביסל דאָ איינגעקויפט, איז זיך נישט געווען ווו אַהינצוטאָן. עטלעכע שויבן זענען געווען אויסגעהאַקט און די ווענט זענען געווען אָפּגעשיילט. די פּאָדלאָגע איז געווען פול מיט לעכער און אַז די קינדער זענען אַרומגעלאָפן, האָבן זיי זיך פאַרטשעפּעט און אומגעפאַלן.

— נו, שוין... ס'איז גאָרנישט געשען! — איז די מוטער צוגעלאָפן אַלעמאָל צו אַן אַנדער קינד און עס איינגענומען — נאָ! נאָ! — האָט זי מיט דער האַנט געשלאָגן די פּאָדלאָגע — כ'וועל דיר באַצאָלן דערפאַר וואָס דו האָסט ווי געטאָן מיין קינד... דו שלעכטע פּאָדלאָגע, דו!

ביינאַכט, אַז זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט פּסח נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג, כאָטש ער איז געווען שטאַרק מיד. ער האָט געפילט ווי לעבן אים ליגט דאָס ווייב און זי איז פול מיט טענות צו אים, אָבער זי האָט מורא אויפצומאַכן דאָס מויל. אַלץ האָט אים דאָ געשראָקן. שטשאָרעס האָבן געפּויקט איבער דער פּאָד־לאָגע און ער האָט אַלעמאָל געמוזט וואַרפן אַ שוך, כדי זיי צו פאַר־טרייבן. אַלע פאַר רגעס איז אַדורכגעפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַ גרויסן רעש און די שויבן האָבן געציטערט. ס'האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז דער לאַסט־אויטאָ פאָרט אַריין אין הויז — פאָרט גלייך אַריין צו אים אין בעט. אַ שיכור האָט געקלאַפּט אין אַ שכנות־דיקער טיר, ביז געשאָלטן און זיך אַוועקגעשטעלט משתין זיין אינ־מיטן דער גאַס. ס'האָט פּסחן געפּלאָגט אַ געדאַנק, אַז ער האָט נישט געטאָרט אָננעמען ביי באַריסן דאָס הויז. ער וועט זיך קיינמאָל נישט קענען ביי אים אויסקויפן... ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער, ביז אויף די שויבן האָט זיך באַוויזן אַ גרויע בלייכקייט פונעם מאָרגן־ליכט. ערשט דעמאָלט איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן שלאָף.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט. דאָס ווייב האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אינעם געבלימטן שלאָף־ראָק און אין די רויטע שטעק־שיך מיט די פּאָמפּאָניקלעך, וואָס האָבן זיך זייער נישט געפּאַסט צו דער אָרעמער שטוב. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ נאַס טוך, ווייל זי האָט געליטן פון אַן אייביקער מיגרענע. די אויגן זענען געווען ביי איר איינגעפאַלן אינעם גרינעם, אויסגעצויגענעם פּנים. זי האָט זיך געפּאָרעט ביי דעם פאַרזשאַווערטן גאַז־אייוועלע — אָבער ס'איז

נישט געווען קיין גאז. זי איז לעצטנס געווען זייער אָפּגעלאָזן און ס'איז נישט געבליבן קיין סימן פון איר אַמאָליקער עלעגאַנץ. אַלץ איז איר פון די הענט געפאַלן און ער האָט איר געמוזט צוהעלפן אפילו אין דער קיך. ס'האָט אים טאַקע געחידושט וואָס זי האָט אויפגעפאַקט א וואליזע, ארויסגענומען פון דאָרט א נאַפט־מאַשינקע און אויפגעבריט קאַווע. דער ריח פון פריש־פאַרבריטער קאַווע האָט אריינגעבראַכט א היימישקייט אין שטוב און אים אַביסל אויפגע־מינטערט. די קינדער זענען אריינגעשפרונגען צו אים אין בעט, זיך אוועקגעזעצט רייטן אויף זיין ברוסט און זיך מיט אים געשפּילט. ער האָט דערפילט א זיכערקייט אין זיך און די שרעק, וואָס האָט אים ארומגעכאַפּט ביינאַכט, איז צוביסלעך צערונען.

אָבער די שרעק האָט זיך צו אים צוריק אומגעקערט נאָכמיטאָג, ווען ער איז געפאָרן אין דעם אָרט, ווו מען האָט אים געהאַט צוגע־זאָגט דעם „דזשאָב". ער האָט געמוזט נעמען צוויי טראַמווייען און ס'זענען אים מיטאַמאָל ארוים פון קאָפּ אַלע אָנווייזונגען ווי אַזוי צו פאָרן.

— כ'האָב נישט געטאָרט אָננעמען ביי באַריסן דאָס הויז — האָט ער כסדר איבערגעחזרט צו זיך אין געדאַנק — באַרים האָט גערעדט וועגן א הויז, אָבער ס'איז נישט מער ווי א קליין אָפּגעלאָזן הייזל... איצט וועט ער זיין געצוווּנגען צו דינען באַריסן. ער וועט נישט ווימן ווי אַזוי זיך צו פירן מיטן יוגנט־חבר... דאָס ווייב וועט אים נאָך געגוג דעם טויט מאַכן מיטן חרובן הייזל. דערווייל האָט זי גאָרנישט געזאָגט, מורא געהאַט פאַר אים, וואָרום זי האָט אים געצוווּנגען אוועקצופאָרן פון ישראל. אָבער ער וועט נאָך האָבן פון איר צו זינגען און צו זאָגן... און וואָס האָט ער זי געפּאָלגט און אוועק פון ישראל? זיין גאַנץ לעבן האָט ער געחלומט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אפילו אין לאַגער, ווו מען האָט אים יעדע רגע געקענט שיקן צו פאַרברענען, האָט ער נישט איינמאָל געטראַכט פון דעם נס, אַז ער וועט נאָך אפשר זען דאָס אויסגעחלומטע לאַנד... נאָך אַלעמען איז ער שוין דאָרט געווען איינגעאָרדנט, געקעמפּט אין דער מלחמת־השיחרור. דאָ מוז ער אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, זוכן אַרבעט, שטיין פנים־אל־פנים פון א נייעם „באָס". דאָס אַלץ איז אים שוין גוט באַקאַנט! ניין, ער וועט נישט אָננעמען דאָס הויז!... אַז ער וועט נאָר פאַרדינען די ערשטע פאָר פונט, וועט ער גיין צו באַריסן און אים זאָגן: א שיינעם דאַנק, באַרים... דו האָסט טאַקע

געטאָן זייער אַ שיינע זאַך, נאָר כ׳וועל נישט אָננעמען דאָס הויז... האָב נישט קיין פּראַיבל אויף מיר...

פּסח איז געווען זייער שטאַרק אַריינגעטאָן אין זיינע מחשבות. ער האָט נישט געהערט ווי דער קאָנדוקטאָר רעדט אין אים אַריין, אַז ער איז שוין אָנגעקומען צו דער גאַס, וואָס ער זוכט.

פּסח האָט זיך אַ שטיקל צייט אַרומגעדרייט פאַרן געשעפט, נישט געהאַט קיין דרייסטקייט באַלד אַריינצוגיין און זיך צו פרעגן אויף אַרבעט. דער באַלעבאָס איז געווען אַ פאַריאָגטער מענטש, נישט געמאַכט מיט אים קיין לאַנגע שהיות, נישט אויסגעפרעגט אים קיין סך און אים באַלד צוגענומען אויפן „דזשאָב". זיין אַרבעט איז באַ־שטאַנען צוצוהעלפן דעם מאַגאַזינער. אָבער דאָ אין שכנות האָט באָרים געהאַט זיינע „ביזנעס" און ער איז אַריינגעקומען זען וואָס ער מאַכט. באָרים איז אַריין צו דעם באַלעבאָס אינעם „אָפיס", ווייניק גערעדט מיט פּסחן, נישט געוואָלט אים שטערן אין דער אַרבעט. אַז פּסח האָט דערזען באָריסן, איז ער באַלד געוואָרן זייער אומרואיק און ער האָט נישט געוווסט וואָס ער טוט. לכתחילה האָט ער זיך געמאַכט אים נישט זען, נאָר שפּעטער האָט ער געזוכט זיין בליק און אַז ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט זיינע אויגן, האָט ער אים אָנגעקוקט מיט אַ סך דאַנקבאַרקייט.

ביים אַרויסגיין האָט באָרים אָפּגעשטעלט פּסחן און אים גע־פרעגט:

— נו, ווי גייט דיר אין דער אַרבעט? כ׳האָב דיר אויסגעזוכט אַ גוטן דזשאָב, האַ? און ביי דהע ווייַ, ווי ווווינט זיך אין דעם הויז?...

— גוט, גוט! — האָט פּסח גיך אַ פאַרשלונג געטאָן די ווער־טער — ס׳וווינט זיך גוט!

ס׳איז אַרויס דער באַלעבאָס פון אָפיס און זיך אָוועקגעשטעלט נאָך אויסטערנהן אביסל מיט באָריסן. פּסח האָט אַריינגעקוקט באָריסן אין די אויגן, ווי ער וואָלט געוואַרט ער זאָל עפּעס זאָגן. בשעת באָרים האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, איז ער באַלד אונטערגעלאָפן מיט אַ שוועבעלע. ער האָט אים אפילו אונטערגעטראָגן אַ שטול און אים געבעטן זיצן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער קוקט אַריין זיין יוגנט־חבר אין די אויגן מיט דער זעלבער אונטערטעניקייט, ווי אַ דינער זיין האַר... ער האָט געפילט ווי נאַריש ער האַנדלט — אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן. וואָס איז פון אים געוואָרן? ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין חונף, שטענדיק געווען שטאָלץ ביי זיך...

און וואָלט דאָס געווען בלויז דעם טאָג — אָבער דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך געטראָפֿן מיט באָריסן. ער האָט אָנגעהויבן באָריסן אויסמײַדן. ווען ער האָט אים געזען אָנקומען, האָט ער זיך באַהאַלטן, אָדער ער האָט זיך געמאַכט אים נישט זען. אָבער באָריס האָט אים אַלעמאָל אָנגעפּאַקט. אַזוי־ווי זײַנע „ביזנעס" זענען געווען נישט ווײַט פֿון דעם פּלאַץ, ווו פּסח האָט געאַרבעט, האָט ער אים שטענדיק אַביסל אונטערגעפֿירט אין זײַן אויטאָ אויפֿן וועג אַהיים. פּסח האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט בשום־אופֿן באָריסן מטריח זײַן, נאָר יענער האָט זײַנע בקשות אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און זיך צעלאַכט מיט אַ ברייט, הילכיק געלעכטער:

— ס'מאַכט נישט! דאַרפֿ'ט מעטער... כ'האָב ליב צו טאָן אַ מענטש אַ טובה. נאָך דערצו אַ יוגנט־חבר!

אויפֿן וועג האָט פּסח קיינמאָל נישט געוווסט וואָס צו רעדן מיט באָריסן, לאַנג גענישטערט ביי זיך אין קאָפּ, געזוכט די ווער־טער וואָס אים צו זאָגן. טאָמער האָט ער עפּעס צו אים געזאָגט, האָט ער אים באַלד אַרײַנגעקוקט אין פּנים, כדי צו זען ווי זײַנע ווערטער האָבן אויף אים געווירקט. צי האָט ער אים נישט מיט עפּעס באַ־לײדיקט... צי האָט ער אים נישט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען עס נאָך שלעכט אויסטײַטשן... ער האָט באָריסן געפֿאָרשט, צי ער איז גוט געשטימט, צי שלעכט. באָריס האָט אַ טבע געהאַט אויס־צופֿרעגן פּסחן וועגן זײַנע איבערלעבענישן אין די מלחמה־יאָרן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געדענקט די ענטפֿערס און געפֿרעגט דאָס זעלבע עטלעכע מאָל. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט ווי פּסחס ווײַב הייסט און פֿונדעסטוועגן האָט ער אַלעמאָל איבערגעפֿרעגט:

— יאָ, ווי הייסט דײַן פֿרוי? ב־ב־ב...

— בלאַנקאַ.

— ס'זעט אויס, אַז זי האָט מיך נישט ליב, בלאַנקאַ. וואָס רעדט זי צו מיר קיינמאָל נישט אויס אַ וואָרט... כ'האָב איר, חלילה, עפּעס שלעכטס געטאָן? כאַ, כאַ, כאַ... — האָט זיך באָריס צע־לאַכט מיט זײַן קלינגענדיק געלעכטער.

— חלילה! חס ושלום! — זענען פּסחס דערשראָקן־בלויע אויגן געוואָרן צעשוווּמען־בלאַס. ער האָט געוווסט, אַז בלאַנקאַ קען נישט לײַדן באָריסן און רעדט אויף אים אויס. צי האָט ער דאָס נישט אונטערגעהערט? איינמאָל, ווען באָריס איז צו זיי געקומען, האָט

זיך פונקט בלאַנקאַ מיט אים געקריגט און אויסגערעדט אויפֿן גרויסן בעל־טובה.

— כ'האָב געמיינט, אַז זי האָט צו מיר אַ טענה... — האָט באָרים ווייטער געצויגן דעם שמועס — אָבער וואָס קען זי טאַקע צו מיר האָבן? — האָט ער גערעדט ווי צו זיך און געפּרוווט אַלץ צו פֿאַרגלעטן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז עס קען אים ווער באַרעדן.

ער איז אויף אַ רגע שטיל געבליבן און זיך באַלד ווידער אָנ־גערופֿן:

— וואָס איז געוואָרן מיט דיין מיידל פֿון דער היים, פּסח? ס'איז געווען יענץ מיידל! אַ יפֿי־פֿיה... — האָט ער פֿאַרמרוזשעט איין אויג — ס'איז געווען אַ מיידל, אַ צאַצקע. כ'האָב זיך אַליין אין דער שטיל אונטערגעליבט אין איר, אָבער זי האָט נאָר דיך ליב געהאַט... ווייזט אויס, אַז דו האָסט זי פֿאַרכישופֿט מיט דיינע רעפֿעראַטן וועגן הערצלען, וועגן ביאַליקן. קיין שיינער ביסטו קיינ־מאָל נישט געווען... מען האָט דיך גערופֿן „ביעלאַס" צוליב דיינע ווייסע האָר. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט האַלטן קיין רעפֿעראַטן. וואָס איז געוואָרן מיט יענעם מיידל?

— דאָס מיידל איז געווען מיין ערשטע פֿרוי — האָט פּסח אָפּגעהאַקט — זי איז אומגעקומען אין לאַגער ...

— כ'האָב נישט געוווּסט... זיי מיר מוחל, אויב כ'האָב דיר מיט עפּעס וויי געטאָן... — האָט באָרים געשטאַמלט — כ'בין פֿרי אַוועק פֿון דער היים. אין דער פֿרעמד האָב'ך געמאַכט בעסערע גע־שעפֿטן. דיין איצטיקע פֿרוי זעט אויס צו זיין אַ גאַליציאַנערין. כ'האָב געטראָפֿן, צי ניין?

— האָסט געטראָפֿן.

— אַ געשטראָפֿטע... — האָט באָרים זיך אַ ווײצל געטאָן.

— כ'ווייס נישט. — איז פּסחן נישט צום האַרצן געווען די חכמה.

— פֿאַרוואָס איז דיין פֿרוי קיינמאָל נישט צופֿרידן? זי איז נישט גליקלעך. זי שמייכלט אינגאַנצן נישט. כ'האָב זי נאָך נישט געזען שמייכלען...

— וואָס האָט זי צו זיין גליקלעך? אַז די מלחמה איז אויסגע־בראָכן איז זי נאָך געווען אַ שילערין אין דער גימנאַזיע... — האָט פּסח פֿיינט געהאַט, אַז מען רעדט אויף זיין ווייב — זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף... דאָרטן זענען געווען אַ סך אוקראַ־

אינער, וואָס האָבן זי יעדע מינוט געקענט דערקענען און אויס־געבן... נאָך דער באַפרייאונג האָט זי געמיינט, אַז אַלץ וועט זיין ווי אַמאָל. די עלטערן וועלן לעבן. די ווירקלעכקייט האָט זי דער־שיטערט, זיך געלייגט שווער אויף איר. ביזן היינטיקן טאָג איז זי געבליבן אין איר מענטאַליטעט די גאַליציאַנער גימנאַזיסטקע. אין יפו האָט זי זיך נישט געקענט צוגעווינען צו דער אָרעמקייט. דאָ האָט זי אויך נישט אַזאַ גוט לעבן... — האָט פּסח זיך אָפּגעביסן די צונג, נישט געוואָלט ווייטער רעדן.

— וואָס האָט זי צוגעלייגט צו אויסטראַליע? דער באָבעס ירושה? כ'האָב געפונען פאַר דיר אַרבעט... האָסט אַ פיין הויז... פאַרוואָס ביסטו טאַקע געקומען פון ישראל? — האָט באָרים ליב געהאַט צו שטעלן פּסחן אַלעמאָל די זעלבע קשיא.

— פאַרוואָס פאָרסט דו נישט קיין ישראל? — האָט זיך ביי פּסחן אַרויסגעכאַפּט. ער האָט באַקומען פּלוצים דרייסטקייט און איז צופרידן געווען וואָס ער האָט געפרעגט זיין יוגנט־חבר די קשיא, וואָס ער האָט אים שוין לאַנג געוואָלט פרעגן.

— כ'בין שוין דאָ פון אָנהייב מלחמה. כ'בין געקומען אַהער דורך רוסלאַנד און יאַפּאַן. כ'האָב זיך שיין אַרויפגעאַרבעט, זיך צוגעוווינט צום לאַנד... מיינע קינדער שטודירן דאָ... גלייב מיר, ס'קאָסט מיך גענוג געלט יעדעס יאָר דער ישראל־אַפּיל. איך בין שוין געווען צוויי מאָל אויף אַ לוסט־רייזע אין ישראל. מ'האָמער אויפגעבויט אַ טייער לענדעלע!...

פּסח איז אַהיים געקומען אויפגערעגט און בייז. ס'האָט אים באַנג געטאָן וואָס ער האָט אַריינגעזאָגט באָריסן, אָבער אין זיך האָט ער דערפון אָנגעקוואָלן. פונעם גאַנצן שמועס איז אים געבליבן אַ בייגעשמאַק. ער האָט חשק געהאַט זיך אַרויסצוציען פונעם הויז און איבערלאָזן עס ווי ס'שטייט און גייט. סוף־כל־סוף האָט אים באָרים נישט געגעבן דאָס הויז. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער קען וווינען דערין ווי לאַנג ער וועט וועלן — אָבער ער האָט עס אים נישט געגעבן... ער גערעדנקט גאַנץ גוט די רייד... דאָס הויז דאַרף מען אויסמאָלן, אויספאַריכטן. ווייסט ער נישט, צי זאָל ער אַריינלייגן זיין אייגן געלט, צי זאָל ער גיין רעדן באָריסן. דאָס ווייב טרייבט אים ער זאָל מיט באָריסן רעדן. וואָס וועט זיין, אַז ער וועט אַריינלייגן אין הויז געלט און דערנאָך וועט אים באָריס הייסן גיין?

פּסח איז אַריין אין באָד־צימער, כדי זיך אַביסל אָרומצווואַשן. ס'האָט זיך דאָ געשפּירט אַ טוכלער און דעמפּיק־גליטשיקער ריח,

ווי אויף א בוידעם, ווו ס׳רעגנט אריין. דער סופית איז געווען גע־שפּאָלטן און האָט זיך געקרישלט. פון די בייביק־געשוואָלענע ווענט האָבן ארויסגעשטאַרט פאַרזשאווערטע רערן. די וואַש־שיסל איז גע־ווען אָפּגעקראָכן און לעבערדיק. א קינד איז נאָכגעלאָפן פּסחן אינעם באָד־צימער, זיך געפּלאָנטערט לעבן זיינע פיס. האָט ער אויפן קינד אזא הוק געטאָן, אז ס׳האָט זיך א טרייסל געגעבן פון שרעק און זיך פאַרקייכט. ס׳איז אריין די מאַמע, צוגעטוליעט צו זיך דאָס קינד און ארויס אויף אים מיט א געשריי:

— וואָס לאָזטו אויס אויפן קינד דעם כעס, דו משוגענער! לאָז אויס דעם כעס אויף דיינע גוטע פריינד! וואָסי, באָרים האָט דיך שוין ווידער באַליידיקט?!

— פאַרמאַך ס׳מויל, אז נישט וועל איך עס דיר צומאַכן! — האָט זיך פּסח א ריס געגעבן צום ווייב — נאָר האַלט מיך נישט צו מיט מיינע גוטע פריינד! אין אַלץ ביסטו שולדיק! ס׳איז דיין שולד וואָס׳ך זע אויס אזוי... אז וועסט נאָך רעדן א וואָרט, וועל׳ך אַלץ צעברעכן. דו הערסט?!

— צעברעך! — האָט זי זיך געשטעלט מיטן קינד אויפן אָרעם הארט קעגנאיבער אים — כ׳וויל זאָלסט טאַקע אַלץ צעברעכן!

דאָס קינד איז זיך פריש פאַרגאַנגען אין א געוויין. כאָטש פּסח האָט געוווסט אז דאָס קינד איז גאָרנישט שולדיק, האָט אים אָנגע־נומען א חשק ארויסצורייסן ביים ווייב דאָס יינגל און עס גוט אָנשמייסן. בלאַנקאַ האָט אים צוגעהאַלטן מיט זיינע פריינד און ער האָט נישט געקאָנט אזוי לייכט איבער דעם אריבערגיין. דער פאַר־דרוס איז אין אים געוואַקסן. נאָך מער ווי שטענדיק האָט אים איצט אויפגערעגט דעם ווייבס אָפּגעלאָזנקייט, דאָס נאַסע האַנטוך, וואָס איז געווען ארומגעבונדן ארום איר קאָפּ און דער געבלימטער שלאָף־ראָק, וואָס זי האָט א גאַנץ גייענדיקן טאָג נישט אויסגעטאָן. ווו איז אהינגעקומען איר עלעגאַנץ? איר שיינקייט? זי פּרוווט אפילו נישט ארויסגיין אין א קאַפע־הויז. אין ישראל האָט זי ליב געהאַט ארויס־צוגיין אין א קאַפע־הויז מיט אירע חברטעס. דאָ זיצט זי שטענדיק אין שטוב, ווייל זיך נישט ארויסרירן. כאָטש ס׳האָט פּסחן אָנגענו־מען א גרויסער רחמנות אויפן ווייב און ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט אויף איר געשריגן, האָט ער פונדאָסניי זיך אָנגעהויבן אויף איר צו בייזערן:

— ווו איז דאָס מיטאָג?! זיצסט א גאַנצן טאָג אין שטוב און

טוסט גאָרנישט און דו באַווייזט אפילו נישט עפּעס אָפּצוקאָכן?!
וואָס טוסטו אַ גאַנצן טאָג?

— און ווער קוקט נאָך די קינדער? דו?! כ׳האָב גענוג צרות פון זיי אין דער שיינער דירה, דיינער! זיי לויפן אַרויס אַלעמאָל אין דרויסן... ס׳איז אַ סכּנה אַרויסצולאָזן די קינדער אין גאַס, ווו ס׳פאָרן אַזויפיל לאַסט־אויטאָס. האַלטן די קינדער ווידער אין דער שטוב אַ גאַנצן טאָג איז זייער שווער. זע נאָר ווי ס׳זעט אויס דיין חברס דירה! אַלץ איז אָפּגעריסן... ס׳רעגנט אַריין. אפשר וועסטו זאָגן דיין גוטן פריינד ער זאָל פאַרריכטן דעם דאַך און זאָל לאָזן אַביסל אויסמאָלן די חורבה. אַ מענטש קען דאָ נישט אַריינקומען...

— זאָג דו! האָסט נישט קיין מויל צו זאָגן? אין ערגעץ טויג דיר נישט. אין ישראל האָט דיר נישט געטויגט און דאָ קומסטו מיט פרישע טענות... אַז דו רעדסט אַזוי שיין, גיי דו צו אים! אפשר וועט ער דיך פאָלגן. גענוג איז אַז בּאָרים האָט מיר געגעבן דאָס הויז, זאָל׳ך נאָך קומען צו אים מיט פּרעטענסיעס? גיי דו! ערגעץ אַנדערש זענען די ווייבער די גאַנצע אויפטועריננס! ערגעץ אַנדערש שיקט מען דאָס ווייב עפּעס פועלן... נוץ אויס דיין שיינקייט און גיי צו אים...

— וואַ־אַ־אָס?! צו דיין חבר זאָל׳ך גיין? כ׳בין נאָך נישט אַזוי וויט אַראָפּגעפאַלן!

— וואָלסט געגאַנגען צו עפּעס ערגערס, ווען ס׳קוקט זיך נאָר ווער אום אויף דיר!

— דו מיינסט ווייל איך האָב דיך גענומען... ביסט מיך טאַקע נישט ווערט! כ׳בין נאָך גענוג שיין פאַר דיר, זאָלסט מיך מיט מיינע קינדער באַזאָרגן מיט אַ בעסערער דירה! קוק אָן אונדזערע באַ־קאַנטע... זיי זענען אויך געווען אין די לאַגערן... אין ישראל... און ווי רייך זיי זענען...

— האָסט מיט מיר נישט געטראָפן. האָסט אַ מאַן, אַ שלימזל. די ברירה איז ביי דיר! אַז עס געפעלט דיר נישט, קענסטו גיין!

— כ׳וועל טאַקע גיין! זע נאָר וואָס ער וויל אַלץ פון מיר מאַכן ... — האָט עס בלאַנקאַן צוגעפרעסט ביים האַרץ — אַ גאַסן־פרוי וויל ער פון מיר מאַכן!

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן!

— כ׳גיי שוין אַוועק פון דיר! כ׳נעם די קינדער און כ׳גיי! אָך, ווי איך האָב דיך פיינט!

— און וואָס מיינסטו, איך בין אין דיר פאַרכלאָפּטשעט?

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ וואַליזע, אַ כאַפּ געטאָן די קינדער און אָנגעהויבן צו וואַרפן אירע מלבושים אין אַ קופּע. בעת־מעשה האָט זי זיך צוגעלייגט אַ פרישן נאַס האַנטוך צום קאָפּ. די ליפּן זענען איר זייער טרוקן געוואָרן און אין האַלדז האָט איר געשטיקט אַ ווייטיק. טרערן זענען איר גערונען איבער די גרינע אויסגעהוילטע באַקן. דאָס ערגסטע איז געווען פאַר איר, ווען פּסח האָט איר געזאָגט, אַז ער איז נישט אין איר פאַרליבט. זי האָט דאָס אים געמעגט זאָגן, אָבער זי האָט דאָס פון אים נישט געטאָרט הערן. אַז די קינדער האָבן געזען ווי די מאַמע פּאַקט זיך, האָבן זיי שוין אינגאַנצן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. די גאַנצע צייט פונעם געקריג, האָבן זיי זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. זיי האָבן אַרומגעפלאַטערט ווי די היימלאָזע פייגל בעת אַ שטורעם. דאָ האָבן זיי זיך געטוליעט צו דער מאַמען און דאָ צום טאַטן. האָבן זיי געזען אַז דער טאַטע בייזערט זיך שטאַרק אויף דער מאַמען, האָבן זיי זיך פאַר איר אָנגענומען — און אַז די מאַמע האָט געשריגן אויפן טאַטן, זענען זיי געווען אויף זיין צד. איצט, ווען די מאַמע האָט זיך געפּאַקט, איז זיי אַריין אין קאָפּ, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער טאַטע. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און אים געשלאָגן מיט די הענטלעך.

— שלעכטער טאַטע, בע טאַטע... — זענען זיי אויסגעבראָכן אין אַ יללה — פאַרוואָס האָסטו ווי געטאָן דער מאַמען...

פּסח האָט מיט כעס אָפּגעשטופּט די קינדער, צולהכעיס דעם ווייב זיך נישט צוגערירט צום עסן און איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. אין דער פינצטערער, קאַלטער שלאָף־שטוב האָט אים ווידער אַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ מורא, טאָמער האָט ער טאַקע פאַרהערט און באַרים האָט אים נישט געגעבן דאָס הויז, און ער וועט אים אין איין שיינעם טאָג הייסן גיין. ווי נאַריש דאָס ווייב איז און הייסט זאָגן באַריסן, ער זאָל פאַרריכטן די דירה. דאָס וואָלט געווען די אמתע חוצפּה! פּסח האָט זיך דערפילט זייער איינזאַם. די פינצטער־נישט אין שטוב האָט זיך געוויגט, זיך געפּאַליעט און ער האָט זיך דערפילט אַזוי פאַרלוירן, ווי ער וואָלט זיך געפינען איינער אַליין אויף די רעשטלעך פון אַ צעשלאָגענער שיף אין מיטן פון אַ פינצ־טערן ים... ווו האָט ער צו גיין? צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן נאָך אַן עצה? די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, אָבער דער שלאָף איז אַזוי גיך צו אים נישט געקומען. מיטאַמאָל האָט זיך צו זיין בעט דערנענטערט אַ גרויסער שטיינערנער געטש. דער געטש איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אויסגעזען קעגן אים ווי אַ קאַרליק... דער

געטש האָט שווער געטרעטן אויף אומגעלומפּערט־ריזיקע פּיס. ביי יעדן טריט זיינעם האָט זיך די איינגעשרומפּן־שוואַכע פּאָדלאָגע גע־שאָקלט. פּסח האָט אים קוים דערגרייכט צו די פּיס און אַרויפגעקוקט צו אים, ווי צו אַ באַרג. ער איז געלאָפן אַרום און אַרום דעם געטש, וואָרים ער איז אים געווען עפּעס קענטלעך. אַז ער האָט סוף־כּל־סוף דערקענט ווער דאָס איז, האָט ער אַזש אַ געשריי געטאָן פון חידוש:

— דאָס ביסטו, באָרים? וואָס טוסטו דאָ? דו קומסט שוין צו מיר אפילו אין שלאָף?

— אַבי דו האָסט מיך דערקענט. — האָט דער געטש קוים געעפנט דאָס מויל און ס׳זענען פון דאָרט אַרויסגעפאַלן די ווערטער. האַרטע און טרוקן־שווערע, אָן אַ שום קלאַנג, ווי שטיינער.

— כ׳זאָל דיך נישט דערקענען? אַ שיינע מעשה, נו... אומעטום ביסטו דאָ! קומסט צו מיר אפילו אין חלום... וואָס לויפסטו מיר נאָך? — האָט פּסח זיך געפּרוווט אַ וויצל טאָן.

— נאָר מאַך נישט מיט מיר קיין שפּאַס! כ׳האָב דיר ביז איצט נישט געוואָלט זאָגן, אָבער צי ווייסטו אַז כ׳האָב די אַנדערע וואָך געבורטסטאָג און מען מאַכט פאַר מיר אַ גרויסן באַנקעט . . . די שענסטע פּני פון דער שטאָט וועלן קומען...

— וואָס גייט עס מיך אָן? כ׳געהער נישט צו די פּני... — האָט פּסח זיך ווילעריש אַ שטעל געטאָן.

— פאַרוואָס זאָל דיך נישט אָנגיין? כ׳בין דיין חבר, צי נישט? כ׳וויל דו זאָלסט האַלטן אַ רעדע וועגן מיר. זאָלסט זיי דערציילן ווער איך בין. דו קענסט מיך פון דער היים... דו קאָנסט אַזוי שיין רעדן . . .

— כ׳ווייס, אַז כ׳בין געוואָרן דיין משרת... ס׳איז מיר אַזוי גוט געווען... איך בין געלעגן רואיק און געשלאָפן... קיינער האָט מיך נישט געטשעפּעט... כ׳האָב פאַרגעסן אין מיינע צרות... קומסטו און נעמסט מיר צו מיין רו! דו פילסט זיך גוט מיט דעם וואָס איך בין דיין קנעכט...

— כ׳האָב זיך מיט דער צייט צוגעוווינט.

— ס׳אַ חוצפּה! וואָס ווילסטו זאָל איך אַלץ טאָן צו דיין גע־בורטסטאָג? ב׳זאָל דיר אויך ברענגען אַ מתנה? כ׳בין אָרעם! כ׳האָב נישט קיין געלט! וואָס מיינסטו, האָסט מיך אינגאַנצן אָפּגע־קויפט? . . .

— יאָ! — האָט אַ שטיינערן קול אַ דונער געטאָן. פּסחן האָט דאָס קול אַזוי אַרויסגעבערענגט פון די כּלים, אַז ער האָט זיך אַ

וואָרף גענעבן אויפן געטש. ער האָט אים אָבער קוים דערגרייכט צו די פיס און איז געווען קענן אים אַזוי שוואַך ווי אַ פליג. פסח האָט זיך געדראַפּעט אויפן געטש, איז געקראָכן אויף זיינע פיס, אויפן בויך און ער האָט געקנאַקט אין שטיין אריין מיט זיינע קליינע פויסט־לעך, וואָס האָבן אים זייער ווי געטאָן און אָנגעהויבן צו בלוטיקן. דער געטש האָט נישט געפילט קיין שום ווייטיק. ער האָט בלויז אַלעמאָל אַ קורצן לאַך געגעבן, גלייך עס וואָלט אים ווער געקיצלט. דאָס לאַכן האָט זיך הויך אַ קייקל געטאָן; ער האָט זיך דערביי איינ־גאַנצן געשאָקלט און דאָס הייזל האָט זיך מיטגעשאָקלט מיט אים... פלוצים איז דער געטש פאַרשטומט געוואָרן און פסח האָט דער־שפּירט ווי זיינע הענטלעך האָבן אָנגעטראָפן אויף עפּעס ווייכס, וואָס האָט דערמאָנט אין מענטשלעך לייב... פונעם געטש אין ארויסגע־רונען אַ שנורל בלוט...

— כ׳האָב אים דערהרגעט! כ׳האָב אים דערהרגעט! — האָט פסח געשריגן פון שמחה.

— וואָס איז געשען?! וואָס שרייסטו אַזוי? כ׳האָב אַזוי מורא! וואָס האָט זיך דיר געחלומט? דו האָסט אַזוי געשריגן... האָסט נאָך געקענט אויפוועקן די קינדער! — האָט פסח דערפילט אַ האַנט אויף זיין מויל.

— הא... וואָס?! נעם צו די האַנט! וואָס שטיקסטו מיך עפּעס? — איז פסח, אַ פאַרשלאָפענער, ארוים אויפן וויב — כ׳האָב געמיינט אַז דו ביסט שוין אַוועק פון מיר... מען קען פון דיר גאָרנישט פטור ווערן! וויפיל מאָל האָסטו שוין געזאָגט, אַז דו גייסט פון מיר אַוועק!

— וואָס ווילסטו פון מיר האָבן? וואָס פייניקסטו מיך? כ׳בין אַזוי אויך נישט גליקלעך... — האָט זיך בלאַנקאַ צעוויינט — האָסט מיר נעכטן געמאַכט אַזוי שוואַרץ... איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן אַז באָריסעס וויב איז דאָ געווען און האָט מיר איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ „וויזאַ־לאַנטשן"...

— זאָלסט נישט גיין, הערסט! — האָט זיך פסח אַ ריס געטאָן פון בעט — זאָלסט נישט גיין! זיי האָבן גענוג געלט אויף צו געבן... אויף צו שפּילן אין קאָרטן... דאַרפן זיי נאָך דיך האָבן? זע נאָר, ווי זי האָסט מיר אין מיין שוואַכן קאָפּ אריין אימיטן דער נאַכט מיט די אַלע מעשיות! האָסט שוין נישט געפונען קיין אַנדערע צייט? לאָז שלאָפן! כ׳דאַרף גיין צו דער אַרבעט אין דער פרי...

באַלד אינדערפרי האָט זיך פסח אויפגעכאַפּט און ער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג ווי ער האָט געהאַט ביינאַכט. ער האָט געהאַלטן, אַז בלאַנקאַ זאָל יאָ גיין אויף דער „וויזאַ־לאַנטשן", ווו דאָס ווייב פון באָריסן האָט זי ספּעציעל פאַרבעטן. אַ קלייניקייט עפּעס, זי איז אַליין געקומען און זי איינגעלאָדן!...

— כ'וועל נישט גיין! — האָט זיך בלאַנקאַ איינגעשפּאַרט — האָסט דאָך ערשט נעכטן ביינאַכט געזאָגט, כ'זאָל נישט גיין. וואָס וועל'ך אָנטאָן? אַלע ווייבער וועלן זיין אויסגעפּוצט און איך וועל אויסזען ווי אַ שלעפּערין... ווו וועל'ך איבערלאָזן די קינדער?

אָבער פסח איז באַשטאַנען דערויף זי זאָל גיין — און זי האָט אים בלית־ברירה געמוזט פאָלגן. ער האָט איר צוגעזאָגט צו קויפן אַ ניי קלייד, אַ ניי היטעלע. ער וועט איבעררעדן מיט אַ שכנטע, זי זאָל אַכטונג טאָן אויף די קינדער.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך פסח אַרומגעדרייט ביי דער אַרבעט, אַ צעטראָגענער. דער חלום איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ. בעת ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף באָריסן, האָט ער מורא געהאַט אים צו קוקן אין פּנים אַריין. ס'האָט זיך אים רק געדאַכט, אַז ער ווייסט אַלץ וואָס טוט זיך ביי אים אינעווייניק. ער ווייסט אפילו וואָס האָט זיך אים געחלומט. פסח האָט זיך געפילט שולדיק קעגן באָריסן, גלייך ער וואָלט אים עפּעס שלעכטס געטאָן...

פסח האָט געהאַלטן וואָרט, געקויפט דעם ווייב אַ ניי קלייד, אַ שיין היטעלע און ער האָט איר אויסגעמשלט געניו ווי צו פאָרן אויף דעם „לאַנטשן". ער האָט איר אויך געגעבן עטלעכע פונט, זי זאָל נישט זיין געענגט אין געלט. אַ נאַכט פאַר דעם „לאַנטשן" האָט זיך בלאַנקאַ געמוזט אויספּוצן אין די אַלע שיינע זאַכן. זי איז לאַנג געשטאַנען פאַרן אָפּגעריבן־געפּלעקטן שפּיגל, זיך געדרייט אין אַלע זייטן, אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט גוט זען. דערפאַר האָט דער מאַן און די קינדער זי געזען און זיי זענען אַריינגעפאַלן אין התפּעלות...

— זעסט אויס שיין, בלאַנקאַ... די אַמאָליקע בלאַנקאַ — האָט דער מאַן אָפּגעפּסקנט — וועסט זיין די שענסטע פון אַלע ווייבער...

— אַ שיינע מאַמע... ניים מאַמאַ... — האָבן די קינדער זיך געטוליעט צו דער מוטער, געגלעט די שיינע מלבושים און זי אַרומגעפּלאָכטן מיט די הענטלעך.

בלאַנקאַ האָט געשיינט. אויף אירע איינגעפאַלן־גרינע באַקן האָט געשוועבט אַ לייכטע, איידעלע ראַזיקייט און די דינע פיגור, וואָס איז לעצטנס געווען ביי איר אַ טראָפּעלע איינגעבויגן, האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער בויגעוודיקייט ווי ביי אַ יונג מיידל. טרערן פון דאַנקבאַרקייט האָבן זיך איר געשטעלט אין די גלאַנציק־יונגע אויגן.

אָבער פונקט ווי בלאַנקאַ איז אַוועק אַ האַפּערדיקע אויף דעם „לאַנטשן", אַזוי אָפּגעשמיסן איז זי פון דאָרט צוריקגעקומען. באַלד ווי זי איז צוריק אַהיים געקומען, האָט זי מיט כעס אויסגעטאָן דאָס היטעלע, דאָס קלייד און איז אַריין צוריק אינעם אַלטן שלאָף־ראָק. פסח האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ס'איז איר נישט געגאַנגען ביי באַריסן אין שטוב. ער איז געווען בייז אויפן ווייב, וואָס שטאָט צו רעכט צו מאַכן עפּעס, האָט זי נאָך אַלץ קאַליע געמאַכט... כאָטש ער האָט געחלשט צו וויסן וואָס איז געשען, האָט ער זיך נישט אָנגערופן צו בלאַנקאַן מיט קיין וואָרט. דאָס ווייב האָט אויך געשוויגן, זיך אַרומגעדרייט, אָן אָנגעדרודלטע. ערשט נאָך דעם ווי זי האָט געלייגט שלאָפן די קינדער, האָט זי אַרויסגעפּלאַצט.

— ווילסט גאָרנישט וויסן וואָס דאָרט איז געווען?! — האָט זי זיך האַסטיק אַ קער געטאָן צום מאַן. זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און אָנגעהויבן אַרויסצושיטן פון זיך וועגן די שיינע שטעטער, וואָס די ווייבער האָבן געטראָגן אויף דעם „לאַנטשן"; וועגן די נייע מעבל, וואָס מען האָט ערשט אינעם לוקסוס־הויז אַריינגעשטעלט; וועגן די טייערע געבעקסן, וואָס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט אויפן רייך־סערווירטן טיש. די ווייבער האָבן זיך באַוויזן מיט די שטעטער, געוואָלט איבערשטייגן איינע די אַנדערע... כאָטש זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען אויף אַ דיעטע, האָבן זיי גענומען אַראָפּ־רוימען פון טיש... די באַלעבאָסטע האָט זיך גערימט, אַז די אַלע געבעקסן האָט זי אַליין געמאַכט, אָבער אַז מען האָט זי געפרעגט אויף אַ „רעסיפּי", האָט זי נישט געוואָלט אויסגעבן דעם סוד. ס'האָט וועגן פון די פרויען דערמאָנט, אַז דאָס קומענדיקע מאָל וועט פּסח, באַריסעס חבר, האַלטן אַ רעפּעראַט, נאָר קיינער האָט זיך צו איר נישט צוגעהערט. מ'האָט זיך באַלד גענוצט שפּילן קאָרטן. די פרויען האָבן געזאָגט, אַז ס'גייט זיי נישט אין געווינען, אָבער אַז ס'האָט וועגן פון זיי פאַרשפּילט, האָבן די באַקן ביי איר זייער געפלאַמט... קיינער האָט זיך אויף בלאַנקאַן נישט אומגעקוקט און זי געלאָזט אַליין שטיין. ערשט ווען ס'האָט געפעלט אַ „האַנט" צו די קאָרטן,

האָט מען זי איינגעלאדן. דער סוף איז געווען אַז זי האָט פאַרשפּילט דאָס געלט און איז שנעל אַוועק...

אַ שטיקל צייט האָט פּסח באָריסן נישט געזען און ער איז געווען זיכער, אַז ער איז אויף אים ברוגז. מן־הסתם האָט בלאַנקאַ אַ סך איבערגעטריבן און ס'איז נישט געווען אַזוי ווי זי האָט אים דערציילט. פּסח האָט געזוכט באָריסן, געוואָלט וויסן צי ער איז טאַקע אויף אים אין כעס. אין אַ רעגנדיקער נאַכט, ווען פּסח האָט געאַרבעט איבערשעהן און האָט זיך שפּעט אומגעקערט אַהיים, האָט ער דערהערט ווי עס רופט אים ווער צו זיך אין אויטאָ. כאָטש ס'האָט גערעגנט ווי מיט צעבערס און מען האָט נישט געקענט זען, האָט פּסח תיכף דערקענט באָריסן. ביי באָריסן אין אויטאָ האָבן די ווישערס סיסטעמאַטיש געאַרבעט, געווישט דעם רעגן פון דער פראָנט־שויב. פּסח איז געזעסן אין איין ציטערניש טאָמער וועט באָרים האָבן צו אים אַ טענה פאַרוואָס בלאַנקאַ האָט באַליידיקט זיין ווייב. אָבער באָרים האָט דאָס גאָרנישט אין זינען געהאַט און געפרעגט:

— נו ס'איז געווען אַ שיינע „פּאַרטי" ביי מיר אין שטוב? האַ? בלאַנקאַ האָט געמוזט זיין זייער צופרידן! העפּי!

— יאָ! אַוודאי... זייער צופרידן... שטאַרק העפּי! — האָט פּסח תיכף ומיד צוגעשטימט.

— דאָס געלט גייט פאַר ישראל... פון די איינלאַדונגען... פון די קאָרטן... אַלץ פאַר ישראל...

באָרים האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן, געהאַלטן אין איין רימען דאָס ווייב. ס'האָט אים נישט געאַרט וואָס די אויטאָס פאָרן אַזוי געדיכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך אָנקלאַפּן. אין די רינשטאָקן האָט דער רעגן געפּלייצט מיט אַ רעש. דער וועג איז געווען אינגאַנצן פאַרגאָסן און די ליכטער פון די אויטאָס האָבן געצונדן דאָס וואַסער. אויפן פאַרפלייצטן וועג האָבן זיך געשפּיגלט די געשעפטן, די הייזער און ס'האָט זיך געדאַכט אַז אינעם וואַסער געפינט זיך אַן אונטער־וואַסער־שטאָט. בליצן האָבן ווי זילבערנע אָדערן זיך צעצווייגט אויפן הימל. דונערן האָבן טויב געקנאַלט. אָבער באָריסן האָט דאָס אַלץ נישט געאַרט און ער האָט כסדר גערעדט. פּסח האָט אַלץ מיט אים מסכים געווען...

פּסח איז אָנגעקומען צו זיך אין שטוב פּיטש־נאַס. די טיר און די פענצטער פונעם הייזל זענען געווען אויפגעריסן און דער קאָרידאָר

איז געווען פֿאַרשווענקט פֿון רעגן. אינעווייניק איז געווען פֿינצטער. ער האָט געוואָלט אָנצינדן די עלעקטרי, אָבער נישט געקענט. ער האָט געזוכט דאָס ווייב, זי גערופֿן און זי געטראָפֿן ליגן אין בעט. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און באַמערקט ווי זי ליגט באַגראָבן אונטער אַ באַרג קישנס. ער האָט זי געוועקט און זי האָט מיט שרעק אַרויס־געררוקט דעם קאָפּ פֿון אונטער די קישנס.

— כ׳האָב אַזוי מורא! — האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און זיך געטוליעט צו אים. — ס׳איז דאָ געווען אַזאַ ווינט, וואָס האָט שיער נישט אַוועקגעטראָגן דאָס הייזל! מער ווי אַ שעה האָט געבושעוועט דער שטורעם... פּונקט אַזאַ שטורעם איז געווען אַמאָל אין דעם אוקראַיִנישן דאָרף, ווו איך האָב זיך באַהאַלטן... ווען דער ווינט האָט געקלאַפּט אין טיר, האָב׳ך געמיינט אַז די דייטשן קומען מיך נעמען. איך האָב זיך פֿאַרגראָבן אין בעט אונטער די קישנס כ׳זאָל נישט הערן דאָס קלאַפּן אין טיר. ס׳איז געווען דער ווינט, אָבער איך האָב זיך אַזוי געשראָקן... איך האָב אַזוי מורא, פּסח!

פּסח האָט זיך צוגעזעצט צום ווייב אויפֿן בעט, געגלעט איר די האָר און געזאָגט:

— כ׳זע אַז דער ווינט האָט צעבראָכן די פֿענצטער, די טירן. אַלץ איז הפקר... ווו זענען די קינדער?

— זיי שלאָפֿן... גאָט זיי דאַנק... פֿרעג נישט וואָס איך האָב געהאַט פֿון זיי...

פּסח איז נאָך געבליבן זיצן אַביסל אויפֿן בעט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און אָנגעהויבן צו שרייען:

— מאָרגן ציען מיר זיך אַרויס פֿון הויז! כ׳גיי שוין צום „קעריער" און כ׳וועל אים באַשטעלן אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי!

פּסח איז אַרויס, געלאָפֿן גלייך צום „קעריער", וואָס האָט גע־וווינט עטלעכע הייזער ווייטער. ער האָט געהעמערט אין דער טיר אַזוי לאַנג, ביז עס איז אַרויסגעקומען אַ ברייט־פּלייציקער מאַנס־פּערשוין מיט די העמד־אַרבל פֿאַרשאַרצט איבער דיקע, שטאַרקע אָרעמס.

— וואָס ווילט איר? וואָס האָט איר אַזוי הויך געקלאַפּט? קיינער איז נישט טויב... — האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן אויף פּסחן.

— כ׳וויל איר זאָלט צוקומען צו אונדז מאָרגן מיטן טראַק... מיר ציען זיך אַרויס פון הויז. כ׳וויל איר זאָלט אונדז איבערפירן... באַלד אין דער פרי!

— כ׳ווייס נישט צי כ׳וועל האָבן צייט מאָרגן באַלד אין דער פרי... ווו ציט איר זיך?...

— כ׳ווייס אַליין נאָך נישט ווו... קיין ישראל... וואָס ווײַ־טער פון דאַנען! — האָט פסח אַ געשריי געטאָן — וואָס ווײַטער פון דעם הויז, ווו כ׳וווין... איר הערט?!...

בריוו וואס קומען צוריק

דער קבלת־פנים איז געווען פאַר אַ פּליט, וואָס האָט זיך גע־ראַטעוועט פון די געטאָס, פון די לאַגערן און געקומען צו פאָרן צו זיינס אַ פעטער קיין אויסטראַליע. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס די קרובים האָבן אַראָפּגעבראַכט צו זיך.

די אויפנאַם־„פּאַרטי" פאַר זיינעטוועגן איז געווען זייער אַ רעשיקע. מען האָט גערעדט אַלע אויפאַמאָל, זיך איבערגעשריגן איי־נער דעם אַנדערן. כאָטש דאָס הויז פון דעם פעטער איז געווען גרויס, איז דאָ געווען זייער ענג, וואָרים אַלע האָבן זיך געוואָלט טרעפן פּנים־אל־פּנים מיט דעם, וואָס איז געווען אין אַזויפיל געטאָס און לאַגערן און האָט די אַלע צרות איבערגעלעבט.

דער פּליט האָט זיך נישט געפילט באַקוועם. ער האָט זיך גע־פילט פאַרלוירן סיי אין די גרויסע שטובן, אויסגעבעט מיט די גע־בלימט־רויטע טעפּיכער און אָנגעשטעלט מיט די זילבער־העלע מעבל און סיי אין דעם טומל פון די פיל מענטשן, וואָס האָבן זיך, באַלד אויף צומאָרגנס נאָך זיין אָנקומען, געאַיילט אים צו זען און באַשאָטן אים מיט פאַרשידענע קשיות, ווי ער וואָלט אויף אַלץ מחויב געווען צו ענטפערן. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, וועמען פריער צו ענטפערן און אין גרויס פאַרלוירנקייט האָט ער געהאַלטן אין איין פאַרריכטן אויף זיך דעם צו־לויזן אַנצוג און צו בערשטלען מיט נערוועזע פינגער די קורץ־געשוירענע האָר. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט אין אַ שוי־פענצטער, ווו אַלע זענען געקומען אויף בייז וווּנדער אים אָנקוקן...

צום מיינסטנס האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים איין ייד, וואָס האָט נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט און כסדר געוואָרפן זיינע הענט און פיס, ווי אַ שפּיל־מענטשעלע, וואָס ווערט געצויגן פון שטריקלעך. דער ייד האָט שנעל, ווי ער וואָלט קיין צייט נישט געהאַט, אים רק אויסגעפרעגט אויף זיין גרויסער משפחה, וואָס ער האָט געהאַט אין פּוילן. ער האָט געהאַלטן אין איין אויסרעכענען

נעמען און שטעט, געמישט דאַטעס און זיך אויסגעפּרעגט וועגן אַלץ און אַלעמען, ווי פּוילן וואָלט געווען עפּעס אַ פּיצל שטעטל, וווּ אַלע קענען זיך. און אַז דער ניי־געקומענער האָט נישט געקענט זיינע קרובים, זיי נישט באַגעגנט, נישט אין געטאָ, נישט אין לאַגער, איז דער ייִד פּלוצים שטום געבליבן, מער גאָרנישט געפּרעגט און בלויז געמורמלט צו זיך אַליין, אַז מען האָט אים קוים פאַרשטאַנען:

— און כ'האָב אַלץ געוואַרט אויף אַ נס... אפשר... טאָמער... איז קיינער נישטאָ מער... קיינער נישט... אַלע אויסגעקוילעט...

געהערט דאָס פאַרלוירענע מורמלען פונעם ייִד, האָט דער פּליט אָנגעהויבן צו גריבלען אין זיין זכרון, כדי ער זאָל זיך מער דערמאָנען און ער זאָל קענען מער איבערגעבן די ייִדן ידיעות וועגן זייערע נאָענטע. ער האָט זיך באַמיט צו דערציילן וועגן זיינע העלדישקייטן, ווייל ער האָט געזען, אַז אַלע הערן זיך צו דעם צו מיט מויל און אויערן...

מען האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, יעדעס מאָל איז ווער אַנדערש צו אים צוגעקומען אַביסל נישט־דרייסט, געשטופּט אים די האַנט, אָפּגעגעבן אים „שלום־עליכם" און איבערגעחזרט געגנוי דאָס זעלבע, וואָס אַן אַנדערער האָט צו אים מיט אַ מינוט פריער געזאָגט. ער האָט דערציילט, אַ סך דערציילט — און ווי ס'איז געווען זיין טבע די לעצטע צייטן, זינט ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון די לאַגערן, האָט ער צוגעקלאַפּט איין אָפּצאַס צום אַנדערן אויף אַ מיליטערישן שטייגער. פון דער דאָזיקער געוווינשאַפט האָט ער זיך נישט אָפּגעווינט און זי איז אים געבליבן פון די לאַגערן, בעת ער האָט פאַר יעדן דייטש געמוזט אַראָפּכאַפּן דאָס היטל און זיך אויסציען פאַר אים ווי גרויס ער איז געווען.

צום ניי־געקומענעם איז געווען שווער צוצוקומען. דער עולם אַרום אים איז ערשט שיטערער געוואָרן דעמאָלט, ווען די באַלעבאָסטע פון הויז האָט אָנגעהויבן צו דערלאַנגען „אַפטערנון־טי". און גראָד דעמאָלט, ווען די באַלעבאָסטע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טאַץ טיי און קוכן, האָט די מיסיס בלייט דערהערט דערמאָנען פון דעם פּליטס מויל אַ נאָמען, וואָס האָט זי אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, אַזוי אַז עס איז שיער נישט אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט דאָס טעצעלע מיט דער טיי. כדי קיינער זאָל נישט באַמערקן, וואָס איז מיט איר געשען, האָט זי מיט טרייסלענדיקע הענט אַוועקגעשטעלט אויף דער גיך די טיי אויפן טיש און זיך אָנגעהאַלטן אָן אים מיט אַלע כוחות

נישט אוּמצוּפאַלן. זי איז געבליבן אַזוי שטיין אַ שטיקל צייט און מיט שרעק געקוקט אויף די הענט, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ קענען איר ווילן שטאַרק געטרייסלט, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין גרויסער היץ.

גאַנץ צופעליק און כלאחר־יד האָט דער ניי־געקומענער דער־מאָנט דעם נאָמען „יאַקוב האַלטער". ער האָט אים דערמאָנט אין שייכות מיט די געראַטעוועטע, וואָס זענען מיט אים צוזאַמען געווען אין לאַגער אין דייטשלאַנד. אָבער פאַר סאָניע בלייט האָט דער נאָמען אַ סך באַדייט, ווייל שוין איינמאָל האָט זי אים געוואָלט אויסמעקן פון זכרון און בשום־אופן נישט געקאָנט. אויב זי האָט פאַר דער מלחמה שוין ביסלעכווייז אין יאַקובן פאַרגעסן, האָט זי אין די צייטן פון די מלחמה־יאָרן אין אים כסדר געדענקט. זיין דין־געשניצט פּנים און זיינע איידעלע, דינע הענט זענען פון איר נישט אָפּגעטרעטן און מיט אַ שטילן פאַרוואורף גערעדט צו איר: האָסט פאַרגעסן אין מיר... האָסט מיך פאַרלאָזט... פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?...

יאַקובס ברוינע אויגן, וואָס זענען שטענדיק געווען אַביסל פאַרנעפּלט פון אַ קרענקלעכער היץ צוליב זיין לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האָט זי אומעטום געזען — זיי געזען, בעת זי האָט דערלאַנגט דאָס מיטאָג צום טיש און בעת זי האָט געלייגט די קינדער שלאָפן און זיי צוגעגרייט צו גיין אין דער שול. זי האָט אויך כסדר געפילט אויף זיך דעם באַריר פון זיינע דינע, איידעלע הענט, וואָס זענען אַלעמאָל געווען אַביסל פייכט. זיי האָבן באַרירט איר וואַרעם, פול לייב און זי האָט זיך געשראָקן פאַר זיי. אפילו אין שלאָף האָט זי די הענט געזען און איינמאָל האָט זי געפילט ווי שטייף־קאַלטע, טויטע פינגער גליטשן זיך איבער איר און עס ליגט לעבן איר אַ מת. זי האָט דעמאָלט לאַנג געשריגן פון שלאָף און דער מאַן האָט זי קוים געקאָנט באַרואיקן. זי איז ערשט צו זיך געקומען, ווען די קינדער, וואָס זי האָט אויפגעוועקט מיט איר שרייען, האָבן זיך צוגעלייגט צו איר אין בעט און זי האָט געשפּירט לעבן זיך זייערע פולכנע גופים. זי האָט זיך געטוליעט צו די קינדער, געשפּירט ווי זייערע וואַרעמע לייבער טאַיען אויף אירע פאַרשטייפט־קאַלטע אברים און זי האָט לאַנג געוויינט...

בשעת סאָניע בלייט האָט דערפילט, אַז אירע הענט טרייסלען זיך נישט מער אַזוי שטאַרק, ווי פריער, און זיי בלייבן ליגן אויפן טיש, אויסגעשעפּט און אָן כוחות, ווי אונטערגעשאָסענע פייגל, האָט

זי זיך שטיל, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַרויסגעגליטשט פון הויז, ווו עס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ גרויסער טומל. צווישן די מענטשן, האָט זי באַמערקט איר זון, שוין אַ בר־מצווה־בחור, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים ביבליאָטעק־שענקל. דאָס טעכטערל האָט זיך מיט די אַנדערע קינדער געשפּילט אין גאָרטן. זי האָט ביים טעכטערל פאַר־ראָכטן דעם שלייף אויפן קאָפּ, צוגעקעמט ביי איר די האָר און צו־געטוליעט צו זיך מיט איבערגעטריבענער מאַמישער ליבע. דאָס קינד האָט נישט געוווסט וואָס די מאַמע וויל פון איר האָבן און זיך געריסן צו די איבעריקע קינדער. אָבער סאָניע האָט דאָס טעכטערל אַזוי גיך נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט, ווידעראַמאָל פאַרראָכטן ביי איר דעם שלייף און צוגעקעמט די האָר און געטוליעט צו זיך, ווי זי וואָלט געזוכט זיך מיטן קינד צו באַשיצן פאַר אירע באַגאַנ־גענע זינד.

— מיין טייער מיידעלע... מיין ליב קינד... — האָט זי דאָס טעכטערל באַדעקט מיט קושן און געפּילט ווי די טרערן ווערגן איר אין האַלדז — האָסט ליב די מאַמען?... האָסט ליב?...

מיטאַמאָל האָט זי דאָס קינד אָפּגעשטופּט פון זיך און איז אַרויסגעלאָפן פון גאָרטן. זי האָט גיך אָנגעהויבן שפּאַנען אויפן טראָטואַר, נישט באַמערקט קיין מענטשן און דער שטאַרער בליק פון אירע גרינע אַגרעס־אויגן האָט געקוקט גלייך פאַר זיך.

— יאַקוב לעבט... ער איז געבליבן לעבן, יאַקוב... — האָבן אירע ליפּן שטיל געשעפּטשעט צו זיך אַליין און כסדר איבערגע־חזרט די זעלבע ווערטער — וואָס וועל איך איצט טאָן?... און אפשר האָב איך פאַרהערט?... געהאַט אַ טעות?... ניין, כ׳האָב נישט געהאַט קיין טעות...

סאָניע געדענקט וואָס זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך אין די שווע־רע מלחמה־יאָרן, ווען זי האָט וועגן יאַקובן נישט געהאַט מער קיין שום ידיעות. זי האָט זיך געגעבן אָנגעהערט, וואָס עס איז געוואָרן פון די יידן אין פּוילן — און אַ נדר געטאָן אַזוי גיך ווי זי וועט געוווּיער ווערן, אַז יאַקוב לעבט, וועט זי איבערלאָזן דעם מאַן מיט די קינדער און זיך אומקערן צו אים...

די לעצטע צייטן, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען קיין מעל־בורן די ליסטעס מיט די נעמען פון די געראַטעוועטע יידן, האָט זי זיך מיט אַ סך אומרו געוואָרפן אויף די רשימות און מיט איין בליק געוואָלט איבערלייענען אַלע נעמען אויפאַמאָל. זי האָט מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ, פול מורא און דערוואַרטונג, געזוכט די נעמען פון

אירע עלטערן — אָבער דער עיקר האָט זי געזוכט דעם נאָמען: יאַקוב האַלטער. זי האָט זיך אין דעם נישט געוואָלט מודה זיין, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז דער אמת. בעת זי האָט געהאַלטן די ליסטעס מיט די נעמען אין די ציטערדיקע הענט, זענען איר די אותיות געשפּרונגען אין פּנים אַריין, זיך אויסגעמישט אין אַ שוואַרצן פלעק. אַז פון דעם שוואַרצן פלעק האָט זיך איינמאָל אויסגעשיילט דער נאָמען „יאַקוב", האָט זי אַזש פאַרמאַכט די אויגן, ווייל אַ מונקלקייט האָט איר פאַרשטעלט די ראיה. זי האָט מורא געהאַט ווייטער צו לייענען. ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי אויפגעמאַכט צוריק די אויגן און דערזען, אַז דאָס איז געווען בלויז אַן אויסדוכטעניש — דער נאָמען „יאַקוב" איז אין דער ליסטע נישט געווען.

זי האָט פון יאַקובן אינגאַנצן נישט געהערט און זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. עס איז איר פון דעם עפּעס לייכטער געוואָרן, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע משא, וואָס האָט אויף איר נאָכאַנאַנד געדריקט. דאָס קליינע זינדיקע געדאַנקעלע, „אַז איצט וועט זי אויפהערן צו לײדן", האָט זיך זייטיק פאַרגנבעט אין איר מוח. אָבער זי האָט דאָס זינדיקע געדאַנקעלע געטריבן פון זיך, נישט געוואָלט עס צו זיך צולאָזן, כאָטש עס האָט זיך ווידער צוריק צו איר פאַרגנבעט. מען קען נישט וויסן, אפשר איז גאָר יאַקוב אַוועק פון פּוילן נאָך פאַר דער מלחמה... ווער ווייסט...

אָבער עס איז בלויז געווען אַן איינרעדעניש, אַז עס וועט איר לייכטער ווערן, ווען זי וועט זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז יאַקוב לעבט נישט מער. פאַרקערט, זי האָט אָנגעהויבן צו ליידן מער ווי פריער, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט אים מיט די אייגענע הענט אומגעבראַכט... זי איז שולדיק אין זיין טויט... פון יאַקובן איז איר געבליבן אַ קליינע מתנה — אַ דין זילבערן קייטעלע, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין מאַמען אַן אָנדענק, ווען ער איז געפאָרן קיין וואַרשע שטודירן. דאָס קייטעלע האָט ער שטענדיק געטראָגן אויפן האַלדז און עס אָפּגעהיטן, ווי אַ קמיע. בעת זי האָט געוואָלט אויספּרוּוון זיין ליבע און געבעטן, ער זאָל איר דאָס קייטעלע געבן, האָט ער דאָס קיינמאָל נישט געוואָלט טאָן. אָבער איינמאָל, ווען זי איז געווען ביי אים אין שטוב און אַוועקגעגאַנגען ערשט נאָך האַלבער נאַכט, האָט זי דאָס קייטעלע געהאַט הענגען ביי זיך אויפן האַלדז...

בעת זי איז געווען זיכער ביי זיך, אַז יאַקוב לעבט נישט מער,

האָט זי נישט געוווּסט וואָס מיטן קייטעלע צו טאָן. אַלעמאָל, ווען זי האָט עס גענומען אין דער האַנט אַריין, זענען איר די פינגער שטאַר געוואָרן און זי האָט עס אַרויסגעלאָזט פון די הענט. זי האָט אָנגע־הויבן פאַרן קייטעלע מורא האָבן און געזוכט אַן אָרט, ווו עס צו פאַרשטעקן. זי האָט עס געטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, פאַר־שטעקט אַלעמאָל ערגעץ אַנדערש — נאָר קיינמאָל נישט צופרידן געווען פון די באַהעלטעניש. איינמאָל האָט זי דאָס קייטעלע פאַר־שטופּט אונטערן טעפּיך, אָבער זינט דעמאָלט האָט זי מורא געהאַט צו באַטרעטן דעם טעפּיך. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי שענדט אַ הייליק אָרט. זי האָט צו זיך אַליין געהאַט גרויסע טענות פאַרוואָס זי האָט מורא פאַר דעם איינציקן אָנדענק, וואָס איז איר געבליבן נאָך יאַקובן...

זי נעדענקט אַזוי גוט יענע נאַכט, ווען זי האָט פון יאַקובן באַקומען דאָס קייטעלע. זי איז שוין דעמאָלט אַרומגעגאַנגען מיט אים אַ לאַנגע צייט און אָפט געקומען צו אים אין שטוב אַריין. ער האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז, וואָס זי. פּונקט אַקעגנאַיבער די פענצטער פון אירע עלטערנס דירה, האָט זיך געפונען דאָס פענצ־טער פון דער שטוב, ווו ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיינס אַ חבר. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אָפט בגנבה אַריבער־געבליקט צו דער שטוב, ווו עס האָבן געוווינט די צוויי סטודענטן. אינדערפרי האָט זי באַמערקט ווי זייביידע ווישן זיך אין דער גיך אין איין האַנטוך, שטופּן זיך לעבן קליינעם שפּיגעלע און קעמען אין דער איילעניש די נאַסע האָר. נאָכמיטאָג האָט זי באַמערקט ווי זיי דרייען זיך אַרום מיט די ביכער אין די הענט אין דעם קליינעם שטיבל, ווי אין אַ שטייג און לערנען זיך עפּעס פון אויסנווייניק. אין דעם שטיבל האָבן געוווינט צוויי בחורים — אָבער געזעען האָט זי בלויז איינעם. זי האָט געזען בלויז דעם, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ דין געשניצט פּנים און געלאָקטע טונקל־זיידענע האָר. אַז זי האָט בגנבה אַריבערגעבליקט צו די צוויי בחורים, האָט זי נאָר געזוכט דאָס דין־געשניצטע פּנים און די טונקל־געלאָקטע האָר. און אפּנים האָט דער בחור שוין אויסגעפילט, אַז זי קוקט בלויז צו אים און ער האָט אָפּגעוואַרט די מינוט צו בלייבן אַליין אין שטוב. ער האָט זיך דעמאָלט צוגעזעצט צום פענצטער און גערולדיק געוואַרט זי זאָל זיך באַווייזן. געשען איז דאָס צום מיינסטנס אין די זומערדיקע וואַרשעווער פאַרנאַכטן, ווען דער הויף אויף דזשיקע איז געשטאַנען איינגעהילט אין דער שקיעה און די אַוועקגייענדיקע זון האָט צום

לעצטן מאָל געהאַלדזט די אָפּגעשיילטע ווענט פון די פּאַציאַטקעס. זיי ביידע זענען דעמאָלט געשטאַנען ביים פענצטער און זייערע פאַרבאָרגענע בליקן האָבן זיך אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

און איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען דער הויף איז געווען פול מיט טומל און מיט קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אַ קונצן־מאַכער, אָנגעטאָן אין אַ צילינדער און אין אַן אויסגעריבענעם פראַק, האָבן זיי זיך נישט־אָפּגערעדטערהייט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, כדי זיך צו באַגעגענען אין הויף. צוגלייך מיט די קינדער האָבן זיי זיך אָװעקגעשטעלט ביים קונצן־מאַכער און געקוקט ווי ער שלינגט פייער, ציט סטענגעס פון מויל און מאַכט עפּעס האָקוס־פּאָקוס מיט אַן איי, וואָס ער שלעפּט אַרויס ביי אַ קינד פון אונטער דער פּאַכע. זיי האָבן געקוקט אויפן קונצן־מאַכער, אָבער זיי האָבן אים נישט געזען. יאַקוב האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל דערזען סאָניען שטיין אַזוי נאָענט פון זיך און זיין בליק האָט זיך זייטיק געגליטשט איבער אירע נעדיכטע געקרויזלטע האָר, איבער איר צעפּליגלטער, אַביסל געהויקערטער נאָז און איבער אירע הויכע פיס, וואָס האָבן מיט אַזאַ ווייכקייט געטרעטן אויף די שטיינער. און סאָניע האָט זיך געחידושט, וואָס יאַקוב איז אַזאַ הויכער. זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער איז אַזוי הויך.

אַז דער קונצן־מאַכער האָט פאַרענדיקט זיינע האָקוס־פּאָקוסן, האָט ער אַראָפּגענומען דעם צילינדער פון קאָפּ און זיך געאיילט איינצוזאַמלען דאָס געלט, איידער דער עולם ציט זיך אָפּ. ער האָט מיט אַ שיכורדיק־הייזעריק קול זיך געבעטן און זיך געבייזערט:

— פּאַנאָוויע, אַנטלויפט נישט ... אַז מען וויל זען, דאַרף מען באַצאָלן ... וואַרפט אַראָפּ אַ פּאָר גראָשן ... נו, פּאַנאָוויע... פּאַנאָוויע...

אַ נישט־צופרידענער האָט ער פאַרלאָזט דעם הויף און זיך געלאָזט גיין אין צווייטן. די קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן, כדי אין שכנותדיקן הויף ווידעראַמאָל צו באַוווּנדערן זיינע קונצן. און צווישן די טומלענדיקע און שרייענדיקע קינדער האָבן זיך געשטופּט פון טויער אַרויס סאָניע מיט יאַקובן. נאָר זיי זענען אין שכנותדיקן הויף נישט נעגאַנגען, זיך געלאָזט גיין צוזאַמען מיט דער גאַס אַראָפּ. זיי זענען אַרויס אויף מוראַנאָוו און זיך פאַרנומען צו גיין צו דער ווייסל.

שיין זענען די וואַרשעווער זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען איבער דער שטאָט הענגט אַ ראָזע־בלויער נעפּל, ווי אַ צאַרטע, דורכזיכטיק־

דינע הויט. די אַנקומענדיקע יונגע זומער־נאַכט מיט די ערשטע גרין־בלאַסע שטערן קניט שוין איבער די דעכער פון דער שטאָט. די טראָטואַרן זענען ביז איבער די ברעגעס אָנגעפילט מיט מענטשן און צווישן זיי שוועבן די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס זעען קיינעם נישט, נאָר הערן זיך איין צו דער שטים פון זייערע הערצער. די ווייסל ליגט דעמאָלט אַזאַ שטילע, ווי זי וואָלט זיך איינהערן אין די שעפּ־טשערייען פון די פאַרליבטע...

די דאָזיקע זומער־פאַרנאַכטן, בשעת סאָניע האָט זיך געטראָפן מיט יאַקובן, זענען איר אויף אייביק געבליבן אין זכרון. נאָכן שפּאַ־ציר ביי דער וויסל פלעגט זי אַרויפגיין צו יאַקובן אין דער „לעצטער שטוב", וווּ ער האָט געוווינט מיט זיין חבר. ווען זי איז אויף די שפּיץ־פינגער דורכגעגאַנגען די אַלע שטובן, וווּ עס האָבן געוווינט יאַקובס באַלעבאַטים און די איבעריקע סובלאָקאַטאָרן, האָט זי גע־פילט אויף זיך פיל פאַרדעכטיק־בייזע בליקעלעך. ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם בראַנד־וועג, וואָס זי האָט געמוזט דורכגיין, האָט זי יאַקוב גענומען אין זיינע קנאָכיקע, שטאַרקע אָרעמס און געקושט אירע גע־קרויזלטע האָר, וואָס האָבן געשמעקט מיט זומער און מיט ווייסל.

אַז זי האָט אָנגעצונדן די עלעקטרי, האָט זי באַמערקט די אומ־אָרדענונג אין שטוב. נישט־דערטרונקענע גלעזער טיי זענען געשטאַ־נען אויפן טיש, באַדעקט מיט אַן אַלטער צייטונג. אַן אָפּגעביסן פאַרדאַרט רעפטל ברויט, באַוואָקסן מיט גרינעם שימל, האָט זיך גע־וואַלגערט צווישן די שטויסן אָנגעלייגטע ביכער. נאָכדעם ווי זי האָט צוגערוימט אַביסל דאָס שטיבל, האָבן זיי זיך געזעצט עסן דעם „אויפשניט" מיט די פרישע קנאַקנדיקע בייגל, וואָס יאַקוב האָט געקויפט. ווי שטענדיק האָט סאָניע מורא געהאַט פאַר דעם סקעלעט־שאַרבן, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און גענוצט יאַקובן צו זיינע שטודיעס. זי האָט זיך געשראָקן פאַר די ליידיקע אויגן־לעכער, וואָס האָבן געגלאָצט אויף איר מיט דעם טרויער פון טויט און פאַרגעננ־לעכקייט און זי האָט דעם שאַרבן פאַרשטעקט אונטער די ביכער.

סאָניע האָט געזען ווי יאַקוב עסט מיט אַזאַ וועלפישן אַפּעטיט, גלייך ער וואָלט שוין אַ פּאָר טעג געפאַסט. זי האָט געוווּסט, אַז ער גיט אויס אויף איר דעם לעצטן גראָשן, קומט צו איר מיט בילעטן אין דער פילהאַרמאָניע, אין „טעאַטער פּאָלסקי", אין יידישן טעאַ־טער. ער האָט זיך ברייט געשטעלט, נישט געוואָלט זי זאָל וויסן אין וואָס פאַראַ נויט ער געפינט זיך. ער האָט געחלומט מיט איר פון די טעג, ווען ער וועט שוין האָבן געענדיקט אויף דאָקטאָר. ער וועט

אָבער ווייטער בלייבן וווינען אויף דער דזשיקע, העלפן די אָרעמע, צווישן וועלכע ער האָט אין די סטודענטישע יאָרן געלעבט...

כאָטש ער האָט אַלעמאָל אָפּגעוואָרפן איר מינדסטע הילף, איז זי פונדעסטוועגן אַרויפגעקומען צו אים אין שטוב אַריין, ווען קיינער איז נישט געווען, געבראַכט עפּעס צו עסן, געוואַשן זיינע העמדער. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט, האָט זי זיך צוגע־שפּאַרט אויף זיין בעט און געוואַרט אויף אים. אַז ער איז אָנגעקומען און געטראָפן דאָס עסן אויפן טיש, האָט זיך זיין שטאָלץ פּנים בייז אויסגעצויגן און ער האָט זיך צו גאָרנישט צוגערירט. אַ ברוגזער האָט ער זיך אויסגעצויגן לעבן איר. צערייצט פון הונגער און פון איר וואַרעם לייב, האָבן זיך זיינע הענט אַליין ענגער און הייסער אַרום איר פאַרפלאָכטן. זיי זענען געבליבן ליגן אויפן בעט ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן און די אָנגעצונדענע ליכטער פון די קעגנאיבערדיקע פענצטער זענען זילבערדיק־גרין געפלאָסן אויף די ווענט פון שטיבל. צוליב די ליכטער, וואָס האָבן זיך געווינגט אויף די ווענט פון טונקעלן שטיבל, ווי פאַליעס פון אַ טייך, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי געפינען זיך ערגעץ אין אַ קאַבינע פון אַ שיף און שווימען צווישן גרינע, ברויזנדיקע וואַסערן...

דאָס אַלץ האָט אָבער געדויערט אַזוי לאַנג — ביז ס'איז אָנ־געקומען דער אויסטראַליער, מיסטער בלייט, אויף אַ לוסט־רייזע צו זיינע עלטערן און איז אַראָפּגעפאַלן, ווי פון הימל, אין הויף אויף דזשיקע. דער אָרעמער הויף איז באַלד פול געוואָרן מיט אים, ווי עס וואָלט זיך דאָ געטראָפן אַ גרויסער נס . . .

סאָניע האָט איצט געשפּרייזט האַסטיק איבער די מעלבורנער גאַסן, זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז זי געפינט זיך זייער וויט פון דעם הויז, וווּ זי האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן מיט די קינדער. זי האָט גיך געשפּאַנט צווישן לײַדיקע, אומעטיקע ביימער אין אַ האַרבסטיק־פאַרלאָזענעם גאָרטן. אונטער אירע טריט האָבן זיך געוואַלגערט גאָלדיק־געלע בלעטער, וואָס זענען ביי די ראַנדן געווען צעצונדן פון אַ רויטלעכן פלאַם, ווי זיי וואָלטן געהאַט היץ. סאָניען האָט זיך געדאַכט, אַז די בלעטער זעען אויס ווי פאַרדאַרטע דלאָניעס. אַ ים מיט קראַנקע, געלע דלאָניעס, וואָס ברענען פון היץ. זי האָט געפילט אַז אויך זי ברענט פון היץ. זי האָט זיך איצט בשום־אופן נישט גע־קענט דערמאָנען גענוי ווי נאָך ס'איז געשען, וואָס צוזאַמען מיטן אויסטראַליער איז זי פּלוצים געוואָרן די הויפּט־טעמע אויפן אָרעמען הויף. זי דערמאָנט זיך בלויז, אַז זאַוועלע, דער שמש פונעם „שטיבל"

איז אַלעמאָל מיט זיינע ווייבע ריידעלעך געקומען צו אירע עלטערן און זיך פאַרשפּאַרט מיט איר פאָטער אין אַ חדר־מיוחד.

לכתחילה, איז איר פאָטער זאַוולס וויזיטן נישט אָנגעשטאַנען. דער פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער און ער האָט מיט אַ סך ווירדע דורכגעטענצלט דעם הויף מיט זיין יחוסדיק־לופטיק גענגעלע, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט ס'זאָל זיך עפּעס צו אים נישט צוקלעבן. אַז זאַוועלע האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אירע עלטערן און דער פאָטער האָט פאַרזיכטיק אַריינגעשטעלט זיינע גאָלדן־געראַמטע ברילן אין דעם קיילעכדיקן טיר־פענצטערל, האָט ער זאַוועלען אינגאַנצן נישט געוואָלט אַריינלאָזן. אָבער זאַוועלע האָט זיך יאַקאָש יאָ אַריינבאַקומען צו אים אין דער שטוב. בשעת זאַוועלע האָט סאָניען גערעדט דעם שידוך מיטן „אויסטראַליער", האָט דער פאָטער תחילת נישט געוואָלט דערפון הערן. אָבער זאַוועלע האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל יאָ הערן.

און נישט בלויז זאַוועלע אַליין האָט זיך געלייגט אין דער לענג און ברייט, עס זאָל ווערן פון שידוך, נאָר דער גאַנצער הויף האָט עפּעס ווי געשטויסן דערצו. און דער „אויסטראַליער" אַליין איז אויך נישט געשטאַנען מיט קיין פאַרלייגטע הענט. קודם־כל האָט ער זי אָנגעהויבן נישט־באַקאַנטערהייט צו גריסן, ברייט אַראָפּגענומען פאַר איר דעם העלן אויסלענדישן קאַפּעליוש און געזאָגט צו איר „העלאָ", ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע. ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז זי איז באַשטאַנען אַרויסצוגיין מיט אים אין דעם רייכן נאַכט־לאָקאַל „אַדריאַ", ווו ער האָט געוואָרפן מיטן געלט אויף רעכטס און לינקס. אַז ער האָט איר דאָס ערשטע מאָל געבערענגט אַ מתנה, אַ דימענטענעם בראַנזאָלעט, האָט זי די מתנה נישט געוואָלט נעמען. אָבער דער מיסטער בלייט האָט געלאַכט פון איר מיט אַזאַ זאַרגלאָז, פריילעך געלעכטער, אַז זי האָט זיך געשעמט נישט צו נעמען די מתנה. בכלל איז דער אויסטראַליער געווען שטענדיק אַזוי פריילעך און ביי אַלע פאַר ווערטער געזאָגט אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער „אָל־רייט", אַז די ווייבער אין הויף זענען זיכער געווען, אַז אויסטראַליע געפינט זיך אין אַמעריקע... די ווייבער האָבן גערעדט צווישן זיך:

— באַשערט אַ גליק!... די מאַאַד וועט אויפגעראַכט ווערן... דער טאַטע, דער בויכהאַלטער שטעלט זיך אין פּאַסאַן... אָבער מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו פּאַאַפן... ער מאַכט זיך פאַר אַ צעליינגאַר ... אַ פענטאַטשינע ... אַ לאַטעק...

דער אויסטראַליער איז פאַרבליבן אין וואַרשע כמעט אַ יאָר.

ס'האָט געהייסן, אַז ער וואַרט אויף מאַשינען צו זיין טעקסטיל־פאַבריק אין אויסטראַליע — אָבער מען האָט קיינעם קיין פינגער אין מויל נישט גענדאַרפט שטעקן, אַז ער האָט נישט אין זינען אַזוי ווייט די מאַשינען, ווי דאָס מיידל, וואָס ער האָט כסדר געפירט אין די דאַראָזשקעס איבער די וואַרשעווער גאַסן.

כאָטש סאָניע איז אַלץ אָפטער ארויסגעגאַנגען מיטן „אויסטראַליער", איז זי אַלעמאָל, אַ צעפלאַמטע, פול מיט חרטה, געקומען צו יאַקובן. יאַקוב האָט זי אָבער נישט געוואָלט מער זען. עס האָבן נישט געהאָלפן אירע טרערן, אַז זי וועט זיך מיטן „אויסטראַליער" מער נישט טרעפן, אַז אירע עלטערן זענען אין אַלץ שולדיק — יאַקובס שטאָלץ פּנים האָט זיך צומאָל נישט אַ באַוועג געטאָן און ער האָט איר נישט געוואָלט מוחל זיין.

— גיי!... — האָט ער זי געטריבן — כ'וויל דיך מער נישט קענען!... גאַנץ אַנדערש האָב איך וועגן דיר געטראַכט...

בשעת זי איז אַרויס פון יאַקובן, איז זי געווען אינגאַנצן איינגעטונקען אין טרערן און זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט זיך מיטן אויסטראַליער מער נישט באַגעגענען. אָבער אַז דער מיסטער בלייט איז צו איר געקומען און זי געטראָפן מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען, האָט ער פונדעסטוועגן ביי איר געפועלט, זי זאָל מיט אים אַראָפּגיין אַביסל שפּאַצירן, כדי צו פאַרגעסן אין די צרות.

כאָטש מיסטער בלייט איז פאַרבליבן אין וואַרשע כמעט אַ יאָר צייט, האָט זי מיט אים נישט געוואָלט חתונה האָבן. עס איז געוואָרן אָפּגעמאַכט, אַז קודם־כל זאָל ער זיך אומקערן צוריק קיין אויסטראַליע און זי וועט אים שפּעטער נאָכקומען. דעם טאָג, ווען זי האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין, איז זי אַרויפגעגאַנגען צו יאַקובן און אים געזאָגט, אַז זי פאָרט אַוועק מיט דער איינציקער האָפענונג אים באַלד צו ברענגען צו זיך, ער זאָל אין אויסטראַליע רואיק קענען ענדיקן זיינע שטודיעס. זי וועט וואַרטן אויף אים, ווייל נאָר אים האָט זי ליב!....

אָבער זי האָט יאַקובן צו זיך נישט אַראָפּגעבראַכט. אַז זי איז געקומען קיין מעלבורן אין דעם רייכן מאָדערן־אויסמעבלירטן הויז, וואָס מיסטער בלייט האָט פאַר איר צוגעגרייט, האָט זי די ערשטע צייטן דאַרטן נישט געקענט איינזיצן. זי איז שוין אפילו גרייט געווען צו פאָרן צוריק אַהיים. נאָר מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוווינט צום רייכן הויז און ביסלעכווייז פאַרגעסן אין יאַקובן...

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען סאָניע האָט מיטאַ־

מאָל דערפילט, אַז עס איז איר שטאַרק קאַלט און עס שווינדלט זי אין אַלע אבֿרים. זי האָט באַמערקט, אַז זי האָט מער ווי אַ לייכט קליידל נישט געטראָגן אויף זיך. זי האָט געוואָלט נעמען אַ נאַכט־טראַמוויי, אָבער זי האָט נישט געהאַט צומאָל קיין כּוח זיך אויפֿצוזעצן. זי איז זייער איינגעשרומפּן געוואָרן, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זי ווער נישט באַמערקן. כאָטש די גאַס איז געווען איינגאַנצן ליידיק, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פֿיל אויגן טייטלען אויף איר, דער זינדיקער... אַ רעגן האָט אָנגעהויבן טריפֿן אין דער קרום, טרויעריק זיך געדרייוולט ארום די שיטערע, טונקל־ברענענדיקע גאַסן־לאָמפּן און געשפּיזלט איר לייב. זי האָט געוואָלט רופֿן אַ „טעקסי", אָבער אַז אַ „טעקסי" איז פּלוצים מיט אַ שטאַרקן גע־פּילדער אָנגעלאָפֿן און איר ווייס אַ בלענד געטאָן אין די אויגן מיט די העל־צעצונדענע לאָמפּן, האָט דער שאָפֿער זי אַפֿילו נישט באַמערקט און פֿאַרביי איר גיך דורכגעפֿלויגן. זי האָט געדענקט, אַז זי קאָן פֿון אַ טעלעפֿאָן־בודקע אָנקלינגען אַהיים, נאָר אויף צולהכעיס האָבן זיך אַלע בודקעס פֿאַר איר באַהאַלטן. זי האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות געשלעפּט אַהיים צו־פֿוס איבער די ליידיקע, פֿינצטערע גאַסן. זי איז דורכגעווייקט געוואָרן ביזן העמד, נאָר זי האָט זיך דערפֿון נישט געמאַכט. זאָל זי אָפּקומען אַביסל פֿאַר אירע זינד...

פֿאַרטאָגנס, ווען אַ פֿרישער מעלבורנער טאָג האָט זיך פֿויל אויס־געשיילט פֿון אַ געדיכטן נעפּל און זיך געווייקט אין אַ פֿינצטער־גרויען רעגן, האָט מען זי געפֿונען זיצן אָנגעשפּאַרט אין אַ פּאַרקן, נישט ווייט פֿון איר הויז. זי האָט נישט געדענקט פֿון וואַנען זי האָט זיך אַהער גענומען. זי איז געווען בלוי פֿון קעלט און עס האָט געקלאַפּט ביי איר אַ צאָן אָן אַ צאָן. דער מאַן האָט זי געמינטערט:

— ווו ביסטו געווען, טייערע?... מען האָט דיך אַרומגעזוכט איבער גאַנץ מעלבורן... כ'בין שוין געווען שטאַרק באַזאָרגט... וואָס איז געשען?!...

אָבער זי האָט אים נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

גאַנצע צוויי וואָכן איז זי דערנאָך געלעגן אין בעט, זיך גע־וואָרפֿן אין היץ. דער דאָקטאָר האָט פֿאַרטרויט דעם מאַן, אַז זי האָט געמוזט האָבן עפּעס אַ שטאַרקע איבערלעבונג און עס וועט דויערן אַ שטיקל צייט ביז זי וועט קומען צו זיך. זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן עפּעס אַ פּליט — אָבער מען האָט געמיינט, אַז זי רעדט פֿון וועג. כאָטש זי האָט געדאַרפֿט האָבן רו, האָט זי נישט געקענט צוטאָן קיין אויג. אַז זי איז, אַן אויסגעשעפּטע, אַנטדרימלט

געוואָרן אויף עטלעכע רגעס, האָט זי באַלד געהאַט אויסטערלישע זעאונגען. זי האָט רק געהערט שיסערייען, קולות, וואָס זענען איינגעזונקען געוואָרן צווישן ברענענדיקע, איינפאַלנדיקע הייזער... מען האָט געשמיסן איר לייב מיט בייטשן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום איר, ווי לאַנגע שרפהדיקע פייער־שלאַנגען. מיט אַ פחד־געשריי האָט זי זיך אויפגעריסן פון האַלבן דרימל — אָבער אַז די אויגן זענען איר צוריק פון מידקייט צוגעפאַלן, איז זי ווידער דורכגעגאַנגען די זעלבע שרעקלעכע פייניקונגען.

דער מאַן האָט זי געפרווט איינגעמען — אָבער זי האָט אים געטריבן פון זיך. זי האָט אים איצט זייער פיינט געהאַט. אַז ער האָט זיך אריבערגעבויגן איבער איר, האָט זי געזען פאַר זיך אַזא גרויס, זאַט פנים. ער האָט זי דאָך אָפּגענאַרט! אין וואַרשע האָט ער פאַרמאָגט אַזאַ זאַרגלאָז געלעכטער, אָבער אין מעלבורן, אין אָנבליק פון זיינע טעקסטיל־פאַבריקן, איז דאָס געלעכטער מיטאַמאָל אַראָפּ פון זיין פנים. ער האָט זי כמעט נישט געזען. אויף יענעמס אומגליק האָט ער געבויט זיין גליק!...

זי האָט געוואָלט זען די קינדער, נאָר מען האָט מורא געהאַט זיי צוצולאָזן צו איר. אַז די קינדער זענען צו איר אַריין, האָט זי מיט איבערגעטריבענער ליבשאַפט זיי געהאַלדזט און געקושט און געטוליעט צו זיך מיט גרויס פחד, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זיי ווער נישט אוועקרייסן פון איר. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מיטאַמאָל האָט זי די קינדער אוועקגעשטופּט און זיי זענען, פאַרוויינטע און באַליידיקטע, אַרויס פון איר שטוב.

נאָך איידער זי איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן, איז זי אַרויס פון בעט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי עס וואָלט איר באַנג געטאָן יעדע רגע, וואָס זי האָט געפּטרט מיט איר קרענק. פאַרנאַכט, אַז מיסטער בלייט האָט זיך אומגעקערט פון זיינע געשעפטן, האָט ער זי נישט געטראָפן אין דער היים. ביז שפּעט ביינאַכט איז זי אַרומגעלאָפן און געוויער געוואָרן, אַז עפּעס אַ דאָקטאָר מיטן נאָמען יאַקוב געפינט זיך טאַקע אין לאַגער אין דייטשלאַנד. זי האָט געהערט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ האָט דער דאָקטאָר פיל געהאָלפן די קראַנקע יידן...

שפּעט ביינאַכט, האָט זיך סאָניע אומגעקערט אַהיים. זי איז אינעם מאַנטל און מיטן הוט אויפן קאָפּ, אַריין אין דער שלאָף־שטוב און אָנגעזאָגט דעם האַלב־דרימלענדיקן מיסטער בלייט, אַז זי גייט אוועק פון אים.

— שוין גענוג!... — האָט זי שנעל אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי קען נאָך חרטה האָבן — איך האָב קיינמאָל נישט באַלאַנגט צו דיר!... יאַקוב דאַרף מיך גיכער האָבן, ווי דו!...

עס האָט נישט געהאָלפן דעם מאַנס בעטן, זיין חלשן, אַז זי זאָל רחמנות האָבן נישט אַזוי ווייט אויף אים, ווי אויף די קינדער, וואָס דאַרפן האָבן אַ מאַמען — סאָניע איז געבליבן ביי ס׳איריקע. ווען מיסטער בלייט האָט זי געפרעגט פון וואַנען זי ווייסט, אַז יאַקוב לעבט, איז זי, אַ צערייצטע, אַרויף אויף אים:

— יאַקוב לעבט און ער דאַרף מיך האָבן!... — האָט זי אויסגעשריגן די ווערטער — כ׳האָב קיינמאָל נישט געטאָרט אַוועק פון אים!... און וועגן די קינדער האָב איך פיל נאָכגעטראַכט!... דער־וויל וועלן זיי זיך אַן עצה געבן אָן מיר...

די גאַנצע נאַכט האָט מיסטער בלייט נישט צוגעטאָן קיין אויג. ער האָט נישט געקענט באַנעמען מיטן קלאָרן שכל, וואָס מיט סאָניען איז פּלוצים געשען. אויף צומאָרגנס איז סאָניע אַוועק. פּאַמעלעך האָט זי אַראָפּגענידערט מיט די שטיגן פון דעם רייכן הויז, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ באַרג און האָט פאַרמאָגט גרויסע רחבותדיקע פענצ־טער, ווי גלעזערנע ווענט...

סאָניע האָט זיך געדונגען אַ שטיבל אין אַן „אַפּאַרטמענט־הויז", וווּ זי האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אויף יאַקובן. אין דעם אַפּאַרט־מענט־הויז האָבן געוווינט אַ סך לאָקאַטאָרן, צוממיינסטנס ניי־גע־קומענע און עס האָבן זיך דאָ געמישט פיל לשונות. דאָס הויז איז געווען אַלט און אָפּגעשיילט, מיט אַ לאַנגן אַלטמאָדישן גאַניק, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען די „סליפּאַוטס". די לייוונטענע ווענטלעך פון די „סליפּאַוטס" האָבן זיך געשאָקלט אין ווינט און זיך אויפגעבלאָזן ווי זעגלען פון שיפן. אין גרויסן קאָרידאָר איז געשטאַנען אַן עלעקטריש קיכל, וווּ די לאָקאַטאָרן האָבן זיך נאָך דער אַרבעט געקאָכט דאָס מיטאָג. די פאַרשיידענע ריחות פון די עסנס האָבן זיך געמישט פונקט ווי די לשונות. כאָטש די באַלעבאָסטע איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג מיט אַ טשעפּיק אויפן קאָפּ און אין אַן אַלטן מענערישן שלאָף־ראָק און גערוימט און געווישט, איז דאָ דער שטויב געדיכט געלעגן אין אַלע ווינקעלעך.

איבער גאַנצע נעכט האָט סאָניע געשריבן בריוו צו יאַקובן — און גאַנץ פרי האָט זי זיך געאיילט צו דער פּאָסט זיי צו באַלייגן. זי האָט שוין געהאַט געשריבן צו יאַקובן פיל בריוו און מיט אַ ציטער

אין הארצן אָפּגעוואָרט כסדר דעם בריוו־טרעגער. זייער לאַנג האָט זי געוואַרט אויף אַן ענטפער — ביז איינמאָל האָט איר דער בריוו־טרעגער אריינגעשטעקט אין דער האַנט אריין אַ בריוו. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך נישט פאַרגינען צו קוקן אויפן קאָנווערט און מיט די סקריפּענדיקע אַלטע טרעפּ ארויף גלייך צו זיך אין שטוב אריין. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, וואָרים זי האָט געפילט ווי די קניען ברעכן זיך איר אונטער. ערשט ווען זי איז אביסל צו זיך געקומען, האָט זי אַ קוק געטאָן אויפן קאָנווערט און מיטאַמאָל דערזען איר אייגענע האַנט־שריפט. זי האָט זיך דערשראָקן, דערפילט עפּעס שלעכטס און האַסטיק צוגעטראָגן דעם קאָנווערט נענטער צו די אויגן. זי האָט נישט געהאַט קיין טעות, ס׳איז געווען טאַקע איר אייגענער בריוו, וואָס זי האָט געשיקט צו יאַקובן. ער האָט דעם בריוו אפילו נישט געעפנט... אפשר האָט זי געשריבן דעם בריוו צו אַ טויטן... ס׳איז איר באַפאַלן אַ פּחד...

אַלע פּרימאָרגן האָבן אירע אייגענע בריוו, געשריבן צו יאַקובן, אָנגעהויבן צוריקצוקומען צו איר נישט־געעפנטערהייט, ווי זי וואָלט זיי צו זיך אַליין געשריבן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט זיי. זי האָט פאַר די בריוו אָנגעהויבן מורא צו האָבן, גלייך זיי וואָלטן געווען עפּעס אַ פּלאָג, וואָס האָט זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט. כאָטש זי האָט די בריוו פאַרשטעקט אין די שופלאָדן, אין דער וואַליזע, כדי זיי נישט צו זען, האָבן זיי פון אַלע זייטן געקוקט צו איר.

ערשט ביינאַכט, ווען אין שטוב איז טונקל געוואָרן און זי האָט זיך, אַ מידע און אַן אויסגעשעפּטע, אָוועקגעלייגט אויפן בעט, האָט זי זיך פון די בריוו אביסל באַפרייט. דורך האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט זי געזען ווי דאָס ליכט פונעם גאַסן־לאָמפּ וויגט זיך אויף די ווענט פון איר שטוב, ווי אַ גרין פאַליענדיק וואַסער. עס האָט זיך איר אויף עטלעכע מינוט אויסגעוויזן, אַז יאַקוב ליגט לעבן איר, פּונקט ווי אַמאָל אין וואַרשע און זיי געפינען זיך אין אַ קאַבינע פון אַ שיף און שווימען ערגעץ צווישן גרינע, ברויזנדיקע וואַסערן...

דער ירושה־בריליאַנט

הונדערטער מאָל האָט זי שוין דערציילט דאָס זעלבע און עס איז איר נישט נמאס געוואָרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע איבער־צוחזרן. זי פלעגט אָנהייבן פון מיטן, גלייך די צוהערער, וואָס זענען געזעסן אַרום איר, וואָלטן שוין געוווּסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. און די צוהערער האָבן טאַקע געוווּסט וואָס זי דערציילט, וואָרן זיי האָבן דאָס שוין געהערט כמה וכמה מאָל. איר אַליין איז עס ווייניק אָנגעגאַנגען, צי מען הערט זיך צו איר צו. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט עס זיך אַליין דערציילט. זי האָט געזאָגט די ווערטער, ווי זי וואָלט געמורמלט עפּעס אַ תפילה. בלויז טייל מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון עפּעס אַ חלום און אויסגעשאָסן:

— כ'דערצייל ענק פון מיינע צרות! פון מיין ווייסט לעבן! און ענק הערטץ ענק אפילו צו מיר נישט צו. כ'שפּיי דאָך אויס פון מיר די נשמה...

פאָרגעקומען איז עס אין דער פאַבריק פון מיסטער לאַוב אין דער פלינדערס־ליין, ווו עטלעכע פריש־געקומענע ווייבער, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון היטלערס גיהנום, זענען געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש און אויסגעענדיקט קאָסטיומען. זי איז געזעסן אויבן־אָן ביים טיש און בעת זי האָט דערציילט די ווייבער אירע איבערלעבענישן פון די מלחמה־יאָרן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּירזאָגערין אין אַ ווייבערישער שול.

זי האָט זיך שוין אַ טראָפּעלע צופיל דערלויבט אין דער „פעק־טאָרי" פון מיסטער לאַוב. זי האָט דעם באַלעבאָס געקענט און ער האָט מורא געהאַט מיט איר אָנצוהייבן. בשעת ער האָט געזען, אַז זי שטערט מיט איר דערציילן אַביסל צופיל די מענטשן אין דער אַרבעט און ער האָט זיך געוואָלט אָנרופן צו איר מיט עפּעס אַ וואָרט, האָט ער זיך באַלד אָנגעטראָפן מיט די גראָבע און בייזע גלעזלעך פון אירע ברילן און ער איז די אותו־רגע אַנטשוויגן געוואָרן. כאָטש עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז זי ווייסט גאָרנישט וואָס ס'טוט זיך אַרום איר,

האָבן פונדעסטוועגן אירע צעשוווּמענע אויגן הינטער די גראָבע ברילן־גלעזלעך, וואָס זענען געזעסן אויף איר מענערישער, גרויסער יחסן־נאָז, גענוג געזען. זי האָט גאַנץ גוט געזען ווי זי האָט מיט איר בליק אָוועקגעטריבן דעם באַלעבאָס און ווי ער האָט גיך אָוועקגעהאָפּסלט פון איר אויף זיינע דינע פויגל־פיסלעך, גלייך ס׳וואָלט אים אָוועקגעבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. זי האָט אַליין צו זיך אַ האַלבן בלאָסן שמייכל געגעבן, וואָרן עס האָט איר הנאה געטאָן וואָס זי האָט אויף אים אַזאַ ממשלה, כאָטש זי אַרבעט ביי אים.

און מיסטער לאָוב האָט פאַר איר מורא געהאַט. ער האָט פאַר איר נישט אַזוי ווייט מורא געהאַט, ווי ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער מעשה־נורא, וואָס זי האָט אָן אָן אויפהער געהאַלטן אין איבערחזרן. נישט איין מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַ דיבוק וואָלט פון איר אַרויסגערעדט. ער האָט שוין עטלעכע מאָל מיט איין אויער אויפגעכאַפּט די מעשה אירע וועגן איר מאַן, וואָס איז ניצול געוואָרן פון די דייטשישע הענט, וואָס איז אַרויסגעקומען געזונט פון אַ רוסישן אַרבעטס־לאַגער אין אַ ווייטן וואַלד, כאָטש ער איז געווען אַ חולה־מסוכן און זי האָט אים געמוזט כסדר ראַטעווען מיט אַלערליי באַבסקע רפואות, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע גראָזן און קרייטעכצער. אומגעקומען איז דווקא איר מאַן נאָך דער באַפרייאונג, ווען זי איז מיט אים צוריקגעקומען צו זיך אין געבורטס־שטעטל אין גאַליציע. דעמאָלט, ווען זיי האָבן געמיינט אַז זיי האָבן זיך שוין נאָך די שבעה מדורי גיהנום אומגעקערט צו אַ שטיקל מקום־מנוחה, איז ער געטראָפן געוואָרן פון אַ פּוילישער קויל און איז אויף אירע הענט אויסגעגאַנגען אַזוי שטיל ווי אַ הינדל.

אַז מיסטער לאָוב האָט געהערט די דאָזיקע רייד און זיך אָנגעטראָפן מיט איר צעשוווּמענעם בליק הינטער די דיקע אויגן־גלעזלעך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי האָט טענות צו אים, וואָס ער דרייט זיך אַרום אויף גאָטס וועלט, אין דער צייט ווען איר מאַן געפינט זיך מער נישט צווישן די לעבעדיקע. ער האָט מחמת דעם געלאָזט איר כסדר איבערחזרן איר מעשה און געטאָן אַלץ, ער זאָל נישט צופיל שטיין אין אירע ד׳ אמות.

„כ׳האָב אים ליב געהאַט מער ווי דאָס אייגענע חיות, מיין פּינקוסלען, און ער איז געווען ביי מיר אָפּגעציטערט ווי אַן איינציק קינד" — האָט זי ווי שטענדיק אָנגעהויבן פון מיטן — „כאָטש עך האָב געהאַט צוויי קינדער, וואָס עך האָב זייער ליב געהאַט, איז אָבער מיין פּינקוסל געווען ביי מיר זייער טייער און עך האָב אים אָפּגעהיטן

פונקט ווי די קינדער... און וואָס זאָל עך אַ סך רעדן, פּינקוסל האָט גענדאַרפט האָבן אַ מאַמישע האַנט, וואָרן ער איז געווען ביי זיין מאַמען, עליה־השלום, אַ בן־יחידל. דאָס טעלערל פון הימל וואָלט אים זיין מאַמע דערלאַנגט. ער איז געווען ביי איר ווי דאָס אויג אין קאָפּ. גאָרנישט איז געווען ביי איר פּאַר אים צו טייער. עך בין צו פּינקוסלען געווען ווי זיין גאָטזעליגע מוטער. צוליב דעם וואָס מיין פּינקוסל איז געווען אַ לעמעשקע — נישט אַזוי ווייט אַ לעמעשקע, ווי אַ ווייכיטשקער, אַ גוטע נשמה, וואָס וואָלט פון זיך ס'העמד פון לייב אַוועקגעגעבן, האָב עך געמוזט זיין אַ קאָזאַק; האָב עך געמוזט גיין אין די הויזן. ס'מוז דאָך זיין ווער וואָס זאָל גיין אין די הויזן. נישט אַזוי?!

„אין שטעטל האָט מען מעך גערופן ריוועשעלע... פּאַרוואָס ריוועשעלע, פאַרשטייען זי דאָך אַליין... ניכט וואַר? קיין פינגער אין מויל דאַרף מען איהנען נישט שטעקן. ווי פּאַסט זיך אַזאַ פּאַר־צווינגענער נאָמען צו מיר? נאָר ווי זאָגט מען? הינטער די אויגן פון אַ קייזער קען מען אַ פייג אויך אַרויסשטעלן. וואָס איז עס געווען מיין עסק וואָס די נאַראָנים האָבן אין זינען געהאַט. ס'האָט מעך געאַרט פּונקט ווי די קאַץ... ווייסעך־וואָס... זאָ־וואָס? אַזאַ חוצפּה!

„און אפשר האָבן די נאַראָנים געמיינט, אַז עך האָב, גאָט בעוואַר, מיין מאַן מיט עפּעס שלעכטס געטאָן. אַז כ'האָב מעך מיט אים געשאַפּן? האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסן טעות. מיין פּינקוס וואָלט דאָס נישט געקענט פּאַרליידן. געשטאַמט האָט ער דאָך פון גרויס יחוס. אַ קליינינקייט עפּעס: די בראַסעס! גאַנץ גאַליציע האָט דאָך געקלונגען מיט דעם נאָמען. גרויסע קאַפּאַציטעטן! אַ פאַמיליע פון גוטסבאַזיצער, באַנקירן, וואַלד־סוחרים, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים. ווער האָט נישט געקענט די בראַסעס אין גאַליציע? ווען די בראַסעס וואָלטן נישט געווען פון אַזאַ גרויס יחוס, וואָלט מיין גאָטזעליקער פאָטער, וואָס האָט געהאַט פליגן אין דער נאָז, זיך נישט משדך געווען מיט זיי. נו, זעט איר דאָך, אַז כ'האָב מיין מאַן נישט געטאָרט, חלילה, אַ קרום וואָרט זאָגן. זאָ וואַר עך לעב... ער וואָלט זיך באַלד באַליידיקט. דאָס איז געווען אַן אַריסטאָקראַט. אמתער אדל!..

„נו, זעען זי דאָך אַליין, אַז כ'האָב מיין מאַן, חלילה, קיינמאָל קיין שלעכטס וואָרט נישט געזאָגט. חוץ וואָס ער איז געווען אַ גרעעסע, איז ער געווען אויך שיין. כ'בין דאָך שוין היינט אַן אַלטע יידענע. ס'ליגן מיר מער נישט אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן. נאָר אפילו היינט וואָלט איך זיך אויסגעקענט אויף מיין מאַנס שיינקייט. ער איז אפילו

נישט געווען קיין הויכער, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ קאָפּ געלאָקטע האָר, שוואַרצע ווי פּעך, ווייכע ווי זייד. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר גאָלדענעברילן, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַזאַ ערנסטקייט. און שטענדיק אַזוי עלעגאַנט! ווי פון אַ מאָדע־סאַלאָן אַרויס...

„צו דער חתונה האָט מען אים געגעבן אויסשטייער אַזש פערציק פּאָר שטרייף־הויזן, פערציק העמדער און אַ שטריימל מיט אַ צילינדער! מען רעדט שוין נישט פון אַנדערע זאַכן. אויף זיינס אַ מלבוש האָט מען נישט געטאָרט געפינען קיין שפּרענקעלע. כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ דינסט אין שטוב, האָב איך געמוזט אַלעמאָל שטיין גרייט מיטן בערשטל אין האַנט איידער ער איז אַרויס פון שטוב. נאָר אויף מיר האָט ער זיך פאַרלאָזט. און פּונקט ווי ער איז געווען עלעגאַנט, איז ער אויך געווען אַ פיין־שמעקער. און ליב געהאַט האָט ער בלויז דאָס, וואָס איך האָב געקאָכט. דאָס זעלבע ווען ער איז קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף קיין דאָקטוירים און ליב געהאַט איך זאָל מעך מיט אים פאַרנעמען. אַז איך בין געשטאַנען לעבן זיין בעט, איז ער באַלד געזונט געוואָרן. כאָטש ער האָט געשריגן אויף מיר, נישט געגלייבט אין קיין באָבסקע רפואות, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט ווידנדיק געמאַכט, ווען איך האָב אים אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע. אפשר וועט דאָס העלפן — האָט ער זיך אפנים געטראַכט.

„די עין־הרע אָפּשפּרעכן, האָב איך זעך אויסגעלערנט פון מיין גאָטזעליגער מאַמען. עץ לאַכט פון מיר?... עץ גלייבט נישט אין קיין עין־הרע? עץ זענט פאַרגעשריטענע מענטשן. איך האַלט מעך אויך פאַר אַ פאַרגעשריטענעם מענטש; מיין מאַן איז אוודאי געווען אַ פאַרגעשריטענער מענטש. און פונדעסטוועגן האַלט איך פון עין־הרעס. אַז די היינטיקע פאַרגעשריטענע מענטשן גלייבן נישט אין גאָט און איך האַלט, אַז עס איז יאָ דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. ווי האָב איך נישט געקענט האַלטן פון עין־הרעס, אַז בעת דער חופּה האָב איך געפילט ווי מיינע קאַלעזשאַנקעס, גרויסע שענהייטן, זענען מיך מיט מיין חתן שטאַרק מקנא. זיי עסן אים אויף מיט די אויגן. און טאַקע פאַרוואָס נישט? אַז ער איז געווען צו גאָט און צו לייט. ער איז געווען שיין, עלעגאַנט, געלערנט. ער האָט געקענט זאָגן אַ בלאַט גמרא און אַז עס איז געקומען צו בילדונג, האָט ער געדענקט גאַנצע שטיקער פון געטע און פון שילער פון אויסנווייניק. אין געשעפט האָט ער אַ סך נישט געוווּסט. איך האָב געוווּסט פיל מער פון אים, אָבער אַז עס איז געקומען אָנצושרייבן אַ האַנדלס־בריוו, האָט קיינער נישט געקענט אַזוי גוט, ווי ער. אפילו נישט דער בוכהאַלטער. ער האָט אָפּקאַלי־

גראַפירט אַ דייטשן בריוו, אַז עס איז געווען יעדעס אות צו קושן. ווער קען היינט אָנשרייבן אַזאַ בריוו?...

„און וואָס איז פון דעם אַלעמען געוואָרן? אַלץ איז געגאַנגען צו גרונט! די דייטשן האָבן פון אַלץ אַ תל געמאַכט. פון דעם גאַנצן פאַר־מעגן. אין מיין מאַנס טויט זענען דאָך די דייטשע באַנדיטן שולדיק! ווער האָט צו דעם אומגליק געברענגט, אַז נישט זיי? זיי האָבן דאָס גיהנום אַראָפּגעברענגט אויף דער ערד!...”

דאָ זענען ריוועטשעלעס אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן, וואָס האָבן פאַרשטעלט די גאַנצע ברילן, אַז זי האָט גאָרנישט מער געזען. מיד פון דערציילן און איבערגענומען פון יעדן וואָרט וואָס האָט איר געקאָסט שטיקער געזונט, איז זי געבליבן זיצן אָן אָטעם און געקוקט אויף אַלעמען דורך די פאַרהויכטע בלינדע ברילן. פּאַוואָליע האָט זי אַראָפּגענומען די ברילן, אויסגעווישט מיט אַ טיכעלע די אויגן, וואָס זענען רויט געווען פון וויינען און אויסגעווישט די ברילן. דערנאָך האָט זי צוריק די ברילן אָנגעזאָטלט אויף דער גרויסער, מענערישער יחסן־נאָז, אַ שווערן זיפץ געטאָן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די סאַמע טיפענישן פון איר האַרץ און ווייטער אָנגעהויבן:

„אַזוי איז געוואָרן אַ תל־עולם נישט נאָר פון אונדזער פאַרמעגן, נאָר פון אַ פאַרמעגן פון אַ גאַנצער שטאָט מיט יידן. איבער נאַכט זענען די יידן אין שטעטל געוואָרן בלוטיקע אָרעמעלייט. אָבער אַ כפּרה דאָס פאַרמעגן! ווער דאַרף דאָס געלט, אַז עס איז נישטאָ קיין געזונט... מען האָט דאָך דאָס גאַנצע שטעטל מיט יידן אויסגע־קוילעט! נאָך דער מלחמה איז אין שטעטל נישט איבערגעבליבן קיין איינציקער ייד!

„דאָס אומגליק האָט זיך אויפן שטעטל אַראָפּגעלאָזט פון דער העלער הויט. ווי די בייזע הייזעריקן זענען די דייטשן אויפן שטעטל אָנגעפאַלן. קודם־כּל האָבן זיי זיך גענומען צו די מענער. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידישע מאַנסלייט פון שטעטל מוזן קומען אין דער גרויסער שול. נאָך וואָס — האָבן זיי נישט געזאָגט. די יללה איז געוואָרן גרויס. טייל מענער האָבן זיך געפּרוווט פאַר־שטעקן. אָבער די דייטשן האָבן געזוכט אין אַלע לעכער. מען האָט געשלעפּט די יידן פון די באַהעלטענישן אַרויס. די מענער האָבן זיך געזעגנט מיט די ווייבער, מיט די קינדער. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי גייען אויף אַ זיכערן טויט. מען איז געווען זיכער, אַז די דייטשע רוצחים וועלן די גרויסע שול צוזאַמען מיט אַלע יידישע מענער אונ־

טערצינדן. אַז מיטאַמאָל איז געוואָרן סוף־וועלט! הפקר! זאָ־וואָס! האַרציקער גאָט אין הימל!...

„אָבער די דייטשן האָבן די שול דאָס מאָל, צום גליק, נישט אונטערגעצונדן. זיי האָבן זיך געוויצלט, אַז זיי גייען דאָס טאָן, איינגעטונקען שמאַטעס אין נאַפט — אָבער דאָס נישט געטאָן. זיי האָבן בלויז טייל יידן אַרויסגעפירט ערגעץ און אויסגעשאָסן. די איבעריקע האָבן זיי געשלעפּט צו דער אַרבעט. מיין מאַן איז געווען פון די גליקלעכע, וואָס מען האָט געשלעפּט צו דער אַרבעט. און פּינקוס האָט געאַרבעט, און נאָך ווי געאַרבעט. ער איז אויסגע־שטאַנען אַזוי העלדיש די אַלע באַליידיקונגען, וואָס מען האָט אים געוואָרפן אין פּנים אַריין. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ, מיט ווירדע! ער האָט געאַרבעט ביי דער סאַמע שמוציקסטער אַרבעט, וואָס מען האָט ספּעציעל פאַר אים אויסגעזוכט, אָבער ער איז געווען ריין, פּונקט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. אַז די דייטשן האָבן געזען ווי ער האַלט זיך, האָט ער אויסגענומען אין זייערע אויגן.

„דערנאָך איז געקומען דער באַפעל, אַז אַלע יידן פון שטאָט מוזן אַריבער דעם סאַן. דאָס איז געשען דעמאָלט ווען מען האָט געמאַכט אַ חלוקה מיט פּוילן. פּאַניע־גנב האָט צוגענומען פאַר זיך אַ שטיק פּוילן און דעם גרעסערן חלק האָט פאַרכאַפּט דער דייטש. אַז אָך און אַז וויי! זאָ־וואָס! וואַנקע האָט פאַרנומען לעמבערג און איז געגאַנגען ביז צום סאַן. דענצמאָל האָט מען געמיינט, אַז עס איז גע־קומען אַ הילף אויף די יידן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז ביים באָלשעוויק וועט מען ביי די יידן נישט אָנרירן קיין הערעלע פון קאָפּ. אַ סך זענען אַליין אַריבער די גרענעץ. דער דייטש האָט געוואָלט פון די יידן פּטור ווערן און זיי אַריבערגעפּעקלט איבערן כאַן. מען האָט גע־נומען טרייבן די יידן, ווי די סטאַדעס שאָף, נישט געלאָזט גאָרנישט מיטנעמען. יידיש האָב־און־גוטס איז געווען הפקר, זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט און אַ פוס האָט געראַבעוועט! ווען מיין מאַן און דער זון זענען געווען ביי דער אַרבעט, האָט מען פּלוצלונג אָנגעקלאַפּט ביי מיר אין טיר. וואָס הייסט אָנגעקלאַפּט? מען האָט געזעצט און געדונערט, אַז איך האָב געמיינט דאָס לעבן עקט זיך ביי מיר. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען די דייטשן...

„און דאָ קום איך צו צו דעם, וואָס כ'וויל איר זאָלט הערן, וואָרן צוליב דעם דערצייל איך ענק דאָס אַלץ.״ — האָט ריוועטשעלע זיך אַ טראָפּעלע אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט אַביסל דעם אָטעם און אַ וויש

געטאָן די פּאַרטערטע אויגן הינטער דיברילן — „דאָס האָט אַ גרויסן שייכות צו דעם אַלעמען.

„ביי אונדז אין דער משפּחה איז געווען אַ ירושה־בריליאַנט. אַ גרויסער, אַביסל קלענער פון אַ גראַצער, די גרויס פון אַ העלער. ווען מיין גאָטזעליקע מאַמטשע האָט זיך אום יום־טוב אָדער שבת צו ראש־חודש בענטשן געקליבן אין שול אַריין און אַרויסגענומען דעם ,שמוק', געקליבן דאָס צירונג, וואָס זי זאָל אָנטאָן, האָט זי שטענדיק אַרויס־געצויגן פון שאַפע דעם בריליאַנט און אים געצערטלט מיט די אַלטע אָדערדיקע פינגער. זי האָט זיך צו מיר אָנגערופן, אַז דעם בריליאַנט האָט זי באַקומען בירושה פון אירע עלטערן און זי וועט אים איבער הונדערט־און־צוואַנציק יאָר איבערלאָזן בירושה צו אירע קינדער, זיי זאָלן געזונט און שטאַרק זיין. אין אַ שווערער שעה, באַהיט זאָל מען ווערן, קען מען דאָס באַדאַרפן.

„דער בריליאַנט איז געווען אַ בלוי־ווייסער, האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם שליף, און איז געווען איינגעפּאַקט אין אַ קליין סאַמעטן שקעטעלע, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ זאַמשן־געל זעקעלע. אַרויסצונעמען דעם בריליאַנט פון די אַלע באַהעלטענישן, האָט די מאַמטשע פריער געמאַכט אַ סך פאַרבאַרייטונגען און ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט אים אַרויסגעצויגן אויף דער ליכטיקער שיין. ס'האָט אויסגעזען ווי די מאַמע וואָלט מורא געהאַט דעם שטיין אָנצורירן, וואָרן ס'קען אים נאָך ווייטאָן.

„אַז דער בריליאַנט איז קוים מיט לייד אַרויס פון די אַלע פינצ־טערע באַהעלטענישן און דערזען די ליכטיקע וועלט, האָט ער אַ בליאַסק געטאָן מיט אַלערליי שטראַלן און קאָלירן פונעם רעגן־בויגן. עך האָב מעך קוים געקאָנט דערוואַרטן די מינוט און די רגע ביז דער בריליאַנט איז אַרויס פון זעקל און דאָס קינדערישע האַרץ האָט געחלשט אים אָנצורירן כאָטש מיט מיינע פינגערלעך. עך האָב דענצ־מאָל אויסגענוצט אַלע מיינע קינדערישע פאַרטלען, כדי צו פועלן ביי דער מאַמען, זי זאָל מיר לאָזן דאָס טאָן. כ'האָב דער מאַמען געזאָגט, אַז זי זעט אַזוי שיין אויס אין איר יום־טובדיקן קלייד און אַז דאָס צירונג פּאַסט איר. די מאַמע האָט פאַרשטאַנען, וואָס עך בין אויסן, אַ קלוגן, פאַרשטענדיקן שמייכל געטאָן און מעך געגלויבט, אַז עך בין אַ קלוג מיידעלע. פונדעסטוועגן האָט זי מיך אַליין נישט געלאָזט נעמען דעם טייערן שטיין אין מיינע קינדערישע הענטלעך; זי האָט אונטערגעהאַלטן מיינע הענט מיט אירע.

„כ'געדענק נאָך, פּונקט ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען, ווי

עך האָב ליב געהאַט צו גלעטן דעם שטיין און צו כאַפּן אין מיינע הענט די אַלע הערלעכע פייערן, וואָס זענען געפלאָסן פון אים. אַלע קאָלירן אין דער וועלט האָט ער פאַרמאָגט: בלויע, געלע, ווייסע, רויטע, גאָלדענע. בשעת כ׳האָב דעם בריליאַנט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳האַלט די זון אין מיינע פינגער. צווישן דער אָפענער שווערער טיר פון דער גרויסער דעמבענער שאַפע, ווו עס איז אייביק געווען פינצטער, האָט טאַקע דער בריליאַנט געשיינט ווי די ליכטיקע זון...

„אַז די דייטשן זענען באַפאַלן דאָס שטעטל, האָב עך דעם בריליאַנט פאַרשטעקט אונטער דעם פּליוש פון דער גרינער קאַנאַפּע. ער וועט צו־נוץ קומען אין אַ שווערער שעה, האָב עך זיך געטראַכט. ווען די דייטשע רוצחים האָבן גענומען זעצן און טראַסקען אין מיין טיר, האָב עך נישט געוווסט וואָס עך האָב צו טאָן. כ׳האָב געוואָלט אַרויסנעמען דעם בריליאַנט און אים פאַרשטעקן אויף זיך אָבער עס איז נישט געווען קיין צייט. דאָס האַמערן און דאָס דונערן איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער.

— ראוס, פערפלוכטע יודישע שווינע! — האָבן זיך געטראָגן ווילדע הפקרדיקע קולות און געשרייען — ראוס לאַוזיגעס יודען־געזינדל!

„עך האָב נאָך געפּרווט צולויפן צו דער גרינער קאַנאַפּע, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די דייטשן האָבן אויפגעבראָכן די טיר מיט די קאָלבעס פון די ביקסן און אַריינגעפאַלן אין שטוב. מען האָט מעך אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס און צוגלייך מיט אַלע יידן מעך געטריבן איבער דער בריק פונעם סאַן אויף יענער זייט צו די באָלשעוויקעס.

„אויף יענער זייט האָב עך מעך אָנגעטראָפן מיטן מאַן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די קינדער זענען אַוועק קיין לעמבערג. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער שווערע אַרבעט ביי וואַנקען. מיר האָבן געאַרבעט אין אַ לאַגער אין וואַלד. מיין פּינקוסל האָט געאַרבעט אי מיט די הענט און אי מיטן קאָפּ. דאָס וואָס די הענט האָבן נישט געקענט מאַכן, האָט געמאַכט דער קאָפּ. צען משפּחות זענען געשלאָפן אין אַ קליינעם ענגן באַראַק און אַלע זענען געקומען צו מיין מאַן נאָך פאַרשידענע עצות. די קעלט איז געווען גרויס. דער פראָסט האָט געקלעפּט שטיקער־ווייז אויף די הילצערנע ווענט אינעווייניק אינעם באַראַק. מען האָט דעם באַראַק נישט געקאָנט דערהייצן.

„צו עסן איז נישט געווען. צוליב דעם וואָס מיין מאַן איז געווען

קראַנק האָט מען אונדז נישט פאַרשיקט טיף אין רוסלאַנד, נאָר מיר זענען געווען אין אַ וואַלד נישט ווייט פון דער וואָלגע. ביינאַכט איז געווען שטאָק־פינצטער. האָט מיין מאַן אַליין געמאַכט אַ קאַניצל. פון אַלטע שטיקלעך פאָדעם האָט ער צוזאַמענגעפלאָכטן אַ קנייטל, אויסגעזוכט ערגעץ אַ בלעכערנע, פאַרזשאַווערטע פושקע און אין איר אַריינגעגאָסן אַביסל אייל, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר אַן אַלט העמד. אַזוי האָט מען ביינאַכט באַלויכטן אַביסל דעם באַראַק. ווי עך האָב שוין דערמאָנט, איז מיין פינקוסל געוואָרן מיטאַמאָל אַ גאַנצער דערפינדער און אַלע זענען געקומען צו אים נאָך עצות. ער האָט אויך גוט געאַרבעט און שיער נישט געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוויעץ. אפשר וואָלט ער דאָס געוואָרן, ווען ער ווערט נישט ערנסט קראַנק. די פויערטעס זענען געקומען אים מבקר־חולה זיין און געגעבן עצות ווי אַזוי צוזאַמענצושטעלן פאַרשידענע באַבסקע רפואות.

„נאָך דער באַפרייאונג זענען מיר, מיט אַ הייפל לעבן־געבליבענע יידן, צוריקגעקומען קיין פוילן ווי די מאַמע האָט אונדז געהאַט — אדם־נאַקעט. מיר זענען באַלד געפאָרן אַהיים אין שטעטל אַריין און מיין האַרץ האָט זיך ביי מיר געוואָרפן ווי ביי אַ גזלן: צי שטייט נאָך אונדזער הויז? צי איז די גרינע קאַנאַפּע ניצול געוואָרן? צי געפינט זיך נאָך דאָרט דער בריליאַנט וואָס כ׳האָב באַהאַלטן. קיינער האָט דאָך נישט געזען ווו כ׳האָב דעם שטיין באַהאַלטן און ס׳קען געמאָלט זיין אַז ער געפינט זיך אויפן זעלבן אָרט. דער בריליאַנט וועט אונדז צוריק אויף די פיס שטעלן — מיין פינקוסלען און מעך!

„פון די קינדער האָב עך נישט געהערט, נישט געהאַט פון זיי קיין שום ידיעה. כ׳האָב בלויז געוווסט, אַז זיי געפינען זיך ערגעץ אין סיביר. די פליטים, וואָס האָבן זיך פון סיביר אומגעקערט, האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן זיי דאָרטן געזען.

„בעת דער צוג האָט זיך צו אונדזער שטעטל דערנענטערט און כ׳האָב דערזען די באַקאַנטע פעלדער, וועלדער און הייזער, איז דאָס האַרץ ביי מיר שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר פרייד, און עך האָב מעך געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף דעם אַלעמען און קושן. כאָטש כ׳האָב געהערט, אַז עס זענען מער נישטאָ קיין יידן אין פוילן, האָב עך בשום־אופן דאָס נישט געוואָלט גלייבן און עך בין געווען זיכער, אַז כ׳וועל טרעפן יידן אין שטעטל. ס׳קען דאָך נישט מעגלעך זיין, אַז אַלע יידן זענען אומגעקומען!

„אָבער אין אונדזער שטעטל, וואָס איז אַמאָל פול געווען מיט יידן, זענען מער קיין יידן נישט געווען. ביטערע טרערן זענען גערונען

פון מיינע אויגן, ווען עך בין געגאַנגען איבער די היימישע געסלעך און אויף קיין ייד זיך נישט אָנגעטראָפן. עך האָב מיין פינקוסלען נישט געקענט באַרואיקן. ער האָט געוויינט ווי אַ פּיצל קינד. ווען מיר זענען געגאַנגען איבער די געסלעך, האָבן זיך די באַקאַנטע „מיעש־טשאַנעס" פון אונדז אָוועקגעקערט, נישט געוואָלט אונדז זען. מען האָט אונדז נאָכגעוואָרפן מיט פיל ביטערניש:

— נאָך וואָס זענט איר אהער געקומען?! מיר האָבן אייך שוין געהאַט גענוג! שוין גענוג געצאַפּט אונדזער בלוט!... מ'האָט גע־מיינט, אַז היטלער האָט אַלע יידן אויסגעהרגעט!...

„ווען מיר זענען אָנגעקומען צו אונדז אין הויז אַריין, האָב עך דערזען די גרינע קאַנאַפּע. זי איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, דאָרט ווו עך האָב זי איבערגעלאָזט. אָבער אין אונדזער דירה האָבן געוווינט פּאָליאַקן — אונדזערע שכנים, מיכאל מאַלינאָווסקי מיט זיין ווייב און צוויי זין. זיי זענען היפּש אונטערגעוואַקסן, די זינדלעך. קיין לייט זענען זיי קיינמאָל נישט געווען. די גרינע קאַנאַפּע האָט מעך מער נישט צו רו געלאָזט — אינגאַנצן צוגענומען מיין שלאָף. עך האָב נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַזאַ ברוך־הבא וועלן מיר נישט קענען מער בלייבן אין פּוילן. פון אומעטום האָבן אונדז נאָכגעקוקט בייזע בליקן, פול מיט גיפט. ס'איז נישט מעגלעך געווען דורכצוגיין די היימישע געסלעך, וואָס זענען אונדז אַמאָל געווען אַזוי טייער און איינגעבאַקן אין הארצן. מען האָט געשפּירט, אַז מען שפּאַצירט אויף די קברים פון אונדזערע שענסטע און בעסטע. זאָ־וואַר עך לעב... אויף די קברים פון אונדזערע נאָענטסטע גייען מיר בויען אַ ניי לעבן.

„ס'איז געווען שווער, זייער שווער! חוץ דעם האָט זיך אין שטעטל געטראָגן דער ריח פון יידיש בלוט. נאָך אַזוי פיל צרות, וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען, האָבן מיר זיך געריכט אויף אַ שענערן קבלת־פּנים פון אונדזערע שכנים, מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט אַזויפיל יאָרן! עך האָב שוין אויך פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אין פּוילן נישט קענען מער פאַרבלייבן. מען האָט אונדז דאָ געבערענט דעם טריט. זאָ וואָס!... אַז כ'זאָל קענען פאַרקויפן דאָס הויז — פון דעם איז קיין רייד נישט געווען. און אַז כ'וואָלט עס יאָ געקענט פאַרקויפן, וואָלט עך אָפּגענומען דערפאַר אַ שיבוש, נישט אויף אַ טאָג דורכצולעבן. כ'האָב מחמת דעם געוואָלט ארויסראַטעווען דעם ירושה־בריליאַנט. נאָר ער וואָלט אונדז געקענט עפּעס העלפן! דערווייל איז פאַרגעקומען דער קעלצער פּאָגראָם! דאָס הייפל יידן איז געלאָפן פון

פּוילן. עך בין אַלץ געזעסן אויפֿן אָרט. אמת איז, אַז מיין פּינקוסל האָט זיך כסדר געבעטן ביי מיר:

— קום, לאָמיר אַוועק פון דאַנען! לאָמיר אַלץ איבערלאָזן, אַבי אַוועק. יידן פאָרן איצט אַוועק קיין דייטשלאַנד אין די לאַגערן. פון דאָרט פאָרט מען ווייטער... קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, קיין אויסטראַליע! ס'קען זיין, אַז די קינדער זענען שוין דאָרט אין אַ לאַגער און וואַרטן אויף אונדז... ווער דאַרף דעם בריליאַנט?!

„עך האָב מיין פּינקוסלען געזאָגט, אַז כ'מוז אַרויסבאַקומען דעם בריליאַנט פון דער גרינער קאַנאַפּע. ער וועט אונדז ראַטעווען. אָבער ווי טוט מען דאָס? אונדזער דירה געהערט נישט מער צו אונדז. די מאַלינאָווסקאַ האָט אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז זי רירט זיך נישט פון אָרט. צי איר געהערט אונדזער דירה, מיט אַלע אונדזערע מעבלען. זי איז געשלאָפן מיט איר מאַן אין אונדזערע בעטן, געגעסן אויף אונדזער טיש. זיי האָבן זיך צעלייגט אין אונדזער דירה ווי ביים טאַטן אין ווייַן־גאָרטן! ווי־זשע וועל עך קענען צוקומען צו דער קאַנאַפּע?

„די מאַלינאָווסקיכע האָט פיינט געהאַט, אַז מיר האָבן זיך באַוויזן אין איר — אין אונדזער — וווינונג. יעדן טאָג מער איז אין איר צו אונדז די שנאה געוואַקסן. זי האָט נאָר געוואַרט אויף דער מינוט און דער רגע, ווען מיר וועלן זיך אָפּטראָגן פון שטעטל. כ'האָב געפילט, אַז אַלעמאָל ווען כ'קום צו איר, וואָלט זי אין מיר אַריינגעשטאָכן אַ מעסער. גאָט געטרייער, ווו האָט זיך אהינגעטאָן די אַמאָליקע פריינדשאַפט? ס'איז פון דעם קיין פּיצל ביי איר נישט גע־בליבן! עך האָב דאָך אַ מאָל איר צוגעהאָלפן. אפילו אירע שקצים, די זינדלעך אירע — מיעטעק און טאַדעק — האָבן אונדז אַדורכגע־שטאָכן מיט די גיפטיקע בליקן, געברענט ביי אונדז דעם טריט! און עך האָב אַמאָל די דאָזיקע שטינקערס, רעספּעקט צו מעלדן, געטראָגן אויף די הענט. זיי זענען דעמאָלט נאָך פּיצעלעך געווען, נישט איין מתנה האָבן זיי פון מיר באַקומען. אַמאָל אַ פּאָר הייזלעך, אַ העמדל, זאָ וואָס!...

„בלויז מיכאַל מאַלינאָווסקי איז צו אונדז געווען זייער גוט. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער איז אַליין געווען אין גלות ביי זיין ווייב און די טייערע זינדלעך זיינע. מיכאַל איז געווען אַ שטאַרקער גוי, אַ גרויסער, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען, מיט גרויסע דיקע וואָנסעס, וואָס זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פון ביידע זייטן מויל. אָבער ער איז געווען אַ קריפּל. אין דער ערשטער וועלט־

מלחמה האָט מען אים אַראָפּגעשאָסן אַ פוס. איז ער אַרומגעגאַנגען, נעבעך, אויף אַ פּאָר קוליעס, איין נאָגעווייצע, ווו ס׳האָט אים געפעלט דער פוס, אַרונטערגעבויגן. אַז מיכאַל האָט זיך מיט עפּעס געפּרוּווט אַריינמישן, זיך אָננעמען פאַר אונדז, האָט די מאַלינאָווסקיכע אויף אים אָנגעשריגן:

— האַלט׳ן פּיסק! — איז זי באַלד אויף אים אַרויף — דו בהמה! אָקס! הינטישער זון! אַז וועסט נישט האַלטן די מאָרדע, וועל איך זי דיר פאַרשטאָפּן!

„און אַז מיכאַל האָט נישט אָפּגעלאָזט, האָט זי אים געפּרוּווט אונטעררוקן אַ „טשוויאַרטקע” בראָנפן, אַבי אים צו פאַרשטופּן דאָס מויל. שפּעטער האָט זי אים געוואָרפן די שיך אין קאָפּ אַריין און צום סוף אים באַהאַלטן די קוליעס. איז מיכאַל געלעגן אין אַ ווינקל, אַ שיכורער און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי די זינדליך, זיי זאָלן אים געבן די קוליעס — אָבער זיי האָבן עפּעס געוואָרטשעט אויף אים און אים די קוליעס נישט געגעבן.

„אמת איז, די מאַלינאָווסקיכע האָט עפּעס אַרויסגעפילט, פאַר וואָס עך קום כסדר צו איר צוגיין. זי האָט געזען, אַז עך דריי מיך צופיל אַרום דער קאַנאַפּע, האַלט אין איין קוקן אויף איר און כאַפּ אָוועק די אויגן, ווען זי באַמערקט עפּעס. די גויע האָט מיך גענומען גאָר שטאַרק היטן, נאָכגעגאַנגען מיר יעדן טריט, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון מיר, גלייך כ׳וואָלט געווען אַ גנב, וואָס קומט צו איר אין הויז עפּעס אויסקוקן. זי האָט מיך נישט געלאָזט אויף קיין מינוט אַליין. טיילמאָל, ווען כ׳האָב געקוקט אויף דער קאַנאַפּע און די מאַ־לינאָווסקיכע האָט מיך דערביי געכאַפּט, האָב עך זעך דערפילט שולדיק און זעך פאַרלוירן. כאָטש כ׳האָב גאָרנישט געוואָלט געבן צו דערקענען אין זיך, האָב עך אַראָפּגעלאָזט דעם בליק, ווי מען וואָלט מיך געכאַפּט ביי עפּעס אַ גנבה...

„די מאַלינאָווסקיכע האָט געהאַט אַ קיילעכדיק פּנים, ווי אַ פּלעצל, אַ גראָב פאַרריסן בולבע־נעזל און אַ פּאָר קליינע, שיקלדיקע, גרינע אייגעלעך, ווי ווערעמדיקע אַרבעסלעך, וואָס האָבן זיך כסדר זייטיק אַריינגעשרויפט אין מיר. נישט איין מאָל, ווען אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר זיך אַ ווייל אָנגעקוקט, ווי מיר וואָלטן זיך ווען פאַרמעסטן מיטן בליק ווער עס וועט לענגער קאָנען אויסהאַלטן. דאָס האַרץ האָט מיר כסדר געציטערט, צי דער בריליאַנט ליגט נאָך באַהאַלטן אין דער קאַנאַפּע, צי נישט. געוואָלד געשריגן, ווי קען דער בריליאַנט נאָך דאָרט ליגן?! אַ וועלט איז חרוב געוואָרן,

מיליאַנען יידן זענען אויסגעקוילעט געוואָרן, יידיש האָב־און־גוטס איז אוועק מיטן רויך — זאָל זיך נאָך דאָ רואיק ליגן דער בריליאַנט, ווי קיין זאַך וואָלט אויף דער וועלט נישט געשען? ס׳איז אומזיסט מיין מי, ס׳איז אומזיסט מיין וואַרטן! בעסער דאַרף עך טאָן ווי מיין פינקוסל בעט זיך ביי מיר, און אוועק פון דאַנען, כל־זמן מען קוילעט אונדז נישט.

„פינקוסל זאָגט, אַז פון די אויגן פון מאַלינאָווסקיס זינדלעך, קוקט קיין גוטס נישט אַרויס. זיי האָבן פיינט אַ ייד! אָבער באַלד האָב עך אַנדערש אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי עך האָב געטראַכט אַ מינוט פריער. דער שטיין איז נאָך זיכער באַהאַלטן אין דער קאַנאַפּע, ער געפינט זיך אויפן זעלבן אָרט, ווו עך האָב אים איבערגעלאָזט. קיינער האָט דאָך נישט געוווסט פון דעם באַהעלטעניש. די וועלט איז חרוב געוואָרן, אָבער די קאַנאַפּע איז דאָ און ס׳איז דאָ דער שטיין...

„נישט איין מאָל בין איך שוין געשטאַנען ביי דער קאַנאַפּע און געפּרוווט אויפרייסן דעם פּליוש. מיינע הענט זענען גיך און אין גרויס שרעק געלאָפן איבערן גרינעם ווייכן פּליוש, וואָס האָט געבריט מיינע פינגער. די גויע איז אָבער באַלד אַריין אין שטוב און כ׳בין פון דער קאַנאַפּע אָפּגעשפּרונגען, ווי פון אַ פייער. אַ סך מאָל האָב עך זיך נישט געמאַכט ווסנדיק און זיך דווקא אויף דער קאַנאַפּע אוועקגעזעצט, ווי קיינמאָל גאָרנישט. כ׳בין געזעסן, ווי אויף הייסע קוילן; געזעסן אין דער לופטן. עך האָב זיך געוואָלט זעצן באַקוועם — נאָר כ׳האָב נישט געקענט. אָבער מיינע הענט האָבן נישט גערוט. זיי האָבן שטיל, קיינער זאָל נישט זען, געזוכט, געלאָפן איבערן גרינעם פּליוש. ווי נאָר כ׳האָב באַמערקט אַז די גויע האָט דערפילט ווי מיינע הענט נישטערן אינעם פּליוש, זענען זיי אויס מורא באַלד פאַרגליווערט געוואָרן. זיי זענען ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן, ווי זיי וואָלטן געווען טויט...

„איין שיינעם טאָג, איז עס מיר סוף־כל־סוף געלונגען און כ׳האָב געפּאַקט דעם בריליאַנט. כ׳האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען די מאַלינאָווסקאַ איז אַרויס פון דער שטוב און עך האָב דעמאָלט אַזוי גיך אָנגעהויבן צו נישטערן אינעם פּליוש, אַז כ׳בין באַגאָסן געוואָרן מיט טייכן שווייס. אַז כ׳האָב דעם בריליאַנט אַרויסגענומען פון דער קאַנאַפּע, האָט דאָס האַרץ ביי מיר געזעצט, ווי ביי אַ גזלן. כ׳האָב שנעל דעם בריליאַנט פאַרשטעקט אויף דער ברוסט, אַ כאַפּ געטאָן פינקוסלען ביי דער האַנט, אַז כ׳האָב שיער נישט אויסגעריסן ביי אים אַ שטיק פלייש און אַרויס אין דרויסן.

„בעת כ'בין ארום אין דעם שטילן, פינצטערן געסל, ביז עך פון אנהייב זייער פאוואליע געגאנגען, ס'זאל נישט פאלן אויף מיר קיין שום חשד. אפגעגאנגען א פאר טריט, האב'ך זיך נישט געקענט מער באהערשן און אנגעהויבן אזוי שנעל לויפן, אז כ'האב נישט געקענט אפכאפן דעם אטעם. מיין פינקוסלען האב עך געהאלטן ביי דער האנט, ווי א קינד. פינקוסל האט מעך נישט געקענט דעריאגן און זיך מיר נאכגעשלעפט. פלוצים האב עך דערפילט ווי פינקוסלס האנט ווערט עפעס אזוי לעפקע און שלאבעריק אין מיין האנט. ס'האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז כ'האלט א טויטע האנט אין מיינער. די טויטע האנט גליטשט זיך ארום פון מיר. כ'האב זיך מיטאמאל געכאפט, אז כ'האב נאר־וואס דערהערט א שאס און נישט אנדערש נאר מיין פינקוסל איז געטראפן געווארן פונעם שאס. דער שרעק־לעכער געדאנק איז מיטאמאל צו מיר געקומען, מעך געטראפן, ווי א דונער. דער געדאנק האט מיך אינגאנצן צענומען. כ'האב נישט גע־ווסט וואס צו טאן, געוואלט שרייען נאך הילף, געוואלט רופן מענטשן, אבער דאס קול איז ביי מיר פארגליווערט געווארן אין האלדז.

— וואס איז געשען, פינקוסל... — האב עך קוים געקענט ארויסקוועטשן די ווערטער, זיך אראפגעבויגן צו פינקוסלען און אנ־געהויבן אים לייכט צו טארען — וואס איז געשען?! מיר מוזן לויפן! מיר מוזן וואס שנעל אוועק פון דאנען! וואס איז געשען?! אוי וויי איז מיר!...

„אבער כ'האב שוין געפילט, אז דאס אומגליק איז געשען. דאס חיות האט זיך ביי מיר אפגעשטעלט. ווער ווייסט, צי מיין פינקוסל וועט זיך נאך קענען אויפהייבן פון דער ערד. כ'האב זיך אראפגע־לאזט צו פינקוסלען, זיך ארויפגעווארפן אויף אים, ווי אים צו באשיצן. עך האב לאנג געהאלטן פינקוסלס געלאקטן גרויען קאפ, וואס כ'האב אזוי ליב געהאט, אין מיינע הענט, אים נישט געקענט ארויסלאזן. כ'האב געהערט פינקוסלס שטילע, לעצטע ווערטער, וואס ער האט צו מיר געזאגט:

— מיר האבן באדארפט אוועק פון דאנען, ווען ס'איז נאך גע־ווען צייט... נישט געטארט ווארטן אזוי לאנג...

„די ווערטער געדענק עך, ווי היינט. זיי האבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין אנגעווייטיקט געמיט. ווער ווייסט, צי כ'בין נישט אין עפעס שולדיק..."

ריווטשעלע איז אנטשוויגן געווארן. דער ווייטיק האט איר אזוי שטארק צוגעפרעסט, אז זי האט נישט געקענט מער רעדן. די אויגן

זענען איר פול געוואָרן פון טרערן, וואָס זענען גערונען פון הינטער די ברילן איבער די באַקן.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט, ווען די אַרבעטער פאַרלאָזן די „פעקטאָרי״. מיסטער לאָוב האָט זיך אַדורכגעדרייט לעבן ריווטשעלען, מיט איין אויער אויפגע־כאַפּט, וואָס זי דערציילט, אָבער ער האָט מורא געהאַט עפּעס צו זאָגן. די ווייבער, וואָס זענען געזעסן אַרום ריווטשעלען ביים טיש, האָבן זיך צו איר מער נישט צוגעהערט. זיי האָבן שוין אַלץ געקענט פון אויסנווייניק. דורכן פאַרשטויבטן פאַבריק־פענצטער איז אַריינגעפאַלן אַ רויטער זייל פון דער שפּעטער זון. אינעם זייל, וואָס האָט אַדורכ־געשניטן די פאַבריק אין צווייען, האָבן זיך געוויגט אָן אַ שיעור שטויבעלעך, ווי פליגעלעך. אַרום דער לאַנגער שורה מאַשינען האָבן זיך גיך־גיך געדרייט די טראַנסמיסיע־פּאַסן. זיי האָבן זיך געדרייט אין איין קרייז, ווי פייגל וואָס פליען אין אַ פאַרכישופטן ראָד און קענען פון אים נישט אַרויס.

די ווייבער אַרום טיש האָבן זיך צו ריווטשעלען נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. ריווטשעלע האָט ווייטער אָנגעהויבן:

„דער בריליאַנט איז געבליבן ביי מיר. אַז אָך און ווי... מיין פינקוסל איז אויף יענער וועלט און דער בריליאַנט איז איינגענייט אינעם זוים פון מיין קלייד. עך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט אָנגע־קוקט און כ'וועל אים קיינמאָל נישט אָנקוקן! נימאַלס אין לעבן! צו די קינדער קיין קאַנאַדע וועל עך נישט פאָרן. זיי דאַרפן מעך נישט. עך האָב פיינט זיך אָנצוזעצן אפילו אויף אייגענע קינדער. אַז כ'קום אהיים נאָך דער אַרבעט, האָב'ך נישט פאַר וועמען אָפּצוקאָכן אַביסל וואַרעמס. עך זיץ אַליין ביים טיש, ווי אַ שטיין! בלויז אין דער „פעקטאָרי״, ווען כ'דערצייל פון מיינע צרות, ווען עך רעד מיר אַביסל אַראָפּ פון האַרצן, ווערט מיר אַביסל לייכטער. אַ טראָפּעלע לייכטער.״

דער יובילער און דער בעטלער

— ס'א שיינער טאָג היינט... נייס דעי... ביוטיפול דעי. גיט נאָר אַ קוק אויפן הימל ווי בלוי ער איז. אָן אַ פּיצל וואָלקן...

מיט דעם זעלבן פּזמון האָט וויקטאָר קינג יעדן טאָג באַגעגנט דעיוו בענטשן ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין יובילער־געשעפט. ס'האָט געמעגט זיין קאַלט און דער הימל פאַר־וואָלקנט, האָט וויקטאָר איבערגעחזרט דאָס זעלבע. ער איז שטענדיק געווען גוט אויפגעלייגט און להוט צו כאַפּן אַ גוטמוטיקן שמועס. ער האָט געהאַט אַ סך צייט און נישט באַמערקט אַז מיסטער בענטש איילט זיך שטאַרק און ווייל נישט הערן וואָס ער רעדט. וויקטאָר איז געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס. ער האָט געטראָגן אַ פאַרפעצט־אָפּגע־שאָסענעם קאַפּעליוש, קיילעכיק־ברייטע הויזן, ווי רערן, וואָס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד און אַ צוויטיק־גרין שאַליקל, ס'זאָל פאַרדעקן דאָס קוויטיק־שוואַרצע העמד. דערפאַר איז דאָס פאַר־וואַקסענע פּנים זיינס געווען פריש געוואַשן און דער עיקר די אויגן, וואָס זענען געווען גרויס און בלוי און האָבן פאַרמאָגט אַ גאָלדענעם שימער ווי דער הימל אין פרילינג.

פונקט ווי וויקטאָר איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, איז דעיוו געווען אַלעמאָל אויסגעפּוצט. זיין שיין־געניייטער אָנצוג לויט דער לעצטער מאָדע האָט נישט פאַרמאָגט קיין שפּרענקעלע שטויב און איז געווען אַזוי אויסגעפּאַסט אויף אים, אַז עס האָט זיך נאָך בולטער אָנגעזען דער קילעכער בויך און די פולע לידקעס ווי ביי אַ פרוי. זיין שטייפער, ענגער קראַגן פונעם בלאַנקנדיק־ווייסן העמד האָט אָנגעבלאָזן דעם האַלדז. ער האָט געטראָגן גלאַנציק־אויסגעפּוצטע שיך און אַ מאָדערן קאַפּעליושל מיט שמאָלע ראַנדן, וואָס ער האָט זייער פיינט געהאַט אַראָפּצונעמען פון קאָפּ, ווייל ער האָט געהאַט צרות מיט די האָר. דעיוו האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן גלאַנציקן פּליך און ער האָט געלאָזט וואַקסן זייער לאַנג די האָר ביי די זייטן פון קאָפּ, כדי ער זאָל מיט זיי פאַרדעקן דעם נאַלן שאַרבן. אַז ער האָט

אראָפּגענומען דאָס קאַפּעליושל זענען אים תמיד די לאַנגע האָר אויף די אַקסלען אַראָפּגעפאַלן, ווי אַן אונטערגעהאַקטער פליגל ביי אַן עוף. דעיוו איז אייביק געווען אָנגעדרודלט און דאָס פּנים איז געווען ביי אים פאַרוואָלקנט. וויקטאָרס אויפגעלייגטקייט האָט אים שטאַרק אויפגערעגט און אַרויסגעבריינגט פון די כלים.

— ניים דעי... אַ שיינער טאָג ... אַ שיינער טאָג... — האָט דעיוו נאָכגעקרומט וויקטאָרן — גוט! גוט! כ'האָב שוין געהערט... וואָס גייט עס מיך אָן?

— און וואָס הערט זיך אין די ביזנעס, סער? שוין עפּעס גע־לייזט, היינט? ס'קומען לעצטנס פאַר אַ סך חתונות... די חתנים דאַרפן האָבן רינגלעך פאַר די כלות... — האָט וויקטאָר נישט געהערט דעם שפּאָט אין דעיווס רייד און גערעדט צו אים אין זיין שיינעם גלינגענדיקן ענגליש, וואָס איז געווען אַזוי דייטלעך און קלאָר, אַז מען האָט געקאָנט ציילן יעדעס וואָרט.

דעיוו האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן סיי דעם קלינגענ־דיק־שיינעם ענגליש פון וויקטאָרן, וואָס האָט זיך נישט געפּאַסט פאַר אַ שלעפּער, סיי די טשאַפּענדיקע טריט זיינע, וואָס האָבן זיך מיט אַ הויכן שאָרך געשאַרט אויפן טראָטואַר. צום מייסטנס האָט דעיוו פיינט געהאַט ווען וויקטאָר האָט אים געפרעגט אויף די געשעפטן. ער האָט געוווסט אַז טאָמער פרעגט אים דער שלימזל אויף די ביזנעס, מעג ער פאַרפּאַקן די קראָם, ווייל דעם טאָג וועט ער שוין נישט לייזן קיין פּעני...

דעיוו האָט געזוכט פּטור צו ווערן פון וויקטאָרן. ער האָט זיך ערגעץ שטאַרק געאיילט, געהאַט אַ וויכטיקן ענין אויפן קאָפּ און יענער האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט מיט די טשאַפּענדיקע טריט. וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף אים? וואָס וויל ער פון אים האָבן? ווי נאָר ער האָט אים דערזען, האָט ער געוווּסט, אַז ס'איז אַ שלעכטער סימן און אַלץ וועט אים גיין קאַפּויר. וואָס איז דער שלימזל אַלעמאָל אַזוי פריילעך? וואָס פרייט ער זיך מיטן לעבן? וואָס איז ער אַזוי גליקלעך, אַז די מאַמע האָט אים געהאַט...

שוין יאָרן לאַנג ווי דעיוו בענטש האָט דאָס יובילער־געשעפט אויף דער ראַסל־סטריט און אַלץ איז אים געגאַנגען כשורה. ער האָט געזען, אַז ער אַרבעט זיך אַרויף און ער וועט ווערן רייך. נאָר זינט עס האָט זיך באַוויזן וויקטאָר קינג אין דער גאַס לעבן זיין געשעפט, האָט ער געפילט, אַז אַלץ איז נישט אַזוי ווי ער האָט געקלערט. אמת איז, אַז אין דער געגנט האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ סך שלעפּער. ס'זענען דאָ

געווען עטלעכע איטאַליענישע קאַפּע־הייזער, אָרעמע „מילק־באַרס", אַ גריכישער „פיש־ענד־טשיפּס שאָפּ", פאַרחושכטע כינעזישע רעס־טאָראַנדלעך. נישט ווייט פון דאַנען האָט זיך געפונען דאָס הויז, ווו די שלעפּער האָבן געקאָנט באַקומען אַ נאַכט־לעגער. מחמת דעם האָבן זיך דאָ אייביק אַרומגעדרייט אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס זענען פאַרקריפּלט צוריקגעקומען פון דער מלחמה, שיכורים, וואָס האָבן געבעטן געלט אויף עסן און באַלד אַלץ פאַרטרונקען, און סתם בעטלער, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַ נדבה. גאַסן־פרויען, וואָס זענען אויפגעשטאַנען אינמיטן טאָג, זענען דאָ געקומען איינקויפן און פאַרזעצט זייערע רינגלעך, זייגערלעך און בראַשקעס אינעם „פּאָון־שאָפּ". דער אייגנטימער פון „פּאָון־שאָפּ", אַן ענגלישער ייִד, איז געווען דער באַלעבאָס פונעם הויז, ווו דעיוו האָט געהאַט דאָס יובילער־געשעפט, און ער האָט געמאַכט אַ לעבן פון די אָרעמע־לייט. אויך דעיוו האָט געוווסט אַז דווקא פון אָרעמעלייט קאָן מען אַרויסציען פּרנסה. אָבער וואָס שטעקט וויקטאָר אַריין די נאָז אין זיינע געשעפטן? וואָס מישט ער זיך אין זיינע ביזנעס?

זינט עס האָבן זיך דאָ גענומען מערן די שלעפּער און ס'האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט וויקטאָר קינג מיט זיין חברותא, האָט די גאַס אָנגעוווירן פון איר אַמאָליקער חשיבות. אַן אָרעמע גאַס קאָן אויך האָבן איר חשיבות... ס'איז שוין געווען צופיל. דעיוו האָט געזען אַז די געשעפטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרערגערן — איינגעשרומפּן געוואָרן. קיין לייטישער מענטש איז דאָ מער נישט געקומען עפּעס איינקויפן. ס'איז שוין געווען היפּשע עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה און די יונגעלייט האָבן מער נישט געקויפט אַזויפיל „ענגעידזשמענט"־רינגלעך ווי זיי האָבן געקויפט באַלד נאָכן קריג.

שוין נישט איין מאָל האָט זיך דעיוו פאַרקלאָגט פאַרן באַלעבאָס פונעם הויז פאַרוואָס ער לאָזט צו, אַז די אַלע שלעפּער זאָלן זיך דאָ אַרומדרייען און פאַרוואָס ער ווערט נישט פּטור פון וויקטאָרן. אָבער דער באַלעבאָס, וואָס איז געווען זייער אַ קאַרגער און האָט זיך געפּוצט אין מלבושים, וואָס זענען שוין מיט צענדליקער יאָרן אַרוים פון דער מאָדע, האָט אים געענטפערט אי מיט אַ הלצהלע און אי מיט ערנסט. ער האָט אַ טבע געהאַט זיך צו וויצלען מיט אַן ערנסט פּנים, מען זאָל נישט וויסן צי ער מיינט דאָס וואָס ער זאָגט, צי ער שפּאַסט.

— פאַרוואָס זאָל'ך עפּעס אַרויסוואַרפן וויקטאָרן? כ'צאָל דאָך אים אַ גרויסן וועידזש... ער פאַרדינט ביי מיר אַ סך געלט, אָבער ער איז אַלץ ווערט...

— וואָס־זשע דאַרף ער שלאָפן אינעם הויז? אַז אַ קונה זעט דאָס, קומט ער נישט דאָס צווייטע מאָל. שאָקינג!

— כ'מוז דאָך אים מיט עפּעס באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט. יאָ, צי ניין? ער אַרבעט שווער... קערט די שאָפּ, קערט דעם קאָרידאָר... גייט „מעסעדזשעס". כ'דאַרף נישט האַלטן קיין „קערטעיקער". ער איז אַ גאָלדענער מענטש. האָט נישט קיין גאַל...

— פאַרוואָס דאַרף איך דערפון ליידן? אייך איז באַקוועם... אָבער מיר נישט! איך האָב אָנגעוווירן צוליב אים אַ גרויסן קונה! בעת ער איז אַריין אין קאָרידאָר און געטראָפן דאָרט שלאָפן וויקטאָרן מיט זיין געליבטער, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער וויל מער נישט קומען...

— אייערע דיאַמענטן... אייערע בריליאַנטן אינעם שוי־פענצטער באַשיינען אַלץ... נעווער מיינד... וויקטאָר היט אייך ביינאַכט דאָס פאַרמעגן. ווען נישט ער, וואָלט מען שוין לאַנג אַרויסגעגנבעט ביי אייך די אוצרות! איר דאַרפט אים קושן די הענט!

— וואָס טרייבט איר קאַטאָוועס! ס'איז נישט קיין צייט דערויף. דאָס הויז איז אָפּגעלאָזן. ווערט שמוציקער פון טאָג צו טאָג. שוין איינמאָל געפונען אַ מענטש וואָס זאָל היטן דאָס הויז! כ'בין אַמאָל פאַרביי־געגאַנגען דאָס אָרט, ווו וויקטאָר האָט דאָס געלעגער, איז פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען אַ ריזיקער שטשאָר. אַזאַ בחור! — האָט דעיוו צענומען די הענט, אָפּגעמאָסטן די גרוים פונעם שרץ.

— נעווער מיינד... — האָט דער באַלעבאָס זיך אַלץ געוויצלט

— די שטשאָרעס וועלן נישט אויפעסן די בריליאַנטן...

דעיוו האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און באַשלאָסן זיך צו בעטן ביי וויקטאָרן, ער זאָל מיט זיין אייגענעם ווילן אַוועק פון דאַנען. בעת וויקטאָר האָט זיך אַרומגעשלאָנדערט אויף דער גאַס, זיך געוואַרעמט אויף דער זון און געפּרעגט דעיוון אויף די ביזנעס, האָט ער זיך אָנגערופן צו אים:

— וואָס דאַרפט איר וווינען אין אַ קאָרידאָר, ווו ס'איז קאַלט און שמוציק? — האָט ער גערעדט וויקטאָרן צום שכל־הישר — איר קענט זיך נישט געפינען אַ בעסער נאַכט־לעגער? קנאַפּ ערטער זענען דאָ אין מעלבורן?

— כ'האָב נישט קיין געלט. ווו וועל'ך נעמען צו באַצאָלן פאַר אַ דירה? — האָבן וויקטאָרס גרויסע בלויע אויגן געקוקט מיט אַזאַ תמימות, אַז ס'האָט אַזש דעיוון אָנגענומען ביים האַרץ, כאָטש ער האָט אים אַזוי פיינט געהאַט.

— כ'וועל באַצאָלן פאַר אייך די ערשטע פּאָר וואָכן דאָס דירה־געלט — איז דעיוו געווען צופרידן פון זיין איינפאַל — ר'וועט קומען צו מיר און כ'וועל אייך יעדע וואָך געבן דאָס געלט...

א פּאָר וואָכן האָט טאַטע דעיוו זיך אָפּגערוט פון וויקטאָרן און אין קאָרידאָר זענען מער נישט געלעגן זיינע ברודיקע קאָצן — אָבער אזוי גיך ווי ער האָט אים אויפגעהערט צו געבן דאָס געלט, איז וויקטאָר דאָ צוריק אויסגעוואַקסן. ער איז צוריק נאָכגעלאָפן דעיוון מיט זיינע טשאַפּענדיקע טריט, האָט געריסט דאָס וועטער און אים געפרעגט אויף די ביזנעס. ער האָט דעמאָלט אומגעריכט א פרעג געטאָן דעיוון:

— איר זענט א ייד, סער?

— וואָס גייט עס אייך אָן? — האָט דעיוו נישט געענטפערט אזוי שנעל און פאַרלוירן געשטאַמלט — און אז כ'בין א ייד, איז וואָס? ביי מיר איז נישטאָ קיין שום אונטערשיד פון א ייד צו א גוי . . . — האָט ער בייז אָפּגעהאַקט, ווייל ס'האָט אים פאַרדראָסן אז אפילו אזא שנאָרער טשעפּעט זיך צו יידן.

— כ'האָב דאָס געפרעגט דערפאַר, ווייל כ'בין אויך א ייד...

— האָט וויקטאָר געזאָגט מיט פיל הייטערקייט אין קול — מיין באָבע איז געווען א יידישע. כ'געדענק ווי כ'בין געקומען פריייטיק צו דער באָבען... זי האָט געצונדן ליכט און צוגעגרייט א שבתדיקע סעודה. מיין טאַטע איז שוין נישט געווען אזוי יידיש ווי די באָבע. און איך האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, אז כ'בין א ייד... כ'בין יונג אוועק פון דער היים, זיך געלאָזט זוכן גאָלד איבער אויסטראַליע. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך געוואָרן א זעלנער און אוועק אויפן פראָנט...

זע נאָר ווער ס'וויל אים דאָס איינרעדן, אז ער איז א ייד — האָט דעיוו געטראַכט ביי זיך — זע נאָר ווי כיטרע דאָס איז! ער שאַצט אים איין אין נדן, אז ער איז א ייד. דאָס איז שוין איינמאָל א פויגל! כדי וויקטאָרן אריינצוזאָגן, האָט ער אים מיטאַמאָל גע־פרעגט:

— און וואָס טוט איר היינט?

— וואָס זאָל'ך טאָן? כ'קער די שטיגן... כ'טו ביינאַכט אכטונג אויפן הויז. איך לעב פון דעם וואָס גוטע מענטשן גיבן מיר...

מיסטער בענטש האָט שוין געזען, אז ס'איז נישטאָ קיין שום עצה. ער איז גוט אדורכגעפאַלן. וואָס מער ס'איז אים געגאַנגען מיט

דער פּוטער אַראָפּ, אַלץ מער האָט ער באַשולדיקט דעם שלימזל אין זיינע דורכפאַלן. ס׳איז אים טיילמאָל אַפילו אַדורכגעפלויגן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז ער איז פּונקט אַזאַ שלימזל ווי וויקטאָר. ווען ער האָט זיך אין אָוונט אומגעקערט פון די ביזנעס, האָט ער דאָס דעם ווייב געזאָגט. אָבער זי האָט דאָס נישט געוואָלט הערן און אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— דיינע איינפאַלן! איך זע אַז דו האָסט שוין טאַקע נישט פון וואָס צו קלערן! וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין דעם אָרעמען וויקטאָרן?!

דעיוו האָט געזען אַז אַפילו דאָס ווייב פאַרשטייט אים נישט. ער איז געבליבן איינער אַליין. אַז דאָס ווייב פאַרשטייט אים נישט, ווער־זשע וועט אים פאַרשטיין? ער האָט געפילט, אַז מיט זיינע ברידער וועט ער זיך שוין קיינמאָל נישט אויסגלייכן. דער טאַטע האָט אים שטענדיק געהאַלטן נידעריקער פון די ברידער. דאָס איז געווען נאָך דענצמאָל ווען זיי האָבן געוווינט אין דעם אָרעמען געסל אין קאַרלטאָן און די ברידער האָבן זיך געלערנט און ער האָט געמוזט גיין צו דער אַרבעט. די ברידער זענען דאָ הי געבוירן געוואָרן און ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד. מחמת דעם האָבן זיי געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, נישט געהאַלטן אים פאַר זייערס גלייכן. זיי האָבן אויסשטודירט, געוואָרן באַרימטע אַדוואָקאַטן און זיך אויך פאַרנומען מיט כלל־טועריי. זיי זענען געוואָרן אָנגעזען נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אַפילו צווישן אויסטראַליער. און וואָס איז פון אים געוואָרן? ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שלימזל, זיך געפילט שפּלדיק לגבי די ברידער. ווען ער איז טיילמאָל געקומען אין זייערע שיינע, רייכע הייזער, האָט ער זיך געשאַרט אין די ווינקלען. ער האָט געהאַט אַ באַגער זיך אַרויפצואַרבעטן, ווערן רייך און כאָטש מיטן געלט זיך אויסגלייכן מיט די ברידער. ער האָט זיך געכאַפּט צו אַ סך מסחרים — אָבער מיטן יובילער־געשעפט איז ער געווען זיכער אַז ער האָט אַריינגעשאָסן.

די ערשטע יאָרן איז אים טאַקע גאָר גוט אַוועק. אַז ער האָט זיך געטראָגן איבערן געשעפט און געכאַפּט אַ קוק אויף די בריליאַנטן, אויף די דימענטענע בראָשקעס און בראַנזאָלעטן, אויף די גאָלדענע זייגערלעך, וואָס זענען געלעגן גאַווהדיק אויף די גראַנאַטענע סאַמעטענע קישעלעך אין די גלעזערנע שענקלען, האָט ער זיך געפילט זייער געהויבן. אָבער זינט ס׳האָט אים אָנגעהויבן צו גיין שלעכט און ס׳איז דאָ אויסגעוואַקסן וויקטאָר, האָט ער אים דערמאָנט אין זיין אַמאָלי־

קער אומבאהאָלפנקייט און ער האָט אים אין אַלץ באַשולדיקט. אפילו די בריליאַנטן אין די גלעזערנע שענקלעך האָבן אָנגעווירן זייערע בלויע און גאָלדענע פייערן — אָנגעוווירן דעם עשירותדיקן גלאַנץ. קיינער האָט זיי מער נישט געדאַרפט. דערצו זאָגט נאָך וויקטאָר אַז ער איז אַ ייד. דאָס איז אַ בושה און אַ חרפה פאַר די יידן אין שטאָט! ...

מיסטער בענטש האָט געזען אַז מיט גוטן וועט ער גאָרנישט פועלן ביי וויקטאָרן. ס׳בעסטע וועט זיין ער זאָל אים אונטערדרוקן עפּעס אַ ווערטפולן חפץ און זאָל מעלדן דער פּאָליציי, אַז ער האָט אים באַגנבעט. די פּאָליציי וועט אים אַרעסטירן און ער וועט פון אים פּטור ווערן. אָבער וואָס וועט זיין, אַז וויקטאָר וועט צוגנבענען טאַקע דעם חפץ און די פּאָליציי וועט ביי אים גאָרנישט געפינען? ס׳אַרע פּנים וועט ער דעמאָלט האָבן? דעיוון איז איינגעפאַלן צו זאָגן דעם באַלעבאָס פון הויז, אַז ער וועט אַליין אויסקערן די שטיגן, אויב ער איז אַזוי קאַרג צו באַצאָלן דערפאַר — אבי ער זאָל וויקטאָרן מיט זיין חברה משלח זיין פון דאַנען. בשעת דער באַלעבאָס האָט דאָס דערהערט, האָט זיך אַ שמייכעלע באַזעצט אויף אַ שפּיץ פון זיינע זילבערנע וואָנסעלעך. באַלד האָט זיך זיין פּנים פאַרדעקט מיט אַן ערנסטקייט און ער האָט דערלאַנגט דעיוון אַ בעזים.

— כ׳וויל נישט אומזיסט — האָבן זיך שפּליטערן פון געלעכטער געריסן אינעם ערנסטן פּנים — כ׳וועל אייך באַצאָלן יעדע וואָך ... געבן אַ ווערדזש...

ביי דעיוון אָבער איז דאָס נישט געווען קיין געלעכטער און ער האָט גענומען קאָנקורירן מיט וויקטאָרן און אָנגעהויבן קערן די שטיגן. אַז וויקטאָר מיט זיין חברה האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי נישט געוווסט וואָס דאָ איז געשען. באַלד איז וויקטאָר צוגעגאַנגען צו דעיוון, אַרויסגענומען ביי אים מיט כעס דעם בעזים פון דער האַנט און זיך אָנגערופן אין זיין קלינגענדיק־שיינעם ענגליש:

— לאָזט געמאַך, סער... כ׳טו עס בעסער פון אייך! זעט נאָר וואָס פאַרא שטויב איר האָט אָנגעמאַכט. נעמט נישט צו מיין פּרנסה.

ס׳איז געווען שפּעט אין אָוונט. מיסטער בענטש האָט זיך פאַרזוימט ביי זיך אין די ביזנעס. ער האָט געהאַט אַ שווערן טאָג און איז געווען זייער מיד. בייטאָג האָט ער געהאַט אַ סך צו באַזאָרגן און ס׳איז אים גאָרנישט געגאַנגען. באַלד ווי ער איז אַרויס אין דער פרי אין גאַס אַריין, האָט ער אָנגעטראָפן אַ לאָמען און ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן סימן. שפּעטער אַביסל האָט ער באַגעגנט

נאָך אַ לאָמען און דערנאָך נאָך איינעם. ער האָט שוין געוווסט, אַז ער וועט אין גאָרנישט מצליח זיין. דערפאַר האָט ער זיך דערפרייט, אַז ער האָט באַגעגנט אַ הויקער. נאָך יינגלווייז האָט ער געוווסט, אַז דאָס איז מזלדיק... קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָט ער זיך אונ־טערגענבעט צום הויקער און אים אַ גלעט געטאָן איבער דער אַרויס־שטאַרנדיק־קרומער פּלייצע, וואָס איז געווען שאַרף ווי אַ האַק. ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט וואָס ער גלייבט אין אַזעלכע זאַבאַבאָנעס און איז שנעל אַוועק. אין די ביזנעס, ביים שיין פון קאַרגן עלעקטרישן ליכט, האָט ער זיך דאָס אַלץ צוריק דערמאָנט. אַ שווערקייט האָט אויף אים געהויערט. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ גערודער אין הויז. ער האָט זיך דערשראָקן און איז באַלד אַרויס אין קאָרידאָר אַ קוק צו טאָן וואָס ס'איז געשען. ער האָט באַמערקט אַז אין דעם ווינקל, וו ס'שלאָפט געווײנטלעך וויקטאָר, באַוועגט זיך עפּעס. ס'איז געווען פינצטער און ער האָט אַ סך נישט געקאָנט זען. ערשט ווען ער האָט אויפגעמאַכט ברייטער די טיר, האָט ער אין דעם פּאַס ליכט באַמערקט וואָס דאָ קומט פאָר. ס'איז געווען אַ „פּאַרטי". וויקטאָר האָט פאַר־בעטן צו זיך עטלעכע שלעפּער — ווייבער און מענער — און זיי האָבן זיך משמח געווען. מן־הסתם קומט דאָס פאָר יעדע נאַכט, נאָר קיינער ווייסט נישט דערפון. ווען דעיוו האָט זיך דערנענטערט צו דער חברה, איז אים וויקטאָר אַנטקעגנגעקומען מיט אַ גלאָז ביר אין האַנט.

— טרינקט, סער... — האָט ער אים געשטופּט דאָס ביר — טשירס! גוד לאַק! לאָמיר טרינקען פאַר אייער געזונט. פאַרן וווּל פון אייערע ביזנעס!... איר זאָלט מאַכן גוטע געשעפטן!

אָבער מיסטער בענטש האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרזוכן און אָפּגעשטויסן וויקטאָרן, אַז דאָס גלאָז ביר איז אים שיער נישט אַרויס פון דער האַנט.

— אַרויס פון דאַנען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — כ'רוף שוין פּאָליציי! אַרויס, איר באַנדע שלעפּער!

לכתחילה האָט זיך די חברותא דערשראָקן, נאָר באַלד זיך צוגע־ווינט צו זיין געשריי און ווייטער געטרונקען ווי קיינמאָל גאָרנישט. בלויז אַ דין ווייבעריש קולעכל האָט זיך דערהערט פון דער פינצטער־ניש:

— שרייט נישט אַזוי, מיסטער... ס'קען נאָך ווער אָנקומען!

דעיוו האָט ווייטער געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, אַז די האָר, וואָס ער האָט געלאָזט ספּעציעל זייער לאַנג וואַקסן ביי די זייטן פון

קאַפּ, כדי זיי אַריבערצוקעמען איבערן גאַלן שאַרבן, זענען אים אַ פּאַל געטאָן אין פּנים. דאָס האָט אים ווילד געמאַכט און ער האָט נאָך העכער אויפגעהויבן דאָס קול. אָבער די חברה האָט זיך שוין פון אים גאַרנישט געמאַכט און ווייטער געטרונקען.

פון זינט דענצמאָל אָן האָט דעיוו זיך געכאַפּט, אַז וויקטאָר שיכורט. ער האָט אַלעמאָל געטרונקען — נאָר לעצטנס האָט זיך פון אים שטאַרק געשפּירט די משקה. ער איז האַלבע טעג געזעסן אין דעם שכנותדיקן שענק מיט זיין חברה און זיי האָבן געטרונקען. בעת וויקטאָר האָט דעיוון אין דער פרי אַנטקעגנגעטראָגן דעם ברייטן „גוט־מאָרגן", האָט זיך שוין פון אים געטראָגן דער זויערער ריח פון ביליקן וויין.

— גייט אַוועק פון מיר! — האָט דעיוו אויסגעשריגן און זיך צוגעהאַלטן די נאָז — ס'שטינקט פון אייך די משקה אַ מייל ווייט...

נישט איינמאָל האָט דעיוו געפונען ליידיקע פלעשער פון וויין אינעם קאָרידאָר און אפילו לעבן זיין טיר. ס'אַ חידוש אַז וויקטאָר שטעלט נישט אַריין די פלעשער צו אים אין געוועלב!... דעיוו האָט אין אַ פאַרנאַכט אָנגעכאַפּט וויקטאָרן ביי אַ קלאַפּע און זיך צו אים אָנגערופן:

— כ'וועל אייך אויסזוכן אַ דזשאָב, וויקטאָר... איר הערט... כ'על פאַר אייך געפינען אַרבעט... אַ פּאַסיקע אַרבעט... נישט צו שווער. איר וועט פאַרדינען געלט און מאַכן אַ לעבן! איר וועט ווערן אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך... איר וועט וווינען ווי אַ מענטש! וואָס דאַרפט איר פירן אַזאַ הונטיש לעבן... איר זאָגט דאָך אַז איר זענט אַ ייד און יידן העלפן אַרוים איינער דעם אַנדערן... כ'וועל פאַר אייך געפינען אַ דזשאָב ביי אַ ייד.. אָל־רייט?

וויקטאָר איז געבליבן שטיין פאַרחידושט, אָנגעקוקט דעיוון מיט זיינע גרויסע אויגן, וואָס זענען געווען מילד און בלוי ווי דער הימל אין פרילינג — און גאַרנישט געענטפערט. ערשט ווען דעיוו איז צו אים גאָר צוגעשטאַנען, האָט ער צו אים געזאָגט:

— אָל־רייט... סער... אַ גרויסן דאַנק.. דערווייל קען איך אייך נאָך גאַרנישט ענטפערן. כ'וועל אייך מאָרגן געבן אַ תשובה...

און אַזוי האָט וויקטאָר אָפּגעשלעפּט פון איין טאָג אויפן אַנדערן, פון איין וואָך אויף דער אַנדערער. אַז ער האָט דערזען דעיוון האָט ער זיך פאַר אים אויסבאַהאַלטן. און אַז ער האָט שוין נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, וואָרים דעיוו האָט אים צוגעדריקט צו דער

וואַנט, האָט ער זיך נישט געמאַכט הערן וואָס יענער רעדט, ווי ער וואָלט געווען טויב. דעיוו האָט געמאַכט קולות, זיך געבייזערט, גע־שיט מיט פייער:

— כ׳וועל אייך אויסזוכן אַ דזשאָב! איר הערט וואָס כ׳זאָג אייך! איר מוזט אַרבעטן. אַלע מענטשן אַרבעטן... ביי מיר וועט איר ווערן אַ מענטש!

אָבער וויקטאָר האָט אים אָנגעקוקט מיט די בלויע, אומשולדיק־גרויסע אויגן, באַוויגן מיטן בלאַסן מויל, ווי אַ פיש אויף דער יבשה, געדרוקט אַהין און צוריק די טשאַפּענדיקע פּיס אין די גרויסע צעפּאַ־רענע שיך, ווי חרובע שיפלעך — און נישט אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט.

דעמאָלט איז מיסטער בענטש געוואָרן מלא־רציחה און אָפּגע־מאַכט ביי זיך, אַז ער וועט לערנען מיט וויקטאָרן בלק. ער האָט אים נאָכגעשפּיאָנירט און אַז ער האָט אים געזען אַריינגיין אין שענק, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו זיינע זאַכן, וואָס זענען געלעגן אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר. ס׳איז דאָרט געווען אַ באַרג מיט שמאַטעס: אַלטע לעבערדיקע קאַצן, הויזן, צעריסענע שקאַרפּעטקעס, פאַרדאַרטע שיך, פאַרפּעצטע קאַפּעליושן, אַ שירם און לײדיקע פלעשער פון משקה. פון דעם אַלעמען איז אויפגעגאַנגען אַ עיפּוש. דעיוו האָט צוזאַמענ־גענומען די חפצים, און אַז קיינער האָט נישט געזען האָט ער זיי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. דערנאָך איז ער שנעל אַריינגעלאָפן צו זיך אין יובילער־געשעפט. ער איז געשטאַנען אין איין ציטערניש טאָמער האָט אים ווער געזען און טאָמער וועט וויקטאָר זיך כאַפּן און אַריינקומען צו אים מיט אַ טענה.

אָבער קיינער האָט אים נישט געזען און וויקטאָר איז נישט אַריינגעקומען צו אים מיט קיין טענה. די חפצים זענען לאַנג נישט געלעגן אין דרויסן, נאָך דעם זעלבן טאָג זענען זיי צוריק געלעגן אויף דעם זעלבן אָרט אין דעם ווינקל פון קאָרידאָר, ווי פריער.

אויף צומאָרגנס האָט זיך מיסטער בענטש נישט געפוילט און, כאָטש ער האָט זיך פון די אַלע זאַכן געמיאוסט, האָט ער זיי צוזאַמענ־גענומען און ווידער אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. אָבער וואָס איז געווען די פּעולה אַז נאָך מיטאָג זענען זיי צוריק געלעגן אויף זייער פּלאַץ אין ווינקל און וויקטאָר איז געזעסן לעבן זיי, גלייך ער וואָלט געהאַלטן שמירה איבער זיינע אוצרות...

דעיוו האָט נישט אָפּגעלאָזט, געהאַלטן אויף וויקטאָרן אַן אויג און אַזוי גיך ווי ער איז ערגעץ אויף עטלעכע רגעס אַוועק, האָט ער אַ כאַפּ געגעבן די גראַטעס, זיי אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ און אַזוי

שנעל מיט זיי אוועקגעפאָרן, אַז די רעדער האָבן אַזש הויך אַ קוויטש געטאָן. אָבער ס'איז געשען אַ נס — נאָך דעם זעלבן טאָג אין אָוונט איז אַלץ ווידער אויסגעוואַקסן אויפן פריערדיקן אָרט.

דעיוו האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט. צי איז דאָס נישט אַן אויסדראַכטעניש, אַ כּישוף? ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף. פון וואַנען איז וויקטאָר געוואָרן וווּ ער האָט אַהינגעטאָן זיין פאַרמעגן? נישט אַנדערש ער איז אים נאָכגעפאָרן. און ווען דעיוו האָט געזען ווי וויקטאָר זיצט זיך אַזוי רואיק איבער זיינע שמאַטעס און ער היט זיי, איז ער צו אים צוגעלאָפן, אָרומגענומען זיין האַלדז מיט די הענט און אים אָנגעהויבן צו ווערגן.

— אוועק פון דאַנען! — האָט ער זיך געריסן, אַז מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן — גייט אַרבעטן! אַרבעטן גייט! ליידיק־גייער! שלעפּער! כ'מוז אייך מאַכן פאַר אַ מענטש... איר הערט, צי נישט?!...

וויקטאָר איז געוואָרן דאָ בלוי, דאָ רויט. דאָס בלוט איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אין פּנים. די באַקן זענען אים אויפגעלאָפן און די אויגן האָבן זיך אים אַרויסגעזעצט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויס־שפּרינגען פון די לעכער. ער האָט אָנגעהויבן צו כאָרכלען. אָבער דעיוו האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און אַלץ שטאַרקער מיט די הענט געדריקט זיין האַלדז.

אַ קרענצל מענטשן האָט זיך שוין געשטופּט אין הויז, פאַר־שטעלט די טיר, אַז קיינער האָט זיך מער דאָ נישט געקאָנט אַריינ־רייסן. תּחילת האָבן די מענטשן זיך נישט אַריינגעמישט, געמיינט אַז ס'איז אויך אַ געלעכטער און זיי האָבן נאָך צוגעגעבן פייער — אָבער אַז זיי האָבן געזען ווי וויקטאָר ווערגט זיך, האָבן זיי דעיוון פון אים אַוועקגעריסן.

דעיוו איז געבליבן שטיין אַ פאַרסאַפּעטער, נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך און געוואָלט אַוועק פון דאַנען. די מענטשן האָבן אים נישט געלאָזט, אים צוגעהאַלטן.

— וואַרט צו אַ מינוט! ווו איילט איר זיך! — האָט מען אים פאַרשטעלט דעם וועג — וואָסי, איר האָט קיין צייט נישט! אַזוי גלאַטיק וועט עס אייך נישט אָפּגיין... מען וועט רופן פּאָליציי! וואָס האָט איר געהאַט צו אים?! איר האָט אים נאָך געקאָנט דער־שטיקן!...

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'זענען אָנגעקומען צוויי פּאָליציילייט, וואָס האָבן אָנגענומען דעיוון אונטערן אָרעם און אים

אַרויסגענומען פונעם געזעמל. צווישן די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געווען זייער הויך און שטייף, האָט זיך דערשראָקן געקוילערט דער קיילעכדיקער גוף פון דעיוון, ווי אַ באַלעם צווישן צוויי סלופּעס. דאָס בינטל מענטשן איז זיי נאָכגעגאַנגען, זיך געאַמפּערט וואָס דאָ איז געשען און ווער ס'איז גערעכט.

דעיוון האָט מען נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון תפיסה — ער איז געבליבן זיצן ביזן פּראָצעס. אויפן פּראָצעס האָט מען אים פאַר־משפּט אויף אַ יאָר פאַר אויספירן אַ געוואַלט־טאַט, וואָס האָט געקאָנט אומברענגען אַן אומשולדיקן מענטש...

די בלעכערנע פושקע

יהודית איז געזעסן אין דער פינצטערער שטוב און אויף אירע אַלטע, פּאַרמעטן־גרויסע הענט איז געפאַלן דאָס גרינע גאַסן־ליכט. זי איז געזעסן גלייך־אויסגעשטרעקט און איר פּלייצע איז געווען פאַרגליווערט און ווי צוגענאַגלט צום אַנלען פון דער שטול. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ בלעכערנע פושקע, וואָס זי האָט געטוליעט צו זיך. דאָס גרינע גאַסן־ליכט האָט אויף אירע ביינערדיקע וואַקסענע הענט געצאַפּלט, ווי אַ גרינער געפאַנגענער פּאַפּוגיי. טיילמאָל האָט זיך אַרויסגעריסן ביי איר אַ קרעכץ, וואָס האָט געשפּאָלטן די שטילקייט. זי האָט געהאַט אַ האַרט און מאַנסביליש־טרוקן קול, וואָס איז געקו־מען ווי פון אַ הוילן פּאַס.

— אוי, טאַטע זיסער אין הימל, העלף... — האָט זי אַ כליפּ געטאָן ווי ביי קינות — העלף דיינע קינדער, וואָס זענען צעזייעט אויף דער וועלט! זאָמל זיי איין צוריק אינעם לאַנד פון די אבות!...

אירע ליפּן האָבן זיך אָן אַן אויפהער שטיל באַוועגט און זי האָט פון געדעכעניש געפּליסטערט כלערליי אָפּגעריסענע תפילות. זי האָט נישט געדענקט וואָס מען דאַרף זאָגן אין דער שפּעטער נאָכט־שעה און איבערגעחזרט אַלץ וואָס זי האָט געקענט פון אויסנווייניק. זי האָט שוין געהאַט געזאָגט עטלעכע מאָל קריאת־שמע, געקושט די מזוזה און אָנגעהויבן פונדאָסניי צו מרומלען מודה־אני, גלייך אויף די שויבן וואָלט אויפגעגאַנגען דאָס זילבערנע ליכט פונעם מאָרגן־שטערן. דערנאָך האָט זי געזאָגט ווידוי, זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין האַרץ און באַלד האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט „גאָט פון אברהם". אַמאָליקע יאָרן האָט זי געקענט דאַווענען פונקט אַזוי גוט ווי דער שטעטלדיקער בעל־תפילה — אָבער היינט זענען איר די תפילות אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ ווי די פייגל פון אַן אַלטער, חרובער נעסט.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר שטיל געעפנט, גלייך ס'וואָלט זיך

װער אַרײנגעגנבעט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קול, װאָס האָט אַ סקריפּ געטאָן װי אַ שליסל אין אַן אַלטן פאַרזשאַװערטן שלאָס.

— מאַמע, װאָס לײגסטו זיך נישט שלאָפן? װאָס ביסטו אױף ביז אַזױ שפּעט אין דער נאַכט? גײ אין בעט אַרײן, מאַם...

יהודית האָט זיך צומאָל נישט קײן ריר געטאָן און איז װײטער געבליבן זיצן פאַרגליװערט אױף דער שטול, װי זי װאָלט געװען טױט.

— כ׳בין געקומען זען װאָס דו מאַכסט, מאַם. כ׳בין דאָ פאַר־בײגעפאָרן און עס איז מיר אײנגעפאַלן אַז דו ביסט נאָך אױף... קום, װעל איך דיר העלפן זיך גײן לײגן, מאַמע...

אָבער יהודית האָט נישט געהערט װאָס דער זון רעדט צו איר, זיך נישט אומגעקוקט אױף אים און אירע ליפּן האָבן כסדר געפּרעפּלט די תפילות.

— װאָס צינדסטו נישט אָן דאָס ליכט, מאַמע? װאָס זיצסטו אין דער פינצטער? — האָט קאַלין פאַרלױרן אַביסל דאָס געדולד — װאָס דאַװנסטו גאַנצע טעג און נעכט? גאָט װײסט אַז דו ביסט גוט און פרום און דו דאַרפסט נישט כסדר דאַװענען! איך גײ בלױז בעטן צו גאָט יום־כיפּור... אין די הײ האָלידײס... כ׳האָב נישט קײן צײט צו די זאַכן...

קאַלין איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, זי אָנגענומען לײכט בײ די קאַסלען און אַ גלעט געטאָן בײ איר דאָס טיכל אױפן קאָפּ. זי האָט אַ צוק געטאָן מיטן גאַנצן גוף, װי זי װאָלט ערשט איצט באַמערקט אַז דער זון שטײט לעבן איר. יהודית האָט זיך געלאָזט פירן פונעם זון צו איר געלעגער, אָבער זי האָט די פּושקע װאָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט, נישט אַרױסגעלאָזט אױף קײן רגע. זי האָט זיך אָנגע־הױבן אױסצוטאָן — און ערשט דענצמאָל װען זי איז שױן געלעגן אונטער דער קאָלדרע האָט זי אַװעקגעשטעלט די בלעכערנע פּושקע לעבן זיך אױפן טישל.

— אַ גוטע נאַכט, מאַדהער — האָט קאַלין געזאָגט — סװיט דרימס — און ער האָט זיך אַרױסגעלאָזט פון שטוב.

אױף דער גאַס איז געװען פינצטער. פונעם טונקעלן הימל האָבן אַראָפּגעקוקט צו אים עטלעכע בלאַסע שיטער־צעזײעטע שטערן. װען ער איז שױן געשטאַנען בײם אױטאָ, האָט ער פּלוצים באַמערקט װי פון אַ זײטיק געסל האָט זיך אַרױסגעשאַרט אַ געשטאַלט פון אַ פרױ, װאָס האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט זיך כהרף־עין געכאַפּט אַז דאָס איז זײן שװעסטער און ס׳האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ כעס.

— וואָס גייסטו מיר נאָך יעדן טריט! וואָס שפּיאָנירסטו מיר נאָך! — האָט ער פונדערוווייטנס אַ געשריי געטאָן צו דער שוועסטער — כ׳בין געווען ביי דער מאַמען זען וואָס זי מאַכט. זי פילט זיך נישט צו גוט...

— מען ווייסט שוין! מ׳קען זיך שוין אויף די זאַכן! — האָט סענדראַ אָפּגעענטפערט דעם ברודער — דו ביסט נישט אַזאַ גע־טרייער זון ווי דו מאַכסט זיך... דו ביסט געגאַנגען זען, צי די פּושקע איז דאָ.... צי איך האָב זי נישט צוגעגנבעט... דו ווילסט ווייזן דער מאַמען אַז דו ביסט איר מער געטריי פון מיר. אָבער ס׳וועט דיר נישט העלפן דיין חנפענען! די מאַמע קען זיך אויף די שטיק...

דער ברודער און די שוועסטער זענען געקומען נענטער צו זיך, זיך אָנגעקוקט מיט שנאה. קאָלין איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון סענדראַן. ער איז געווען אומגעלומפּערט־צעוואַקסן און גרויס און זי איז געווען קליין און קיילעכדיק־פולכנע. קאָלין האָט אַראָפּגעקוקט צו דער שוועסטער און זיין לאַנגע נאָז און די לאַנגע גאָמבע האָבן ביי אים געציטערט פון אויפרעגונג. סענדראַ האָט ארויפגעקוקט צום ברודער און אויסגעשאָסן פלוצים מיט אַ קלינגענדיק־פאַלש געלעכ־טערל. ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט וועלן צו־נישט מאַכן אירע פריערדיקע ווערטער און פאַרטרייבן דעם ברודערס כעס. נאָר מיטאַמאָל האָט זי אויסגעשטרעקט אירע קליינע הענטלעך מיט די שפּיציקע נעגל צו קאָלינען, ווי זי וואָלט אים וועלן פאַרפאָרן אין פּנים. ער האָט אַראָפּגעלאָזט אויף איר זיינע גרויסע הענט און באַרירט די ווייכקייט פון איר האַלדז.

— פּאָלים! פּאָלים! — האָט זיך סענדראַ צעשריגן און אָנגע־הויבן גיך צו לויפן — ער האָט מיך געשלאָגן! ער האָט מיך געוואָלט דערשטיקן! כ׳גיי שוין צו דער פּאָליציי מעלדן וועגן דעם! מען וועט אים דערפאַר איינזעצן! ער איז שטענדיק געווען אַ באַנדיט... אַ גענגסטער...

אין דער ערשטער רגע איז קאָלין געבליבן שטיין פאַרלוירן, זיך דערשראָקן פאַר דער שוועסטערס קולות. נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך און איר נאָכגעשריגן:

— לויף, לויף צו דער פּאָלים, דו משוגענע, דו! ווער וועט דיר גלויבן! כ׳האָב דיך אפילו נישט אָנגערירט...

קאָלין איז נאָך געבליבן שטיין אביסל אויף דער גאַס, ווי ער וואָלט געוואַרט די שוועסטער זאָל זיך צוריק אומקערן. ער האָט זי

נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין, זי געוואָלט אַהיים פירן. ער האָט אָבער באַלד אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אויף אַלץ, זיך אַריינגע־זעצט אין אויטאָ און איז גיך אַוועקגעפאָרן. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט אַוועק פון דעם אָרט, ווו ס'איז פאָרגעקומען די נאַרישע פּאַסירונג. יעדער פון זיי האָט עפּעס אַ „קלעפּסע" אין קאָפּ... איז „געטאַטשט" אויפן מוח... אַפילו די מאַמע איז נישט ביים גלייכן שכל... אירע גענג זענען אים פרעמד. ער פאַרשטייט זיך נישט אויף זיי. וואָס עלטער די מוטער ווערט, אַלץ מער ווערן אירע גענג משונה־דיק און ער קאָן זיי נישט באַנעמען...

קאָלין האָט געיאָגט דעם אויטאָ, געגעבן אַ סך בענזין. ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט וועלן מיטן יאָגן דעם אויטאָ פאַריאָגן זיינע מחשבות. אָבער די מחשבות זענען אים נישט אַרויס פון קאָפּ. וואָס איז טאַקע מכוח אים אַליין? ער האָט אַ טבע צו קלויבן פאַרשידנ־ערליי ברוכוואַרג. טיילן פון אַלטע „קאַרס", פון מאַשינען. ער שמועסט זיך איין אַז די אַלע אַלטע טיילן וועלן אים אַמאָל צו־נוץ קומען... ער וועט צוזאַמענשטעלן פון זיי מאַשינען און אויטאָס און ער וועט זיי פאַרקויפן פאַר גוט געלט... ער איז שוין גענוג רייך, ער דאַרף דאָס נישט מער — אָבער ער קאָן זיך פון דער משונהדיקער טבע בשום־אופן נישט אָפּגעווינען. ביי אים אין הויף ליגט דאָס ברוכ־וואַרג און עס זשאַווערט. ס'זעט אויס ווי ער וואָלט געהאַט אַ הויף פון אַלט אייזן... און פונקט ווי ער האָט אַ געווינשאַפט צו זוכן דאָס ברוכוואַרג, אַזוי האָט די שוועסטער ליב צו זוכן אַנטיקן און צירונג. זי גייט איבער די נעשעפטן און קויפט איין די חפצים. איר הויז זעט שוין אויס ווי אַן אַנטיק־געשעפט. זי האָט שוין מער נישט קיין אָרט ווו אַרויפצושלעפּן אויף זיך די פאַלשע פערל, קרעלן און בראַשקעס, וואָס לייכטן מיט כלערליי פייערן. נישט איינמאָל האָט איר דער מאַן געוואָרנט, אַז טאָמער וועט זי אים נאָך ברענגען די מציאות אין שטוב אַריין, וועט ער זי צוזאַמען מיט זיי אַרויסוואַרפן — אָבער זי טוט ווייטער דאָס זעלבע.

און די מוטער?... די מוטער קלויבט שטיקלעך פּאַפּיר. ווו זי זעט ערגעץ אַ געדרוקט שטיקל פּאַפּיר, הייבט זי עס אויף, טוט עס אַ קוש און באַהאַלט עס אין איינער פון די פיל ספּודניצעס, וואָס זי טראָגט אויף זיך. איר שטוב איז פול מיט די פּאַפּירן און עס מערן זיך דאָרט כסדר די מאָלן...

קאָלין איז פאַרפאָרן צו זיך אַהיים, זיך געלייגט שלאָפן — אָבער ער האָט נישט געקאָנט צומאַן קיין אויג. די מעשה מיט דער שוועס־

טער האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. וואָס האָט זי געמאַכט אויף אים א בילבול? ער איז געגאַנגען זען וואָס די מאַמע מאַכט און נישט געטראַכט וועגן קיין שום פּושקע. און וואָס טוט זי, די שוועסטער? איז זי גאָט די נשמה שולדיק? זי אַליין היט די פּושקע און האָט מורא, ער זאָל זיך צו איר נישט צורירן. ס'איז מער נישט קיין שום ספק, אַז אין דער פּושקע איז דאָ אַן אוצר. וווּ־דען האָט די מאַמע אַהינגעטאָן די אַלע בריליאַנטן און פּערל, וואָס זי האָט געבראַנגט פון דער אַלטער היים? ווו האָט זי פאַרטכלעוועט דאָס געלט? כאָטש ער איז שוין לאַנגע יאָרן אַוועק פון דער היים, איז אים געבליבן אין זכרון פון די קינדער־יאָרן אינעם שטעטל ווי די מאַמע האָט זיך אום יום־טוב צום גיין אין שול אַריין אויסגעפּוצט אין די פּערל און בריליאַנטן. צו דעם צירונג האָבן די קינדער נישט געהאַט קיין צוטריט — אָבער זיי האָבן געוווּסט ווו עס ליגט באַהאַלטן. די מוטער מוז דאָ לעבן פון דעם געלט, וואָס זי האָט מיטגעבראַנגט מיט זיך. זי נעמט נישט ביי די קינדער. וואָס וועט זיין, אַז זי וועט די פּושקע ערגעץ אַהינטאָן אוים מורא ס'זאָל זי ווער ביי איר נישט צוגנבענען? ביי די אַלטע לייט, וואָס זענען נישט מער ביים קלאָרן שכל, קאָן מען זיך אויף אַלץ ריכטן. דער מאַמען קאָן אַמאָל איינפאַלן צו באַגראָבן די פּושע און זי וועט אַליין דערנאָך נישט געדענקען ווו...

קאָלין איז א גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. אינדערפרי האָט ער קוים פאַרזוכט דאָס פרישטיק און איז אַרוים פון שטוב. ער איז געפאָרן צו דער מוטער, כדי זיך אַליין רעכטצופאַרטיקן אין די אייגענע אויגן, אַז ער האָט נעכטן ביינאַכט געוואָלט זען וואָס די אַלטע מאַכט און ער איז עפּעס אַנדערש נישט אויסן געווען. ער האָט אויך געוואָלט פאָרן צו דעם אָרט, ווו עס איז פאָרגעקומען די אויסטערלישע פּאַסירונג מיט דער שוועסטער, ווי ער וואָלט וועלן פאַרווישן ביי זיך אַליין דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס איז אים געבליבן.

בשעת קאָלין איז צוגעפאָרן צו דעם הויז, ווו די מוטער האָט געוווינט, האָט ער זיך מישב געווען צי אַריינגיין, צי נישט. ער האָט אַרויסגעקוקט פונעם אויטאָ און זיין בליק איז געווען געווענדט צו דער מאַמעס פענצטער. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט די מאַמען. א גלייך־אויסגעשטרעקטע, מיט א שוואַרץ זיידן טיכל אַראָפּגערוקט טיף איבערן שטערן, איז זי מיט פּאַמעלעכע טריט געגאַנגען איבער דער טומלדיקער גאַס. זי האָט אויסגעזען ווי די מאַמעס אַמאָל אינעם שטעטל, וואָס זענען שבת אינדערפרי געגאַנגען צום דאַווענען. די אַלטע

האָט געקוקט גלייך פאַר זיך, נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט נישט קיין שייכות געהאַט צו דעם אַלעמען וואָס האָט זיך גע־טאָן ארום איר. זי האָט געשפּרייזט ווי אין אַ חלום, צוגעדריקט עפּעס צו זיך, פאַרוויקלט אין אַ פּאַפּיר. מן־הסתם איז דאָס די פּושקע, וואָס זי גייט אַוועקשענקען פאַר איר שול.

פּונקט ווי יעדן פרימאָרגן איז יהודית געגאַנגען צום שולעכל, ווו מען האָט אינדערוואָכנס קוים צוזאַמענגעשלעפּט אַ מנין. עס האָבן דאָ געדאַוונט די אַלטע טאַטעס פון די מעלבורנער סוחרים, וואָס זענען שטענדיק געווען פאַריאָגט. די יידן האָבן געוואַרט אויף איר, זיך נישט געשטעלט דאַווענען, ביז זי איז אַריינגעקומען.

— גוט מאָרגן, יהודית — האָבן די אַלטע לייט זי באַגעגנט.

— גוט מאָרגן... גוט יאָר — האָט יהודית געענטפערט.

— וואָס מאַכט איר, יהודית? וואָס מאַכט ס'געזונט?

— געלויבט זיין ליבן נאָמען.. נישט צו פאַרזינדיקן...

יהודית איז אַרויף מיט די שטיגן צו דער ווייבערישער שול און זיך איינע אַליין אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. די גאַנצע צייט פונעם דאַווענען איז זי געזעסן ווי פאַרגליווערט און אירע ליפּן האָבן שטיל געזאָגט די תפילות. ביי דער שמונה־עשרה איז זי געשטאַנען פאַר־שטייפט און ביים אויסגיין האָט זי זיך געררוקט עטלעכע טריט הינ־טערווייַלעכץ. צוזאַמען מיט די יידן האָט זי געזאָגט ברוך הוא וברוך שמו און אמן — און ביי עלינו האָט זי אויסגעשפּיגן.

ווען די מאַנסלייט זענען אַוועק, איז זי אַליין געבליבן, אַראָפּ אין דער מענערישער שול און אָנגעהויבן צו קלייבן שמות. זי האָט אַ קוש געטאָן די שמות, וואָס זי האָט אויפגעהויבן פון דער פּאָד־לאָגע און זיי באַהאַלטן אין די טיפע קעשענעס פון אירע קליידער. דערנאָך איז זי אַרויס אין דרויסן, און אַזוי ווי זי האָט געהאַט געגונג צייט, האָט זי אויפן וועג אַהיים געזוכט מיט די אויגן אויף דער ערד, טאָמער האָט זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט אַ שמה. ס'איז אַ גרויסע זינד צו לאָזן ליגן אויף דער ערד די הייליקע יידישע אותיות מיט גאָטס נאָמען — ס'קען נאָך ווער, חלילה, אויף זיי אַרויפטרעטן. טיילמאָל האָט זי אפילו אויפגעהויבן שטיקלעך צייטונגען, וואָס זי האָט גע־טראָפן ליגן אויפן וועג. זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל פאַרבלאָנדזשעט אין דער שכנותדיקער קירכע און געזוכט דאָרט שמות...

נאָענט פון דער היים, איז יהודית אָפּגעטרעטן אין דער שפּייז־קראָם, וואָרן זי האָט געדאַרפט איינקויפן אויף יום־טוב. יעדע עטלע־כע טעג איז ביי איר געווען אַן אַנדערער יום־טוב. טיילמאָל האָט זי

געדאַרפט אַרייַנבערענגען דעם פּסח אין שטוב אַריין; טײַלמאָל זענען ביי איר געווען די עשרת ימי תשובה און זי האָט זיך געגרייט צו פאַרפאַסטן איידער זי וועט גיין אין בית־המדרש צו כל־נדרי; און דאָ האָט זיך שוין אָנגערוקט דער יום־טוב סוכות...

אין דער שפּייז־קראָם האָט יהודית גערעדט פּויליש צום אויס־טראַלישן קרעמער. זי האָט געדענקט אַז צו אַ גוי דאַרף מען רעדן פּויליש. דער קרעמער האָט זי שוין געקענט, פאַרשטאַנען צוביסלעך וואָס זי וויל און זי באַהאַנדלט מיט איבערגעטריבענער געדולדיקייט. אַזוי־ווי אין דרויסן האָט געשיינט די זון און ס'האָט געבלאָזן אַ לייכט פרילינגדיק ווינטל, איז זי געווען זיכער אַז ס'גייט צו פּסח. קיין סך האָט זי אין דער גויאישער „שאָפּ" נישט געהאַט צו באַשטעלן און זי האָט זיך געקליבן צו גיין צו אַ ייד, וווּ זי וועט קענען אײַנקויפן אַביסל מצות און פּסחדיקן וויין מיט אַ הכשר פון בית־דין.

אין דער היים האָט זי געזוכט דאָס פּסחדיקע געפעס, די כוסה־לעך, דאָס ווייסע טישטוך, די זילבערנע לייכטער — אָבער אין מיטן דערינען איז איר באַפאַלן אַזאַ מידקייט, אַז זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף איר שטענדיק אָרט אינעם פאָטער־שטול לעבן פענצטער און צוגעשלאָסן די אויגן... זי האָט זיך אַליין געזען אַרויסגיין פונעם פענצטער און אוועקשפאַנען וויַיט, וויַיט אַוועק, איבער ימים און איבער לענדער, ביז זי איז אָנגעקומען אינעם שטעטל... ס'איז דאָ געווען ערב פּסח און אירע קינדער און אייניקלעך האָבן זיך שוין אויסגעפּוצט אין די יום־טובדיקע מלבושים און זיך געגרייט צו גיין אין בית־המדרש אַריין... אין שטוב איז געווען געגרייט צום סדר... דאָס טישטוך האָט געבלאַנקט פון ווייסקייט. די מצות אויפן טיש זענען געווען איבערגעדעקט מיט אַן אויסגעשטריקט סערוועטל. אויף דער קערה זענען געלעגן: די חרוסת, דער מרור, אַ פאַרקוילט גאָרגעלע, אַן אָפּגעבראָטן איי אין דער שאָלעכץ. דאָס ליכט האָט העל געפלייצט פון הענגל־לאָמפּ און פון די פיל לייכטער אויפן טיש. אין די קאָלירע, געפינגערטע כוסות האָט זיך געוויגט דער וויין. אַ קלינגענדיק־יונג קולעכל האָט געפרעגט די קשיות... יהודית איז געזעסן ביים עק טיש, כדי זי זאָל קאָנען דערלאַנגען די פּסחדיקע מאכלים. דער מאַן, דער באַלעבאָס פון הויז, וואָס איז ביים סדר געגליכן צו אַ מלך, איז געזעסן אינעם ווייסן קיטל אָנגעלענט אינעם היסב־בעט. זיין שיין, מתיקותדיק קול ביים זאָגן די הגדה איז אויפ־געגאַנגען אין דער ליכטיקער שטוב...

נאָכן עסן, ווען ס'הויז־געזינד האָט געזאָגט די אַנדערע העלפט

פון דער הגדה, איז יהודית אַ טראָפּעלע אַנטדרימלט געוואָרן, וואָרן זי האָט זיך שטאַרק אָנגעאַרבעט ערב פּסח... זי האָט אָבער אַלץ געהערט וואָס מען זאָגט... זי האָט דערפילט, אַז ס׳וועקט זי ווער, ס׳טאָרעט זי ווער ביים אַרבל... זי האָט, אַ שולדיקע און פול מיט שרעק אויפגעריסן די אויגן און זיך אָנגעטראָפן מיט אַ געדיכטער פינצטערניש. אַ גרין פּאַסיקל ליכט איז אַריינגעקומען פון דער גאַס און איז געפאַלן אויף איר טאָכטער סענדרא, וואָס האָט מיט אַ סך געטריישאַפט אַריינגערעדט אין איר:

— גיי, לייג זיך שלאָפן, מאַ... וואָס דאַרפסטו זיצן אין אָנ־טועכץ און דרימלען. קאָם אָן, מאַם, כ׳וועל דיר צוהעלפן זיך אויס־טאָן. דו ביסט מיד, מאַם... דו מוזט זיך גיין לייגן...

— ווו בין איך? פונוואַנען קומסטו אַהער? — האָט יהודיתעם מענעריש־האַרטע קול אַ וואַנדער געטאָן אין דער פינצטערניש.

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט ווו דו ביסט... וואָס הייסט דו ווייסט נישט פונוואַנען איך קום אַהער... — האָט זיך סענדרא געוווּנדערט — דו מוזט האָבן היץ, מאַם... מוזט זיין קראַנק... גיי אין בעט אַריין. כ׳וועל דיר מאַכן דאָס געלעגער...

— ווו בין איך? — האָט די מוטער איבערגעחזרט — ווער ביסטו? ווו זענען אַלע? ווו איז אַהינגעקומען די יום־טובדיקע שטוב? כ׳בין דאָך ערשט געזעסן צוזאַמען מיט אַלע מיינע קינדער און אייניקלעך... ס׳איז געווען אַזוי ליכטיק... ווו איז אַהינגעקומען דאָס ליכט? פאַרוואָס איז געוואָרן אַזוי פינצטער?...

— האָסט געהאַט אַ חלום, מאַמע... אַ דרים... פאַרגעס וועגן דעם אַלעמען און לייג זיך בעסער שלאָפן.

סענדרא האָט געלייגט די מוטער שלאָפן — און ווען זי איז אַוועק, זענען צו יהודיתן ווידער געקומען די חלומות. יעדע נאַכט האָט זיך איר עפּעס אַנדערש געחלומט. עס האָט זיך איר אַפילו אָנ־געהויבן צו חלומען בייטאָג, בעת זי איז געגאַנגען אין גאַס. ס׳איז נישט געווען ביי איר מער קיין אונטערשיד צווישן דמיון און וואָר. טאָמער איז זי אויפגעקומען פון שלאָף, האָט זי גערעדט צו זיך אַליין, גלייך זי וואָלט נאָך געווען פאַרזונקען אין אַנדערע וועלטן.

איצט איז שוין ביי קאָלינען אינגאַנצן מער נישט געווען קיין ספק, אַז די מוטער וועט באַגראָבן ערגעץ די פּושקע. די פּושקע איז אַזוי שווער. מען דאַרף זי ביי דער מוטער צונעמען, איידער עס וועט זיין צו שפּעט. אָבער ער האָט מורא געהאַט דאָס צו טאָן כל־זמן זי

לעבט און אליין וועט די אלטע אים גארנישט געטרויען. ס'זעט אויס, אז די מוטער וויל די קינדער גארנישט איבערלאזן.

איינמאל, שפעט ביינאכט, האט זיך ביי קאלינען אין שטוב דער טעלעפאן שטארק צעקלונגען. קאלין האט אין שלאף געהערט ווי עס רייסט זיך דער טעלעפאן — אבער ער האט נישט געהאט קיין כוח ארויסצוגיין פון ווארעמען בעט. מיטאמאל איז ער וואך געווארן און האט זיך מיט שרעק אויפגעכאפט. מיט ציטערדיקע הענט האט ער א כאפ געטאן דאס טרייבל.

— העלא! העלא! ווער רעדט?! וואס איז געשען? — האט ער געשריגן צו הויך.

פון דער אנדערער זייט האט מען גארנישט גערעדט. דער טעלע־פאן האט זיך פארהאקט און ס'האט ווער אוועקגעלייגט דאס טרייבל. ערשט שפעטער האט זיך דערהערט א שוואך קול, וואס האט זיך געצויגן זייער פאמעלעך.

— קומט שוין צו גיין... די מאמע איז זייער שלאף... ווער ווייסט, צי איר וועט זי נאך טרעפןביים לעבן...

ער האט שוין די מאמען נישט געטראפן ביים לעבן. ווי שטענ־דיק איז זי געזעסן אויף איר שטול און דאס גרינע גאסן־ליכט האט געציטערט אויף אירע גרויסע ביינערדיק־וואקסענע הענט, ווו זי האט פארפרעסט געהאלטן די בלעכערנע פושקע. ס'האט אויסגעזען ווי זי וואלט געלעבט. סענדרא איז שוין דא געווען מיט נאך עטלעכע מענטשן. זיי האבן נישט געוווסט וואס צו טאן, זיך ארומגעדרייט אין דער טונקעלער שטוב, ווי אין שלאף. א יידענע אין א שווערער שאל אויפן קאפ, האט זיך צו אים אנגערופן:

— אייער מוטער איז געווען א גרויסע צדיקת... גאט האט זי צוגענומען צו זיך... זי איז שוין אויפן עולם האמת...

נאך דעם ווי מען האט דעם מת צוגענומען אין טהרה־שטיבל, האבן קאלין און סענדרא אויפגעמאכט די בלעכערנע פושקע. זי איז געווען זייער שווער און צוליב פולקייט קוים געקלימפערט. מען האט זי אזוי ליכט נישט געקענט עפענען. אז מען האט קוים מיט צרות געעפנט די פושקע, זענען פון דארט מיט א הויכן געקלימפער ארויס־געפאלן א סך פוילישע גראשנס און אויסטראלישע קופערנע פענים. אין עטלעכע רגעס איז אויפן טיש אויסגעוואקסן א בערגל פון פענים און גראשנס. צווישן דעם קופערנעם קליין־געלט האט דא און דארט ארויסגעלויכטן א זילבערנע מטבע. קאלין האט געדרייט די פושקע

אין אַלע זייטן און מיט דער פויסט געקלאַפּט אין די בלעכערנע ווענטלעך, גלייך ער וואָלט וועלן נאָך עפּעס פון איר אַרויסבאַקומען. דערנאָך איז די פּושקע אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט און געבליבן ליגן טויט און איבעריק אויפן טיש...

שפּעטער אַביסל האָט קאָלין נאָכאַמאָל גענומען די פּושקע אין דער האַנט אַריין, ווייל ער האָט באַמערקט אויף דער טונקל־פּאַר־זשאַווערטער בלעך עטלעכע יידישע אותיות. כאָטש ער האָט יינגלווייז פאַרלאָזט דעם טאַטנס הויז און איז אַוועק אין דער וועלט, האָט ער נאָך פונדעסטוועגן געדענקט אַביסל דאַוונען. אָבער די אותיות אויף דער פּושקע זענען געווען זייער אויסגעריבן און ער האָט גאַרנישט געקאָנט איבערלייענען.

— לאָמיר גיין צום ראַביי וויזענפעלד אין דער סינאַגאָגע... אפשר וועט ער קענען איבערלייענען וואָס דאָ שטייט געשריבן. ער ווייסט אַלץ... — האָט זיך אָנגערופן סענדראַ.

בשעת זיי זענען אָנגעקומען צום ראַביי וויזענפעלד אין דער קאַנצעלאַריע, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דער סינאַגאָגע, האָט ער זיך דערפרייט מיט זיי. ער האָט זיי באַלד געפרעגט וואָס מען זעט זיי נישט קיינמאָל ביים שבתדיקן „סערוויס״. ער האָט געהאַט אַפּנים אַ סך צייט, ווייל ער האָט זיך נישט געאיילט זיי צו פרעגן נאָך וואָס זיי זענען געקומען. ערשט ווען זיי האָבן אים אַלץ אַליין דערציילט און געוויזן די פּושקע מיט די מטבעות, וואָס איז זיי געבליבן בירושה נאָך דער מאַמען, האָט ער אָנגעזאָטלט זיין גאָלדענעם צוויקער אויף דער היפּשער אָדלער־נאָז און זיי אָנגעקוקט זייער באַדעכטיק. זיינע בלויע גענדזענע אויגן האָבן קלוג געקוקט דאָ אויף דעם ברודער און שוועסטער און דאָ אויף דער פּושקע.

— מיינע הערשאַפטן... דאָס איז דאָך איינע מאיר בעל־הנס פּושקע, וווּ די יידן זאַמלען דאָס געלט פאַר די נויט־באַדערפטיקע אין פּאַלעסטיין... — האָט ראַביי וויזענפעלד, וואָס איז אַנטלאָפן צוליב היטלערן פון דייטשלאַנד, אַריינגעבראַקט דייטשע ווערטער אין זיין ענגליש — אַ גראָסער מאַן וואַר דער רבי מאיר בעל־הנס... אייער מוטער איז געווען איינע צדיקת... דאָס געלט וועט איר דאַרפן באַלד אָפּשיקן קיין ארץ־ישראל...

„א שטאַרקער"

— זעט, וואָס ס'איז געוואָרן פון מאַר, חבר בערגנער! צי קענט איר דערקענען וועלוולען פון אַמאָל? וועלוול דעם שטאַרקן פון וואַר־שע? אַ הויזן־פּרעסער מישטיינסגעזאָגט בין יאָך דאָ געוואָרן, ווייל מיין טייער בראַטשיקל וויל אַזוי! ער זנעגטשעט זיך אין מאַר, מיין ברודאָר, פּייניקט מאָך... שוין לאַנג ווי יאָך זוך אייך אַרום, חבר בערגנער... זיך געוואָלט טרעפן מיט אייך...

דאָס קול, אַ געדיכטס און אַ הייזעריקס, האָט זיך געטראָגן פון אַ קנויל פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פון אַ פּרעס־מאַשין אין אַ גרויסער שניידער־פּעקטאָרי, ווו כ'בין אַריינגעקומען זיך קויפן אַן אַנצוג. בעת דער באַלעבאָס פון דער פּאַבריק האָט מיך געפירט אין אַ באַ־זונדערער שטוב, כדי אָנצומעסטן דעם אַנצוג, איז דאָס קול אויף מיר אָנגעפאַלן. לכתחילה האָב איך נישט דערקענט דאָס קול און נישט געדענקט קיין שום וועלוול פון וואַרשע. ערשט ווען כ'האָב זיך איינגעקוקט אין דער פּאַרע און ס'האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ קורצער, ברייט־פּלייציקער פּאַרשוין מיט נידעריק־געשוירענע, שטע־כיקע האָר ווי אַ באַרשט, האָב איך אים דערקענט. דער פּאַרשוין האָט אָבער נישט געקוקט אויף דעם צי כ'דערקען אים יאָ צי נישט. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער פּאַרע, זיך אָוועקגעשטעלט האַרט פאַר מיר און זיך אָנגערופן:

— שיין זע יאָך אויס, אַז איר דערקענט מאָך נישט, חבר בערגנער! אַ שיין פּנים מוז יאָך שוין האָבן! זעטץ נאָר וואָס ס'איז פון מאַר געוואָרן אין אויסטראַליע! זעטץ נאָר וואָס זיי האָבן גע־מאַכט פון מאַר...

וועלוול האָט זיך שטאַרק צו מיר צוגערוקט, צוגעשטעלט דאָס פּנים אַזוי נאָענט, אַז כ'האָב זיך געמוזט אָפּרוקן אַ טראָפּעלע. דאָס האָט אָבער וועלוולען נישט געשמעקט און ער האָט זיך ווידער צו מיר צוגערוקט. ער האָט געהאַלטן אינמיטן פּרעסן אַ פּאָר הויזן, האָט ער זיי געלאָזט אין דער פּרעס־מאַשין און זיך אָוועקגעשטעלט מיט

מיר איינטענהן. די פּרעס־מאַשין האָט געציששעט, געשריגן, געמאַכט קולות, ווי זי וואָלט גערופן וועלוועלען צוריק צו דער אַרבעט — אָבער דאָס האָט אים געאַרט ווי די פּאַראַיאַריקע בלאַטע. ער איז מיט מיר געשטאַנען און זיך אַראָפּגערעדט פאַר מיר פון האַרץ. עס איז אים אײנגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען וואָס דער „באָס" זיינער — זיין אייגענער ברודער — וואַרט אויף מיר מיט אַ סך אומגעדולד, האַלט אין איין אונטערהוסטלען, כדי מיר צו געבן אָנצוהערן, אַז ער האָט נישט קיין צייט און אַז דאָ איז נישט דאָס אָרט וווּ כ'זאָל זיך לאָזן קלאַפּן אין קאָפּ אַריין פון וועלוועלען.

אין די עטלעכע רגעס, וואָס וועלוול איז מיט מיר געשטאַנען, האָט ער באַוויזן אויסצושיטן אַלע טענות זיינע צו אויסטראַליע, צו די מעלבורנער יידן און צו זיין ברודער, וואָס האָט אים דאָ הי געמאַכט פאַר אַ הויזן־פּרעסער גלייך ער וואָלט נישט געטויגט צו קיין אַנדערער אַרבעט. אַז ס'איז געקומען צו רייד וועגן ברודער, האָט וועלוול מיר געשושקעט עפּעס אויפן אויער, וואָס כ'האָב קוים געקענט אויפכאַפּן.

— דער זדעכליאַק! דער כאַרלאַק! אַזוי גרויס ווי ער איז, אַזוי גרויס געלט פאַרמאָגט ער! — האָבן זיך די ווערטער געזיפּט אין מיין אויער — פאַר אַ פּעני וועט ער זיך לאָזן קוילען... כ'גיב אוועק פאַר אים דאָס געזונט... כ'בין חרוב! כ'האָב אַ קראַנק האַרץ! ס'איז שוין נישט וועלוול פון וואַרשע, וואָס האָט געקענט אַראָפּלאָזן אַ גאַנץ גענדזל און טרינקען דעם בראָנפן פון אַ טיי־גלאָז...

זינט דער באַגעגעניש מיט וועלוועלען ביי זיין ברודער אין דער שניידער־פעקטאָרי, האָט ער מיך מער נישט אָפּגעלאָזט און שטענדיק געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט מיר צו טרעפן. ער איז אַלעמאָל געקומען אין די ערטער, וווּ איך קום און אַז ער האָט מיך אָנגעפּאַקט, האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן גאַנצע שעהן. ער האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אויף זיין געזונט און געזאָגט, אַז די טעג זענען ביי אים געציילטע. אַמאָל איז ער באַגאַנגען אַ זינד און ער פילט, אַז די שטראָף וועט אים נישט מיידן... ער וועט באַקומען אָפּגע־צאָלט פאַר דער זינד... איך האָב נישט געוווּסט וואָס אים צו זאָגן, ווי אַזוי אים צו טרייסטן, און כ'האָב אים אָנגעהויבן אויסצומיידן. כ'בין שוין מער נישט געקומען אין ביבליאָטעק פון דער „התחיה" טוישן די ביכער, נישט געקומען אין לייען־זאַל אַריינקוקן אין אַ יידי־שער צייטונג, ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז ער וואַרט מיך דאָרט אָפּ. אָבער ער איז אַלעמאָל אויסגעוואַקסן דאָרט, וווּ כ'האָב זיך צום

ווינציקסטן אויף אים געריכט. ער האָט מיך באַלד אָנגעכאַפּט און איך האָב זיך שוין נישט געקענט פון אים אַרויסדרייען.

— איר מאַכט זיך מיאָר נישט זען, חבר בערגנער. ס'איז נישט שיין! ר'זענט נישט בעסער ווי די אַלע, וואָס מיידן מאַך אוים! גלייבט מאָר, אַז כ'בין נישט קיין משוגענער... אַז כ'ווייס וואָס יאָך רעד! לאַנג וועל יאָך נישט אָנטרייבן! יאָך בין באַגאַנגען אַ גרויסע זינד... גלאַטיק וועט עס מאָר נישט אָפּגיין!

ער האָט אַלעמאָל גערעדט וועגן אַ זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען נאָך אין וואַרשע, נאָר אין וואָס זי באַשטייט, האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט אַפּנים געוואָלט איך זאָל אים פרעגן, אָבער איך האָב דאָס נישט געטאָן. כ'האָב זיך עפּעס געשראָקן צו פרעגן ווי איך וואָלט מורא געהאַט זיך צו דערוויסן דעם שרעקלעכן סוד... איך האָב געדענקט, אַז נאָך אין וואַרשע האָב איך זיך מיט וועלוולען נישט גע־וואָלט אָפּגעבן, ווייל ער איז געווען אַ פאַרדעכטיקער פּאַרשוין. און דאָ הי האָבן מיך אַלע געוואָרנט כ'זאָל אים אויסמיידן. ער וועט מיך פּאַרמוטשען! ער זוכט אַלעמאָל אַ נייעם קרבן. ס'זעט אוים, אַז ער איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען!

מער פון אַלע האָט מיך קעגן אים געוואָרנט דער קליינער מעצ־קין, דער ליטוואַק, וואָס מען האָט גערופן „מעצקינדל״ צוליב זיין קליינעם וווקס. מעצקין איז געווען אַזוי פּיצל ווי אַ קינד און האָט געהאַט קליינע קינדערישע הענטלעך און פיסלעך. דערפאַר האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ גרויסע לישינע, וואָס האָט נישט בלויז פאַרדעקט זיין קאָפּ, נאָר דאָס גאַנצע פאַרמעטן־געלע פּנימל זיינס. ס'האָט זיך געדאַכט אַז ער באַשטייט פון בלויז פליך. עפּעס אַ באַזונדערע שנאה האָט מעצקין געטראָגן אויף וועלוולען. אַז מען האָט בלויז דערמאָנט וועלוולס נאָמען, איז ער באַלד געוואָרן מלא־כעס און זיין פּאַרמע־טענער פליך אין פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטן צאָרנדיקן פלאַם.

— וואָס לאָזט איר זשיך פון אים? וואָס האַקט ער אייך אין אייער שוואַכן קאָפּ אריין? — פלעגט מעצקין צו מיר טענהן — ער איז געזונט ווי אַן אָקס! ווי צען אָקסן! ער רעדט זשיך איינעט אַ קרענק! אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז... הלוואי רבונו של עולם וואָלט איך פאַרמאָגט וועלוולס כוחות! איך בין שוואַך ווי אַ פליג... ווען ער גיט מיר אַ שנעל אין דער נאָז, פאַל איך אַוועקעט אַ טויטער! ער פּיעסצעט זשיך! בכן ער קען דאָ ניט אַרבעטן מיטן מעסער! ער וויל פאַרדינען לייכט דאָס סטיקל ברויט... איר הערט, ער איז אייזן! אייזן איז ער! שור!

בשעת דער קליינער מעצקין האָט דערמאָנט אין אַ מעסער, האָב איך דערזען װעלװעלען מיט יאָרן צוריק אין װאַרשע. דאָס איז געװען אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן. די דזשיקע־גאַס איז געװען איינגעהילט אין אַ פּערלמוטערן־בלױען ליכט װאָס האָט זיך געזיפּט צװישן די פאַרחושכט־געלע מױערן. אױף די דעכער, אױף די שױבן האָט גאָל־דיק־בראָנזערן געברענט די שקיעה. אױף די טראָטואַרן האָט גע־ראַיעט מיט חברים און חברטעס, װאָס האָבן געפירט דיסקוסיעס װעגן מאַרקסן, לענינען און װעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט, װאָס כאַפּט אַרום דאָס לאַנד. די „חסדלעך", װאָס זענען געשטאַנען ביי זייערע װעגעלעך, האָבן מיט קולי־קולות אױסגערופן זייער סחורה: אַביסל פאַרפױלטע עפּל, באַרנעס און אױפגעשניטענע אַרבוזן, װאָס האָבן געטריפט מיט רױטע טראָפּנס װי בלוט. בייגל־הענדלעך האָבן פאַרהילכט די גאַס מיט געשרייען „פינפערנע בייגל אַ צװייער" און בעת־מעשה געניש־טערט מיט די דערשראָקענע אױגן אין אַלע זייטן, צי ס'באַװייזט זיך נישט אַ „מליץ־יושר", װאָס װעט זיי איינישבענען אין „חד־גדיא". אַ ייד, אַ הדרת־פּנים, האָט זיך אַרומגעדרייט געלאָסן צװישן עולם מיט אַ גרין־פאַרשימלטן צילינדער אױפן קאָפּ און אין אַ ברױן־אָפּ־געשאָסענעם פראַק. ער האָט געטראָגן אַ קעסטעלע מיט קעמעלעך, צאָן־בערשטלעך און שנוראָװאַדלעס און צו זיין ברוסט איז געװען צוגעטשעפּעט אַ טאָװל, װו ס'איז געשטאַנען זיין לעבנס־געשיכטע און פאַרװאָס ס'איז אַ מצװה די יידן זאָלן ביי אים קױפן. אין אַ װינקל טױער האָט זיך געשטרעקט אַ לאַנגער ייד אין לאַנגע שװאַרצע מלבו־שים, װאָס האָט אױסגעזען װי אַ שװאַרצע מיטה און ער האָט כסדר איבערגעחזרט דעם זעלבן פּזמון: „כ'האָב נישט קיין אַרבעט און כ'האָב נישט פון װאַנען צו לעבן".

אין די דאָזיקע זומערדיקע פאַרנאַכטן האָט זיך אָפט באַװיזן אױף דער דזשיקע דער שטאַרקער װעלװל. אַ ברייטער, אַ קליינער, מיט אַ קורץ־געשױרענעם „יעזש" אױפן קאָפּ, האָט ער זיך גערוקט פּאַװאָליע און שװער װי אַ קאַסטן. אַז ער האָט זיך באַװיזן אױף דער גאַס איז באַלד עפּעס געװאָרן צװישן די חברים אַ מהומה, װי ביי די הינער, װען ס'װאַקסט אױס צװישן זיי אַ טכױער.

פּונקט װי אַלע חברים האָב אױך איך זיך געהיטן פאַר אים און כ'האָב זיך אַפילו פאַרשטעקט אין אַ טױער, װען כ'האָב אים געזען אָנקומען. ער האָט דאָס באַמערקט און מיך באַלד געפּאַקט. נאָך אין װאַרשע האָט ער געהאַט טענות װאָס מען באַהאַלט זיך אױס פאַר אים און זיך צו מיר אָנגעהױבן צו טשעפּען. ער האָט ליב געהאַט

אין זיין וואַרשעווער יידיש אַריינצובראָקן ווערטער, וואָס מען נוצט געוויינטלעך אויף פּאַרטייאישע מיטינגען, כדי צו ווייזן אַז ער איז אינטעליגענט.

— וואָס אַנטלויפט איר פאַר מאַר? ... וואָס האָט איר מורא? כ׳על אייך נישט אויפעסן! — האָט ער אַלעמאָל צו מיר געהאַט טענות — ר׳זעט יאָך האָב אייך אָנגעפּוצט... נו, דערלאַנגט דאָס הענטל און לאָמיך אייך באַגריסן. יאָך האָב ליב אַ גייסטיקע קראַפט! אָן די גייסטיקע קרעפטן וואָלט די וועלט קיין פּנים נישט געהאַט... כ׳זאָג ריכטיק, צי נישט? ווי שטייט עס דאָרט געשריבן: אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפּער... ווער האָט דאָס געזאָגט? ... איר דאַרפט דאָך וויסן, חבר בערגנער. מיר דאַכט זיך אַז מאַרקס, צי ענגעלס. גרויסע קעפּ... זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער מענטשהייט... ר׳דאַרפט מאָך רופן צו דער אָרדענונג, חבר בערגנער, וואָס יאָך האָב נישט קיין זכרון און כ׳פאַרגעס זאַכן...

נאָך די דאָזיקע רייד האָט מיך וועלוול אָנגענומען אונטערן אָרעם און מיך אַרויסגעפירט פונעם טויער, ווו כ׳האָב זיך פאַר אים געהאַט באַהאַלטן. ער האָט זיך מיט מיר געדרייט אויף־און־אָפּ אויף דער דזשיקע, אויף נאַוואָליפּקי, און מיר דערציילט וועגן זיינע העלדישקייטן. כאָטש אַזעלכע זאַכן האָבן געדאַרפט בלייבן בסוד, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין באַרימען. ער האָט זיך אָבער אַלעמאָל דערמאָנט אין דער קאָנספּיראַציע, שטיין געבליבן אינמיטן דערציילן און מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פּיס מיט זיינע קליינע שפּעלטלעך־אויגן, וואָס האָבן כּעסדיק אַ בליאַסק געטאָן ווי צוויי שאַרפע קליינע מעסערלעך.

— יאָך ווייס אַז כ׳דאַרף אָפּהיטן די קאָנספּיראַציע... די פּאַרטיי־דיסציפּלין פאַרלאַנגט דאָס! — איז ער געווען צופרידן וואָס ער קען נוצן די דאָזיקע ווערטער — אָבער פאַר אייך, חבר בערגנער, האָב יאָך נישט קיין מורא. איר זענט אַן אייגן יינגל... אַ נאַשבראַט... ניט אַהער דאָס פינפטל און שטעקט איין, אַז איר וועט האַלטן ס׳מויל... מיט אַ יאַט וואָס האַלט נישט די צונג צווישן די ציין, ווייס׳ך ווי זיך אַן עצה צו געבן. אַזאַ חברה־מאַן קען יאָך באַלד מיט אַ קאָפּ קירצער מאַכן...

וועלוול דער שטאַרקער האָט פאַרקוועטשט זיינע ברייטע הענט מיט די קורצע, פעטע וווּרשטל־פינגער אין האַרטע פויסטן און מיט זיי אַ פּאַכע געטאָן אין דער לופטן, אַז עס איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן אין אַלע ביינער און כ׳האָב זיך געפּרוווט פון אים אָפּרוקן. אָבער ער

האָט מיך צוגעדריקט צו זיך און מיר געהאַלטן אין איין דערציילן וואָס ער האָט לעצטנס אויפגעטאָן און ווו ער איז אַלץ געווען אַקטיוו. ס'איז אַוועק אַ סדרה ווען בלערליי פּאַרטייאישע מיטינגען, דעמאָנ־סטראַציעס, פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס, שטרייקן, ווו מען האָט זיך נישט נעקאָנט באַגיין אָן דער „באַיוווקע"... די „באַיוווקע" האָט אויף די אַלע ערטער „געמאַכט אָרדענונג"... אַ סך מאָל האָט זיך טאַקע געגאָסן בלוט — אָבער וואָס קען מען זיך העלפן, אַז די מענטשהייט איז אַזוי פאַרדאַרבן... אַז אַ באַלעבאָס, אַ בלוט־זויגער פון דער גענשע, צי פון די נאַלעווקעס, אָדער פון דער פראַנטשיש־קאַנער וויל נישט נאָכגעבן קיין שטרייק און וויל דווקא פאַרשקלאַפן דעם אַרבעטאָרער נעבעך, מוז מען אים אַ סטראַשע געבן! און צו דעם דאַרף מען האָבן „די שטאַרקע". זיי לערנען אָן אַזאַ „סוואָלאָטש", אַן עקספּלאָאַטאַטאָר ווי זיך צו פירן. ווען נישט די שטאַרקע וואָלטן די באַלעבאַטים — די „לאַכודראַקעס" — געהאַט יענע חוצפה!...

וועלוול האָט מיר דערציילט ווי אַזוי ער האָט אַמאָל אַ בלוט־זויגער פון דער גענשע געוויזן אַ „שפּייער". יענער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט זיך שיער נישט דערזען מיט דער עלטער־באָבען... אָבער ער האָט אים דעם „שפּייער" בלויז געוויזן, כדי אים אַ סטראַשע צו טאָן. נישט אַזוי שנעל גיט מען יענעם אַ קנײדל אין קאָפּ אריין... ער נוצט ווייניק דעם שפּייער. ער שלאָגט אַפילו ווייניק אויף נאָס, צוממיינסטנס אויף טרוקן — ס'זאָל נישט בלייבן קיין צייכן...

— גלייבט מאָר, חבר בערגנער, — ווען יאָך גיב בלויז דעם סוואָלאָטש אַ גלעט מיטן הענטל איבערן ציפּער־בלאַט, וואָלט ער געטאַנצט אַ טאַנגאָ...

איין מאָל האָט מיך וועלוול אָנגענומען גאָר שטאַרק אונטערן אָרעם און כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער גייט מיר עפּעס זייער וויכטיקס זאָגן. ער האָט מיר דערנצמאָל בסוד־סודות דערציילט ווי ער האָט אין אַ פינצטער געסל אָפּגעוואַרט אַ פּראָוואָקאַטאָר... ער האָט אויף דעם לויזן־פּויקער געוואַרט שעהן־לאַנג — ביז ער האָט אים אָנגעפּוצט און אין אים אַריינגעפּעצט אַ מעסער...

כאָטש כ'האָב זיך געשראָקן און נישט געוואָלט גיין מיט אים, האָט מיך וועלוול אַריינגעשלעפּט אין אַ טויער און מיך געצוואונגען כ'זאָל זען דאָס ספּרענזשינאָווע מעסער, מיט וועלכן ער האָט דער־לאַנגט דעם פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס. ער האָט מיך גענייט איך זאָל דאָס מעסער אָנרירן, כאָטש איך האָב זיך שטאַרק אָקעגנ־

געשטעלט. ער האָט מיר דווקא געוואָלט ווייזן ווי אַזוי די קלינג שפּרינגט אַרויס פון שיידל און ווי זי קאָן זיך נישט פאַרבייגן צוליב דער ספּרענזשינע...

װעלוול האָט פאַר מיר באַוויזן ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיטן מעסער, קונציק און שנעל געדרייט דערמיט אין אַלע זייטן — אָבער איך בין געשטאַנען אָפּגערוקט פון אים און אין גרויס מורא געוואַרט אויף דער מינוט און דער רגע ער זאָל שוין אויפהערן צו באַווייזן די קונצן. פונעם קאַלטן שטאָל איז מיר אַדורך אַ ציטער איבערן לייב. כ'האָב מיך נאָכאַנאַנד אומגעקוקט, צי עס קומט נישט עמיץ אָן. װעלוול האָט געלאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער און מיר גע־קלאַפּט גוט־ברודעריש אין דער פּלייצע:

— אוי זענט איר אַ יאָלד, חבר בערגנער... אַ יאָלד מיט דער פּלאָמבע! — האָט ער אָנגעקוואָלן פון מיין פּחדנות — כ'האָב נישט געוווסט, אַז איר זענט אַזאַ באַיאַק. אַ גייסטיקער כוח ווי איר דאַרף אַלץ פאַרשטיין און נישט מורא האָבן פאַר אַזעלכע זאַכן... יאָך טו דאָס אַלץ פאַרן גוטס פון דער מענטשהייט... יאָך קען גוט די לאַטקעס וואָס פוצן זיך וויטיש. יאָך בין נישט קיין באָטש!... וואָס מיידן מאָך אונדזערע יאַטן אויס! כ'טו אַלץ פאַר דער באַוועגונג...

אָבער די יאַטן האָבן אַפּנים געוווסט פאַרוואָס זיי האָבן אויס־געמיטן װעלוולען — ער איז לאַנג אין דער באַוועגונג נישט גע־בליבן. ער האָט אַלעמאָל געטוישט די געטער — געדינט אַלע עבודה־זרות. אויף אַ פּאָסטן האָט ער זיך לאַנג נישט געקענט האַלטן. ער האָט שוין געטראָגן פּלייש אין די האַלעס ביים אייזערנעם טויער, געוועזן אַ פּלייצע־טרעגער אויף דער גענשע, געאַרבעט ביי טראָגן קוילן. די פּאָסטנס האָבן אים פאַרשאַפט די אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן אים אַריינגעכאַפּט און געמוזט דערפאַר באַצאָלן. װעלוול האָט זיך אַזוי לאַנג געקוילערט פון איין פּאַרטיי אין דער אַנדערער — ביז ער איז אַריינגעפאַלן צו די „פּראַקעס" און געוואָרן אַ פּרעטענסיע־גייער. ער איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אין אַ לעדערנער קורטקע און מיט אַ לע־דערן ליצאַפּעטן־היטל אויפן קאָפּ, וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. מען האָט נאָך מער ווי פריער נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מגע ומשא. איך האָב זיך פאַר אים אַזוי געהיטן, אַז ער האָט מיך אין ערגעץ נישט געקענט מער אָנפּאַקן.

ערשט דאָ, אין מעלבורן, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט, בעת ער איז געשטאַנען ביי דער פּרעס־מאַשין, איינגעהילט אין פּאַרע ביי זיין ברודער אין דער פּעקטאָרי. זינט דעמאָלט האָב איך פון אים נישט

געקענט מער פּטור ווערן. ער האָט אויסגערעדט כלערליי בייז אויף די מעלבורנער יידן און דער עיקר אויף זיין אייגענעם ברודער. צוליב אים איז ער הי געוואָרן אַזאַ גרויסער שלימזל. ער האָט אָנגעהויבן זייער שלעכט אויסצוזעזן, געוואָרן מאָגער — עס איז פון אים נישט געבליבן קיין העלפּט. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצורופן רחמנות ביי מענטשן און טאָמער האָט אים עמיצער באַדויערט, אויסגעפרעגט אים אויפן געזונט, איז ער געווען אין זיבעטן הימל. אַלע פּליטים, וואָס זענען געקומען מיט אים צוזאַמען פון שאַנכיי, ווו זיי זענען פאַר־וואַלגערט געוואָרן בעת דער מלחמה, האָבן זיך איינגעלעבט אין אויס־טראַליע — אָבער נישט וועלוול דער שטאַרקער. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער, געזוכט מיט וועמען צו כאַפּן אַ שמועס. מען האָט אים אָנגעהויבן אַליץ מער אויסצומיידן, אַנטלויפן פון אים, קיינער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זיין פּירעכץ. דער קליינער מעצקין, דער ליטוואַק, האָט אויסגערעדט אויף אים וואָס נאָר אין דער קאָרט.

— וואָס זאָל מען מאַכן, אַז דאָ גילטן ניט די ביזנעס — האָט מעצקין צעפּירט זיינע קליינע הענטלעך ווי ביי אַ קינד — דאָ וועט וועלוול פון קיין מעסער ניט מאַכן קיין לעבן! וואָס פּיעסצעט ער זשיך אַזוי דער גרויסער גאון? אַ קלייניקייט עפּעס אַ גרויסער יחוס. אַ רב געווען אין דער היים! ער איז געזשונט ווי אַ פערד! ווי צען פערד! געוועך מיינד!

וועלוול האָט באַקומען אַ טבע צו רעדן וועגן זיינע קרענק. טאָמער האָט מען גערעדט וועגן פּאָליטיק, וועגן די לעצטע געשעע־נישן אויף דער וועלט, וועגן דער חרובער היים, ווו עס זענען כמעט מער קיין יידן נישטאָ, האָט ער באַלד אַזוי אויסגעדרייט דעם שמועס, ער זאָל צוקומען צו זיינע קרענק. ווי נאָר ער האָט מיך געטראָפן, האָט ער מיר באַלד דערציילט ס'אַרא מחלות עס האָבן זיך צו אים אַליץ צוגעטשעפּעט.

— גלייבט מאָר, חבר בערגנער — האָט מיך וועלוול אָנגענומען אונטערן אָרעם — אַז כ'בין פאַרביי... אַז כ'בין פּאָוואַזשנע קראַנק... ס'איז נישט קיין געלעכטער. די דאָקטוירים ווייסן אַליין נישט וואָס מיר איז! זיי פאַרשטייען אַ קרענק. איין דאָקטאָר שיקט מאָך צום צווייטן. מען מעלקט ביי מיר דאָס געלט... מ'האָט מאָר שוין געמאַכט נישט איין קאַרדיאָגראַף, אָבער אַלעמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האַרץ איז ביי מיר געזונט... אָבער יאַך פּיל, אַז כ'בין פּאָוואַזשנע קראַנק!...

עטלעכע מאָל, בשעת וועלוול איז מיט מיר געגאַנגען איבערן

צעהויקערט־שמאָלן געסל, ווו ס׳האָבן זיך געפונען די יידישע גע־וועלבער, האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביים האַרץ און שנעל אַרויסגעוואָרפן פון זיך, אַז עס פעלט אים לופט. ער האָט שווער געסאַפּעט און גיך באַוועגט מיטן מויל, ווי אַ פיש אויף דער יבשה. וועגן דער גאַנצער מעשה האָט ער פיל נישט גערעדט, ווייל איך האָב דאָך אַלץ אַזוי קלאָר געזען מיט די אייגענע אויגן...

וועלוול האָט נישט געליטן בלויז פון עטלעכע קרענק, נאָר פון אַ גאַנצן טוץ מיט איין מאָל. חוץ דעם וואָס ער האָט טייל מאָל נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ, ער האָט נישט געקאָנט איינבייגן דעם רוקן, ס׳האָט אים אינעווייניק געדריקט, ס׳האָט אים געשטאָכן אַ פּוס, ס׳האָט אים געצויגן אַן אַקסל. אָפט האָט ער געלאָמט און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטעקן.

— וואָלט עס בלויז געווען רעמאַטן, אַן אישיאַס אָדער עפּעס אַנדערש, וואָלט געווען אַ האַלבע צרה... — האָט ער מיר פאַרטרויט אַ סוד אויפן אויער — אָבער יאָך פיל אַז ס׳איז אַ פּאָוואָזשנע זאַך... ווער ווייסט צי ס׳איז נישט דאָס האַרץ... צי ס׳איז נישט קיין קענסער...

כאָטש וועלוול האָט דאָס מיר פאַרטרויט ווי אַ סוד, האָט ער דאָס אַליין צעפּויקט. אַלע האָבן וועגן דעם געוווּסט און הינטער זיינע פּלייצעס אָפּגעחוזקט פון אים.

וועלוול האָט שטענדיק דערמאָנט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע זינד און ער פילט, אַז ער וועט דערפאַר אָפּקומען. די שטראָף וועט אים נישט מיידן. ער האָט געמיינט, אַז איך וועל אים עפּעס פאַרשן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אים געוואָלט אויספרעגן, נאָר כ׳בין געווען כמעט איבערצייגט, אַז די גאַנצע מעשה איז אויסגעקלערט, פּונקט ווי אַלע זיינע קרענק. ער וויל בלויז אַרויסרופן רחמנות צו זיך. חוץ דעם איז וועלוול נישט קיין גרויסער בעל־סוד און טאָמער האָט ער עפּעס צו דערציילן, וועט ער עס לאַנג נישט האַלטן אין זיך.

אָבער דעם סוד האָט דווקא וועלוול יאָ לאַנג געהאַלטן אין זיך. נאָר איינמאָל ביינאַכט, בעת איך בין צוזאַמען מיט אים אַרוים פון דער „התחיה", האָב איך דערפילט אַז ער גייט מיר אַלץ דערציילן. ס׳איז געווען דעמאָלט אַ פינצטערע נאַכט און די קליינע הייזלעך אין קאַרלטאָן זענען געווען איינגעוויגט אין אַ טיפן שלאָף. די שיטערע גאַסן־לאַמטערן האָבן אומעטיק געוווּנקען מיט די בלאַסע פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געוויגט קעגן נאַכטיקן הימל ווי איינזאַמע שטערן.

פונעם נאָענטן בית־עולם האָבן די מצבות אַרויסגעשיינט מיט אַ שרעקיק־ווייסן טויטן שימער, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אויף זיך תכריכים. לויט די הכנות, וואָס וועלוול האָט געמאַכט, האָב איך דערפילט, אַז ער גייט מיר מגלה זיין דעם סוד און כ'האָב דאָס נישט געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט זיך צו דערוויסן דעם אמת. וועלוול האָט מיך פּלוצים אָנגעכאַפּט מיט זיין שטאַרקער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און ער האָט גענומען דערציילן:

— געווען איז עס בשעת אַ מאַסוווקע אויף ראָג מילע און דזשיקע... — האָט ער פּאַוואָליע געצויגן די רייד — עס איז געווען פינצטער אַרום ווי איצטערט אין קאַרלטאָן... צוליב וואָס מען האָט די מאַסוווקע געמאַכט, געדענק יאָך שוין נישט. יאָך געדענק בלויז די סומאַטאָכע, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן... כ'געדענק ווי ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי... שפּיקעס! מ'האָט געשאָסן... יאָך זע נאָך איצט ס'פּלעמל פון רעוואָלווער... עפּעס אַ יונגערמאַן, אַ שטשעניאַק, אַ יינגלטשינע, וואָס איז רעכט פון דער ערד נישט אויפגעוואָקסן, האָט קענגן מיר עפּעס געפּיסקעוועט... געזאָגט אַז יאָך אַרבעט מיט דער דעפענסיווע... אַז יאָך האָב גערופן פּאָליציי!... יאָך האָב אים געזאָגט, ער זאָל אָפּזיצן... ער זאָל פאַרמאַכן דאָס מויל... נאָר ער האָט מאָך געהאַרכט ווי המן דעם גרעגער און ווייטער געפּיסקעוועט! האָב יאָך אים אַ טראַנטשע געטאָן און דערנאָך מיט איין מעק אים שטיל געמאַכט... כ'האָב אים אַזאַ כמאַל געטאָן, אַז ער האָט אויסגעצויגן די קאָפּיטעס... יאָך געדענק נאָך איצטער ווי ער איז געפאַלן מיט די הענט געשטרעקט פאָרויס, גלייך ער וואָלט מאָך געוואָלט האַלדזן... יאָך האָב זיך אָפּגערוקט און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד... לויטן גלעט, וואָס יאָך האָב אים דערלאַנגט, האָב'ך באַלד דערפילט וואָס כ'האָב אָפּגעטאָן... אַז דאָס יינגלטשינע איז געבליבן אונטער מיינע הענט! כ'בין אָפּגעצויגן... געמאַכט אומיק... ס'איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז אין דער סומאַטאָכע האָט קיינער גאָרנישט געזען... קיין עדות וועלן נישט זיין, וואָס זאָלן קענגן מיר דברן... דער יונגערמאַן האָט שוין מער נישט געקענט קומען צו זיך, זיך נאָך געמוטשעט עטלעכע טעג...

וועלוול האָט אָפּגעהאַקט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דאָס רעדן איז אים אויסגעקומען אַלע מאָל שווערער. איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג ווי איך וואָלט זיך וועלן אַרויסרייסן פון אים, האָט ער מיך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך מיט זיין אייזערנער האַנט, אַז כ'האָב

שיער נישט ארויסגעשריגן פון גרויס ווייטיק. וועלוול האָט זיך צו־געדריקט צו מיר, זיך צוגעטוליעט, גלייך ער וואָלט געזוכט ביי מיר שוץ. מיר זענען געגאַנגען אַ שטיקל צייט שווייגנדיק, נאָר מיטאַמאָל האָב איך ווידער דערהערט זיין קול.

— יאָך בין דערנאָך אַוועק פון וואַרשע... כ'האָב באַקומען בויצע... ס'האָט מאָך אַזוי געטשישטשעט ביים האַרץ פאַרן יינגל. כ'האָב כסדר געזען דאָס בילד ווי ער ליגט נעבעך אויף דער ערד... יאָך זע נאָך איצטערט דאָס בילד... כ'פיל נאָך דעם ווייטיק ביים האַרץ... אָבער, כ'בעט אייך, וואָס האָט ער געהאַט צו מיר, דער לאַטעק? אַז ער האָט געהאַט צו מיר אַ זשאַל, האָט ער נישט גע־דאַרפט אויפמאַכן אַזאַ מויל! נישט געדאַרפט מאָך רופן מיט קיין נעמען! זינט דעמאָלט האָב יאָך מער נישט קיין רו... יאָך פיל, אַז די שטראָף וועט מאָך נישט מיידן... אַלץ איז געשען אַרום סוכות און אַז ס'קומט סוכות־צייט האָב יאָך מורא, אַז יאָך'ל שטאַרבן! ס'וועט זיין אויס מיט וועלוול דעם שטאַרקן... וואָס איז דער טויט, חבר בערגנער? יאָך האָב מורא פאַרן טויט... כ'האָב זייער מורא! ס'ווערט מיר אַזש קאַלט ווען כ'טראַכט דערפון. וואָס איז ווערט דאָס גאַנצע לעבן, אַז מען מוז שטאַרבן פּונקט ווי דער יונגערמאַן איז געשטאָרבן!

וועלוול האָט מיך אָפּגעלאָזט, מיך באַפרייט פון זיין פעסטער האַנט און כ'האָב מיטאַמאָל אָנגעהויבן זייער צו לויפן, ווייל כ'האָב מורא געהאַט לענגער צו שטיין אין זיינע ד' אמות. כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט מיך נאָכיאָגן — אָבער ער איז געבליבן אויפן אָרט.

זינט דער דאָזיקער פינצטערער נאַכט האָב איך אים נישט געזען. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. כ'בין געווען זיכער, אַז דעם סוד האָט וועלוול קיינעם נישט אַנטפּלעקט, נאָר מיר. וואָס האָט ער געהאַט צו מיר אַזאַ צוטרוי? ס'איז מיר שווער געווען זיך אַרומצו־טראָגן מיטן סוד. כ'האָב זיך אַליין געפרעגט, צי דאַרף איך דאָס אַלץ וועמען דערציילן. טאָמער מאַך איך אַ שוויג, בין איך דאָך שטילער־הייט אַ שותף צו דעם אַלעמען, וואָס וועלוול איז באַגאַנגען...

אַ פּאָר טעג בין איך אַרומגעגאַנגען זייער צעטומלט, זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. יעדעס מאָל איז מיר עפּעס אַנדערש אַריין אין קאָפּ. דאָ בין איך שוין געווען גרייט אַלץ צו דערציילן, לויפן צו דער פּאָליציי און מסרן, וואָרן אַזוי גלאַטיק טאָר עס וועלוולען נישט אָפּגיין — נאָר אַז כ'בין שוין געווען פאַרטיק צו דערציילן מענטשן, גיין צו דער פּאָליציי, האָב איך אויף אַלץ חרטה געהאַט אין דער

לעצטער מינוט. ווער וועט מיר דאָס גלייבן? וועלוול קאָן דאָך ליי־קענען שטיין־און־ביין, וואָרים קיין עדות זענען נישטאָ — אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. חוץ דעם האָט איך עפּעס רחמנות געהאַט אויף וועלוולען. וואָס איז דאָ רחמנות צו האָבן אויף אַזאַ פּאַרשוין, האָב איך אַליין נישט געוווּסט. אפשר האָט ער אַלץ אויסגעטראַכט? מענטשן זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ מאַניאַק, שוין אַביסל חסר דעה...

זינט דעמאָלט, האָב איך וועלוולען מער נישט געזען. כאָטש כ'בין געווען נייגעריק צו וויסן ווו ער איז פאַרשוווּנדן, האָב איך זיך נישט געוואָלט פרעגן אויף אים. ווען כ'האָב זיך אויף אים צום סוף גע־פרעגט, האָט מען מיר געענטפערט, אַז ער איז קראַנק און ער גייט נישט אַרויס פון שטוב. ס'האָט מיר עמיצער איבערגעגעבן, אַז ער וויל מיך זען און ער האָט געשיקט נאָך מיר. כ'האָב נישט געוואָלט גיין, אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן — אָבער סוף־כל־סוף געגאַנגען.

בעת איך בין אַריין צו וועלוולען, איז ער געלעגן אין בעט, אויס־געדרייט צו דער וואַנט. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז כ'בין דאָ, אָבער ער איז אַלץ געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך געמאַכט, אַז ער ווייסט גאָרנישט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר, זיך ראַפּטום אויפגעזעצט אויפן געלעגער און אַ שפּיזיק פלעמל האָט זיך אַ צינד געטאָן אין זיינע קליינע שפּעלטלעך־אויגן:

— איר האָט נישט קיין מורא געהאַט צו קומען צו מיר, חבר בערגנער?!... טאַקע אַ גרויסער העלד! איר האָט געוווּסט, אַז כ'בין קראַנק, וואָס־זשע זענט איר נישט אַריינגעקומען געוויער ווערן וואָס כ'מאַך?! סאַראַ מענטש זענט איר? אַזוי טוט אַ חבר? אַ פריינד? אפשר האָב'ך שוין אויסגעצויגן די קאָפּיטעס?! ווי יאָך זע פירט איר זיך שוין אויף ווי די אויסטראַלישע יידן...

כ'האָב באמת נישט געוווּסט ווו וועלוול האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו האָבן טענות צו מיר פאַרוואָס כ'בין נישט געקומען אים זען. ער האָט גערעדט צו מיר ווי צו אַ גאָר נאָענטן חבר. אָבער וועגן דעם סוד, וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט, האָט ער נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט, ווי ער וואָלט מיר גאָרנישט געווען דערציילט.

יעדע פּאָר טעג האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו וועלוולען אים מבקר־חולה זיין; און מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן צו מיר מער צו־דרינגלעך און חוצפּהדיק. אַז כ'האָב זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט מיך צו האַלטן פאַר גאָר אַ נאָענטן

מענטש און מיך געצווונגען צו טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס כ'האָב נישט געוואָלט.

וועלוול האָט זיך אָנגעהויבן מיט מיר צו שאַפן, געהייסן זיך דערלאַנגען כסדר אַנדערע מעדיצינען, געשיקט מיך קלינגען צו דאָק־טוירים. ער האָט נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט, אַז זיינע טעג זענען גע־ציילטע... אַז עס קומט סוכות, ציטערט ער די שטראָף זאָל אויף אים נישט קומען... ער האָט זיך אויך באַקלאָגט פאַרוואָס מען וויל צו אים נישט אַריינקומען. איצט פילט ער מער ווי אַלעמאָל, אַז ס'איז נישט גוט צו זיין אָן אַ ווייב. ער האָט שוין געהאַט אַמאָל אַ ווייב — אָבער זי איז פון אים אַוועק. ער האָט געהאַט אַנדערע מיידן, האָט זיך צום ווייב צוגעטשעפּעט עפּעס אַ „פּריימייער". האָט ער געוואָלט דעם פריערער קירצער מאַכן מיט אַ קאָפּ, האָבן זיך אַריינגעמישט זיינע „פּשיאַטשעלעס" און געזאָגט, אַז ס'איז נישט „פּראַווילנע" — אויב ער האָט קאָכאַנקעס, מעג זי האָבן אַ צווייטן. מן־הסתם איז דאָס ווייב מיט איר פרישן באַשערטן אַוועק אין אויוון אַריין, פאַרברענט געוואָרן... ער בענקט אַצינדערט אַזוי שטאַרק נאָכן ווייב... ער פילט ווי דאָס האַרץ גייט אים אויס...

וועלוולס שטוב האָט אויסגעזען ווי אַן אַפּטייק. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט לײדיקע און פולע סלאָיקלעך מיט זאַלבן, פלעשלעך מיט מעדיצינען און שאַכטלען מיט פּילן. ווען כ'בין געגאַנגען באַ־שטעלן פאַר וועלוולען די מעדיצינען אין דער אַפּטייק, האָט מען באַלד געוווסט פאַר וועמען זיי זענען — מען האָט אים שוין דאָרט גוט געקענט.

בשעת איך האָב געזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף און אַז כ'וועל פון וועלוולען שוין קיינמאָל נישט קאָנען פּטור ווערן, האָב איך אויפגעהערט צו אים אַריינצוקומען. וועלוול איז צוריק געזונט געוואָרן און מען האָט אים ווידער געזען זיך אַרומדרייען אין די געסלעך, ווו ס'וווינען יידן. גאַנצע שעהן פלעגט ער נאָך דער אַרבעט אַליין אָפּזיצן אין קאַפע־הויז און זוכן עמיצן, וואָס זאָל זיך צו אים צוזעצן. ער האָט געפּרוווט צו כאַפּן אַ שמועס מיט די קעלנערקעס — נאָר זיי האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט אויסגעזען אַ סך בעסער ווי פאַר דער קרענק, צוגענומען אויף דער וואָג. דאָס פּנים איז געווען ביי אים אָנגעגאָסן־קײלעכדיק, ווי אַ פולע לבנה. דער קאַרק איז געווען צוריק האַרט און שטייף ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. די קליינע, שמאָלע אייגעלעך זענען פאַרזונקען געוואָרן אין די גלאַנציק־פעטע באַקן, אַז מען האָט זיי אײנגאַנצן מער נישט אַרויס־

געזען. ביים גיין האָט ער זיך פּאַוואָליע און שווער געררוקט, ווי אַ קאַסטן. איצט האָט מען אים שוין אינגאַנצן נישט געגלויבט און מען האָט געזאָגט אויף אים:

— דאָס געזונטקייט שפּראָצט פון אים! ס'איז אים גאָרנישט. ער מאַכט יענעם דעם טויט און אַליין נעמט ער זיך גאָרנישט צום האַרץ!

דער קליינער מעצקין, דער ליטוואַק, האָט שוין גאָר אָנגעקוואָלן, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין טעות און זיך באַלד דערקענט וואָס וועלוול איז.

— מיך איז שווער אָפּצונאַרן... — האָט ער זיך אַליין גע־לויבט — אַז כ'גיב נאָר אַ בליק אויף אַ מענטש, זע איך באַלד מיט וואָס ער סמעקט... וועלוול רעדט זיך איינעט אַ קרענק אין בויך! ער וועט אונדז אַלע איבערלעבן...

נאָך דעם ווי וועלוול פלעגט זיך ארומדרייען אַליין אין די געס־לעך אין קאַרלטאָן און זיצן אין קאַפע־הויז גאַנצע שעהן, איז ער צוריק פאַרשוואונדן ווי אַ שטיין אין וואַסער. כ'האָב אים אין ערגעץ נישט געזען און כ'האָב אַ לאַנגע צייט מער נישט געהערט פון אים.

ס'איז געווען נאָך סוכות און די טעג זענען אַלץ געווען ווינטיקע און קאַלטע. מען האָט זיך געריכט אויפן פרילינג, אָבער דער ווינטער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. די לופט איז געווען קאַלט און שאַרף און האָט געבלאַנקט מיט אַ דינער בלויקייט, ווי שטאָל. דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט גרויע וואָלקנס, ווי מיט אַן אייזיקער דעק. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, צי כ'זאָל יאָ גיין זען וואָס וועלוול מאַכט, צי נישט — האָב'ך דאָך באַשלאָסן צו אים צו גיין. כדי דער וועג זאָל וואָס לענגער דויערן, בין איך געגאַנגען צו־פוס. בעת כ'האָב זיך דערנענטערט צו דער גאַס, וווּ ס'האָט געוווינט וועלוול, האָב'ך דערפילט אַ ציטער אין האַרץ. איך האָב זיך שוין עטלעכע מאָל גע־וואָלט פון וועג אומקערן, נאָר עפּעס אַ כוח האָט מיך געשטופּט פאָרויס. דאָס געוויסן האָט מיך געפּייניקט פאַרוואָס איך האָב לעצטנס וועלוולען אויסגעמיטן און נישט געגאַנגען אים זען. שוין פון דער ווייטנס, איידער איך בין צוגעקומען צו וועלוולס הויז, האָב איך דער־זען דאָרט שטיין דעם שוואַרצן אויטאָ פון דער חברה־קדישא. די קני האָבן זיך מיר אונטערגעבראָכן און כ'האָב נישט געקאָנט מער שטעלן קיין טריט. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ס'איז עפּעס אַן אויסדוכ־

טעניש, נאָר אַז כ'בין נעגאַנגען ווייטער האָב איך שוין דייטלעך געזען ווי עס שוואַרצט זיך אין בלויליעך־קאַלטן חלל די עגלה פון דער חברה־קדישא.

די גאַס איז געווען פּוסט, קיין לעבעדיקן נפש האָט מען נישט געזען. כ'האָב נישט געהאַט וועמען צו פרעגן ווער ס'איז געשטאָרבן. אַז כ'בין אַריין אין הויז, האָב איך זיך אין קאָרידאָר אָנגעטראָפן אויף עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ שווייגנדיק אַרומגעפּאָרעט. זיי האָבן געהאַט שטייף־ערנסטע פּנימער, ווי ס'האָבן געוויינטלעך מענטשן, וואָס זענען זיך מתעסק מיט אַ בר־מינן און קלויבן זיך צו אַ לוויה. איך האָב זיי מורא געהאַט צו פרעגן ווער ס'איז געשטאָרבן. מיטאַמאָל האָב איך דערזען ווי די טיר פון וועלוולס דירה שטייט אויפגעריסן. איך בין נישט אַריין אין דער שטוב, בלויז פון דער זייט אַריינגעקוקט אינעווייניק. די שטוב איז געווען פּוסט און ס'האָט דאָ געבלאָזן פון יעדן ווינקל. אַן איבערגעשראָקענע שכנטע, וואָס איז פּלוצים פון ערגעץ אויסגעוואַקסן, האָט זיך צו מיר אָנגערופן מיט אַ שטיל קול, ווי זי וואָלט מיר פאַרטרויט אַ סוד:

— וועלוול איז געשטאָרבן... ווער האָט זיך דאָס געיאָלט ריכטן... אפנים אַז שטאַרקע שטאַרבן אויך...

צוויי יידן און צוויי וואַליזעס

ווי נאָר ער האָט אַריינגערוקט זיין שווערע, פול־אָנגעפּאַקטע וואַליזע אין וואַגאָן, האָט אים רודאָלף דערקענט. קודם־כל האָט ער אַריינגעשטופּט ס׳געפּעק און דערנאָך האָט ער זיך אַליין אַריינגעדרוקט. ער האָט אויסגעזען פּונקט ווי די וואַליזע — קרעמפּע, ברייט־ביינערדיק, מיט שטאַרקע, פולע פּלייצעס. פּונקט ווי די אָפּגענוצטע וואַליזע האָט קוים געקאָנט אַריינגעמען די זאַכן, וואָס זענען געווען דאָרט אַריינגעשטופּט, אַזוי האָט זיין אָפּגעטראָגענער אַנצוג קוים געקאָנט אַריינפּאַסן אין זיך די אויסגעקיילעכדיקט־שווערע אברים זיינע און געפּלאַצט אין די נעט. אַז ער האָט אַ טראָפּעלע אויסגעגלייכט די ביינער, האָט ער אַרויסגענומען אַ טיכל — אַ גרויסע פאַטשיילע — און אָפּגעווישט די אַרבעס שוויים, וואָס האָבן זיך אים אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן, אויף די פולע, רויטע באַקן און אויפן האַלדז. ער האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, גלייך ער וואָלט געווען אַליין אין וואַגאָן און אַ מורמל געטאָן צו זיך:

— פו, ס׳אַ חמימה... האָסטו געזען אַ היץ!

— אוודאי דאָס איז ער, ס׳זאָל דאָס פעלן אַ האָר... דאָס איז דער זעלבער זעליק וועלער, וואָס איז געקומען מיט אים אויף איין שיף. ער רעדט יידיש צווישן אויסטראַליער... שעמט זיך נישט פאַר קיינעם... — האָט רודאָלף געקלערט ביי זיך און אוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ, זיך נישט געמאַכט דערקענען זעליקן.

רודאָלף האָט געקוקט דורכן פענצטער, געזען ווי ס׳פאַרשווינדן די לעצטע הייזלעך פון דער פאָרשטאָט. דער צוג שלעפּט זיך צווישן אויסגעטרוקנטע, ווייסע פעלדער. פון מאָל צו מאָל קומען אַקעגן עטלעכע אויסגעטרוקנט־פאַרשטויבטע עקאַליפּטוס־ביימער און לויפן צוריק. ס׳באַווייזט זיך אַן אַלט הויז פון אַ פאַרמער מיט אַ בלעכערנעם קעסל אויף איינצוזאַמלען דאָס רעגן־וואַסער. אַ קי קוקט פאַרבענקט נאָך דעם צוג. אין וואַגאָן איז געווען זייער דושנע — אָבער צוליבן הייסן ווינט, וואָס האָט זיך מיד געיאָגט נאָכן צוג, האָט מען נישט

געקאָנט אויפמאַכן דאָס פענצטער. א דיקער שיכט שטויב איז געלעגן אויף די בענק, אויף די פּאָליצעס, און טאָמער האָט מען געפּרוווט אויפמאַכן דאָס פענצטער, האָט דער ווינט אַנגעטראָגן פרישע זשמער־ניעם שטויב.

כאָטש רודאָלף האָט נישט געזען זעליקן, האָט ער געפילט אַלץ וואָס ער טוט. זעליק האָט אַרויפגעשטעלט זיין שווערע וואַליזע אויף א פּאָליצע, זיך אַרומגעקוקט און אויסגעזוכט אַן אָרט פאַר זיך. נאָר דאָס אָרט איז אים נישט געפעלן און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן רודאָלפן. צי האָט ער אים דערקענט? צי האָט ער דאָס געטאָן מיט א כוונה? זעליק האָט נישט געפּרוווט צו רעדן צו רודאָלפן און איז געזעסן שטיל. ער האָט זיך בלויז געמאַכט אַביסל באַקוועמער און זיינע ווייסע געזונטע ציינער האָבן אַרויסגעקוואָלן פונעם רויטן, פולן פּנים. וואָס וועט זיין, אַז זעליק וועט אָנהייבן צו אים צו רעדן? דעמאָלט וועלן אַלע אין וואַגאָן וויסן ווער ער איז. נאָר רודאָלף האָט געדענקט פון דער שיף, אַז זעליק איז זיך אַלעמאָל געגאַנגען זיין וועגס. טאָמער האָט מען אים נישט פאַרטשעפּעט, האָבן געקענט אַוועקגיין טעג ער זאָל זיך צו קיינעם נישט אָנרופן מיט קיין וואָרט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א קליינער, פאַררויכערטער באַן־סטאַציע, וואָס האָט מיד געדרימלט אין דער היץ. באַלד האָט דער צוג פויל גערירט פון אָרט, זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. זעליק האָט אַרויסגענומען א בייטל מיט עסן, אויפגעוויקלט גרויסע לאַכמעס ברויט, געמאַכט א ברכה און גענומען קייען אויףביידע באַקן. ס'האָט אים נישט געאַרט וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן אים אָנגעקוקט מיט זייטיק־גנבישע בליקן. נאָך איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט א פּעקל יידישע צייטונגען פון קעשענע, זיי אויסגעשפּרייט פאַר זיך און מיט די אויגן געלאָפן איבער די שורות. ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין לייענען, אַז ער האָט נישט געזען וואָס ער עסט.

— ווי קען מען אין אַזא היץ עסן?! — האָט רודאָלף געטראַכט און ער האָט פון דער אויבערשטער קעשענע אַרויסגענומען א זיידן טיכל און זיך געווישט דעם שווייס פון די שוואַרצע שיטערע האָר, וואָס האָבן געקלעפּט צו זיין שמאָלן, ווי אויסגעצויגענעם קאָפּ.

פון כסדרדיקן קוקן דורכן פענצטער, האָט רודאָלף דערפילט א ווייטיק אין קאַרק. ער האָט דעם קאָפּ אַוועקגענומען פון פענצטער, צוגעשלאָסן די אויגן און געפּרוווט צו שלאָפן. אַן אומרואיקייט איז אין אים געוואַקסן. ער האָט מורא באַקומען טאָמער וועט זעליק דער־

זען זיין וואַליזע און זיך דערוויסן, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט דער זעלבער פּרנסה וואָס ער.

אויף דער שיף האָט רודאָלף געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און גע־בלאָזן פון זיך. ער האָט זיך פאַר יעדן איינעם באַרימט וואָס פאַרא הויכן פּאָסטן ער האָט פאַרנומען אין וואַרשע, געווען אַ דירעקטאָר אין אַן אָנגעזעענער פּוילישער באַנק. אויף האָזשע האָט ער געהאַט אַ לוקסוס־דירה פון פינף שטובן מיט אַ קיך, מיט אַ באָד־צימער און אַ באַזונדערן טוש. אַלע האָבן אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין. נישט איין מאָל האָט ער זיך געפּרוווט אַ וויצל טאָן מיט זעליקן, וואָס האָט זיך זייער אויסטערליש אויפגעפירט. ביים עסן האָט מען געהאַט פון אים אויסצושטיין בושות און חרפּות. ער האָט זיך נישט געקאָנט גוט באַנוצן מיט גאָפּל־און־מעסער — און צוליב כשרות האָט מען געמוזט פאַר זיינעטוועגן מאַכן ספּעציעלע מאכלים. ער האָט דער־ציילט אַז ער האָט געוווינט אין וואַרשע אויף דער שמאָלער מילע און געווען אַ זעצער אין אַ קליינער דרוקעריי. אַלע מאָל האָט ער אַ טבע געהאַט איבערצוחזרן, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד אין דרוקער־פאַריין און ער געהערט צום „בונד” — אָבער דאָס שטערט אים נישט צו זיין פרום. אַז מען האָט אים געפרעגט ווי פּאַרט זיך סאָציאַליזם מיט פרומקייט, האָט ער געהאַט דערויף אַ פאַרטיקן ענטפער:

— און וואָס איז געווען ישעיהו? און עמוס? זענען זיי נישט געווען קיין סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר יושר? פונדעסט־וועגן זענען זיי געווען גאָטספאָרכטיקע יידן...

פון אַרבעטן אין דרוקעריי ביי אַ טונקל עלעקטריש לעמפּל, האָט זעליק געהאַט רויט־אַרומגעזוימטע אויגן. פון שטויב, בליי און פאַרב זענען אים די לונגען געוואָרן אָנגערירט — אָבער ער איז אַרויס פון דעם אַ געזונטער. זינט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו טרייבן ספּאָרט. אויף דער שיף האָט ער זיך דער ערשטער אויפגעהויבן, אַרויס אויפן דעק און געמאַכט גימנאַסטיק. ער איז אַרומגעלאָפן אַ האַלב־נאַקעטער עטלעכע מאָל אַרום דעק, זיך געפּאַטשט מיט די הענט אויף דער ברוסט און דערנאָך זיך אַ סך מאָל אַראָפּגעבויגן און מיט די פינגער פון די הענט אָנגערירט די שפּיץ־פינגער פון די פיס. כאָטש ער האָט נישט געקענט שווימען, האָט ער זיך אָפט געבאָדן אין שווים־באַסיין. געקומען איז ער דאָרט צו גיין אין לאַנגע שווים־הויזן, וואָס האָבן אים פאַרדעקט די קני. איידער ער איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, האָט ער מיטביידע האַנט־פלאַכן פאַרשטעלט דאָס פּנים, ווי אַ יידענע ביי ליכט־בענטשן און מיט די פינגער זיך פאַרשטאָפּט די

אויערן, די נאָז און די אויגן, כדי דאָס וואַסער זאָל דאָרט נישט אַריין. אַזוי פאַרפּאַנצערט איז ער אַריינגעשפּרונגען מיט די פיס אין וואַסער, ווי אַ חדר־ייִנגל אין מקווה. פון זיין שווערער משא האָט דאָס וואַסער אַ שפּריץ געטאָן אין דער הייך און אַלעמען אָפּגעגאָסן.

— איר זענט אַ גוטער שווימער, פּאַניע זעליק — האָט רודאָלף אַריינגעוואָרפן אַ שטעך־ווערטל אויף זעליקס קאָנטע — איר שפּרינגט אַזוי שיין אַריין אין וואַסער... ווי אַן אמתער טשעמפּיאָן... ווער האָט אייך אויסגעלערנט אַזוי גוט שווימען?

פון דעם וויץ האָבן אַלע אָנגעקוואָלן און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

זעליק האָט אַלץ פאַר ליב גענומען און גאָרנישט געענטפערט. בלויז זיינע קליינע, גרוי־בלויע אויגן זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ נעפּלדיק הייטל און די ברייטע, קורצע נאָז האָט ביי אים לייכט געציטערט.

דער צוג האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און די וואַגאָנען האָבן זיך לייכט אָנגעשלאָגן איינער אין דעם אַנדערן. פונעם טרייסל האָט זיך רודאָלף אויפגעכאַפּט. צוליב דער גרויסער היץ האָט ער געכאַפּט אַ דרימל. ער האָט אַ טראָפּעלע אויפגעמאַכט די אויגן און מיט איין שפּעלטל באַמערקט, אַז זעליק זיצט לעבן אים.

— וואָס וועט זיין ווען זעליק וועט געוויער ווערן, אַז רודאָלף, דער גאַנצער קנאַקער, האָט זיך אין אויסטראַליע גענומען צו דער זעלבער פּרנסה, וואָס ער, און איז געוואָרן אַ „האָקער”? ער וועט דאָך אויסזען ווי חוזק אין זעליקס אויגן! ער וועט זיך מעגן באַגראָבן פאַר חרפּה... זעליק איז אפשר נישט אַזוי איבערגעשפּיצט... אָבער ער האָט געגנוג שכל דאָס צו פאַרשטיין...

רודאָלף האָט אַ קאַפּעלע ברייטער אויפגעמאַכט די אויגן און באַמערקט אַז אין וואַגאָן איז שוין קיינער מער נישט געווען, חוץ אים און זעליקן. ס'איז געווען זייער דושנע. רודאָלף האָט געפּרוווט אויפמאַכן דאָס פענצטער — אָבער דער הייסער ווינט האָט מיטאַמאָל אָנגעטראָגן אַזויפיל שטויב, אַז ער האָט עס באַלד צוריק פאַרקלאַפּט. רודאָלף און זעליק זענען געזעסן לעבן זיך, נאָר זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט. די צייט האָט זיך זייער לאַנג געצויגן; ס'האָט געהערשט אַן אומהיימלעכע שטילקייט.

— איר דערקענט מיך נישט? איר ווייסט נישט ווער איך בין?

— האָט זיך דערהערט מיטאַמאָל רודאָלפס שיינער פּויליש און ער

האָט דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט — איר האָט אַ שלעכטן זכרון, פּאַניע זעליק!

— וואָס הייסט כ'האָב אייך נישט דערקענט? אוודאי האָב איך אייך דערקענט — האָט זעליק געענטפערט — ווי נאָר כ'בין אַריין אין וואַגאָן, האָב איך אַ זאָג געטאָן צו זיך: דאָס איז דער פּאַן רודאָלף ריבאַ. איר זעט ווי כ'האָב אַ גוטן זכרון...

— וואָס־זשע האָט איר די גאַנצע צייט געשוויגן, ווי איר וואָלט געווען אַ פרעמדער? וואָס האָט איר זיך געמאַכט מיך נישט דער־קענען? פע, ס'איז נישט שיין. אַזוי פירט מען זיך נישט!

— ווען כ'האָב געזען, אַז איר מאַכט זיך מיך נישט דערקענען, האָב איך זיך געמאַכט אייך נישט דערקענען. אַ קשיא אויף אַ מעשה; אפשר האָט איר נישט געוואָלט כ'זאָל צו אייך רעדן. כ'זאָל זיך אַריינ־מישן אין אייערע געשעפטן...

— נו, גוט... גוט. כ'האָב אייך די גאַנצע צייט נישט געטראָפן. וואָס טוט איר? מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך אין דער קאַונטרי?

— איר זעט דאָך וואָס כ'טו. דאָס זעלבע וואָס איר טוט... כ'פאָר אַרום אין דער קאַונטרי און כ'שטופּ אָפּ דאָס ביסל סחורה. ס'איז נישט צו פאַרזינדיקן. איך האָב ברוך השם פּרנסה. ביי מיין פאַך האָב'ך נישט געקענט געפינען קיין אַרבעט. כ'האָב שוין דעם ווייב עטלעכע מאָל אוועקגעשיקט אַ פאָר פונט... אַז כ'וועל אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט, וועל'ך דאָס ווייב מיט די קינדער אַריבערנעמען צו זיך...

רודאָלפס דין, בלאַס פּנים, ווי ביבולע־פּאַפּיר, איז באַנאַסן גע־וואָרן מיט אַ רויטן פלאַם. זיין געהויקערטע נאָז האָט זיך אויסגע־צויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם דינעם מויל, ווי דער שנאָבל ביי אַ פויגל. ער האָט פאַרשנורעוועט די ליפּן און מער גאָרנישט גע־זאָגט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און פון פאַרדרוס געפּרוווט אַנט־שלאָפן צו ווערן. ער וועט ווייזן דעם כאַם, אַז ער לאַכט פון זיין קאָפּ, אַז ער מאַכט זיך נישט פון אים. אָבער באַלד האָט רודאָלף אויפגע־מאַכט די אויגן און פון דער זייט באַקוקט זעליקן. ער האָט באַטראַכט זיינע ברייטע פּלייצעס, זיינע שטאַרקע פיס, וואָס קענען מאַכן מיילן און זיינע געזונטע הענט, וואָס קענען שלעפּן די שווערסטע משאות... ס'איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק ער זאָל מאַכן מיט אים שותפות. דעמאָלט וועט ער נישט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער. ס'איז נישט פאַר אים די אַרבעט, וואָס ער טוט... ער איז באַשאַפן צו עפּעס אַנדערש... חוץ דעם איז ער נישט געזונט און דאָס שלעפּן

די שווערע וואַליזע האָט אים שוין צו דער רעשט קראַנק געמאַכט, אז ער וועט נאָך לענגער זיך אַליין אַזוי אַרומשלעפּן צווישן די פּאַר־מערם מיטן פּאַק סחורה, וועט ער נישט לאַנג אָנציען... און זעליק וועט גאַרנישט מאַכן קיין שלעכט געשעפט — פאַרקערט, ער וועט נאָך אָפּלעקן ביי אים א ביינדל...

ווער האָט נאָך אַזויפיל קאָנטאַקטן ווי דער פאַן רודאָלף ריבא, וואָס איז געווען א דירעקטאָר אין אַן אָנגעזעענ־פּוילישער באַנק אין וואַרשע? אמת איז אַז מען האָט אים פון דאָרט משלח געווען, ווייל ער איז א ייד. ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס ער האָט זיך איבערגע־אַנדערשט דעם נאָמען פון „פישביין" אויף „ריבא", וואָס האָט אים געקאָסט א היפּש ביסל געלט — זיין לאַנגע נאָז האָט אים סיי־ווי אויסגעגעבן. אָבער ווער ווייסט פון דעם אַלעמען דאָ הי, אין דער פרעמד, ווו דער גורל האָט אים פאַרטראָגן? ער האָט דאָ יעדן איינעם דערציילט פון זיין גרויסן יחוס — פון זיין טאַטן, וואָס איז געווען אַן איינגייער ביים שענסטן פּוילישן אדל, פון זיין זיידן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע". צי מען האָט זיך צו אים צוגעהערט, דאָס ווייסט ער נישט — אָבער מען וועט אים אומעטום געבן קרעדיט. כאָטש ער האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די מעלבורנער „אַל־רייטניקעס", די שניידערס, וואָס האָבן גע־מאַכט אַזוי פיל געלט, האָבן זיי פאַר אים פונדעסטוועגן געהאַט דרך־ארץ. זיי העלפן אים טאַקע א סך נישט צו... אָבער ווער וועט זיך אומקוקן אויף זעליקן, אַז מען קוקט זיך אויף אים נישט אום?... זעליק וועט נישט מאַכן קיין שלעכט געשעפט...

— איר הערט, זעליק... — האָט זיך מיטאַמאָל רודאָלף גע־וואָנדן צו זעליקן — עס איז א גאָט־זאַך וואָס מיר האָבן זיך היינט דאָ געטראָפן אין דער באַן... ס'איז, ווייזט אויס, געווען אַזוי באַ־שערט... דער פאַן בוג האָט אַזוי געוואָלט...

רודאָלף האָט אָפּגעהאַקט, פון דער זייט א קוק געטאָן אויף זעליקן, געוואָלט וויסן ווי זיינע ווערטער ווירקן אויף אים, אָבער אַז ער האָט אויף אים גאָרנישט געקענט דערקענען, האָט ער מוסיף געווען:

— איר פרעגט גאָרנישט וואָס איך מיין דערמיט צו זאָגן?... ס'איז געווען אָנגעשריבן אין הימל מיר זאָלן זיך היינט טרעפן... ס'איז א גורל... ווייל מיר וועלן מאַכן שותפות... איך און איר... איר הערט? מיר וועלן מאַכן צוזאַמען גרויסע געשעפטן! מיר זענען א פּאָרל פון גאָט... נו, איר זאָגט גאָרנישט? וואָס זאָגט איר צו דעם?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט זיך זעליק אַביסל תמעוואַטע

אַנגערופֿן — כ׳ווײס אַלײן נישט וואָס כ׳זאָל זאָגן... כ׳האָב זיך גאָרנישט גערעכנט דערויף. כ׳ווײס נישט צי מיר׳ן זײַן גוטע שותּפֿים. כ׳ווײס נישט... פֿון וואַנען קום איך צו אײַך?

— וואָס איר ווילט נאָך נישט? איר וואַרפֿט זיך מיט מיר? דאָס האָב איך מיר נישט פֿאָרגעשטעלט, איר זאָלט גאָר מיך נישט וועלן פֿאַר אַ שותּף! כ׳האָב געמײנט, אַז איר וועט באַלד צופֿאַלן — האָט זיך רודאָלף געבײזערט — וואָסי, ס׳שטײט אײַך נישט אָן דער יחוס? איר הערט וואָס איך זאָג אײַך, מיר וועלן מאַכן גרויסע געשעפֿטן... מיר וועלן בײדע רײַך ווערן!

— ווי אַזוי וועלן מיר רײַך ווערן?... כ׳פֿאַרשטײ נישט. — האָט זעליק אַ הײב געטאָן די ברײטע, שווערע אַקסלען — פֿונעם „האָקן" וועלן מיר רײַך ווערן? כ׳זע נישט ווי אַזוי. וואָס איך פֿאַלט אײַן...

— יאָ... יאָ! מיר וועלן רײַך ווערן! כ׳האָב שוין מײַנע פּלע־נער! אַז פֿאָן רודאָלף זאָגט עפּעס, ווײסט ער וואָס ער זאָגט! מיר וועט מען געבן גרויסע קרעדיטן. איר ווײסט דען ווי מען שעצט מיך אין שטאָט? מען ווײסט ווער איך בין... מען וועט באַלד קויפֿן אַ קאַר... האַנדלען אויפֿן גרויסן פֿאָרמאַט. אַפֿילו די פֿאַרמערס זאָגן מיר גאָרנישט אָפּ! אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר אויפֿמאַכן אַ געשעפֿט אין שטאָט. אין סיטי! איר הערט, אין סיטי! מיסטער זעליק וועט פֿאַרמאָגן אַזויפֿיל געלט, אַז מען וועט נישט קענען צוקומען צו זײַן קאָפּ... וואָס האָבן די שנײַדערס געקענט אַזוי רײַך ווערן? זײ קענען זיך אַפֿילו נישט אונטערשרײַבן... נו, געמאַכט דאָס געשעפֿט? מזל־טוב!

רודאָלף האָט אויסגעשטרעקט זײַן אײדעלע, דינע האַנט צו זעליקן און יענער האָט אים פּאַוואָליע דערלאַנגט אַ שווערע און געזונטע האַנט. אַז זעליק האָט צונעקוועטשט זײַן שווערע האַנט, האָט רודאָלף שיער נישט אַרויסגעשריגן פֿון ווײטיק.

— מאָרגן, אַז כ׳וועל זײַן אין מעלבורן, וועל׳ך צוגרײטן אַ קאָנטראַקט — האָט רודאָלף געזאָגט.

— נו גוט... גוט. מען דאַרף נישט... מ׳עט שוין זען — האָט זעליק אַ מורמל געטאָן ווי צו זיך.

בײַם מאַכן דאָס שותּפֿות־געשעפֿט, האָבן זײ זיך אַזוי פֿאַר־שמועסט, אַז זײ האָבן נישט באַמערקט ווי דער ציג איז אָנגעקומען אויפֿן אָרט. זײ זענען שנעל אַראָפּגעגאַנגען, כּדי נישט צו פֿאַרפֿאַרן ווײַטער. ס׳האָט זײ באַגעגנט דער הײסער ווינט, וואָס האָט געטראָגן

געדיכטע וואָלקנס שטויב און ביי זיי פאַרפּרושעט די אויגן. זיי האָבן גאָרנישט געקענט זען און געגאַנגען ווי בלינדע.

זינט דעמאָלט זענען זיי שוין ביידע געפאָרן אומעטום צוזאַמען. רודאָלף האָט באַקומען גרויסע קרעדיטן, ווי ער האָט געזאָגט. ער האָט איינגעהאַנדלט ערגעץ אַן אַלטן אַמעריקאַנער אויטאָ, אַ „פערד", וואָס האָט געהוסט, ווי אַ זקן, ביים פאָרן. בשעת רודאָלף האָט זיך געלערנט פירן דעם אויטאָ — האָט זעליק זיך דערווייל געשלעפּט מיט די באַנען און פאַרקויפט די סחורה. אויף גרויסע בלאַנקנדיק־ווייסע בויגנס פּאַפּיר האָט רודאָלף אויסגעציקלט אַן אַ שיעור ציפערן, וואָס זענען געשטאַנען אין גלייכע שורות, ווי די זעלנער. חוץ די ציפערן, האָט ער ליב געהאַט אויסצושטעלן אַ סך ווירעס אויפן פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך געשניטן אין דער ברייט און אין דער לענג. ער האָט געפירט די בוכהאַלטעריע.

אַלע מאָל האָט רודאָלף אַ טבע געהאַט צו שטופּן די חשבונות זעליקן אין פּנים אַריין און אים צו ווייזן ווי שיין ער פירט די ביכער. נאָר טאָמער האָט זעליק געוואָלט אַריינקוקן אין די חשבונות, האָט ער זיי אים אַוועקגענומען פון די אויגן.

— איר מעגט זיך פאַרלאָזן, אַז אַלץ שטימט צו דער פּעני. — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

רודאָלף און זעליק האָבן זיך צוזאַמען געשלעפּט איבער די אויסטראַלישע וועגן — זומער, אין די היצן, ווען דער אַלטער אויטאָ איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ ווייסן הייסן שטויב, און ווינטער, אין די קעלטן, ווען די פּראַסטיקע נעפּלען זענען געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט נישט געזען ווו מען פאָרט. צוממיינסטנס האָט זעליק געפירט דעם אויטאָ. ער האָט אויך געמוזט טראָגן ביידע וואַליזעס, ווייל רודאָלף האָט זייער שטאַרק געליטן פון פאַרשידענע ווייטיקן. דאָ האָט ער נישט געקאָנט רירן מיט דער פּלייצע און דאָ האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער פּיין אין פוס, אַז ער האָט נישט געקאָנט שטעלן קיין טריט. דער עיקר האָט ער זיך כסדר באַקלאָגט אויפן פוס און אַז ער האָט געפּרוווט גיין, האָט ער אַזש געוויינט פון ווייטיק. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין אַ שטעטל אַריין און זיי האָבן זיך געזאָלט צעטיילן מיט די וועגן, האָט רודאָלף אַזוי געקרעכצט, אַז זעליק האָט אים באַלד געשיקט צו אַ דאָקטאָר. זעליק האָט דעמאָלט געמוזט זיך אַליין שלעפּן פון טיר צו טיר מיט ביידע וואַליזעס, אַז די הענט זענען אים אָפּגעשטאַנען. נאָכן צוריקקומען פון דאָקטאָר, זענען רודאָלפס שוואַרצע יידישע אויגן געווען פול מיט אומעט און זיין פּנים איז

געוועזן סודותדיק־פֿאַרטראַכט. ער האָט געשוויגן און בשום־אופֿן נישט געוואָלט זעליקן זאָגן וואָס אים איז. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זעליק האָט געקאָנט פֿון אים עפּעס אַרויסקריגן.

— עט, ס'איז גאָרנישט... — האָט ער ווילעריש אַ מאַך אוועק געטאָן מיט דער האַנט — מ'האָט שוין געזען ערגערע זאַכן. ס'איז נאָך דערוויילע קיינער פֿון דעם נישט געשטאָרבן... ס'וועט באַלד איבערגיין ... כ'האָב זיך פֿיינט צו פּיעשטשען!

אָבער ס'איז נישט איבערגעגאַנגען און ס'האָט זיך נאָך פֿאַרער־גערט. און אַלץ דער פֿוס, וואָס האָט אים פֿון טאָג צו טאָג מער דער־קוטשעט און אים פֿאַרשאַפֿט יסורים. רודאָלף האָט זיך טאַקע נישט געפּיעשטשעט, נאָר ער האָט געקרעכצט בײַנאַכט פֿון שלאָף. אין די האָטעלעכלעך, ווו זיי זענען אויפֿן וועג געבליבן נעכטיקן, האָבן רו־דאָלפֿס קרעכצן אויפֿגעוועקט זעליקן פֿון זײַן האַרטן שלאָף. אין די פֿרימאָרגנס האָט זעליק זיך געוואַשן ביז אין דער ־העלפֿט מיט קאַלט שניידנדיק וואַסער אַפֿילו אום ווינטער און דערנאָך געמאַכט גימנאַס־טיק. רודאָלף איז דעמאָלט נאָך געלעגן אין בעט און ער האָט געצי־טערט פֿון קעלט.

— ס'איז אײַך נישט קאַלט, פּאַניע זעליק? — האָט ער גע־פֿרעגט.

איצט האָט זעליק נישט געהאַט מער קיין קאָפּ צו דעם אַלעמען און זיך אָפּגעגעבן מיט רודאָלפֿן. ער האָט געהאַט אויף אים גרויס רחמנות און נישט געלאָזט אים זיך צו גאָרנישט צורירן. ער האָט אים געראָטן צו בלײַבן אין דער היים, זיך אויסרוען, ביז עס וועט אים בעסער ווערן — אָבער רודאָלף האָט נישט געוואָלט דערפֿון הערן און געדענקען.

— וואָס הייסט, כ'וועל איבערלאָזן די גאַנצע אַרבעט אויף אײַך, פּאַניע זעליק... — האָט זיך אויף זײַן פּנים באַוויזן אַן אומ־שולדיק שמייכעלע — כ'וויל נישט ס'זאָל פֿאַר מיר ווער אַרבעטן! איר וועט זאָגן, אַז איר האָט אַ שלעכטן שותּף... אַז איר האָט מיטן שותּף נישט געטראָפֿן.

רודאָלף האָט אָפֿט גערעדט וועגן זײַן ווייב, יאַדוויגאַ, און זײַנע טעכטערלעך, לאָלאַ און מאַניושאַ. ווען זיי ווייסן ווי ער מוטשעט זיך אין דער „קאַונטרי", ווי שווער ער אַרבעט נעבעך און וואָס איז פֿון אים געוואָרן, וואָלטן זיי אים באַלד געהייסן צוריקפֿאָרן. זעליק פֿלעגט שיקן אַלעמאָל אַ פּאָר פֿונט פֿאַר זײַן חוהלען און זײַנע יינגלעך, בערל און גרשון. טאָמער האָט ער געפֿרעגט רודאָלפֿן, צי ער זאָל שיקן

אינאיינוועגס עפּעס פאַר זיין ווייב און טעכטער, האָט ער זיך אָנגע־רופן:

— כ׳וויל אייך נישט מטריח זיין! אַז כ׳וועל זיך פילן בעסער, וועל׳ך שוין אַליין שיקן... אַ שיינעם דאַנק. כ׳גיי צו זיי טאַקע מאָרגן שרייבן אַ בריוו און שיקן געלט. אַ טייער ווייבל, מיין יאַדזשיאַ — האָט ער פאַרצויגן דעם ווייבס נאָמען — שיין ווי די זון...

ס׳זענען געווען די צייטן, ווען אין פוילן האָבן די „ענדעקעס" אויפגעהויבן דעם קאָפּ און די „נאַראָוועצעס" האָבן געשלאָגן יידן. רודאָלף און זעליק זענען געלעגן אין די בעטן אין אַ פּראָווינצער האָטעל און געלייענט די צייטונג. רודאָלף האָט געהאַלטן, אַז די אָנ־פאַלן קומען בלויז פאַר אין די שמוציקע, אָרימע יידישע גאַסן. אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע און אויף דער האָזשע, וווּ ס׳וווינט זיין ווייב און די רייכע, אַריסטאָקראַטישע יידן, וועט צו דעם נישט קומען! וואָס קען מען צו די דאָזיקע יידן האָבן? זיי זענען גוטע בירגער פונעם לאַנד. זיי זענען גוטע פּאָליאַקן! זיין ווייב האָט פּוילישע באַ־קאַנטע און זי פאַרקערט בלויז אין אַ פּוילישער נאָבעלער געזעלשאַפט. צו זיי אין שטוב קומען באַרימטע פּוילישע אַרטיסטן און שרייבער... ער געדענקט נאָך גוט די צייטן, ווען זיי אַלע פלעגן גיין אין דער „זיעמיאַנסקאַ" אויף אַ קאַווע... ער וועט זיך נאָך אַליין צוריק אומ־קערן קיין פּוילן! ס׳וואַרט אויף אים דאָרטן אַ הויכער פּאָסטן... ער איז נישט אַבי־ווער... דאָ איז נישט פאַר אים קיין שום תכלית! ער וועט זיך אייביק נישט אַרומשלעפּן מיט דער וואַליזע!

זעליק האָט זיך צו דעם צוגעהערט און ס׳איז אים באַפאַלן אַ גרויסער כעס אויף רודאָלפן. ער האָט אים געוואָלט אַריינזאָגן, אָבער רודאָלף האָט זיך אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט שיער נישט צעבראָכן דאָס עלעקטרישע לעמפּל לעבן בעט.

— פּוילן וועט זיך לאַנג נישט חברן מיט היטלערן! — האָט ער געפייערט — פּוילן איז נישט דייטשלאַנד! ס׳וועט זיך דאָרט אַלץ צוריק באַרויקן! ווער וועט טשעפּען מיין ווייב? מיינע טעכטער? זיי האָבן בלויז פּוילישע קאַלעזשאַנקעס און זיי וועלן ביי זיי נישט לאָזן אָנרירן קיין האָר פון קאָפּ!

אָפּגעזאָגט דאָס אַלץ, איז רודאָלף געוואָרן מיטאַמאָל זייער בלאַס, בלויז דער שטערן האָט ביי אים רויט געגליט, גליך ער וואָלט געהאַט היץ. אויפן פּנים זענען אים אַרויס קרענקלעכע טראָפּנס שווייס און דאָס העמד האָט זיך אים געקלעפּט צום נאַסן לייב. ס׳האָט אים

אָנגעכאַפּט אַ גרויסער ווייטיק אין פּוס און ער האָט זייער געקרעכצט. אנשטאָט אריינצוזאָגן רודאָלפן, האָט אים זעליק דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער.

— באַרואיקט אייך, פּאַניע רודאָלף — האָט ער זיך ביי אים געבעטן — ס'איז נישט געזונט זיך אַזוי אויפּצורעגן. טרינקט אַביסל וואַסער, וועט עס אייך באַרואיקן די נערוון.

— גוט... גוט... — האָט רודאָלף מיט ציטערדיקע הענט גענומען דאָס גלאָז וואַסער און געגעבן עטלעכע שלוק — אַ שיינעם דאַנק...

אויפּצומאָרגנס איז רודאָלף אויפגעשטאַנען ווי קיינמאָל גאָר־נישט און ס'האָט אויסגעזען אַז ער האָט פאַרגעסן אַלץ וואָס איז פאָר־געקומען ביינאַכט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער שיאַטקע צו די האָר, געפּוצט די פאַלשע ציין און לאַנג געבערשט די קורצע וואָנסע־לעך. זעליק איז געשטאַנען און געדאַוונט און רודאָלף האָט זיך נישט אָנגערופן צו אים מיט קיין וואָרט. רודאָלף האָט זיך געפילט גוט און ס'האָט אים אפילו נישט דערקוטשעט דער פוס. ער איז דאָס מאָל אויפגעשטאַנען זייער פרי און איז געגאַנגען באַשטעלן פרישטיק פאַרביידע. ער האָט אין זינען געהאַט צו באַשטעלן פאַר זעליקן מילכיקס — צוויי געקאָכטע אייער מיט אַ גלאָז מילך.

— כ'האָב געהייסן אייך ברענגען וואָס איר האָט ליב — איז ער געקראָכן זעליקן אונטער די נעגל — צוויי אייער און מילך...

בשעת זיי זענען אַרוים אין גאַס, האָט רודאָלף נישט געהינקט און ער האָט אַליין געטראָגן זיין וואַליזע. זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן צו אַ גרויסן קונה, אַ רייכן פּאַרמער, וואָס האָט געוווינט עטלעכע מייל הינטערן שטעטל. אַז זיי זענען אהין אָנגעקומען, האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז דער פּאַרמער איז נישטאָ און דאָס ווייב האָט זיי אויפּ־גענומען.

— קומט אַריין... קומט אַריין — האָט זי זיי באַגעגנט אויף דער שוועל פון דעם גרויסן הילצערנעם הויז — שאַט אַפּ! — האָט זי אַ געשריי געטאָן צו דעם גרויסן הונט — האָט נישט קיין מורא! ער טוט גאָרנישט... ער בילט בלויז... מיין מאַן איז נישטאָ אין דער היים. ער איז אַוועקגעפאָרן צו זיין שוועסטער אויף עטלעכע טעג זיך אָפּרוען אַביסל.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רודאָלף קען גוט דעם פּאַרמערס ווייב — ער איז שוין דאָ געווען עטלעכע מאָל איידער ער האָט

געמאַכט שותפות מיט זעליקן. דעם פאַרמערס ווייב האָט אים טאַקע זייער גוט אויפגענומען און נישט געוווסט ווו אים אוועקצוזעצן.

— מ'לעבט אַזוי ווייט פון מענטשן... — האָט זי זיך באַקלאָגט און אויף אירע רויטע פולע ליפּן האָט זיך געוויגט אַ גאַסט־פריינטלעך שמייכעלע — גוט וואָס איר זענט געקומען... ס'איז נישטאָ מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט.

זי איז געווען אַ פולע, מיט דיקלעכע אָרעמס און געקרויזלטע בלאָנדע האָר. אויף איר העל, לייכט אָפּגעברענט פּנים זענען געווען איינגעקריצט עטלעכע טיפע קנייטשעלעך — אַ סימן פון דער שווערער אַרבעט און פון די יאָרן, וואָס האָבן זיך צו פרי אויף איר אַרויפגעלייגט. זי איז שנעל אַריין אין דער אַנדערער שטוב און איז אַרויסגעקומען פון דאָרט, אָן אָנגעשמינקטע און אָנגעפּודערטע.

— שטעלט אָן אַביסל דעם ראַדיאָ. — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו רודאָלפן — מאַכט אייך באַקוועם. מעק יורסעלף עט האָם... כ'וועל אַריינגיין אין קיך אויפשטעלן דעם טשייניק און צוגרייטן עטלעכע סענדוויטשעס. וואָס האָט איר געברענגט עפּעס שיינס פאַר מיר? עפּעס אַזעלכס וואָס ווייבער האָבן ליב זיך אין דעם צו סטראָיען? שיינע העמדער... אַן עלעגאַנט קליידל... ווען מיין מאַן הערט דאָס, וואָלט ער געווען בייז... ער טרייבט מיך נאָר צו דער אַרבעט, דער אַלטער! ער וויל נישט כ'זאָל מיך פּוצן!...

זי האָט קאָקעטיש אַ ווונק געטאָן צו רודאָלפן מיט אַ האַלב פאַרמרוזשעטע אויג און איז אַריין אין קיך. זי איז דווקא באַשטאַנען דערויף זיי זאָלן בלייבן נעכטיקן. עס איז דאָ גענוג אָרט. זינט דער יונגסטער זון האָט חתונה געהאַט, איז דאָס הויז צו גרויס פאַר זיי. רודאָלף האָט מסכים געווען. זיי וועלן דאָ קומען איבערנעכטיקן, נאָר פריער וועלן זיי צופאָרן צו עטלעכע פאַרמערס, וואָס ווינען אין שכנות.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען, איז שוין געווען נאַכט. די גרויסע שטוב איז געווען צוגערוימט. אין הויז האָט געשמעקט מיט פרישער מילך, ווייל אין דער מילך־פאַרם האָט מען ערשט אויסגעמאָלקן די קי. אינעם „פייער־פּליים", וואָס איז געווען געמאַכט פון שטיינער, האָבן געברענט עטלעכע קלאָדעס האָלץ. סיי דאָס פייער, סיי דער צוגעגרייטער „סאַפּער" אויפן גרויסן, קיילעכדיקן טיש האָבן צוגעגעבן דער פאַרמער־שטוב אַ סך היימישקייט. אין אַ ווינ־שטיל איז געזעסן דעם פאַרמערס ווייב און זי האָט זיך צוגעהערט צום ראַדיאָ, וואָס האָט געשפּילט די טאַנץ־מוזיק פון אַ באַקאַנטן שלאַגער.

— שוין לאַנג נישט געטאַנצט, הערט מען זיך כאָטש צו ווי ס'שפּילט דער ראַדיאָ אַ טאַנץ־מעלאָדיע... — האָט זי פאַרבענקט אַ זיפץ געטאָן — מיין מאַן האָט פיינט צו טאַנצן.

זעליק האָט געזען ווי רודאָלף האָט זיך געפילט היימיש אין דעם הויז. ער איז געווען געזונט און זיך נישט באַקלאָגט אויף גאָרנישט. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבער די שטובן און נישט געלאָמט. מיטאָמאָל האָט זיך צו זעליקס אויערן דערטראָגן אַ שעפּטשען, וואָס איז געקומען פון דעם פאַרמערס פרוי אין דער אַנדערער שטוב.

— נעמט צו די הענט! נישט איצט... ר'האָט נישט קיין צייט זיך איינצוהאַלטן, ביז מען וועט גיין שלאָפן?... אייער שותף קען נאָך הערן... כ'וועל שוין אַלץ גוט איינאָרדענען... איר זענט אַזוי היציק, ווי אַ יונג בחורל...

אינמיטן נאַכט האָט זיך זעליק אויפגעוועקט און ער האָט נישט געקאָנט מער צוטאָן קיין אויג. רודאָלפס בעט איז געווען ליידיק. זעליק איז אַראָפּ פון געלעגער און ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. די פעלדער און די בערג אַרום זענען געווען איינגעטונקען אין אַ פּראָסטיקן זילבער. אויפן געפרוירן־קאַלטן הימל איז פאַרגליווערט־שטייף געשטאַנען די לבנה. די קי זענען זיצנדיק געשלאָפן. איין קו האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן פעלד און אויסגעצויגן־פאַרבענקט געמעקעט. ס'איז איר נאָכגעגאַנגען איר אייגענער שאָטן. ס'האָט זיך געהערט דאָס אומעטיק־איינזאַמע קלינגען פונעם גלעקל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו איר האַלדז. באַגינען האָט זיך רודאָלף אַריינגעגנבעט אין שטוב. זעליק האָט באַמערקט ווי ער האָט אַרויסגענומען פון וואַליזע עטלעכע נאַכט־העמדער און איז מיט זיי פאַרשוווּנדן. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט און דאָס פּנים איז געווען ביי אים אויסגעלייטערט. דערנאָך איז ער צוריק אַריינגעקומען, זיך אַריינגעלייגט אין בעט און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויפן וועג פון דער פאַרם האָט רודאָלף געפירט דעם אויטאָ און ער האָט זיך אָנגערופן צו זעליקן:

— וויאַזוי קענט איר אַזוי לאַנג אויסקומען אָן אַ פרוי? איך וואָלט עס נישט געקענט. איר דאַרפט זיך אויסקליבן עמיצן... איר האָט אוודאי געהערט, אַז כ'האָב געהאַט דאָ אַ גוד טיים... אַז כ'האָב גוט פאַרבראַכט. כ'האָב נאָך ערגעץ אַנדערש אַ יונג ווייבל, איז דאָס אַ צוש! — האָט ער צוגעטראָגן די פינגער צו די ליפּן און זיי אַ קוש געטאָן — אין דער היים זענען מיר די ווייבער נאָכגעלאָפן... מען

האָט מיך גערופן רודאָלף וואַלענטינאָ... איך דאַרף זיך אויסזוכן עמיצן...

ווען זעליק האָט דאָס דערהערט, איז ער רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ פֿון רודאָלפֿן. זינט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן נאָכצוקוקן רודאָלפֿן און ער האָט זיך נישט געקאָנט מער באַפֿרייען פֿון דעם געפֿיל, אַז ער נאַרט אים אָפּ. ס'טוט אים גאָרנישט ווי קיין פּוס. ער האָט זיך אויסגעזוכט זעליקן פֿאַר אַ קרבן און ער אַרבעט פֿאַר אים... ווו זענען די קאָנ־טאַקטן, וואָס רודאָלף האָט אים צוגעזאָגט? אפֿנים אַז אַלץ איז געווען מויל־מלאכה! פֿאַרוואָס ווייזט ער אים קיינמאָל נישט די חשבונות?

זעליק האָט אַזוי לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ חשד, אַז ער איז רודאָלפֿס קרבן, ביז ער האָט אים איינמאָל געכאַפּט ביי דער האַנט. דאָס איז געווען אין אַ הייסן טאָג, ווען רודאָלף האָט נישט געקענט רירן מיט קיין אבר און איז געבליבן זיצן אין אויטאָ. זעליק האָט געשלעפּט ביידע וואַליזעס און געגאַנגען צו די קונים. בעת ער איז אומגעריכט צוריקגעקומען, האָט ער רודאָלפֿן נישט געטראָפֿן. ער איז אים געגאַנגען זוכן און געזען ווי ער גייט אַרויס פֿון אַ קאַפֿע־הויז, ווו ער האָט געטרונקען טיי. ער איז געגאַנגען גלייך און האָט נישט געלאָמט. ער איז אַריין אין דערבייאיקן גערטנדל, זיך געזעצט הינטער אַ בוים, כדי זיך אין שאָטן אָפּצוקילן פֿון דער גרויסער היץ. זעליק האָט זיך אָוועקגעשטעלט פֿונדערווייטנס און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. נאָכדעם ווי רודאָלף האָט זיך אָפּגעקילט, האָט ער זיך געלאָזט שנעל גיין צום אויטאָ. אין דער אותו רגע איז זעליקן אַזאַ שטאַרקער כעס באַפֿאַלן, אַז ער איז אַרויס פֿון באַהעלטעניש און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רודאָלפֿן. ער האָט אים מיט דער פֿויסט אַ שטאַרקן זעץ געטאָן, אַז רודאָלף האָט זיך אַ וואַקל געגעבן און געפֿאַלן הינטער זיך. אָבער זעליק האָט אים נישט געלאָזט פֿאַלן, צוגעהאַלטן אים מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער געהעמערט איבער זיין ברוסט, איבער דער פּלייצע און איבערן פּנים. רודאָלף איז באַדעקט געוואָרן מיט ביילן און ס'האָט זיך געלאָזט פֿון אים בלוט.

נאָר זעליק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און מיט די פֿויסטן אים ווייטער דערלאַנגט. רודאָלף האָט געשריגן נאָך הילף. ס'האָט אים קיינער נישט געהערט, ווייל דאָס גערטנדל איז געווען ליידיק. ער האָט געוואָלט אַרויסרופֿן ביי זעליקן רחמנות, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף דער ערד און הויך געוויינט און געשריגן — אָבער ביי זעליקן האָט דאָס נישט אַרויסגעבראַכט קיין

מיטלייד. ערשט ווען זעליק האָט אים אָפּגעלאָזט און דער כעס האָט זיך ביי אים אַ טראָפּעלע איינגעשטילט, האָט רודאָלף איינגעהאַלטן די טרערן און פון גרויס רחמנות צו זיך אַליין געקרעכצט מיט אַן אויסגעצויגענעם ניגון. בעת רודאָלף האָט באַמערקט ווי זעליק שטייט אומבאַהאָלפן־געליימט און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט די הענט, איז ער אויף אים אַרויס:

— מערדער! באַנדיט! — האָט ער געמאַכט קולות — כ'וועל דיך אָנגעבן אין געריכט אַריין! וועסט ביי מיר גיין זיצן. וואָס האָסטו געשלאָגן אַזאַ שוואַכן מענטש, ווי איך בין?! דו גראָבער ביק... כאַם! ווען מענטשן זעען ווי מ'האָט מיך געשלאָגן. וואָס איז, אַז דו האָסט אַביסל מער געאַרבעט פון מיר? כ'בין נישט געזונט... וואַרט, מ'וועט דיך שמידן אין קייטן... מערדער! באַנדיט!

רודאָלף האָט באַקומען חוצפה, געוואָלט דעם שותף וואָס מער אַריינזאָגן און אַז ער האָט דערזען ווי ער דערווייטערט זיך פון אים און לאָזט אים ליגן אַליין אויף דער ערד, זענען אים די טרערן צוריק געקומען אין די אויגן אַריין און ער האָט נאָכגעשריגן זעליקן:

— ווו לאָזט איר מיך איבער דאָ אַליין? קומט צוריק! איר טאָרט מיך נישט איבערלאָזן. כ'בין שוין אויף אַן אמת קראַנק... כ'קען נישט רירן מיטן פוס... זעט, וואָס איר האָט געמאַכט פון מיר...

זעליק אָט זיך אומגעקוקט, געוואָלט צוריקגיין — אָבער ער האָט פּאַוואָליע גענומען שפּאַנען ווייטער. ער האָט נאָך געהערט רודאָלפס קול, וואָס האָט אים מיט עקשנות גערופן:

— כ'ווייס אַז איר וועט צוריקקומען! כ'ווייס! איר זענט נישט אַזוי שלעכט!... איר וועט מיך נישט איבערלאָזן אַליין...

נאָכדעם ווי זיי זענען זיך צעגאַנגען, האָבן זיי זיך מער נישט געטראָפן. ס'איז אַוועק מער ווי אַ יאָר און זיי האָבן זיך נישט געזען. זעליק האָט געוווסט, אַז רודאָלף האַנדלט ווייטער אין די שטעטלעך. נישט איינמאָל איז ער געקומען צו אַ קונה, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער קען ביי אים נישט קויפן, ווייל מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז געווען זיין חבר רודאָלף און ער האָט געלייזט פיל ביליקער פון אים.

געטראָפן האָבן זיי זיך צופעליק, ווען ס'איז שוין אויסגעבראָכן די מלחמה און זיי זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון פוילן און מער נישט געהערט פון די ווייבער און קינדער. רודאָלף איז זייער אויסגעמאָגערט געוואָרן און ער האָט געהאַט קישעלעך אונטער די אויגן. ער האָט געזאָגט צו זעליקן, אַז די פּאַליאַקן וועלן נישט לאָזן אָנרירן זיין ווייב און טעכטער... די דייטשן וועלן נישט וואַגן דאָס צו טאָן...

די יידן פון דער מאַרשאַלקאָווסקע און פון דער האָזשע זענען גוטע פּאַליאַקן... מען וועט זיך נישט לאָזן פון די דייטשן! ס'איז נישט הפקר קיין וועלט!...

נאָך דער באַגעגעניש, האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן. אין וואָר־שע איז שוין געווען דאָס געטאָ. רודאָלף האָט שוין געוווּסט, אַז די יידן פון דער האָזשע און פון דער מאַרשאַלקאָווסקע האָט מען אַרויס־געוואָרפן פון די היימען און זיי געטריבן אין געטאָ.

— ווו וועט זיך אַהינטאָן מיין יאַדוויגאַ... מיין יאַדזשיאַ... מיין לאָלאַ און מאַניושאַ? — האָט ער געקרעכצט — ווו וועלן זיי נעכטיקן? ווו וועלן זיי געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ?...

— מיין חוהלע וועט אַריינגעמען אייער יאַדזשיאַן מיט די קינ־דער... איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן... — האָט זעליק געזאָגט מיט אַ שטיל קול — זיי וועלן נישט בלייבן אויף דער גאַס! מיין חוהלע איז אַ גוטע נשמה... איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן...

זעליק האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט רודאָלפן, זיך ערגעץ געאײַלט, נאָר רודאָלף האָט אים נישט געלאָזט אַוועקגיין.

— ווו אײַלט איר זיך? בלייבט מיט מיר איבער נאָך אַביסל...

— האָט ער צוגעהאַלטן זעליקן — גייט נאָך נישט אַוועק . . .

— כ'פאָר קיין מעלבורן אויף שבת... — האָט זעליק געזאָגט

— און ווו גייט איר? אין האָטעל אַריין? קומט, כ'וועל אייך העלפן טראָגן די וואַליזע...

— ניין, אַ שיינעם דאַנק, מען דאַרף נישט... — האָט רודאָלף אַ פאַרשלונג געטאָן די ווערטער.

ער איז געבליבן אַליין און האָט געשלעפּט די שווערע וואַליזע. ס'האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט געטראָגן וואָלקנס שטויב און אים פאַרשטעלט די אויגן. ס'האָט זיך בלוטיק געלאָשן די זון. רודאָלף האָט זיך געראַנגלט מיטן ווינט, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין וועג און אים געוואָרפן אויף צוריק. ס'איז אים פאַרגעקומען, אַז ער געפינט זיך צווישן די יידן, וואָס מען טרייבט אין געטאָ... ער שטופּט זיך מיט זיי צוזאַמען און ער גייט איבער וואַרשעווער גאַסן און געסלעך... די יידן טראָגן מיט זיך דאָס ביסל האָב־און־גוטס, וואָס זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט. ער טראָגט זיין ביסל פאַרמעגנס... די הענט טוען אים שוין זייער ווי פון שלעפּן, ווערן אים פאַרשטאַרט. ס'קוקן אויף זיי חרובע הייזער. אויף די טראָטואַרן שטייען פּאַליאַקן

און לאַכן פון זיי אָפּ. הינטער זיי זענען דאָ די דייטשן, וואָס טרייבן זיי און שרייען מיט ווילדע קולות.

רודאָלף האָט אינעם געדראַנג געזוכט דאָס ווייב מיט די קינדער — אָבער אומעטום האָט ער געזען בלויז וואַליזעס... אַ ים מיט וואַליזעס... צווישן די וואַליזעס הויקערן זיך הכנעהדיק־אָראָפּגע־לאָזטע פּלייצעס, ווי זיי וואָלטן זיך געבוקט צו עמיצן. מיטאַמאָל האָט רודאָלף דערזען זיין ווייב און קינדער, וואָס זענען געגאַנגען נישט ווייט פון אים. דאָס ווייב האָט געטראָגן מיט זיך דעם משפּחה־פּנקס, וואָס איז געווען געבונדן אין לעדער און האָט געהאַט אַ זילבערנעם שלאָס. דער פּנקס איז צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה פונעם זיידן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע". רודאָלף האָט באַמערקט ווי די בלעטער פונעם פּנקס צעשיטן זיך, פלאַטערן אין דער לופט, ווי קראַנקע, בלייכע פייגל און פאַלן צו דער ערד, ווו די יידן טרעטן. ער האָט זיך צוגעשטופּט צו דעם ווייב און די טעכטער און איז געגאַנגען לעבן זיי. ער איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען אין געטאָ אַריין...

אינהאַלט:

	זייט
שיין זעט אוים א פייער אין דער נאַכט	7
א טאָג שפּעטער	22
ווו דער אמת שטייט איין	41
א קליין הויז צווישן גרויסע הייזער	57
דער לעצטער קאָנצערט	69
די פאָטאָגראַפיע	81
דער לאַנגער קאָרידאָר	96
זיך צוריק אָפּגעפונען	109
דער טאַטע שטאַרבט נישט	116
אין די ווינטער־טעג	129
אַ צייטונגס־כראָניק	140
די נקמה פון קליינעם לואי	151
יאַנטשע און וואַצעק	167
די שכנים פון עדגאַר סטריט	178
זיי זענען נישט שולדיק	193
דאָס הויז איז דיין	200
בריוו וואָס קומען צוריק	218
דער ירושה־בריליאַנט	233
דער יובילער און דער בעטלער	248
די בלעכערנע פושקע	260
„אַ שטאַרקער"	270
צוויי יידן און צוויי וואַליזעס	285